STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00813

# TREYST MAYN FOLK

## Mark Schweid

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Philip D. & Frances M. Feltman*
*in honor of*
*the Gantse Mishpokhe*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טרייסט מיין פאָלק

דאָס לעבן פון י. ל. פרץ



דער דיכטער אין ביבליאָטעק פון זיין לעצטער וואוינונג
אויף ירושלימ׳ער אַלייע אין וואַרשע

(פאָטאָגראַפירט פון ה. ד. נאָמבערג און מ. קיפּניס
אַ יאָר פאַר זיין טויט.
איינציקער עקזעמפּלאַר אין פאָרווערטס בילדער אַרכיוו.)

מאַרק שווייד

# טרייסט מיין פאָלק

## דאָס לעבן פון י. ל. פרץ

פאַרלאַג פרץ / ניו יאָרק

MARK SCHWEID

# CONSOLE MY PEOPLE

## THE LIFE OF I. L. PERETZ

COPYRIGHT 1955
BY THE AUTHOR

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
I. LONDON, *President*

# פאָרוואָרט

דאָס בוך איז וועגן אַ קינסטלער פון לעבן. פּרץ האָט געקענט אַרויסכישופן פון יונגע נשמות דאָס בעסטע וואָס האָט געלעבט אין זיי. די וואָס האָבן געוואָלט, האָבן געקענט פון אים לערנען הויכע צילן, געטריישאַפט צו דער אייגענער נשמה און גרעניצ־לאָזע ליבשאַפט צו דער שיינקייט פון אידישן לעבן.

אַלע מיינע דערוואַקסענע יאָרן איז ער געווען פאַר מיר דער אידעאַל פון איד און מענטש. די קליינקייט וואָס איך האָב איינ־געזען אין אַ סך פון אונדזער לעבן, האָט זיך גענומען פון דעם

וואָס עס איז געמאָסטן געוואָרן מיט דער מאָס פֿון זיין גרויסקייט. מיט דעם בוך צאָל איך אָפּ אַ חוב פֿון אַ לעבן לאַנג צום מייסטער פֿון קינסטלערישן וואָרט אויף אידיש. ער האָט מיט אַ ברייט האַרץ אויסגעטיילט דערמוטיקונג אין דער קונסט, ווען אונדזער וועלט איז געווען אין אויפֿגאַנג. און איך האָב געהאַט דאָס גוטע מזל צו קומען צו אים אין שטוב אַריין, ווען מיין יונג לעבן איז געווען אויפֿן שוועל פֿון אַנטשיידונג.

דאָס ווערק איז פֿאַרטראַכט געוואָרן מיט העכער דריי צענדליק יאָר צוריק, נאָך אַ שמועס מיט מיין שכן אין וויליאַמסבורג בער באָראָכאָוו, דער ערשטער פֿרץ ביבליאָגראַף. אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן זענען צוגעקומען זאַמלונגען, אָן וועלכע עס וואָלט געווען אוממעגליך אַזאַ בוך צו שרייבן. איך האָב אין זין די אינטימע זכרונות פֿון אייגענע און נאָענטע. די צאָל אַלזייטיקע פֿרץ פֿאָרשער איז נאָך אַלץ קליין. די פֿיר וואָס מוזן אויסגע־טיילט ווערן מיט זייערע ספּעציעלע ביישטייערונגען, זענען דר. א. מוקדוני, נחמן מייזעל, ש. ניגער און דר. יעקב שאצקי. צו זיי מוזן צוגערעכנט ווערן די צוויי פֿאַרדינסטפֿולע פֿרץ ביבליאָ־גראַפֿן, י. ישורין און א. ר. מלאכי. זיי האָבן גרינטליך און גלענצנדיק ביבליאָגראַפֿירט די אומצייליקע פֿעריאָדישע אויס־גאַבעס אין אידיש און העברעאיש. זייערע אַרבעטן מוזן זיין דער באַזיס פֿון אַן אַקאַדעמישער פֿרץ ביאָגראַפֿיע.

אין דער רייכקייט פֿון די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, וואו יעדער שריפֿטשטעלער פֿאַרדינט אויסגעטיילט צו ווערן פֿאַר זיין אייגנ־

אַרטיקן ביישטייער, קען איך בלויז אויסדריקן מיין טיפן דאַנק צו אַלעמען. אַרום פופציק מיט גרעסערע אַרבעטן ווערן אָנגעגעבן אין דער ביבליאָגראַפיע ביים סוף פון בוך.

צו אַ באַזונדער דאַנק און אָנערקענונג איז באַרעכטיקט דער יידישער וויסנשאַפטליכער אינסטיטוט פאַר די אָפּגעדרוקטע פּרץ שטודיעס און ספּעציעלע זאַמלונגען, וואָס ווערן אָנגעגעבן אין דער ביבליאָגראַפיע. דער פּערסאָנאַל פון דער ייוואָ ביבליאָטעק, באַזונדערס די חשוב׳ע פריינט מענדל עלקין און פרייליין אַבראַמאָוויטש, פאַרדינען מיין פערזענליכן דאַנק פאַר זייער גרייטקייט שטענדיק אַרויסצוהעלפן. צו מאַכן די בילדער זאַמלונג פולקאָם, האָבן זיך באַמיט פּרוי טשעריקאָווער, מאָריס ווינאָגראַד, לואיס ספּערלינג און באַזונדערס אברהם זומאָף. זיי אַלעמען דאַנק איך דאָ.

מעגליך צו מאַכן דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך, האָבן געהאָלפן מיט זייערע חשוב׳ע נעמען און יעדער מיט זיין באַזונדערן ביישטייער: הלל ראָגאָף, דר. יעקב שאַצקי, נ. כאַנין, לואיס סיגאַל, מאיר בראָון, ישראל לאָנדאָן, אב. מילער, י. ישורין און ז. יעפּרויקין.

דערוויטערט אין צייט און שטח פון אַלעם וואָס האָט פּרצן געגעבן זין און עקזיסטענץ, פיל איך פריש און טיף זיין באַריר אויף מיין נשמה און איך דערצייל זיין לעבן.

מ. ש.

# אינהאלט:

## טייל איינס

פראָנט-בילד
פאָרוואָרט
בילדער
3 — פראָלאָג
5 — א. די פריערדיקע דורות
12 — ב. דער פאַרשלאָסענער גן עדן
19 — ג. מלמדים
31 — ד. דער עילוי
40 — ה. השכלה
49 — ו. דער שליסל
56 — ז. דער וואַלד
62 — ח. אָן אַן אויסוועג
71 — ט. דער גאָלדענער זייגער מיטן קייטל
78 — י. אַ חתונה אין מיטן וועג
85 — יא. קוועקזילבער
91 — יב. פּאָעזיע און פּרנסה

## טייל צוויי

זייט

99 — יג. אַנטוישונג אין וואַרשע
107 — יד. קראַשינסקי׳ס גאָרטן
113 — טו. דאָס שייטל
121 — טז. דאָס קבר׳ל
130 — יז. העברעאישער לערער
137 — יח. דער גט
146 — יט. אויף היימישער ערד
154 — כ. די ערשטע פרץ שול
162 — כא. טעג פון אַנטשלוס
170 — כב. דער אַדוואָקאַט
179 — כג. זשאַרגאָן
186 — כד. אַ רייזע אין דער אומשטערבליכקייט

## טייל דריי

199 — כה. ניין ביז דריי
208 — כו. טיפער אין פאָלק
217 — כז. פאַר אַ ניי אידיש לעבן
225 — כח. אַרעסטאַנט
235 — כט. יובילאַר
246 — ל. דאָס האַרץ
257 — לא. געוואָלט זיין אין אַמעריקע
267 — לב. באַרג אַרויף מיט אידיש
277 — לג. די פרוי ביים ים
287 — לד. ירושלימ׳ער אַלייע
294 — עפּילאָג
297 — ביבליאָגראַפיע
301 — אָנווייז

# I

# פּראָלאָג

דער מענטש, וועמענס לעבן עס ווערט אין דעם בוך באַשריבן, איז דער ליכטיקער אָפּשיין פון פוילישן אידנטום. אומצייליקע פון זיין פאָלק וואַנדערן אין דער אייביגקייט. דאָס מאַכט ליכטיקער פינקלען זיינע ווערק מיט פאַרהייליקטע פלעמלעך. ער איז פאַרהאַרליכט געוואָרן פון די פאָלקס־מענטשן, וועמען ער האָט מיט זיין ליבשאַפט און זיין קונסט דערהויבן.

די ריינע נשמות פון די פשוט׳ע מענטשן וואָס ער האָט באַזונגען זענען אויפגעגאַנגען אין קרבן־רויך צו פאַרשלאָסענע הימלען. אָבער זיין געזאַנג וועגן זיי קלינגט נאָך פאַר אונדז ווי אַ שירה צום לעבן.

ער איז געווען געבענטשט אויפצוהויבן דראָבנע נשמות פון דער ערד און ברענגען זיי צום ליכט פון דער זון. ער האָט זיי געקענט אין דער טיף און זיין גרויס האַרץ איז מיט זיי מיטגעגאַנגען אין דער הויך. זיין כח איז געווען אין געזאַנג פון דערהויבונג. וואָס קלענער דער מענטש, אַלץ גרעסער איז געווען זיין ליבשאַפט צו אים. וואָס נידעריקער זיין שטאַנד, אַלץ העכער האָט ער אים דערהויבן.

מיט אַ לויטער געזאַנג האָט ער אויסגעטאָן דעם פאָלקס־מענטש פון זיין וואָכעדיגקייט און האָט אים אָנגעטאָן אין שבת.

אומגלויביקע זענען מיט אים מיטגעגאַנגען צו אַ גאָט, אין וועלכן מען האָט ווידער געקענט גלויבן. זיין דור איז געגאַנגען מיט אים אַרויסרייסן זיך פון דער פינצטערניש. מיט אים איז געווען היימלעכער און ליכטיקער דער וועג.

אין זיין לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אַ סך פון דער גליענדיקער פאָלקס־שיינקייט פאַר וועלכער ער איז באַליבט, און זיינע ווערק פינקלען ווי ליכטיקע שטערן אין אַן אייביקער נאַכט.

רעשטלעך פון די וועמען ער האָט דערפרייט און דערהויבן, לעבן זיך אויס אין פרעמדע לענדער, ווייט פון זייער היימישער ערד. פאַר זיי איז דאָס פולע בילד פון זיין לעבן אַ געדעכעניש פון אַ געזאַנג, וואָס וויל נישט פאַרקלינגען.

# א

## די פריערדיקע דורות

אין דעם יאר 894, ווען די רדיפות אויף אידן אין דייטשלאנד זענען געווען נישט אריבערצוטראגן, איז צום קעניג לעשעק אין פוילן אנגעקומען א דעלעגאציע פון ספרד'ישע אידן. זיי האבן זיך באמיט און געבעטן, אז דער מלך זאל פאר די אידן אפטיילן א שטיק לאנד וואו זיי זאלן קענען זיך באזעצן און פארנעמען זיך מיט ערד־ארבעט, מיט מלאכות און מיט פיינע האנט־ווערק. קיין באזונדערע טעריטאריע איז די אידן נישט צוגעטיילט געווארן, נאר מען האט זיי דערלויבט צו באזעצן זיך אין לאנד וואו נאר זיי ווילן און צו פארנעמען זיך מיט די ארבעטן וואס זיי האבן פארלאנגט.

מיט עלף יאר שפעטער, אין 905, האבן זיי באקומען א קיניגליכע שריפט, וואס האט די אידן אין פוילן פארזיכערט רעליגיעזע פרייהייט, אייגענע שופטים און דיינים, די פרייהייט צו האנדלען, צו זיין אומאפהענגיג פון דער שליאכטע און צו זיין באשיצט געגן איבערפאלן פון המון. די שריפט איז פארלוירן געגאנגען אין דער פויליש־דייטשער מלחמה אין יאר 1049. עס איז געווען א צייט ווען די פינצטערניש פון מיטלאלטער האט זיך אלץ מער אויסגעשפרייט איבער דער וועלט און די אידישע גייסטיגקייט האט געפינקלט ווי א שטערן אין דער נאכט.

נישט אלע היסטאריקער נעמען אן אט דעם אנהויב פון דער אידישער געשיכטע אין פוילן. עס איז מעגליך אז אידן זענען אנגעקומען אהין אין צוועלפטן יארהונדערט, אונטער קעניג קאזשימיעזש דעם גערעכטן אדער צו לעשעק דעם ווייסן. אונטער די מלכים זענען די ערשטע אידן אין פוילן געווען געלט־מינצער. זיי האבן פאר דער

מדינה געמאכט די מטבעות מיט אויסגעקריצטע אידישע אותיות. די פוילישע מטבעות מיט העברעאישע ווערטער ווי „אברהם יצחק ויעקב", „משק מאשר", אדער „אברהם דוכס" קען מען נאך היינט זען אין די מוזייען. די געלט־מינצער זענען מעגליך געווען די ערשטע אידן וואס האבן בלויז פון צייט צו צייט זיך באוויזן אין פוילן ספעציעל פאר דעם צוועק.

אין מיטן דרייצנטן יארהונדערט, אין די געציילטע דאקומענטן פון יענער צייט, רעדט זיך שוין פון אן אנדער שריפט מיט פריווילעגיעס, וואס עס האט די אידן ארויסגעגעבן דער קעניג באלעסלאוו פון קאליש. אין דער שריפט ווערט באשטעטיגט, אז מיט יארהונדערטן פריער האבן אידן אין פוילן געהאט א צייט ווען זיי האבן געלעבט אין שלום ושלוה. שפעטערע יארהונדערטן ווייזן אויף די אויסשפרייטונג פון אידן איבער גאנץ קרוין פוילן. קריסטליכע געשעפטסלייט און גלחים האבן זיך באמיט צו שטערן די נייע אידישע סוחרים. די שליאכטע האט אבער די אידן פארטיידיגט, ווייל די פריצים האבן פון אידישן האנדל א סך געוואונען.

אין דער אויסשפרייטונג פון אידן איבער פוילן איז שווער צו באשטימען ווען די ערשטע פון זיי זענען אנגעקומען אין דער אדער אין יענער שטאט. אזוי איז קיינמאל נישט קלאר געווארן ווער עס זענען געווען די אידן וואס זענען די ערשטע אנגעקומען אין דעם שטעטל לעווארטאוו אדער אין דער אלטער פעסטונג־שטאט זאמאשטש. נאך אין די 1790־ער יארן, ווען קאשטשושקא איז געווארן דיקטאטאר פון פוילן און האט פאריאגט די מאסקאליעס פון ווארשע, האט שוין אין זאמאשטש, אין לובלינער געביט, אן ספק געלעבט ר' לייבוש כהן, וואס מ'האט אים גערופן ר' לייבושל סטאראסטער, א איד מיט'ן אויסזען פון א צדיק און מיט די מאנירן און גאנג פון א שררה. אים איז באשערט געווען צו פארבינדן די לעווינס פון זיין משפחה אין זאמאשטש מיט די פרצ'עס פון לעווארטאוו און צו ווערן דער עלטער־זיידע אין א גזע, וואס האט א האלבן יארהונדערט שפעטער ארויסגעגעבן א גאון. די זאמאשטשער לעווינס האבן אין יחוס פון זייער משפחה אריינגערעכנט א ביאלער רב און דעם זאמאשטשער רב ר' משה עפשטיין, מחבר פון עטליכע ספרים.

איידער דער ערשטער פון די פרצ'עס, יודל פרץ, האט ארום 1845 חתונה געהאט קיין זאמאשטש און זיך באזעצט אויף קעסט אין הויז פון די לעווינס, האבן די פרצ'עס, אין פארלויף פון עטליכע דורות, געלעבט אין דער שטאט לעווערטאוו, ביי 25 וויארסט פון לובלין. דאס איז דאמאלס געווען א שטאט מיט צוויי מארקן, מיט אן איינציק ברוקירטער גאס, די לובלינער, מיט טיפע בלאטעס אין דעם צענדליג אנדערע גאסן און עטליכע נאפט־לאמפן ביינאכט. פון די פינף טויזנט איינוואוינער זענען מער ווי האלב געווען אידן, בעל מלאכות און הענדלער, וואס האבן געפירט א לעבן פול מיט אלטן אידישן אינהאלט, האבן געהאט א גרויסע שול און האבן דערצויגן עטליכע דורות אין די צוויי בתי מדרשים. די שטאט האט געלעבט אין זכות און אין שאטן פון די אלטע פוילישע כראביעס, די לובא־מירסקים.

די פרצ'עס אין לעווערטאוו זענען געווען לומדים און סוחרים אין פארלויף פון עטליכע דורות. די ערשטע פון דער משפחה וואס מען האט געדענקט אין לעווערטאוו איז געווען די באבע נייטשע פון פראנקפורט־אם־מיין, א זיסע זינגערין פון אידישע ניגונים. מ'האט זי געהאלטן פאר א רבי'צין, ווייל זי פלעגט זיצן און לערנען גמרא ווי א מאנספארשוין. א ביסל האט מען געקוקט אויף איר ווי אויף אן אויסטערלישע אידענע, אבער מיט גרוים דרך ארץ. זי איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען די מאמע פון דעם למדן און סוחר ר' יונה יהושע פרץ.

יהושע איז געווען אן אלטער שטאלצער נאמען אין דער פרץ־משפחה. ער האט זיך געצויגן פון יעקב יהושע פאלק, וועלכער איז אין אנהויב פון 18־טען יארהונדערט באטראכט געווארן פאר דעם גרעסטן תלמוד'יסט פון זיין דור און האט איבערגעלאזט דאס ריזיגע ווערק „פני יהושע", פיר גרויסע בענדער פון חידושים און פאר־טייטשונגען אויף פארשידענע מסכתות, וואס ער האט אין פארלויף פון צענדליגער יארן געשריבן אין די שטעט וואו ער האט געלעבט, ווי בערלין, מעץ, לעמבערג, פראנקפורט. אויף די אלטע יארן האט אים גערופן די קהילה פון ירושלים, וואו ער איז געווארן דער נשיא און וואו ער האט ארויסגעגעבן דעם חרם אויף ר' יהונתן אייבעשיץ.

נפטר געוואָרן איז דער „פני יהושע" אין 1756, אין אָפּענבאַד, און איז געקומען צו קבורה אין פראַנקפורט, וואוהין די קהילה האָט אים געהאַט צוריק גערופן. זיין לעבנס־ווערק איז אין פאַרלויף פון דורות פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַמסטערדאַם, אין פראַנקפורט, אין לעמבערג און אפילו אין ווילנע און אין ניו יאָרק.
דער „פּני יהושע" אַליין איז געווען אַן אוראייניקל פון ר' יהושע חריף, מחבר פון „מגני שלמה". נאָך זיין טויט האָבן נאָך זיינע זין, נתן און לייבוש, זיך אָפּגעגעבן יאָרן צו פאַרענדיגן ווי געהעריג זייער פאָטער'ס לעבנס־ארבעט.

דאָס זענען געווען עטליכע פון די מעכטיגע צווייגן אויפ'ן פרץ בוים.

ר' יונה יהושע פרץ איז אויך נישט געווען גלאַט אַ קרעמער אָדער אַ הענדלער, ווייל ער פלעגט אָפּטמאָל פון לעווערטאָוו פאָרן קיין אויסלאַנד צוליב זיינע געשעפטן. פון די רייזעס איז ער קיינמאָל נישט אהיימגעקומען מיט לעדיקע הענט. האָט שטענדיק געבראַכט מיט זיך אַ נוצליכע אָדער גלאַט אַ שיינע זאַך פון דער גרויסער וועלט. די פרצ'עס זענען תמיד געווען מתנגדים, האָבן זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פאַרכאַפּן פון חסידות. דאַנציג, וואוהין ר' יונה יהושע פלעגט מערסטנס פאָרן, איז געווען אַ זוניגע האַפן־שטאָט, וואו די שיפן פון ווייטע לענדער האָבן געבראַכט נישט נאָר סחורות פאַר פרנסה וועגן, נאָר אויך אַלערליי שיינע זאַכן צום מיטברענגען אַהיים. שטענדיג האָט ער געפונען עפּעס אַ שיינקייט פאַר'ן ווייב, אַ נייקייט פאַר דער שטוב און אַ שפּילצייג פאַר זיין משה'לע.

ווען משה פרץ איז אויפגעוואַקסן, איז ער אויפ'ן גוטן אַלטן שטייגער געגאַנגען אין זיין טאַטנ'ס וועגן. דער גוטער אַלטער שטייגער איז געווען אידיש און נגידיש. אַזוי ווי דער טאַטע אַזוי דער זון זענען געגאַנגען אויף די גוט־אויסגעטראָטענע דרכים פון תורה ועבודה. מען האָט געלערנט אין די בתי מדרשים אין לעווערטאָוו און מען איז געוואָרן אַ סוחר וואָס פאָרט קיין אויסלאַנד. ר' משה פרץ איז אַלץ געווען אַ למדן ווי זיין פאָטער. ער איז אויך געווען אַ דאַנציגער סוחר, וואָס פלעגט אָפט קומען אין דער שיינער שטאָט ביים ים, וואו ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף די ווייס־גראָע

ים־פייגל, ווי זיי הויערן איבער די זעגל־שיפן. ער האט נאך אלץ געטראגן די טראדיציאנעלע לאנגע קאפאטע ביז די קנעכל, ווינ־טער א ראדזעוואולקע, און היפשע פאות האבן אים ארונטערגע־האנגען ביי די זייטן פון דער יארמולקע. און ווען זיין אייגענער זון, יודל, איז אונטערגעוואקסן, האט שוין ר׳ משה פרץ געהאט א קלענער עשירות פאר זיין זון, ווען דאס לומדות פון זיין טאטן האט שוין ווייניקער פארכאפט ווי די נייע לערעם פון דער צייט.

אזוי ווי אין א סך מתנגד׳ישע משפחות אין פוילן האבן די אינגערע דורות אלץ מער געמישט וועלטליכקייט מיט דער אידישער ירושה פון דורות. יודל פרץ האט איינגעזאפט אידיש וויסן ביז א הויכער מאס, אבער עס האט אים גערופן די דרויסנדיקע וועלט. ער איז געווען א לוסטיג אינגל, האט געהאט א גוט הארץ, און ווען דער פאטער האט אים מיטגענומען קיין דאנציג, איז דער יונגער בחור געווען מער פארכאפט פון דער שיינקייט און פרייליכקייט פון דער שטאט און האט ווייניקער צוגעלעגט דעם קאפ צום פאטער׳ס געשעפטן. דערפאר האט ר׳ משה פרץ זיך גוט צוגעהערט, ווען א שליח פון זאמאשטש איז אנגעקומען אין לעווערטאוו און האט אים אויסגערעכנט די גרויסע מעלות פון א שידוך פאר זיין זון מיט דער צניעה׳דיקער טאכטער פון דעם לייפציקער סוחר ר׳ שלמה הערש לעווין.

ריוועלע לעווין — מ׳האט זי קיינמאל נישט גערופן רבקה — האט טאקע געהאט דאס אויסזען פון א פארשוויגענער צניעה מיט א זיסן שמייכל, וואס זי האט אויך שפעטער אויפגעהיטן דורך אלע שווערע יארן פון איר לעבן. אין הארצן האט זי געטראגן א שטילן שטאלץ מיט דעם יחוס פון איר שיינער משפחה. פאר איר זיידן דעם כהן, ר׳ לייבוש סטאראסטער, און פאר דער באבע׳ן האט זי געהאט א באזונדערע ליבשאפט.

דער זיידע ר׳ לייבוש האט זיך געפירט גרויס און ברייט. ער האט נישט געוואוינט אין קיין פרעמדער דירה ווי די מערסטע אידן, נאר איז געווען איינער פון די ערשטע אידן אין זאמאשטש צו בויען אן אייגענע שטוב, וואו עס איז געשטאנען שיינע מעבל, מיט טיש און בענקלעך לעבעדיק געפארבט אויף רויט. ר׳ לייבוש איז געווען אן אימפאזאנטע געשטאלט פון יענער אלטער, גיך־פארשוויינ־

דענדיגער אידישער וועלט. אידישקייט און וועלטליכקייט זענען ביי אים געגאנגען האנט איז האנט. ער האט געטראגן פאות און ווייסע זיידענע זאקן, וואס האבן אים געגעבן א רב'אנישן אויסזען. פונ־דעסטוועגן האט ער אויסער פויליש, גערעדט פליסיק דייטש. און ווען דער שררה זאמאיסקי האט זיך אפגעשטעלט מיט אים רעדן, האט דער שטאלצער כראביע נישט גערעדט צו ר' לייבוש סטא־ראסטער מיט דער שפראך פון „סלוכאי, זשידקו!" — הער, אידעלע, — ווי ער פלעגט געוויינליך רעדן צו אידן פון אויבן אראפ. צו ר' לייבוש'ן האט ריוועלע גערעדט מיט דעם רעספעקט פון וועלטליכקייט.

די באבע'ן האט ריוועלע געדענקט פאר גאר א גרויסער צדיקת. זי האט געפירט דאס גרויסע קאלאניאל געשעפט, כדי ר' לייבוש זאל בלויז זעלטן דארפן אוועקפארן צוליב געשעפט און ער זאל קענען מערסטנס זיצן און לערנען תורה. א באזונדער ליבשאפט האט ריוועלע געהאט צו זען די באבע'ן אין איר קראם, וואו זי האט געהאט צוויי שופלאדן מיט ראזשינקעס און מאנדלען פאר ארעמעליים. פריער פון אלעמען איז ביי איר געקומען צדקה. און ריוועלע אליין, וואס איז כמעט ביים זיידן מיט דער באבע'ן אויפ־געוואקסן, איז אליין געווען מיט אלע גוטע מידות פון א צדיקת. פאר ארעמעלייט האט זי געקענט דאס שענסטע און דאס בעסטע פון זיך אוועקגעגעבן מיט א שמייכל.

ר' שלמה הערש איז געווען פארערכנט פאר א גרויסן גביר. ער האט א פנים אליין געמאכט זיין פארמעגן פון א גאלאנטעריע האנדל, און האט נישט געהאט קיין רייכע ירושה. די איינציקע מעשה וואס איז פארבליבן פון זיידע'ן, שילדערט אים ווי א פאר־ארימטן. אין א פרייטאג איז ער געקומען אן א גראשן פון דאנציג. שבת, גלייך נאך הבדלה, האט ער געשיקט רופן זיינע בעלי־חובות און געזאגט צו זיי: „נעמט אייך צו אלץ וואס איז שטוב". די באבע חנה'לע האט אויסגעטון די צירונג און געלעגט אויפ'ן טיש, גע־עפנט די שאנק מיט זילבער און גאלד, ארייגעברענגט די חפצים פון אנדערן שטיבל. קיינער האט אבער נישט גערירט. די באבע האט איר קראם געהאט, האט מען פון קראם געלעבט. איינציגווייז די חובות באצאלט מיט פראצענט און קינדער אויסגעגעבן.

ר׳ משה פרץ פון לעווערטאוו און ר׳ שלמה הערש לעווין פון זאמאשטש האבן באשלאסען זיך מחתתן צו זיין — דאנציג און לייפציג. ביי די פרצ׳עס אין לעווערטאוו האט מען געהאלטן פאר א גוטן שדוך. דער חתן האט נישט נאר געקריגן פיר הונדערט טאלער נדן, נאר אויך א פאר יאר קעסט ביי שווער און שוויגער אין זאמאשטש.

נאך דעם ווי מען האט אפגעפראוועט די שיינע באלעבאטישע חתונה, האט דאס יונגע פארפאלק זיך באזעצט אין דעם שיינעם גרויסן הויז מיט דער פאדשעניע, וואס ר׳ שלמה הערש האט אויפגעבויט און וואס איז קרוב צו הונדערט יאר פארבליבן א היים אין דער משפחה.

יודל פרץ, דער ערשטער פון די פרצ׳עס צו באזעצן זיך אין זאמאשטש, איז געווען טיף גליקליך מיט זיין צניעות׳דיקער ריוועלע׳ן. ער איז אלט געווען 23 יאר, און זיין ווייבל איז געווען דריי יאר אינגער, ווען מ׳האט זיי אויף א אידיש־נגידישן שטייגער חתונה געמאכט און באזעצט אויף קעסט אין דעם צוויי־שטאקיגן געמויערטן הויז פון די לעווינס.

דאס יונגע פארל האט געפירט א פרום אידיש לעבן, זענען געווען ארומגערינגלט מיט ליבשאפט, שבתים פלעגן זיי גיין צוזאמען אין שול אריין, כאטש ביסלעכווייז האט יודל פרץ אלץ מער געזען דאס ליכט פון דער השכלה אויפלייכטן אין שטאט. ער האט נישט געווארט ביז די קעסט וועלן אויסגיין, נאר ער האט זיך גענומען צו מסחר — לייפציג.

עס האט אויסגעזען, אז די זון האט געשיינט מיט חסד אויף דעם יונגן, גליקליכן פארפאלק. עס איז ביי זיי געבוירן געווארן א קינד, וואס האט געבראכט א סך גליק און פרייד אין הויז אריין. דאס גליק האט געציטערט א ווייל און איז פארשוואונדן. עס איז געקומען א צווייט קינד, א דריט קינד — און איין וואלקן האט פארפינסטערט דעם הימל איבער דעם לעבן פון יודל און ריוועלע פרץ — קיין קינד האט זיך ביי זיי נישט געהאלטן.

זיי זענען א צייט געבליבן קינדערלאז.

## ב

# דער פארשלאָסענער גן עדן

ווען דאָס פערטע קינד איז דעם 18־טן מאַי, 1852, געבוירן געוואָרן ביי יודל פּריז, וועמען מען האָט שוין איצטער עפּטער גערופן ר׳ יהודה, איז עס געווען אַ זון, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן יצחק לייבוש. ער איז געווען אַ בכור.

די עלטערן האָבן זיך געפילט געשטאַרקט. נאָך אים זענען געבוירן געוואָרן נאָך צוויי זין, חיים יוסף און יונה יהושע, און אַ טאָכטער, העסיע. דער בכור איז אָבער געווען ביי טאַטע־מאַמע׳ן דאָס אויג אין קאָפּ. ר׳ יהודה האָט שוין ביסלעכווייז גענומען פּראָבירן מסחר, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען אַ קעסט־קינד ביים שווער. ער האָט זיך שוין אָבער באַנומען מעשה סוחר, האָט אָנגעהויבן פירן געהילץ קיין דייטשלאַנד מיט׳ן וואַסער און האָט זיך פאַרמאָסטן צו האַנדלען מיט לייפּציג. אַ קליין דאָר אידל מיט אַ שפּיציג בערדל, שטענדיג לעבעדיג, פריש און פריילעך, איז ר׳ יודל, נאָך לייבושל׳ס געבורט, נאָך לעבעדיקער און ענערגישער געוואָרן. עפּעס האָט אויפגעלויכטן אין דעם לעבן פון דעם יונגן פּאָרפאָלק, וואָס האָט פריער קיין מזל צו קינדער נישט געהאַט. די שמחה איז געווען גרויס אין דעם קליינעם הויז־געזינט. ר׳ יהודה האָט זיך אָנגעהויבן פילן פעסטער ביי זיך. און כאָטש מען האָט אים נאָך רעגלמעסיק געזען אין גאָס מיט׳ן טלית אונטער׳ן אָרעם, האָט מען שוין פונדעסטוועגן אויך געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מענטש אַ וועלטליכן, וואָס איז באַהאַוונט אין דער השכלה. לייבושל איז געוואַקסן אַ געראָטן קינד, שיין און קלוג, אַז די גאַנצע משפחה האָט זיך געשפּיגלט אין זיינע גרויסע ליכטיגע אויגן, די אויגאַנעס.

מען האָט אים געשיקט אין חדר אריין ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונג קינד. ער האָט געזען די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען

פאַלן אויפ'ן סידור איננאַנצן אַ פּאָר חדשים נאָך דעם ווי ער איז אויף ל"ג בעומר דריי יאָר אַלט געוואָרן. זיין ערשטער מלמד איז געווען חיים קעלבל. דאָס חדר איז געווען אַ שטיבעלע מיט גע־קאַלכטע, צוקראַצטע ווענט און נידעריקע בענק. דאָס מלמד'ל אַליין איז געווען אַ קליינטשיק אידעלע מיט אַ פּיטשינקע בלאָנד בערדעלע, קליינע אייגעלעך און אַ קליין ספּאָדיקל. אַ קליין קאַנטשיקל איז געהאנגען אויף אַ טשוועקעלע ביים פענצטערל. אָבער ער האָט עס זעלטן באַנוצט, און אויף לייבושלען קיינמאָל נישט. ער פלעגט זיך אַ בייזער טאָן ווי אַ פייגעלע מיט אַ טשירפּ. לייבושל איז געווען זיין בעסטער תלמיד. ער האָט פריער פון אַנדערע אינגלעך אויס־געלערנט וואָס מע האָט באַדאַרפט און האָט נישט געקענט איינזיצן און זיי אויסהערן. פלעגט ער אַנטלויפן פון חדר. דער בעלפער האָט שוין געוואוסט וואו ער קען אים געפינען. אפילו ווינטער אין אַ זאַווערוכע האָט ער אים געפּאַקט ביי די שטאַבעטן, וואו ער איז געשטאַנען און אַריינגעקוקט אין אינזשעניערנעם גאָרטן. דאָרט האָט דער בעלפער אים אַלעמאָל געפונען און אַפּגעפירט אין חדר אַריין.

לייבושל האָט געמוזט זיין פיר יאָר אַלט דעם זומער, ווען אין זאַמאָשטש האָט געבושעוועט די כאָליערע. אייזיקל וואַסערטרעגער, אַ בלייכער קאַרליק מיט קרומע פיס, האָט אַראָפּגעשטעלט זיינע עמערס וואַסער ביי ר' יהודה פּרץ אין קיך. ריוועלע האָט אים געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם יאָך פון די אַקסלען. זי האָט אים דער־מאָנט, אַז עס איז אַ מגפה אין שטאָט און מען דאַרף זיין זייער באַוואָרנט מיט'ן וואַסער. מען דאַרף פריער אויסגיסן דאָס איבער־געבליבענע וואַסער פון פאַס. אייזיקל איז געווען אַ טאַטע פון אַכט קינדער און האָט געוואוסט ווי אַפּצושעצן אַ שיין באַלעבאַטיש הויז. אָהער האָט ער געטראָגן וואַסער נישט פון עמער, נאָר פון דער וואָד. ווען ריוועלע האָט אים געפרעגט צי ער האָט אפשר געזען לייבושלען, האָט אייזיקל מיט'ן צופלאַשעטן שוואַרצן בערדל ארויס־געשמייכלט פון אונטער זיין קאַשקעט און ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט אים געזען ביים אינזשעניערנעם גאָרטן. די אומרואיקע מאַמע האָט אַ זיפץ געטאָן, אַז זי קאָן אים נישט איינהאַלטן אין שטוב מיט קיין שום כוחות, און אייזיקל איז אַוועק מיט לידיקע עמערס.

אין דרויסן, ביים שטענדיג פארשלאסענעם גארטן, האט לייבושל, אדער לייבעלע, ווי דער פאטער האט אים ליב געהאט צו רופן, זיך געפילט פריי און דערהויבן. ער האט שוין געלערנט חומש, גלייך מיט אנדערע אינגלעך וואס זענען געווען גרעסער פון אים. ארום גארטן האט ער זיך געשפילט מיט קינדער. דארט זענען געווען באסקל, זיין גלידשוועסטערקינד און א בלאנד מיידעלע מיט צוויי צעפעלעך. איבער דער מגפה זענען די גאסן ארום געווען פארלאזט. דא און דארט איז אימעצער געלאפן מיט א קענדל נאפט אין האנט. פון א זייטיג געסל האט זיך געצויגן א קליינע לויה און די קינדער זענען געבליבן שטיין טרויעריג פארגאפט. נאר לייבעלע האט קוים געקענט אפרייסן די אויגן פון גארטן. אין דער משפחה רופט מען זיינע גרויסע פייערדיגע אויגן, די אויגאנעס. דאס פנים׳ל אריינ־געדריקט צווישן צוויי שטאכעטן, האט ער זיך אנגעהאלטן מיטביידע הענטלעך און אריינגעקוקט טיף אין דער פארביגער וועלט פון גראז, בלעטער און בלומען, מיט אזא דורשט נאך דער אינעווייניגסטער שיינקייט, אז זי האט זיך אים אפגעדריקט אויף זיין גאנץ לעבן אין דער נשמה.

דאס איז דער גארטן וואס איז ביי אים שפעטער פארוואנדלט געווארן אין דעם גן עדנ׳דיקן גארטן מיט דעם פאלאץ, וואס האט ארויסגעקוקט מיט ליכטיקע פענצטער אויפ׳ן ים כנרת. א גארטן מיט אלערליי גלוסטיקע ביומער, מיט כל המינים פירות און זינ־גענדיקע פייגל, מיט שמעקנדיקע קרייטעכצער און אנדערע געוויקסן, אי פון שיינקייט וועגן אי פאר א רפואה. טיף אין אינזשעניערנעם גארטן איז געשטאנען א ווייס הויז, וואס האט געפינקלט אין דער וועלט פון גרינס. דארט זענען אריין און ארויס דאמען און קאוואַ־לירן אין ליכטיקע קליידער. ווען ער האט דארט אריינגעקוקט, האט זיך לייבעלע׳ן אויסגעוויזן, אז סוכות זענען צושפרייט אויף אלע עקן פון גארטן צום אפרוען, און וואסערלעך, וואו ווייסע גענדז זענען ארומגעשוואומען. א גן עדן אויף דער ערד, אויף כל ישראל געזאגט. אבער לייבעלע׳ס חלום איז גיך צורינען, ווען דער בעלפער פלעגט אים א כאפ טון אונטער׳ן ארעם און אים אוועקטראגן צו חיים קעלבל.

צוליב דער מגפה אין שטאָט האָט מען די קינדער פרייטאָג אַרויס־געלאָזט פרי פון חדר. לייבעלע איז געלאָפן אַהיים עסן, נאָר אויפ׳ן וועג האָט ער זיך, ווי אַלעמאָל, פאַרגאַפט אויפ׳ן ראַטהויז. איידער ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער ליב געהאַט צו קוקן אויף דער שיינער געביידע מיט דעם אַכט־קאַנטיקן טורעם און מיט דעם זייגער. אַמאָל וואָלט ער געוואָלט דאָרט אַרויפקלעטערן און אַראָפּקוקן אויף דער גאַנצער שטאָט. עס איז דאָ וואָס צו זען!

זאַמאָשטש איז אַ שטאָט וואָס פאַרמאָגט אַ סך שיינקייט. זי שטייט הויך און איז געבויט ווי אַ פעסטונג. זי איז אַלט. מען האָט זי אָנגעהויבן בויען אין פופצנטן יאָרהונדערט, אַ דאַנק גראַף יאַן זאַמאָיסקי, איינעם פון די געלערנטסטע שטאַטסלייט פון אַלטן קרוין פוילן. נאָך שטייט דער אַלטער שלאָס מיט דריי טורעמס און די ביזאַנטינישע קירך וואָס איינגעוואַנדערטע גריכישע סוחרים האָבן אין זעכצנטן יאָרהונדערט אויפגעבויט. דאָרט איז געווען איינער פון די ערשטע פּוילישע אוניווערסיטעטן אין מיטלאַלטער. וויפל מלחמות און מגפות די שטאָט איז דורכגעגאַנגען! באָגדאַן כמיעל־ניצקי האָט געבראַכט הונגער און טויט. קעניג גוסטאַוו פון שוועדן האָט די שטאָט געשטורעמט. דער העטמאַן מאַזעפּאַ האָט אירע פעסטונגען איינגענומען. אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז זאַמאָשטש איבערגעגאַנגען צו עסטרייך און אין נײַנצנטן צו רוסלאַנד.

ווען לייבעלע האָט זיך פאַרקוקט אויפ׳ן טורעם, האָט אים דער פאָטער אַ גלעט געטאָן איבער׳ן העלדזל. האָט אים גערדריקט צו זיך מיט ליבשאַפט, און האָט אין דער איינענער צייט גערעדט צו אַ מענטש וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אים. לייבעלע האָט אַרויפ־געקוקט צו אים. ער זעט אויס ווי אַ קריסט, נאָר דער טאַטע רעדט מיט אים אידיש און רופט אים דאָקטאָר עטינגער. דאָס האָט די רעגירונג אים צוריק געבראַכט קיין זאַמאָשטש צו העלפן דער שטאָט אין דער מגפה. יאָרן לאַנג האָט ער פריער געלעבט אין זאַמאָשטש, וואו ער איז געווען באַליבט ווי אַ דאָקטאָר פון שטאָטישן שפּיטאָל און פון היקדש. ער האָט געהאַט אַן אומגליקליך פאַמיליען־לעבן, האָט עטליכע מאָל אויסגעוואַנדערט קיין אַדעס, כאַרקאָוו, לעמבערג, צום סוף געקויפט אַ שטיקל לאַנד ביי זשדאַנאָוו, נישט ווייט פון זאַמאָשטש, און האָט זיך באַזעצט מיט ווייב און קינדער ווי אַ

קאַלאַניסט. אַלטע באַקאַנטע האָבן זיך אָפּגעשטעלט רעדן מיט אים אַ וואָרט. אַזוי אויך ר׳ יודל פּרץ, אַ מענטש אַ פאַרגעשריטענער, וואָס האָט הנאה געהאַט פון אויסהערן אַ ווייל יענעם און אויס־דריקן זיינע אייגענע מיינונגען. ער האָט געהאַט אַ טיפע אַכטונג פאַר דעם דר. שלמה עטינגער און האָט געגלויבט, אַז ער פאַרשטייט אים בעסער פון אַנדערע. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער דאָקטאָר באַהאַלט אַ סך טראַגישע איבערלעבונגען און אַז ער גע־פינט אַ טרייסט אין שרייבן. ער האָט געשריבן לידער, מעשיות, משלים, קאָמעדיעס, וואָס זענען פריער געלייענט און אַרומגערעדט געוואָרן אין זאַמאָשטש. אין וואַרשע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער זיך נישט געקענט איינלעבן. די גייסטיג־לעבהאַפטיקע אידן פון זאַמאָשטש זענען אים געווען נענטער צום האַרצן. ר׳ יודל האָט אַ ווייל געשמועסט מיט אים, האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק מיט זיין אינגל.

אין שטוב איז שוין אַלץ געווען שבת׳דיג. די דינסט, חנה, איז פרי פאַרטיג געוואָרן. אויפ׳ן טיש זענען שוין געשטאַנען די צוויי פאָר הויכע זילבערנע לייכטער. די מאַמע איז געשטאַנען אין טער־קישן שאַל פאַר׳ן שפּיגל און האָט אָנגעטון די גאָלדענע בראָש. שפּעטער, אין אָוונט, ווען דער טאַטע איז געקומען פון שול מיט אַן אורח און האָט מקבל שבת געווען, איז לייבעלע געלעגן אין זיין בעטל קראַנק. אַ גאַנצן אָוונט איז ער געלעגן ווי אין אַ זיסן חלום. ער האָט געזען ווי די מאַמע האָט געבענטשט ליכט. איר פּנים האָט געלויכטן. ער האָט געוואָוסט, אַז ווען זי האָט פאַרלענט די הענט אויפ׳ן פּנים, האָט זי מיט ליבשאַפט געקוקט אויף אים צווישן אירע פינגער. די לאַנגע אויערינגלעך האָבן געציטערט אין אירע אויערן. נאָכ׳ן טאַטנ׳ס פרייליכן גוט שבת, זאָגט דער אורח נאָך, גרעבלעך, גוט שבת. ווען דער טאַטע פרעגט אויף די אויגאַנעס, ענטפערט די מאַמע עפּעס טרויעריג שטיל. דערנאָך גייט מען זיך וואַשן. דער טאַטע, דער אורח, צולעצט די מאַמע. דער פרעמדער איך נעמט די קופּערנע קוואַרט, שעפּט זי אָן פול מיט איין האַנט און גיסט זי אויס איבער דער צווייטער. זעקס מאָל אַזוי הין און צוריק, יעדעס מאָל מיט אַ פולער שעפּ וואַסער. אויף דעם האָט די מאַמע ברוגז אַ מורמל געטאָן: פרום אויף אייזיקל וואַסערטרעגער׳ס חשבון.

לייבעלע׳ס יונגע נשמה האָט דער מאַמע׳ס וואָרט אויפגעכאַפּט. דער מאַמע׳ס רחמנות צום קראַנקן אייזיקל, האָט אין דעם קינד פאַרפלאַנצט אַ קערנדל רחמנות צו אָרעמע און דערשלאָגענע. און ווען מ׳האָט גערעדט אין שטאָט, אַז מען גייט איינפירן צוואַנגס־דינסט אין מיליטער און די משפחה האָט זיך געשראָקן צוליב די יונגע בחורים, און דער טאַטע האָט אַ זאָג געטון: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. די גאַנצע וועלט איינזעצן אין תפיסה קאָן מען נישט! האָט דאָס אין דעם קינד׳ס נשמה פאַרפלאַנצט אַ צווייט קערנדל, קאַמף און ווידערשטאַנד.

שבת נאָך דער סעודה פלעגט זיין די שטוב ביים זיידן שלמה הערש פול מיט פעטערס און מומעס און קינדער. דער זיידע איז געווען אַ נידעריג אידל מיט אַ פרום פּנים, מיט אַ ווייסער באָרד און פינטעלעך פאַר אויגן. אַרום איז געזעסן די משפחה און לייבע־לע׳ן האָט מען מיט פאַרלעגטע פיסעלעך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן טיש און אים פאַרהערט אין חומש. ער האָט געענטפערט קלוג אויף אַלע קשיות. דער זיידע האָט טיף הנאה געהאַט. אַלע אַרום האָבן אָנ־געקוואָלן. דער מאַמע׳ן זענען געקומען טרערן פון נחת אין די אויגן און דער טאַטע האָט אים געקושט. דאָס קינד איז געגאַנגען פון הענט צו הענט אַזוי ווי אַ טייערער אוצר. אַלע האָבן אים געדריקט צו זיך מיט ליבשאַפט. נאָר לייבעלע אַליין האָט זיך פאַרגאַפט אויף דער עלטער־מומע׳ן און ער קען פון איר די גרויסע פאַר׳חלום׳טע אויגן נישט אָפּרייסן.

איר אויסזען האָט דאָס קינד אַזוי ווי פאַר׳כשופ׳ט. די עלטער־מומע זעט אויס גרין, נאָר איר פּנים שטראַלט. אין אַלטע אידענע אַ דאַרע, מיט אַ קעפּל ווי אַן אתרוג און צוויי גוטע אויגן. ער ווייסט, אַז די עלטער־מומע מאַכט אַלעמאָל אַליין קידוש און הבדלה, ווייל דער עלטער־פעטער איז טויט און זי וויל קיין אַנדערענ׳ס ברכות נישט הערן. די עלטער־מומע איז אין שפּעטערע יאָרן גע־וואָרן דער פאָרטרעט פאַר דער סקולער רבי׳צין. דעם זיידענ׳ס ליכטיקע אויגן האָבן געפינקלט ווען ער האָט געהערט דעם איניקל׳ס חומש. אַזוי פיל נחת האָט געשיינט פון זיידנ׳ס פּנים. און יענער שבת ביים זיידן נאָך דער סעודה, אַרומגערינגלט פון דער גליקליכער משפחה, איז דעם אינגל פאַרבליבן אויפ׳ן לעבן אין זכרון.

דער טאטע האט געהאט גרויסע האפענונגען אויף זיין גערעטן קינד. דערפאר טאקע, האט ער אמאל אין א ביטערער רגע אויפ־געהויבן זיין האנט אויף אים. דער יונגער טאטע האט געוואלט זען זיין קינד אויפוואקסן געלערנט און דערהויפט ערליך. עס איז געווען א ברית אין שטוב. א אינגערער זון, חיים יוסף, איז געבוירן גע־ווארן. די באבע חנה׳לע האט מער פון אלעמאל אנגעבאקן גוטע זאכן מכל המינים. ווייסן לעקעך, האניג לעקעך, טארטן, איינגע־מאכטסן. נאר לייבעלע האט פיינט געהאט זיסע זאכן.

די שטוב איז געווען פול מיט ארעמעלייט, וואס מען האט גערופן אויף לעקעך און בראנפן. אין איין שטוב איז געלעגן די מאמע די קימפעטארן. אין דער אנדערער זענען געזעסן די באלעבאטישע געסט. דער סארווער האט הויך דורכגעטראגן א טאץ מיט לעקעך, האט לייבעלע אראפגעכאפט א שטיק לעקעך און האט עס אונטערגע־שטופט א קראנק מיידל צווישן די ארעמעלייט. דער פאטער האט אים געזען כאפן דעם לעקעך, נאר וואס ער האט געטאן מיט דעם האט ער נישט געזען. האט ער דערלאנגט דעם זון א פאטש. צו־מארגנס האט ער אים נאך פארקלאגט פאר דער מאמען און האט אים אנגערופן קאמעדיאנט. די דינסט האט אבער געוואוסט דעם אמת. זי האט געזען וואס ער האט מיט דעם שטיקל לעקעך געטאן, האט זי דערציילט. עס איז שטיל געווארן ביים טיש. די מוטער איז געווען שטאלץ מיט איר קינד. דער פאטער איז א בלאסער ארייַן אין צווייטן צימער. לייבעלע האט געוואלט אריינלויפן און איבער־בעטן דעם טאטן פארוואס ער האט נעכטן באלד נישט דערציילט, אבער ער קאן נישט. נישט קינדווייז און נישט שפעטער. דאס גאנצע לעבן אזוי. יענעם קאן ער פארטיידיקן, נאר נישט זיך. ער האט פאר־שטאנען דעם טאטן. זיין ערליך. א פאטש פארגייט און א ווארט באשטייט.

איין טרייסט האט לייבעלע אלעמאל געהאט. ער האט געקענט אוועקלויפן צום גארטן. דארט האט ער זיך אנגעהאלטן מיטביידע הענטלעך אן די גראטעס, האט טיף איינגעאטעמט די פרישע לופט און לאנג געקוקט אויף די בלומען אין דער וועלט פון שיינקייט.

דער גארטן איז געווען פאר אים א גוי׳איש פארשלאסענער גן עדן.

## ג

# מלמדים

דער פֿאַרגעשריטענער יונגערמאַן יודל פּרץ, וואָס איז אַמאָל פֿון לעוועדטאָוו געקומען אויף קעסט קיין זאַמאָשטש, איז שוין לאַנג געווען אויס קעסט־קינד. זיין קליינע משפּחה איז געוואַקסן און ער האָט זיך ביסלעכווייז געשטעלט אויף אייגענע פֿיס. צווישן מענטשן האָט ער אָנגעהויבן אַרויפֿציען אויף זיך אַ מער וואָזשנע אויסזען. אָנשטאָט פּאות, ווי די אַנדערע מענער אין דער משפּחה, האָט ער זיך אויף די זייטן פֿון פּנים פֿאַרלאָזט, וואָס מען האָט דאַמאָלס גערופֿן, אַ פּאָר פֿאַוואַריטן, אַ מין יונגטליכע באַקנבערד. אין גאַס האָט ער געטראָגן אַ שלוסראָק מיט אַ שפּאַלט און אַ ברוינעם גאַס־פֿאַראָן, וואָס איז אַ הויכער האַרטער קאַפּעליוש. ער האָט זיך באַטראַכט פֿאַר אַ מענטש פֿון פֿרייען גייסט, שיר נישט אַן אַנאַרכיסט מיט אַן איינגעבוירענער שנאה צו יעדן סאָרט רעגירונג. ער האָט אָבער געטראָגן אַן אינערליכן שטאָלץ מיט דעם יחוס פֿון דער פּרץ משפּחה און ער האָט געוואָלט זען זיינע קינדער, ווייניגסטנס זיין עלטסטן זון, קודם כּל, אַ וואויל־לערנער אין די הייליקע ספֿרים אויפֿ׳ן שטייגער פֿון זיינע אבֿות. דאָס וועלטליכע, האָט ער געטראַכט, וועט ממילא קומען מיט דער צייט. דערפֿאַר האָט ער פֿריער פֿון אַלץ געשיקט זיין בכור צו די בעסטע מלמדים.

דער בכור איז, ווי דאָס רובֿ אידישע קינדער, קיין גרויסער גיבור נישט געוואַקסן. ער איז געווען קליין און מאָגער. הענט און פֿיס זענען ביי אים געווען דין ווי שטעקעלעך. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גרויסן, מיט אַן איינגעשרומפּענעם שטערן, ווי ער וואָלט געווען פֿאַרעלטערט פֿאַר דער צייט. ער האָט אויסגעזען זעקס יאָר אַלט, ווען ער איז שוין געווען אַכט אָדער ניין. אָבער אונטער׳ן שטערן

האט עפּעס געפּלאָמט. דאָס זענען געווען אַ פּאָר גרויסע, גראָע, זוכנדיקע אויגן, וואָס האָבן שטענדיג עפּעס שמערצליך געגישטערט און געפרעגט. אַן אייביקע נייגעריגקייט האָט אַרויסגעגליט פון זיי. ער איז געווען אַ רירעוודיקער, אַ לעבעדיקער, און כדי די פיינליכע זוכעניש צו פאַרדעקן, איז ער תמיד געווען אַ לאַכער, אַ שטיפער, וואָס זיינע שטיפערייען זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל.

די מעשה מיט דעם קעז־קוכן. איינע פון זיינע מומעס איז געווען אַ הויכע, מאָגערע אידענע. שלמה עטינגער האָט פון איר געשילדערט זיין „סערקעלע״. האָט די מומע שטענדיק געבאַקן קעז־קוכן און אים באַהאַלטן אויף אַ הויכער שאַנק, וואו די קינדער זאָלן אים נישט דערגרייכן. האָט אָבער לייבעלע זיך צוגעשטעלט אַ שטול, האָט דעם קעז־קוכן שטיקערווייז אַראָפּגעשלעפּט און זיך פאַרדאַרבן דאָס מעגעלע. דאַמאָלס האָט מען אויסגעפונען וואו דער קעז־קוכן איז אַהינגעקומען. אָדער די געשיכטע מיט דאָקטאָר סקשינסקי. דער אַלטער דאָקטאָר וואָס האָט געוואוינט אַנטקעגן זייער הויז, האָט אים אַמאָל פאַרשריבן אַ פלעשעלע ווייסע מעדיצין, ביטער און געזאַלצן. האָט עס דער קליינער קונדס באַהאַלטענערהייט אויסגעגאָסן און דאָס פלעשעלע אָנגעפילט מיט מילך און וואַסער. יעדע שעה האָט ער גענומען אַ לעפעלע און האָט זיך פאַרקרומט, אַז אַלע זאָלן זען. ווען דער דאָקטאָר איז פאַרביי־געגאַנגען דאָס פענצטער, האָט ער אים אַרויסגעשטעקט די צונג. דערנאָך איז ער געלאָפן זיך באַהאַלטן אין אַ שאַפע און אַריינגעקראָכן מיט אַ פוס אין אַ טאָפּ אייער. אַן אַנדערשמאָל, ווען די רבי׳צין, מיט אירע צוויי קעץ צו־פוסנס, איז איינגעשלאָפן ביים שטריקן אַ זאָק, האָט ער אויסגע־שאָסן אַ געלעכטער און אַלע איינגלעך מיט אים. איינגלעך האָבן פאַר אים ביי די פערד אויפן מאַרק סטרונעס פון די עקן אַרויסגעריסן און ער האָט פון זיי געמאַכט סמיטשיקעס. ווען מען פרעגט אים פאַרוואָס ער רייסט אַליין נישט די עקן פון די פערד, ענטפערט ער אַז אַ ביסל האָט ער פחד און אַ ביסל איז אים אַ צער בעל חיים.

נישט אַלץ אָבער איז געווען געלעכטער און שטיפעריי. אַ אידיש איינגל ווערט פרי רייף צו די צרות וואָס ער זעט אַרום זיך. די אָרימקייט פון אַנדערע קינדער האָט אים פאַרכאַפּט און שטענדיק איז דאָס קליינע האַרץ געווען פול מיט רחמנות. פון אַלע גוטע זאַכן

וואָס ער פלעגט מיטברענגען פון דער היים, איז אַלעמאָל אַ טייל געגאַנגען צו די חברים. ער איז געווען פון יענע קינדער, וואָס טיילן זיך מיט אַלעם וואָס זיי האָבן.

צו זעקס יאָר האָט לייבעלע אָנגעהויבן לערנען גמרא. פאַר דעם פורים־געלט האָט ער זיך געקויפט טיטון און באַהאַלטענערהייט האָט ער שוין אויך אָנגעהויבן רויכערן. זיין ערשטער גמרא־מלמד איז געווען בעריש׳ל, אַ שוואַך מענטשעלע מיט גרויסע לײדנשאַפטן. אַזוי ווי חיים קלעבל דער דרדקי־מלמד, איז אויך בעריש׳ל געווען אַ קליין מאָגער אידל, וואָס האָט זיך געקענט לייכט אָנצונדן פון כעס. ווען עס איז אָבער געקומען צו שלאָגן אַ אינגל, האָט ער פאַרלוירן דעם קוראַזש. און ווען ער האָט זיך אויפגעקאָכט איבער אַ תלמיד, איז ער געבליבן שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט און האָט אַ געשריי געטאָן צום ווייב: „הענע, כאַפּ די קאַטשערע און שפּאַלט דעם עם הארץ דעם קאָפּ״. נאָר הענע האָט שוין געוואוסט, אַז איר מאַן מיינט נישט וואָס ער רעדט. זי האָט אפילו די אויגן נישט אויפגע־הויבן פון איר מלאכה. זי האָט ווייטער געשליסן פעדערן אָדער געשטריקט אַ זאָק און געוואַרט איר מאַן, אַז ער זאָל לייבושלען נישט שלאָגן, ווארום זיין מאַמע איז אַ צדיקת. גזלן, האָט זי דעם מאַן גערופען און אים דערמאָנט ווי ר׳ יודל פּרץ האָט אים אָנגע־זאָגט, אַז ער זאָל זיין קינד קיינמאָל חלילה נישט שלאָגן.

אין עטליכע יאָר ביי בערישלען האָט ער נאָכאַנאַנד געלערנט די ערשטע מסכתות וואָס אַ אינגל לערנט, בבא קמא און בבא מציעה. צו בבא בתרא האָט בעריש אַליין קוים דערגרייכט. לייבעלע׳ן איז דאָס לערנען ביי אים גאָרנישט שווער אָנגעקומען. ווי ווייניק ער האָט צוגעלעגט דעם קאָפּ, האָט ער פונדעסטוועגן אַלעמאָל געקענט דעם שיעור פריער פון אַלעמען. עס איז אים נאָך פאַרבליבן צייט צו שפּילן זיך. אין די קליינע קעשענעס מיט אַ שטיינדל, אַ קנעפּל, אַ שטריקל, איז אַלעמאָל געווען אַ שטיקל ווייך ראַזשעווע ברויט צום קנעטן אָדער אַ שטיקל טריוואַקס, וואָס ער האָט נאָך יום כפור פון די יאָרצייט ליכט אין בית המדרש צוגענומען. האָט ער אין חדר ביים לערנען אונטער׳ן טיש פון ברויט אַ מענטשעלע אויסגעקנאָטן, אָדער פון טריוואַקס אַ קעצעלע, און אַמאָל האָט ער דעם קעצעלע פליגעלעך געגעבן אַזוי ווי אַ פייגעלע. אַז אַנדערשמאָל האָט ער

אונטערן טיש געקענט ווייזן כאַסקלען אַ שיינעם שויתי, וואָס ער האָט אַ גאַנצן אָוונט אין דער היים געריסעוועט מיט אַ בלייפֿען אויף אַ בלעטל ווייס פּאַפּיר. דאָס לערנען ביים חלוש בערישלען איז אים נישט געפֿאַלן צו לאַסט אויף די יונגע אַקסלען. דעם שיעור האָט ער גרינג אויסגעלערנט און די טעג זענען שפּילעוודיק אַוועק.

אין אָוונט פֿון אַ גאַלופּקע, אַ גאַלאַ־טאָג מיט אַ רויטער דאַטע אויפֿ׳ן קאַלענדאַר, ווען פֿון טורעם אויפֿ׳ן מאַרק האָט געפֿלאַטערט די ברייטע רוסישע פֿאָן, איז בערישל׳ס בעסטער תלמיד אַוועקגעלאָפֿן צום גאָרטן, וואו עס האָבן געוואוינט די אינזשעניערן אין ווייסן הויז. ווי שיין עס האָט אים אויסגעזען דער גאָרטן אין אַזאַ יום טוב׳דיקן אָוונט. קאָלירטע פּאַפּירענע לאַמטערנדלעך האָבן געלויכטן הענגענדיק פֿון די גרינע צווייגן איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער מיטעלער אַלייע. אַ רעגנבויגן פֿון ליכט האָט זיך צוגאָסן איבער דעם גאַנצן גאָרטן. די פּאָלקאָוואַי מוזיק איז ערגיץ פֿון אונטער די ביימער אַרויסגעקומען מיט אירע בליאַסטשענדיקע טראָמבאָנעס און האָט געשפּילט פֿאַר׳ן ווייסן הויז. די ליכטיקע פֿענצטער האָבן פֿייערדיק געגליט מיט פֿריילעכקייט אין דער נאַכט אַריין. הינטער די פֿורהאַנגען האָט מען געזען מענטשן ווי שאָטנס טאַנצן און אויפֿ־הויבן גלעזער צו די ליפּן.

אויף דער דרויסנדיקער זייט פֿון גאָרטן, אַרום די שטאַכעטן, איז שטענדיק אין אַזאַ אָוונט געשטאַנען אַ חברה מוזיקאַלישע אינגלעך, משוררים׳לעך. זיי האָבן אַריינגעשטעקט די קעפּלעך צווישן די גראַ־טעס און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און מיט דורשטיקע אויגן גע־שעפּט די מוזיק. קיינער איז נישט געווען איבעררעאַשט צו זען אַז מיכל פֿידלער, דער קאַפּעלמייסטער פֿון די קלעזמאָרים אין שטאָט, ליגט אויך ביי די שטאַכעטן און הערט זיך איין און דיריגירט פּאַמעליך מיט די הענט פֿאַר זיך. לייבעלע האָט מיט נייגעריגקייט געהערט פֿון די אינגלעך, אַז פֿון דער מיליטערישער מוזיק מאַכט דערנאָך מיכל פֿידלער זיינע מאַראַלישע שטיינערס צום באַדעקנס, מאַרשן צו חופּות און פֿריילאַכצער צו דער וועטשערע.

אין דער היים ביי די פּרצ׳עס איז מען נישט געווען צופֿרידן מיט לייבעלע׳ס געזונט. ריוועלע האָט זיך געקלאָגט פֿאַר׳ן מאַן, אַז

ליבעלע עסט ווענינ, פארקילט זיך צו אפט און וואקסט נישט ווי עס געהער צו זיין. ער איז צו קליין פאר זיינע יארן. ר׳ יודל האט דאס אוועקגעמאכט מיט דער האנט. א מאמע זארגט זיך צופיל. פונדעסטוועגן האט ער זיך געוואונטשן, אז זיין אינגל דער וואויל־לערנער זאל אויסוואקסן שטארקער און מיט מער פארב אין דעם בלייכן פנימ׳ל. צומארגנס איז ר׳ יודל מיט א גוטמוטיקן שמייכל אריינגעקומען צו בערישלען אין חדר, געשמועסט א ביסל מיט׳ן מלמד און אים געזאגט, אז ער זאל זיין ליבעלע׳ן יעדן טאג ארויס־לאזן פאר דער טיר פון חדר אויף א שעה. בערישלען האט דאס ווי א דונער געטראפן. ער האט בשום אופן נישט געקאנט פארשטיין אזא אויסטערלישע זאך ווי ארויסצולאזן א קינד אין גאס אינמיטן לערנען. וואס וועט ער טון אין גאס, האט בערישל געשטאמלט, שפילן זיך מיט ליים? ער האט נאכדעם טעג נאכאנאנד ר׳ יודל׳ס אנזאג בכיון פארגעסן. אבער ליבעלע האט שוין זיין פרייע שעה אויפגעמאנט. אז סיי ווי ווייסט ער נישט וואס עס בלייבט אים אין קאפ פון דעם וואס ער לערנט ביי בערישלען. הלואי ער זאל עפעס דערפון שפעטער געדענקען.

אין יענער צייט האט מען שוין אנגעהויבן איינלייגן די זאמאש־טשער פעסטונג. אויפרייסונגען האבן זיך דערהערט איבער דער שטאט, פון וועלכע די שויבן אין די פענצטער האבן הויך געצי־טערט. יעדן טאג האט מען מיט דינאמיט צעשאטן א שטיק פון א שטיינערנער וואנט. דאס דונערן האט די גאנצע שטאט צערודערט. די מויערן אויפ׳ן בארג זענען געווארן חורבות. אין שטאט האט מען געדונגען ארבעטער, וואס האבן די צושמעטערטע ווענט אויפ׳ן בארג אראפגעשאטן אין די גריבער אריין. די שיינע טויערן מיט די ענגל־בריקן זענען פארוואנדלט געווארן אין קופעס שטיינער, ציגל און צוקרומטע שטיקער אייזן. געצאלט האט מען פון קלאפ־טער, האבן אויך עטליכע אידן געשטעלט זיך צו דער ארבעט.

די ארבעט אויפ׳ן בארג האט געצויגן און גערייצט די קינדער. צוזאמען מיט באסקלען איז ליבעלע יעדן טאג ארויסגעלאפן פון חדר אויף א שעה. די צוויי אינגלעך האבן מיט טומל ארויפגעקלע־טערט העט אויבן אויפ׳ן וואל, וואו עס האבן געארבעט עטליכע אלטע צובראכענע אידן, וואס האבן שוין צו עפעס אנדערש נישט

געטויגט. די אינגלעך האבן ביי זיי ארויסגענומען די שווערע לאפע־טעס פון די הענט, געטאן א מצווה און געארבעט פאר די אלטע לייט. נאר אט מארשירן סאלדאטן פונם שלאס. פאראויס גייט די מוזיק און קנאקט א לוסטיקן מארש. ווייסע חברה שפרינגען פאראויס. אין אלע שטובן לויפט מען צו די פענצטער. די אינגלעך קענען מער די לאפעטעס נישט איינהאלטן, ווארפן אוועק די ארבעט און לויפן מיט.

אין עטליכע חדשים איז זאמאשטש געווארן א פארענדערטע שטאט. עס איז געווארן אוים מיט דער פעסטונג. די אלטע האר־מאטן זענען אראפגענומען, פארשוואונדן. די זשאבעס זענען אוועק צום זומפ אויף דער לאנקע. דער גארניזאן איז אוועק. פון די דריי אלטע שטאטישע טויערן פון שטיין און אייזן איז קיין זכר נישט געבליבן. די אפגרונטן זענען פארשאטן געווארן. בלויז דער גארטן איז נאך אלץ געבליבן א פארשלאסענער ווי שטענדיק. צוזאמען מיט די אלע ענדערונגען איז לייבעלע צום נייעם ווינטער־זמן אנ־געקומען צו אן אנדער מלמד.

וועגן דעם נייעם מלמד האט מען דא און דארט געזאגט, אז ער איז א קענער, אבער תלמידים האט ער געהאט בלויז א פאר. זיין נאמען האט מען נישט געדענקט, נאר מען האט אים גערופן דער טאביק־שטויסער. דאס איז נישט געווען גלאט קיין צונאמען, נאר זיין אמת׳ע, אומגעוויינליכע פרנסה. ער איז געווען א גרויסער פשטן. האט נישט אריבערגעטראגן קיין שום חכמות פון די פאר תלמידים, וועלכע האבן פאר אים געציטערט אימת מות. געפירט האט ער זיך, אז ווען א נייער תלמיד איז צו אים אנגעקומען, האט ער אים דאס ערשטע צוטומלט מיט א פאר פעטש. דערנאך האט ער געזאגט: דו ביזט א בטוח, דו וועסט אפארבעטן. א חוץ דעם האט ער אויף יעדער האנט געהאט זעקס פינגער. עס איז געווען א מורא פאר זיין האנט. דערצו איז ער אלעמאל געווען פול מיט טאביק, אז ווען ער איז צוגעקומען נאנט האט מען אנגעהויבן ניסן. ר׳ יודל האט זיך אין דעם טאביק־שטויסער אפגענארט. זיין אינגל האט פון אים קיין סך נישט געלערנט. נאר יענעם איינעם זמן איז לייבעלע געווען אן אונטערטעניגער תלמיד און האט זיך מיט׳ן רבי׳ן קיינמאל נישט גע׳פשט׳לט.

נאָך יענעם זמן ביים בייזן טאַביק־שטויסער איז געווען אַ געפּאַר, אַז דאָס לערנען זאָל אים איינגאַנצן הערעסן. וואָס איז דער צוועק צו זיצן גאַנצע טעג אין חדר, האָט ער געטראַכט, אַז לערנען לערנט ער ביי די מלמדים אַזוי ווייניק, וואָרום ער זאַפּט עס גיך איין ווי אַ שוואָם. איז נישט בעסער צו לויפן אויף די פרייע לאַנקעס און זיצן ביי די שטאַכעטן און אַריינקוקן אין גאָרטן? אָבער עס איז נאָך געווען צו פרי צו טראַכטן פון אַן אַנדער זאַך ווי לערנען. ווען ער איז אָנגעקומען צום געלן מיכל האָט זיין יונגע נשמה גאָר איינגאַנצן אויפגעלעבט.

דער געלער מיכל איז געווען אַ שווייגנדיקער איד מיט אַ בלאָנדער באָרד. אויסגעזען האָט ער ווי אַ יונגער צדיק און האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן בעל חשבון. געוואוסט האָט מען, אַז ער איז אַ קאָצ־קער חסיד. נאָר אַזוי ווי מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען דאַוונען, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ באַהאַלטענעם קאָצקער, ווייל די קאָצקער חסידים האָבן נישט געהאַלטן פון דאַוונען. ביים געלן מיכל האָט ער זיך געפילט היימיש און גוט, כאָטש ער האָט ווייניק וואָס פון אים איינגעזאַפּט אין זיך. דער נייער רבי האָט זיך קיינמאָל נישט דערוועגט אים אָנצורירן. און ביי דער רביצי'ן איז דאָס אינגל אודאי געווען גאָר חשוב, ווייל איר שוועסטער חנה איז געווען די דינסט ביי די פּרצ'עס אין שטוב. די צוויי שוועסטערן זענען געווען צנועה'דיקע אידישע שיינקייטן, האָבן געהאַט לענגליך־בלאַסע פּנים'לעך, לאַנגע ברעמען און שמאָלע מאַנדל־אויגן. מיט זיי האָט ער זיך געפילט גאָר היימיש און האָט זיך פאַרגונען אַמאָל צו טרייבן שפּאַס מיט זיי. צו דער רבי'צין אין חדר האָט ער אַמאָל געזאָגט: חנה, דערלאַנג מיר אַ ביסל וואַסער! און אין דער היים זאָגט ער אַמאָל צו דער דינסט: זייט זשע מוחל, רבי'צין.

עפּעס האָט אים צוגעצויגן צום געלן מיכל. ער האָט אים אויס־געזען צו זיין אַן אויסטערלישער מענטש. ער האָט געקענט לאַנג זיצן און נאָכטראַכטן און שווייגן. דאָס האָט אויף לייבעלע'ן גע־מאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט זיך אָפּטמאָל פאַרקוקט אויפ'ן רבי'ן און איז אַליין אויך געזעסן אַ שטיק צייט אַ פאַרקלערטער. דאָס איז פאַר דעם יונגן שטיפער געווען אַ נייע געוואוינהייט. נאָך מער, ער האָט זיך פון דעם געלן מיכל אָנגענומען מיט אַ שטילן,

ווייכהארציקן אומעט. א געפיל וואס האט אים אויך אין די שפע־טערע יארן נישט פארלאזט און עס האט זיך אין זיין ארבעט אפ־געשפיגלט. אליין נישט ווּיסנדיק האט ער פון אים אויך איינגעזאפט א ביסל חסידות.

אין יענע שטילע מינוטן ביים געלן מיכל פון וואס האט א אינגל, קרוב צו בר מצוה, זיך געקענט פארטראכטן? א, עס איז געווען א סך איבער וואס זיך צו פארקלערן. עס איז געווען דאס יאר 1863. אין בית מדרש נאך מעריב פלעגט ער אפטמאל פארבליבן לענגער אזוי ווי א באהאלטענער אין דער שאטנדיקער טונקלקייט פון די פארבליבענע אידן, וואס האבן לאנג גערעדט פון געשעענישן איבער דער ווייטער וועלט. אמאל איז דער שמועס געגאנגען וועגן אמעריקע און וועגן א פרעזידענט וואס רופט זיך אברהם און איז אן איש תם וישר, איינער פון די גרויסע חסידי אומות העולם. א פנים ער האט גאר א שטארקן חוש פאר יושר, ווייל ער שטעלט זיך איין בלב ונפש פאר די שווארצע אפריקאנער, וואס ווילן נישט זיין מער קיין עבדים ביי די ווייסע. אן אנדערשמאל האט מען גערעדט וועגן ענינים וואס זענען אט גאר נאנט און היימיש, א פאוסטאניע קעגן די מאסקאליעס! און ווער עס האט דעם ענין טיף פארשטאנען, דער איז פארבליבן אויף א גאנצער נאכט אין בית מדרש און געזאגט תהלים פאר'ן נצחון פון די פוילן. אודאי איז געווען א סך פון וואס צו קלערן אין דעם שטילן חדר ביים באהאלטענעם קאצקער חסיד. אבער לאנג בלייבן ביים געלן מיכל האט ער נישט באדארפט. דאס ביסל גמרא וואס דער חסיד האט געקענט, האט ער זיך פון אים גיך אויסגעלערנט. דער פאטער האט באלד איינגעזען, אז עס איז נויטיג דאס אינגל וואס גיכער אוועקצונעמען פון דארט איידער ער זאפט זיך אן מיט דעם געלן מיכל'ס עצבות. צום נייעם זמן האט ער אים איבערגעגעבן צו א העכערן גמרא־מלמד, איינעם א וועניק־באקאנטן און א שטרענגן ר' יודל.

גלייך אין די ערשטע טעג האט לייבעלע איינגעזען, אז זיין נייער רבי איז א גרויסער בעל תאוה. ער האט געוואלטיק הנאה געהאט פון צוויי זאכן. פון פרעסן פליישיקע קרעפלעך און פון שמייסן די תלמידים איבער די פינגער מיט ריטלעך. די רבי'צין פלעגט אים קאכן זיין מאכל אויף יעדן שטיקל יום טוב. ווען זי האט אים

דערלאנגט דעם טעלער, פלעגט זי אליין אפטרעטן און א זאג טאן:
איך קען נישט ליידן ווי דאס שמאלץ רינט אים איבערן פיסק.

דער נייער תלמיד איז ארומגעגאנגען מיט געשוואלענע פינגער פון די ריטלעך. דער פאטער איז שוין געווען א פארנומענער מענטש און האט זעלטענער צייט געהאט צו גיין זען זיין אינגל אין חדר. האט לייבעלע מיט זיין רבי'ן ר' יודלען אנגעהויבן פירן זיינע אייגענע מלחמות. דעם צווייטן זמן, ווען מען איז אריבער צו העכערע גמראות, זענען די שטענדיקע מלחמות צווישן רבי'ן און תלמיד נאך שארפער געווארן. גאר אפט האט ער באקומען שמיץ איבער די פינגער בחינם, ווייל דער מלמד איז געווען א בלינדליכער און ווען ער האט נישט געזען ווער עס איז שולדיק, האט ער אלעמען איבערגעשמיסן. לייבעלע'ס רייכע פאנטאזיע איז אים געקומען צו הילף און צוזאמען מיט אנדערע תלמידים, האט ער געפונען א וועג ווי זיך נוקם צו זיין פאר זיינע נישט-פארדינטע שמיץ. ר' יודל דער בעל תאוה איז עס געווען דער מלמד, וועמען לייבעלע האט צוגעקלעפט די באָרד מיט טריוואקס, ווען ער האט איינגעדרימלט מיט דער באָרד אויפ'ן טיש. אים האבן עס די חברה פארנארט אויף א גליטש, וואס איז געווען צוגעדעקט מיט שניי. און ווען ער האט באדארפט אויסשטיין אזעלכע צרות פון די אינגלעך, האט שוין ר' יודל אליין געבעטן רחמים. ווען צום פאטער האבן דערגרייכט לייבעלע'ס שטיקלעך, האט ער אים סוף זמן ווידער אוועקגעגעבן צו א נייעם מלמד.

דער געשליפענער מוח פונם יונגן תלמיד האט שוין איצטער גיך געקענט אפשעצן א נייעם רבי'ן. איין בליק און ער האט דערזען, אז ר' זרח קנייפ איז א שרעקליך בייזער איד.

א חוץ א מלמד איז ער אויך געווען א מוהל מיט א לאנגן נאגל און ער פלעגט די פארזינדיגטע אינגלעך קנייפן. לייבעלע האט דא ווידער געהאט מיט זיך זיין חבר כאסקל. און צוזאמען האבן זיי צוגעטראכט נייע שטיק ווי זיך אן עצה צו געבן מיט דעם בייזן מלמד. לייבעלע האט באקומען א שנאה צו דעם שטריימעלע וואס ר' זרח קנייפ פלעגט טראגן. האט ער איינמאל אינם סאמעטענעם גריבעלע פון שטריימעלע אריינגעשאטן א ביסל שניי. דער רבי זיצט און לערנט, הויבט אים אן צו רינען איבערן פנים. די אינגלעך

האָבן זיך דורכגעשמועסט און ר׳ זרח האָט פֿאַר זיין בייזקייט און זיין קנייפּן טייער באַצאָלט. ער איז געווען אַ גרויסער טיי־טרינקער. האָט געקענט אויסזיפּן זיבן־אַכט גלעזער הייסע טיי נאָכאַנאַנד. די רבי׳צין פֿלעגט אים יעדן טאָג אויפשטעלן אַ בלעכן סאַמאָוואַרל און ר׳ זרח האָט זיך געקלאָגט, אַז די טיי איז צו בלאַס. לייבעלע האָט געבראַכט אַ ביסל שמירעכץ פֿון אַ ראָד און האָט עס אַריינ־געטון אין סענץ פֿון דער טיי. ווען ר׳ זרח האָט די טיי צוגעטראָגן צום מויל, האָבן זיך די חברה דערשראָקן אַז ער קען זיך נאָך פֿאַר׳סמ׳ען, האָט מען אַ זעץ געטון אין טיש און די קאָכנדיקע טיי האָט זיך איבערגעקערט דעם רבי׳ן אין שויס. נאָכדעם ווען אַ אינגעלע האָט אים נישט געענטפֿערט אויף אַ קשיה, האָט ער פֿאַר־לאַנגט אַ תּירוץ מיט׳ן מוהל נאָגל. פּריוויטיק פֿלעגט ער אַלע אינגלעך איבערשמייסן, מען זאָל געדענקען אויף שבת.

פֿונדעסטוועגן האָט לייבעלע דעם ר׳ זרח קנייפּ טיילמאָל זייער ליב געהאַט. צוזאַמען מיט אים האָבן אים אויך ליב געהאַט די אַנדערע אינגלעך. דאָס אָרעמע, טונקעלע חדר ביי ר׳ זרח קנייפּ האָט אָפּטמאָל געקענט ווערן אַזוי גרוים און ליכטיק. די אינגלעך האָבן געבראַכט קליינגעלט, צווייערס און דרייערס, און פֿאַר דעם פֿלעגט מען מאַכן אַ סעודה. ביי דער רבי׳צין האָט מען געקויפֿט הערינג, קיכלעך און הייסע באַבעס. ביים טיש צו דער סעודה פֿלעגט אויך זיצן דעם רבי׳נס איינציקע טאָכטער, אַ טרויעריק מיידל מיט לענג־ליכע אויגן. דער רבי פֿלעגט זי גלעטן איבער׳ן גאָלדענעם קעפּל. בשעת מעשה איז ער געוואָרן גאָר אַ אַנדער מענטש. אַזוי ווייך, אַזוי הארציק. אין זיין קול איז געווען אַזאַ טרויעריקע גוטסקייט, אַז אויך די בייזע רבי׳צין האָט זיך געווישט די אויגן. דאַמאָלס איז ער געווען אַן אַנדער ר׳ זרח, אַ צערטליכער, אַ פֿאָטערליכער, וואָס האָט גענומען דערציילן פֿאַר די קינדער מעשיות פֿון עין יעקב, פֿון מדרש. ער האָט אַראָפּגעלעגט אויפ׳ן טיש דאָס שטריימעלע, גע־בליבן זיצן אין דער יאַרמולקע באַדעקט מיט פֿעדערן און האָט מיט אַ זים קול דערציילט:

— אַז גאָט קלייבט אויס אַ נשמה און איז גוזר אויף איר זי זאָל אַראָפּגיין אויף דער זינדיגער וועלט, ציטערט זי און וויינט. דערנאָך קומט צו אַ מלאך אין דער מאַמע׳ס בויך אַריין און לערנט

מיט איר אויס כל תורה כולה. נאָר ווען די רעכטע צייט קומט, גיט איר דער מלאך אַ שנעל אין דער נאָז און די נשמה פאַרגעסט דאָס לערנען. דעריבער האָבן אַלע אידישע קינדער צושפּאַלטענע אויבערשטע ליפּן.

ר׳ זרח׳ס זיסע קול איז געוואָרן איינגעשטילט און ביי לייבעלע׳ן גיט זיך אַ צינד אָן אַ געדאַנק וואָס לאָזט אים מער נישט רוען דאָס גאַנצע לעבן. וואָס הייסט נשמה? דעם איינענעם טאָג, פאַרנאַכט, גליטשט ער זיך הינטער דער שטאָט, דערזעט די שקאָצימלעך אַנטקעגן, וואָיטעק און יאַשעק, אַלע מיט צושפּאַלטענע אויבערשטע ליפּן אַזוי ווי די אידישע אינגלעך. פרעגט ער: יאַשעק, טי מאַש דושען? גיט אים דאָס שייגעצל אַ קלאָרן ענטפער: טאַביע פּשיאַ דושאַ צאַ דאַ טענגאַ? וואָס גייט עס דיך אָן הינטישע נשמה? און ער שטעלט זיך פאָר, אַז ביים רבונו של עולם ליגן די נשמות אויסגעלעגט ווי סחורה אין אַ געוועלבל, אין שאַכטלען אַרומגעבונדען מיט שטריקלעך.

דערפאַר האָט ער ליב געהאַט דעם ר׳ זרח קנייפּ. מ׳האָט געקענט אינגאַנצן פאַרגעסן זיין בייזקייט און זיין קנייפּן. עס האָט פּלוצים געקענט אַרויסשטראַלן פון אים אַ שיינקייט און זיסקייט. הערנדיק אים, האָט מען זיך געקענט פאַרחלום׳ען ווייט און טיף. און לייבעלע איז דערפאַר ביי אים פאַרבליבן אַ לאַנגע צייט. ער האָט שוין ביי אים געלערנט גמרא מיט תוספות מיט מהרש״א. און ווען דאָס טיף פאַרבענקטע אינגל האָט געפרעגט ביי ר׳ זרח׳ן — וואָס הייסט נשמה? איז דער ענטפער געווען — אַ רוחניות. דער גוף איז דאָך בלויז ערד. רייב איין האַנט אין דער אַנדערער וועסטו זען.

און לייבעלע מיט דעם שאַרפן קאָפּ און מיט דעם גוטן האַרץ האָט דאָס אַלץ איינגעזאַפּט. נאָך ר׳ זרח׳ן איז ער נאָך אַלץ נישט געווען פאַרטיק מיט אַלע מלמדים. אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבן אָפּט אַליין גיין אין בית מדרש אריין, וואו ער האָט מער פון אַלץ ליב געהאַט מעשה׳לעך צו הערן.

אין בית מדרש האָבן געדאַוונט צוויי אַלטינקע אידן, אַ צווילינג,ביידע שוין ווייס ווי די טויבן, ענליך איינער צום אַנדערן ווי צוויי טראָפּן וואַסער. נאָכ׳ן דאַוונען בלייבן זיי אַליין און דערציילן זיך

מיט בענקשאפט ניסים פון אמאליקן זאמאשטש. רופט ליבעלע צו נענטער דאס קעפל און הערט זיך אונטער, ווי איינער דערציילט דעם אנדערן:

— א קליינינקייט דער אמאליקער רב פון זאמאשטש! א דינסט־מיידל איז אמאל געקומען צו אים פרעגן א שאלה וועגן אן אפגע־בראטן גענדזל. האט זי עס אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש פאר'ן רבי'ן, נאר ער האט עס נישט געזען. ער איז געזעסן און געלערנט. בים־לעבוויוז האט ער עס אויפגעגעסן. און ווען די רבי'צין זאגט אים אז דאס גענדזל איז א שאלה, ענטפערט ער — שא, רבי'צין, אז איך האב געגעסן איז כשר.

די וועלט איז נישט אינגאנצן ערנסט און טרויעריג פאר א בר מצוה אינגל. פרייד און געלעכטער זענען אויך שטארקע פליגל, אויף וועלכע מען קען קומען פאראויס אין לעבן.

ד

# דער עילוי

דער עילוי האָט זיין קאָפּ געטראָגן ליכט אויף די אַקסלען. די געדאַנקען האָבן זיך געיאָגט אין אים. ער איז געווען ווייט פון אַרויפציִען אויף זיך דעם ערנסט און טרויער פון אַ נזיר. פרייד און געלעכטער האָבן אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען איבער די גאַסן און איבער די לאַנקעס זינגעוודיג און שפּרינגענדיג. געמיינט האָט ער, אַז איצט, ווען ער איז שוין פאַרטיק מיט אַלע בעסטע מלמדים אין שטאָט, וועט דער טאַטע אים געבן מנוחה פון ווייטער לערנען און ער וועט אַליין קענען פריי קלערן פון אַ תכלית. דער זאָרגעוודיגער טאַטע האָט אַנדערש געטראַכט.

קינדער מיט געשליפענע מוחות ציִען אַרויף אַ טיפע אחריות אויף זייערע עלטערן און ר׳ יודל איז נישט געווען קיין אויסנאַם. ער האָט געגלויבט, אַז אין זיין בכור האָט ער אַן אבן טוב וואָס ער דאַרף אָפּהיטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער טאָר נישט אַרומגיין פּוסט און פּאַסט גלייך ער וואָלט שוין אַלע תורות אויסגעלערנט. און דער טאַטע האָט נישט איינמאָל פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט קלערנדיק וואָס ווייטער צו טאָן מיט אים. אין אַ ניכטערער מינוט האָט דער פאָטער באַשלאָסן, אַז ער האָט אַ טייערן פקדון און ער קען זיך אויף זיך אַליין נישט פאַרלאָזן. גאַנץ פרי האָט ער איינמאָל גענומען לייבעלע׳ן און איז מיט אים אַריבער צום זאַמאָשטשער רב ר׳ משה וואָהל מיט אַ בקשה ער זאָל אים פאַרהערן. דער איידעלער רב מיט דעם ווייסן, זיידענעם בערדעלע איז נשתומם געוואָרן פון זיין לערנען. דאָ אין שטאָט, האָט ער געזאָגט, איז מער פאַר אים קיין מלמד נישטאָ. מען דאַרף זוכן. זאָל ער אים שיקן קיין שעברשין צו פּנחס׳לען. ר׳ יודל האָט זיך געקווענקלט, אַז די מאַמע וועט

דאָס נישט פאַרליידן ווייל ער איז צו יונג. האָט דער רב אַ ווייל נאָכגעקלערט און געזאָגט: ווייסטו וואָס יודל, פּרואוו אַ זמן אין בית מדרש. זאָל ער לערנען אַליין.

אַ ליכטיקע וועלט האָט זיך פאַר לייבעלע'ן געעפנט. דער רב ר' משה האָט אין אים איבערגעלאָזט אַ וואַרימקייט. אים, האָט ער געטראַכט, דעם גוטן רב, וועט ער נישט אַנטוישן. ער וועט טאַקע ווערן אַ אמת'ער מתמיד, וועט זיצן יום ולילה אין בית מדרש און לערנען און ווער ווייסט, אפשר וועט ער אַליין אַמאָל ווערן אַ רב. די ערשטע טעג איז ער נאָכאַנאַנד געגאַנגען מיט זינגענדיקע טריט אין בית מדרש. דאָרט האָט ער לאַנג געקליבן צווישן די ספרים אויף די הויכע פּאָליצעס און האָט אַראָפּגענומען יענע, וואָס זענען פאַר אים צו שווער געווען. דער יונגער מח האָט אי זיך געמאַטערט אי אויפגעכאַפּט.

די וועלט האָט געצויגן אין דרויסן. ער האָט אָנגעהויבן צו גע־פינען אַלץ מער צייט פאַר שטיפעריי, פאַר שפּילן דאַמקעס און שאָך מיט אַנדערע אינגלעך, האָט עפּטער אַרומגעוואַויוועט אַרום הויז, ווען ער האָט געפילט אַז ער האָט גענוג אָנגעשטרענגט דעם מח. נישט איינמאָל פלעגט ער אָוועקוואַנדערן איינער אַליין אַרויס פון שטאָט, וואו ער האָט געקענט אומגעשטערט נאָכקלערן פון וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט.

דער פאָטער האָט אים אַלץ עפּטער אויסגעשטראָפט און ריוועלע האָט געהאַט צער. זי האָט געפּרואווט לינדערן דעם מאַנ'ס ווייטאָג מיט אויפקלערן אים, אַז אַ קינד דאַרף מען אָפּט צורולאָזן, ווייל ער האָט זיך זיינע אייגענע דאגות און ווייטאָגן. אָבער ר' יודל האָט זיך אַלץ געזאָרגט, אַז זיין וואויל־לערנער קאָן חלילה ווערן אַ פּוסטאונפּאַסטניק. אַרום יענער צייט האָט עס אימעצער אַ זאָג גע־טאָן דאָס פּריקרע וואָרט, דער משוגענער לייבוש. גיך ווי אַ פייער אין שטרוי האָט זיך דאָס ווערטל פאַרשפּרייט. מ'האָט עס געזאָגט אַ ביסל מיט וואונדער און אַ ביסל מיט ליבשאַפט. האָבן טאַטע־מאַמע אַ ביסל שטאַרקער נאָכגעטראַכט און באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע וועט זיין אָנצונעמען דעם רב'ס עצה און אים אָוועקשיקן לערנען קיין שעבערשין, דריי מייל פון זאַמאָשטש מיט דער בויד.

דער געדאַנק אַז ער פֿאָרט אַוועק פֿון דער היים, האָט אים איז אַנהויב דערפֿרייט. ער האָט זיך אויסגעמאָלן אַז אַנדער וועלט איז דער אַנדערער שטאָט, וואו ער וועט זיין פֿרייער און מער מיט זיך אַליין. באַלד אָבער האָט אים אַן אומעט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. ער וועט דאַרפֿן פֿאַרלאָזן אַלץ וואָס איז אים ליב און טייער. ווען דער פֿרימאָרגן איז געקומען, האָט ער זיך קורץ מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט און איז אַוועקגעפֿאָרן צום נייעם רבי'ן. דאָס פֿאָרן אַליין האָט אין אים אַרויסגערופֿן אַ דערהויבענע אויפֿרעגונג. עס איז געווען זיין ערשטע רייזע אַוועק פֿון דער היים און דערצו לשם תורה.

געשיקט האָט אים דער טאַטע מיט ר' זלמן שענקער וואָס האָט געפֿירט די פּאָסט. עס האָט פֿאַר אים אַ בליאַסק געטאָן מיט דער דרויסנדיקער וועלט. דער פּאָסט־וואָגן מיט די צוויי ברוינע פֿערד ווי קאַשטאַנעס, איז געווען באַצירט מיט גאָלד און זילבער באַ־קנעפּלטע לייצעס. און וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנ־ציע, האָט ר' זלמן אַרויסגענומען זיין מעשענעם טראָמפּייטער און האָט געטראָמייטערט אַן אַ שיר. עס איז פֿאַר אים געווען, אַזוי ווי ער וואָלט מיטגענומען אַ טייל פֿון פּאָלקאָוואַי אָרקעסטער פֿון גאָרטן. אין פּאָסט־וואָגן האָט צו אים גערעדט אַ שעבערשינער באַלע־באָס. פֿון אים איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ר' פּנחסל איז אַן אַלטער קאָצקער חסיד. נאָך אַלעמען איז דער געלער מיכל אויך אַ קאָצקער, האָט ער געטראַכט, און עפּעס מוז זיין אַ ווילן אין דער השגחה, וואָס פֿירט אים ווידער איינצוזאַפּן די סודות'דיגקייט און דאָס דבקות פֿון אַ קאָצקער.

נאָך אַ לאַנגן טראָמפּייטערן, האָבן זיך דערזען די שטרויענע דע־כער און די נידעריגע הייזלעך און כאַטעס פֿון שעבערשין. דאָס האָט אויף אים אַנגעווייעט אַן אומעט. אַ חוץ אַ פּאָר צווייסטאָקיגע געבויטע הייזער, איז גאַנץ שעבערשין באַשטאַנען אַזוי ווי פֿון איין לאַנגער בלאָטיקער גאַס מיט איינגעטוליעטע כאַטקעס.

ר' פּנחסל איז נישט געווען אין דער היים. אַזוי האָט געזאָגט זיין שוואַרצע, הויכע אידענע דעם נייעם תלמיד, בשעת ער האָט געקוקט מיט הונגעריגע בליקן אויף אַ גלאָז מילך וואָס איז געשטאַנען

צוגעדעקט מיט א טעצעלע אין א ווינקל טיש. זי האט זיך גלייך גענומען פארען ביי דער קיך, אים דערלאנגט א שיסעלע ציבעלקעס מיט רעטעך און אן אייער־קיכל ער זאל זיך נישט דארפן וואשן שאו ידיכם און געזאגט, אז זי וועט אים באלד ברענגען א גלאז מילך. אזוי גיך ווי זי איז ארויס האט ער אויפגעגעסן וואס זי האט אים געגעבן, און ווען זי איז אלץ נישט צוריקגעקומען, האט ער אויסגעטרונקען דאס גלאז מילך וואס איז געשטאנען פאר אים. ווען די רבי'צין האט זיך אומגעקערט און דערזען דאס ליידיקע גלאז, האט זי גענומען אכצן און קרעכצן, פארבראכן מיט די הענט ווי א גרויס אומגליק איז געשען און איז אוועקגעפאלן אין חלשות. ר' פנחסל איז געווען אוועקגעפארן אין דארף אריין צום איידעם. איר זויגנדיקע טאכטער איז קראנק אויף א ברוסט און געפינט זיך דא אין פנחסל'ס אלקער. דערפאר, האט אים די רבי'צין געזאגט, וועט ער דערוויל דארפן לערנען אין א פינצטערער שטוב. דאס גלאז מילך וואס דער תלמיד, דער תכשיט, האט אויסגעטרונקען, איז געווען צוגעגרייט פאר'ן דאקטאר, אפגעצאפט פון דער טאכטער'ס ברוסט. אימעצער האט איר שוין פריער דערציילט, אז דער נייער תלמיד פון זאמאשטש איז דער משוגענער לייבוש.

ר' פנחסל האט דעם נייעם תלמיד גוט אויפגענומען, האט אים געמאכט פילן, אז ער האלט אים טאקע פאר אן עילוי. אבער ער האט אים נישט געקענט אפגעבען קיין סך צייט. ער איז געווען פארנומען טאג און נאכט. בייטאג איז ער גאר אפט געווען א בורר אין שטעטל אדער אין די ארומיקע דערפער, האט אויסגעהערט אלערליי טענות פון פארשידענע צדדים, געווען שיר נישט א דיין. אין די נעכט פלעגט ער פראווען התבודדות, האט געשריבן פאר־שידענע חידושים אויף דער תורה און נישט געלאזט קיין ספק אין געדאנק פון א נייעם תלמיד, אז ער איז אן אמת'ער קאצקער. אבער אין דעם קליינעם ביסל צייט וואס ער האט אמאל אפגעטיילט דעם עילוי פון זאמאשטש, האט ער אויף אים געמאכט א שארפן רושם. דער סאמע עיקר, האט ר' פנחסל אים געלערנט, איז אליין צו לערנען פאר זיך און דאס, פארטאג. מען דארף זיך תמיד אליין שארפן דעם מח. דער רבי האט פאר אים אויך געפונען א גוטן חבר. דאס איז געווען א שטילער יונגערמאן מט געלאקטע פאות, א שעבערשינער

בחור, מיט וועמען ער פלעגט יעדן פארטאָג לערנען אין בית מדרש. די צוויי תלמידים האָבן זיך ליב באַקומען אהבת נפש. זיי פלעגן גיין און שמועסן צוזאַמען איבער די אַרומיקע לאַנקעס אָדער אויס־ציען זיך ביים וואַסער אויפ'ן גראָז. און צוזאַמען האָבן זיי ליב געהאַט דעם רבי'ן, ווייל ער האָט זיי געוויזן דעם וועג ווי אַליין צו לערנען. צום רבי'ן, האָט ער זיי אַנגעזאָגט, דאַרף מען נאָר קומען מיט ספקות, מיט שאלות, ווען עס איז באמת פאַראַנען אַ דבר קשה.

אין שעבערשין האָט דער עילוי געהאַלטן די אויגן און אויערן אָפן. נישט נאָר תורה האָט ער געשעפּט און איינגעזאַפּט אין זיך, נאָר אויך דאָס אַרומיקע לעבן, דאָס אַרימקייט־רייכע לעבן פון שטעטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ באַרג חורבות אַנטקעגן זיין היים־שטאָט מיט דעם שיינעם טורעם־זייגער. עס האָט אים פאַרנומען דאָס לעבן פון דער רבי'צין מיט אירע שכנות. זי פלעגט מיט זיי רעדן אַ סך אין די אָוונטן ווען ער האָט זיך געלעגט שלאָפן. ווען די רבי'צין האָט געמיינט, אַז ער שלאָפט שוין געשמאַק, האָט ער ערשט דאַמאָלס אָנגעשפּיצט די אויערן און געהערט ווי זי האָט אים באַרעדט פאַר אירע נייגעריקע שכנות. זי פלעגט וועגן אים רעדן ווי וועגן דעם תכשיט מיט די גרויסע ברענענדיקע אויגן. און וואָס פאַר אַ שגעונות ער האָט, האָט זי נאָך מיט איבערטרייבעניש דערציילט. רייסט אַלץ אַראָפּ פון זיך. צערייסט דאָס היטל. שלייפט אָפּ די אָפּצאַסן פון די שטיוול. וואָס איז דער וואונדער. איר מאַן דער למדן איז שטענדיק פאַרנומען. דעם תכשיט איז שוין אַ פּנים דערעסן דאָס לערנען אין בית מדרש. לויפט הינטער דער שטאָט, ליגט אויף דער לאַנקע אויס־געצויגן מיטן פּנים צום הימל אָדער אַראָפּ אויפ'ן גראָז. זי איז אים נאָכגעגאַנגען זוכן און האָט אַליין געזען. ער טוט אַלץ קאַפּויר. משוגעת. אַזוי האָט אים די שוואַרצע רבי'צין פאַר'מסר'ט פאַר'ן רבי'ן. ער איז אמת משוגע, עס איז פון אים נישט אויסצוהאַלטן. זי האָט אים קיינמאָל דער טאַטע־מאַמע'ס גלאָז מילך נישט פאַרגעסן.

ביי לייבעלע'ן האָט דאָס בלויז פאַרשטאַרקט די בענקשאַפט אַהיים. פאַר פסח, מיט'ן אַנקום פון די ערשטע גרינע שפּראָצן אויף גראָז און בוים, איז די בענקשאַפט אַהיים נישט געווען מער אַריבערצו־טראָגן און ער איז קראַנק געוואָרן. ערשט איצט איז פאַר אים אויס־געוואַקסן זאַמאָשטש אין איר גאַנצער גרויסקייט און שיינקייט. איידער

דער זמן איז נאָך געווען אַריבער, האָט די שוואַרצע רבי'צין אויס־געפירט און ר' פּנחסל האָט געשריבן אַ גע'כתיבה'טן בריוו צום זאַמאָשטשער רב ר' משה וואָהל, אַז ער דאַרף נישט אַזאַ תּלמיד. אויף יום טוב איז דער עילוי אַן אויסגעבלייכטער אַהיימגעקומען מיט'ן פּעקעלע אונטער'ן אָרעם און די מאַמע האָט אים געקושט און געהאַלדזט מיט טרערן פון פרייד, ווי ער וואָלט געקומען פון אַ ווייטער וועלט. אויך דער פאָטער האָט אים גאָרנישט מער פאָרגעוואָרפן, נאָר גלייך נאָך די יום טובים האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט נאָך מאַכן דעם לעצטן פּרואוו. ער האָט אָנגעזאָגט לייבעלע'ן די בשורה, אַז ער ברענגט אים אַ נייעם מלמד וואָס וועט מיט אים לערנען אין דער היים. דאָס איז געווען ר' אברהם יהושע, אַ געוועזענער דיין, אַ פאַר־טאַביקטער איד מיט אַ לאַנגן קאָפּ, וואָס האָט געטראָגן אַן אַלט ספּאָדיקל מיט לאַצלעך, און ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, האָט ער מיט דער נאָז געפירט איבער די בלעטלעך אַהין און אַהער, אַזוי קורצזיכטיק איז ער געווען. קוקנדיק אויף אָט דעם ר' אברהם יהושע'ן, האָט אין לייבעלע'ן אויפגעוואַכט דער אַלטער קאַטאָוועס־טרייבער. דער טאַטע האָט ערגיץ אויף אַ ליציטאַציע געקויפט צוויי פּאָרטרעטן פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן און זיין ווייב די קייסערטע עווגעניע. דער קורצזיכטיקער רבי האָט נישט געוואוסט ווער איז ווער, ווייל דער תּלמיד האָט זיי יעדן טאָג איבערגעהאנגען. ר' אברהם יהושע איז געווען זיין לעצטער מלמד.

אַלע צוימען זענען איצט פון אים אַראָפּגעפאַלן. ער איז געווען פריי. צום ערשטן מאָל האָט ער זיך קלאָר געמאַכט, אַז ער דאַרף זיך אַליין צוימען. כדי דער טאַטע זאָל נישט מיינען חלילה אַז ער וועט אַרומגיין פּוסט און פּאַסט, איז ער יעדן טאָג אַוועק אין בית מדרש און האָט געלערנט. דאָס האָט דעם טאַטן פאַרשאַפט הנאה און ער האָט אים שוין אַליין געלאָזט לערנען אָן אַ מלמד. דער מתמיד איז שוין געגאַנגען איבער דער גאַס מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און האָט געטראַכט מיט נחת, אַז ער איז פּטור פון אַלע מלמדים און זייערע פאַרשידענע טאַביק־ריחות. ער וועט איצט אויף אַן אמת אָנהויבן לערנען פאַר זיך. עס האָט אים צוגעצויגן דער געדאַנק, אַז זיין גייסטיקע וועלט וועט זיין זיין אייגענע. ער וועט לערנען וואָס ער וויל און וועט נישט דאַרפן אָפּגעבן קיין חשבון צו אַ מלמד. בלויז דעם

טאַטן וועט ער זאָגן וואָס ער לערנט און דאָס נאָר כדי אים נחת צו פאַרשאַפן.

דאָס אַלטע בית מדרש האָט פאַר אים באַקומען אַ נייעם, אַ הייליקן רייץ. אַלץ איז אים איצטער דאָ געוואָרן אַזוי נאָענט צום האַרצן. די לערנער וואָס האָבן זיך נאָכאַנאַנד געוויגט איבער די ספרים, פאַר־אויס און צוריק, אויף רעכטס און לינקס, די אינגלעך מיט זייערע זינגעוודיקע קול'עכלעך, די פאַליצעס מיט ספרים, די נאָענטקייט פון אַלעמען, אַפילו די היימישע ריחות, די שמועסן, די שאַרפע מוחות. דער געהויבענער טומל, ווי שטאַרק ער האָט ליב געהאַט אַריינצו־קומען אהין.

דער הויכער פאַליש מיט דעם קייליכדיק געוועלבטען באַלקן איז שטענדיק געווען פול מיט דאַוונערס, אַזוי ווי דאָס בית מדרש פלעגט זיין פול מיט לערנער. דאָס ברייטע טויער פון פאַליש איז שטענדיק געווען אָפן צום שולהויף. אין דער אייזערנער טיר וואָס האָט געפירט צו דער שול אַראָפּ, האָט ער געפילט די גבורה פון דורות, וואָס האָבן פאַר אים דאָרט געדאַוונט. ווען ער איז אין פאַליש פאַרביי־געגאַנגען די טרעפּ וואָס האָבן געפירט צו דער ווייבער־שול, האָט ער מיט דעם טריפנדיקן וואַסער פונם כיור אויף די הענט, אַ רגע זיך איינגעהערט מיט ערפאַרכט צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער בית דין שטוב און איז גלייך אַרויף אויף די טרעפּ צום בית מדרש. דאָרט האָט ער ליב געהאַט, בלומר'שט אַ מידער, צו זיצן אַ ווייל אויף דער לאַנגער באַנק ביי דער טיר און קוקן ווי אַ פאַר־כשופ'טער אויפ'ן ארון קודש מיט די ברייטע פאַלדן אין דעם לאַנגן, סאַמעטענעם פרוכת. און ווי טייער עס איז אים געווען דער אָנבליק פון די טיפע הויכע פאַליצעס מיט די טויזנטער אַלטע ספרים. ווי גיך ער איז נישט דורכגעגאַנגען דעם פאַליש, האָט ער פונדעסטוועגן תמיד געכאַפּט אַ בליק אויף די דאַוונער, געקוקט אַ ווייל פאַרגאַפט אויף די קאַליקעס, וואָס האָבן זיך דאָרט שטענדיק געפונען און האָט זיך אַרויפגעכאַפּט מיט גיכע טריט אין בית מדרש, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט פאַרלירן אַ מינוט פון לערנען.

צו די גרויסע שווערע ספרים האָט ער שוין אַליין געטראָפן. צום מורה נבוכים אויף דער העכסטער פאַליצע, צום עץ חיים, צום אורים

ותומים, וואָס האָבן געשאַרפֿט דעם שכל. ער האָט שוין געטראַכט פֿון דערגרייכן צום זוהר. אָבער דאָס לערנען איז אים טרוקן. ער וויל וויסן, וואָס איז נשמה? אין בית מדרש איז זי נישטאָ. אפשר איז די נשמה אין חסידים־שטיבל ביי די בעלזער, ביי די גערער? גייט ער אַפּטמאָל דאַווענען אין בעלזער שטיבל אַריין. עס ציט אים אַהין די התלהבות, דער חסידישער ברען מיט׳ן געשריי, מיט׳ן קלאַפּן קאָפּ אָן וואַנט ביי שמונה עשרה. און פֿאַר אַן איבערבייט לויפֿט ער אַמאָל אין גערער שטיבל. דאָרט הערשט אַזאַ שטילקייט. די חסידים זענען אַזוי פֿאַר׳דבקה׳ט און ער זאַפּט איין דאָס חסידות. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער בחור, שוין אַ יאָר צוויי ווי ער לייגט תפֿילין, און ער רויכערט שוין שטאַרק. און ער איז נאָך אַלץ פֿרום.

אויך די נייע חברים האָבן אים געמאַכט דאָס בית מדרש היימלי־כער און נעענטער. דאָרט האָט ער דערזען וואָס עס הייסט זיין אָרעם און עלנט, ווען ער האָט געלערנט מיט אביגדור׳ל מלמד׳ס יתום, וואָס האָט נישט געהאַט צו עסן און האָט זיך געוואַלגערט אין בית מדרש. דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען אויס רחמנות צו אים. אין דער פֿרי, ווען די מאַמע האָט אים דערלאַנגט אָנבייסן, האָט ער בלויז אויסגעטרונקען די קאַווע. די בייגל מיט פּוטער האָט ער באַהאַלטן אין קעשענע און זיי אָוועקגעטראָגן דעם הונגעריקן יתום.

דאָס בית מדרש איז אים אַ וויַיל געוואָרן ווי אַ צווייטע היים. ווען מען האָט גערוט אַ וויַיל פֿון לערנען, האָט ער שטענדיק געהאַט מיט ווער צו שפּילן שאָך. פֿאַר׳ן ארון קודש איז די פּאָדלאָגע אַזוי ריין. דאָרט האָט ער זיך געקענט אויסציען אויף דער ערד און באַ־וויַיזן זיינע חידושים אין שאָך־שפּיל. דאָרט איז מען געשטאַנען און געזעסן אַרום אים און געקוקט פֿאַרגאַפֿט אויף זיינע קלוגע צוגן. אָפֿן און אויף אַ קול האָט מען באַוואונדערט זיין גאון׳ישן קאָפּ, אין שאָך אַזוי ווי אין לומדות. ווען ער איז טיילמאָל געווען אַליין האָט אים אָנגעכאַפּט אַ הוילקייט, אַן אומצופֿרידנקייט מיט זיך. און די פּוסטקייט אין אים איז פּלוצים נאָך גרעסער געוואָרן, ווען מען האָט אין שטאָט געעפֿנט אַ פּראָגימנאַזיע און ער האָט דערהערט, אַז זיין חבר באַסקל איז דאָרט געוואָרן אַ סטודענט. עס האָט אים אָנ־געכאַפּט אַ קנאה צום פֿריִריקן חבר פֿון די חדרים, ווען ער האָט אים באַגעגנט אין גאַס מיט ביכער. באַסקל האָט אים אויסגעזען ווי אַ

וועלט־מענטש. דער טאַטע איז אַפּילו געווען גרייט אים אויך אַריינ־צוגעבן אין גימנאַזיע, נאָר די מאַמע האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן. דאָס איז נישט פאַר איר משפּחה. די לעווינס וועלן אַזעלכעס נישט פאַרנעמען.

ביז איצטער איז דאָס יונגע לעבן געווען האַרמאָניש אידיש, פון די ראַזשינקעס מיט מאַנדלען אויפ'ן סידור ביז די טיפע סוגיאָס אין בית מדרש. די גימנאַזיע האָט זיך פּלוצים געטאָן אַ ריס אַריין אין זיינע געדאַנקען ווי אַ דיסאָנאַנס. עס האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט איר ערשטער קלאָרקייט די השכלה.

דער עילוי איז זעכצן יאָר אַלט געווען. פון די טעג אין שעבערשין האָט זיך אים איינגעקריצט אין זכרון ר' פּנחסל'ס אָנזאָג, אַז לערנען דאַרף מען פאַרטאָג. איז ער איינמאָל גאַנץ פרי אַראָפּגעלאָפן פון די פינצטערע טרעפּ אין הויז. אין קעשענע האָט ער געהאַלטן צוויי בייגל אָנגעשמירט מיט פּוטער פאַר זיין חבר אביגדורל מלמד'ס יתום אין בית מדרש. פּלוצים האָט ער אין דער טונקלקייט דערהערט ליכטע, פלינקע טריט. אימעצער האָט אים אַנטקעגן געשוועבט אַרויף אויף די טרעפּ. עס האָט אים אַ שימער געטון פאַר די אויגן מיט אַ פּאָר ווייסע, נאַקעטע אָרעמס. צוויי מיידלשע אויגן האָבן אים אַנטקעגן געבליצט. די זיסע, יונגע אָרעמס האָבן זיך אים געוואָרפן אויפ'ן האַלדז. אַ הייסער אָטעם האָט אים געווייעט אין פּנים אַריין מיט אַ קוש אויף די ליפּן. און ער האָט דערהערט איר צאַרט קול מיט גע־בעט: „לייבושל, לאָמיר זיך ליב האָבן".

דעם דערשראָקענעם עילוי האָט אַ בליץ געטון אַ געדאַנק: דאָס מוז זיין לילית!

# ה

# השכלה

ארום דער צייט ווען דער ערשטער קוש פון א מיידל האט אים א ברי געטאן די ליפן, האט די השכלה, ווי א לעבנס־שטייגער, צווישן די אידן אין זאמאשטש, שוין אנגעהויבן גיין בארג אראפ. די אמת׳ע בליצייט פון דער השכלה איז דארט געווען שיר נישט מיט א גאנצן יארהונדערט פריער. יענער הייסער באריר פון ליפן אויף זיינע האט אים געבראכט נישט אזוי שטארק דעם ראמאנס פון יוגנטליכער ליבע ווי זיין אייגענע, פערזענליכע השכלה. עס האט זיך, אין מער ווי איין זין, צוצינדן אין אים די אויפקלערונג. אלע זיינע חושים זענען געווארן וואך. קיין צווייפל נישט, אז דאס איז געווען לילית. ווי אנדערש, אז ערשטנס האט זי ווי מיט אייזערנע ריטער פאריאגט פון אים די תורה. ער האט מיטאמאל אנגעווארן דעם חשק צו גיין יעדן פרימארגן אין בית מדרש אריין בעלות השחר, ווען די שטערן האבן נאך ליכטיק געפינקלט אין פרימארגנדיקן הימל.

אלץ אין אים האט מיטאמאל גענומען זינגען דאס ליד פון השכלה. א נייער ערנסט האט אויפגעשטיגן אין אים. טיף אין זיך האט ער אנגעהויבן דערהערן זיינע ערשטע לידער אין דעם לשון פון די הייליקע ספרים. ריטמען און גראמען האבן אויפגעלויערט אין דעם יונגן קאפ און גייענדיק אין גאס אדער שטייענדיק ביי די גראטעס פון גארטן, האט ער זיינע ניי־געשאפענע ריימען הויך אנטקעגן גע־לייענט דעם ווינט. די התמדה איבער די טיפע ספרים אין בית מדרש איז אין אים איינגעשטילט געווארן. ער האט געפונען ווייניקער צייט פאר די מתמידים, מיט וועלכע ער פלעגט זיך מפלפל זיין און אלץ מער פון זיינע פרייע שעה׳ן האט ער אפגעגעבן צו די וואס זענען געווען באקאנט אין שטאט ווי בעלי השכלה.

גערויכערט באַהאַלטענערהייט האָט ער שוין פון קינדווייז אויף, פון זעקס יאָר אָן. האָט ער איצטער גאַנץ אָפט אָנגעהויבן אַריינקומען אין דוד שיפמאַן׳ס טאַביק־קראָם, וואו ער פלעגט זיך אויך קויפן שרייב־געצייג. דאָרט פלעגן אַריינקומען נייגעריקע יונגעלייט האַלבע דייטשן, וואָס האָבן שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע. דאָרט פלעגן יונגעלייט שטיין פאַרגאַפּט און צוהערן ווי איינער האָט מיט באַגייסטערונג דערציילט וועגן אַמאָליקע אידישע גדולים, וואָס האָבן געשטאַמט פון זאַמאָשטש. דאָרט האָט שיפמאַן אַליין פאַר דעם נייעם אונטערוואַקסנדיקן דור געשילדערט די גרויסע משכילים פון אַמאָל. ר׳ ישראל בן משה מזאַמאָשטש, וועלכער האָט געלערנט משה מענדעלסאָנען מאַטעמאַטיק און איז געוואָרן לעסינג׳ס אַ פריינט. די יונגעלייט האָבן מיט גרויס פאַרנעמונג צוגעהערט ווי אַזוי ר׳ ישראל איז געווען קעגן פּילפּול און חסידות, ווי אַזוי ער האָט געשריבן ספרים וועו ער האָט געוואוינט אין בערלין האָט פאַרפירט אַן עפנטליכן וויכוח מיט דעם דייטשן פילאָזאָף ניקאָלאַי, און ווי אַזוי ער האָט זיך צום סוף באַזעצט אין בראָד ביז צו זיין פּטירה.

פון דעם אייגענעם דוד שיפמאַן האָבן זיי צום ערשטן מאָל געהערט וועגן פראַנץ יאָזעף נוימאַן, אַן אַנדערע קאַלירפולע געשטאַלט פון זייער שטאָט, אַ משכיל, וואָס איז געוואָרן אַ משומד און אַ באַקאַנטער דרוקער פון ביכער. שטענדיק זענען געווען צדדים אין דער לומדישער שטאָט. פרומע אידן און, פאַרקערט, אַזעלכע וואָס האָבן נישט איינגעזען קיין געפאַר אין וועלטליכקייט. אַ סך פון זיי האָבן געקעמפט נעגן חסידות און זענען געווען פאַר בילדונג.

השכלה האָבן אויך צום גרויסן טייל אַריינגעבראַכט די אידישע דאָקטוירים. איינער פון זיי, נפתלי הערץ האַמבערג, וועמען די פרומע אידן האָבן אַ נאָמען געגעבן דער אידישער גרויס־אינקוויזיטאָר, האָט אין אָנהויב נײַנצנטן יאָרהונדערט געעפנט אַ דייטשע שול פאַר אינגלעך, וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון אייגענע שטייערן. אויפגעקלערטע זאַמאָשטשער אידן האָט מען געקענט געפינען אין גרויסע שטעט פון דייטשלאַנד, האָלאַנד, רוסלאַנד. זיי האָבן געפירט געשעפטן מיט וואַרשע, ווין, ברעסלוי, האַמבורג. אין פריריגע יאָרן האָט אין זאַמאָשטש גע׳שמ׳ט ווי אַ בית ועד לחכמים דאָס הויז פון ר׳ יוסף צירעלעס, דער פאָטער פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים, וועלכער האָט

מיט יאָרן שפּעטער געשריבן וועגן זיין היימשטאָט: פאַר בילדונג האָט מען דאָ מער זין ווי אין גאַנץ פּוילן.

דאָ אין דער טאַביק־קראָם האָט די יוגנט געשעפּט דערמוטיגונג פון דעם, וואָס אין דעם דור פאַר זיי זענען פאַרגעשריטענע יונגעלייט אַוועק אין דער וועלט און האָבן זיך אויסגעצייכנט. יעקב אייכענבוים האָט עטליכע יאָר פאַרשפּרייט די בערלינער השכלה אין זאַמאָשטש. ער איז געווען אַ פּאָעט, אַ לערער און לאַנגע יאָרן אינספּעקטאָר פון דער דאַבינער־שול אין זשיטאָמיר. צעדערבוים איז אין אַדעס געוואָרן אַ שניידער, האָט אָבער אַ סך געלערנט און איז באַרימט געוואָרן ווי דער אַרויסגעבער פון המליץ, פון קול מבשר, פון ראַזסוועט און פון פאָלקסבלאַט. אין יענע ווייטע יאָרן איז דאָס אידישע לעבן געווען לעבעדיק און רירעוודיק און זאַמאָשטש האָט פאַרדינט איר נאָמען קליין־פּאַריז.

דעמאָלט ווען די דורשטיקע יוגנט פלעגט זיך צוזאַמענקומען שטייענדיק אין שיפּמאַן'ס טאַביק־קראָם איז שוין דאָס געזעלשאַפטליכע אידישע לעבן ביסלעכווייז צורינען. מלחמות, באַלאַגערונגען, מגפות האָבן דאָס אידישע לעבן חרוב געמאַכט. אין די צייטן פון דער עסטרייכישער אָנגעהעריגקייט האָבן אין דער אומגעגנט פון זאַמאָשטש איינגעוואַנדערט אַ ביסל דייטשן. טייל זענען געווען באַלמעלאָכעס אין שטאָט. אין בעסערע הייזער זענען געווען דייטשע דינסטן. אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אויף די פעלדער אַרום ווי קאָלאָניסטן. זיי האָבן אויך אין אַ געוויסער מאָס אַרויפגעלעגט זייער שטעמפּל אויף דער שפּראַך און אויף דער וועלטליכקייט פון זאַמאָשטשער אידן. שפּעטער האָבן די אַלע דייטשן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

ווען דער יונגער פּרץ איז זאַט געוואָרן פון לערנען אין בית מדרש, האָבן שוין פיל אידן אין שטאָט געשיקט זייערע קינדער אין גימנאַזיע. מען האָט שוין ווייניקער געוואָלט לייענען אידיש. קיינער האָט נישט שטאַלצירט מיטן מאַמע־לשון. און כאָטש ר' יודל פּרץ האָט זיין לייבוש'ן נישט געשיקט אין גימנאַזיע, האָט ער פונדעסטוועגן אים געלאָזט לערנען ביי היימישע לערער. ער האָט צו אים געדונגען אַ רוסישן לערער וואָס איז געווען אַ שרייבער אין דער פעסטונג איידער מען האָט זי איינגעוואָרפן. האָט אָבער דער ערל ליב געהאַט דעם

ביטערן טראָפּן און עס האָט זיך געטראָגן פון אים וואָלוועלער בראָנפן. לייבוש האָט אים נישט געקענט פאַרטראָגן און ווייניק געלערנט, בלויז איינגעזאַפּט פון אים אַ ביסל רוסיש.

אַן אַנדער לערער וואָס דער פאָטער האָט אים געדונגען איז געווען דאָס הויקערל שטערן, אַ לערער פון דייטש. דעם הויקערל'ס פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער מאַטעמאַטיקער, אָבער דער זון איז צום פאָטער נישט געווען ענליך. ער האָט מיט זיך געבראַכט דאָס דייטשע ביכל פון דער אַלענדאָרף מעטאָדע און האָט אים געלערנט קאָנווער־סאַציע פון דעם סאָרט: גוט מאָיען הער! ווי זינט זי געשלאָפען? אָבער נישט דעם לערער און נישט דעם שילער איז דאָס געקראָכן אין קאָפּ. דאָס הויקערל האָט אָבער אויך געהאַט מיט זיך אַ פּעשל קאָרטן, האָט ער דעם שילער גראָד גוט אויסגעלערנט שפּילן אין פרעפעראַנץ. ווען דער טאַטע האָט עס אויסגעפונען, האָט ער דעם הויקערל אָפּ־געזאָגט.

דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן פון לערנען. פון דער אַלענדאָרף מעטאָדע וואָס איז אים איבערגעבליבן, האָט ער זיך אַליין געלערנט דייטש. העברעאיש האָט ער שוין גוט געקענט. און ווען ער האָט ביי דוד שיפּמאַנען גענומען לערנען דיקדוק, האָט דער יונגער גאון'ישער קאָפּ נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם טרוקענעם פּקד פּקדתי. נאָך אַ פּאָר לעקציעס פון דיקדוק איז ער פון שיפּמאַנען אַנטלאָפן.

לילית מיט איר טונקעלן און הייסן קוש האָט אים נאָכאַנאַנד גע־רייצט און געוועקט. ער האָט גוט געקענט איר טאַטן, דעם אַלטן ר' זלמן, אַ פּלישיקער איד מיט דריי טעכטער, וואָס האָבן אַלע געלייענט דייטש און געלערנט פראַנצויזיש. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל ביב־ליאָטעק. פון דאָרט האָט לייבוש אַרויסבאַקומען אַ ביכל וועגן פיזיק. מיט דער פיזיק איז ער אויפגעזעסן נעכט און געלערנט. מיט די דריי שוועסטער פלעגט ער אינגלוויז אָפּטמאָל פאַרנאַכט זיך פאַר־גנב'נען צו דער גרינער באַוואַקסענער חורבה הינטער דער שטאָט. דאָרט פלעגט ער מיט קליינע מיידלעך זיך שפּילן אין חתן כלה. די כלה איז געווען די עלצטע פון די דריי שוועסטער, אַ מיידל מיט לאַנגע צעפּ, און ער איז געווען דער חתן מיט די פייערדיקע אויגן. ווען חתן כלה האָבן זיך אַמאָל צוקריגט, האָט ער איר געטראָפן מיט אַ

שטיינדל אין אויג און עס איז געבליבן א צייכן ביז צו דער אמת'ער חופה. אבער געקושט אויף די טונקעלע טרעפ האט אים די מיטלסטע. דערביי האט זי אים געווארנט, אז אויב ער וועט זי נישט ליב האבן, וועט זי אוועק צו יונה'טשען. דאס האט אים א ברען געטון, ווייל אויף יונה'טשען מיט דער געגאלטער מארדע האט מען געזאגט, אז ער איז א שאלאטן־שמש ביי די אפיצירן און טראגט זיי בריוועלעך פון די דינסטמיידן. מען זאגט אויף אים פוי, אבער שטילערהייט איז מען אים מקנא. נאך יענעם קוש האט ער זיך מיט איר אפט געטראפן און געקושט זיך, אבער וואס אמאל זעלטענער, ווייל איינ־מאל א וואך האט ער זיך געטראפן מיט דער עלטערער, די געוועזענע כלה אין דער קינדער־שפיל אין דער חורבה.

די עלטערע האט אים געזאגט, אז ער דארף זיך לערנען פויליש און זי איז געווארן זיין לערערין. ער האט דאס פויליש געשלונגען פון אירע ליפן. איינמאל האט זי אים געבראכט קאזשעניאווסקי'ס ראמאן „קאלאקאציע", דאס ערשטע פוילישע בוך וואס ער האט איי־בערגעלייענט. ווען ער האט זי איינמאל מיט ליבשאפט געדריקט צום הארץ, האט ער זיך געוואונדערט פון וואנען עס נעמט זיך צו אים אזויפיל צערטליכקייט. און די עלצטע האט אים איינמאל געזאגט אויף דער אינגסטער, אז זי איז נעבעך א קראנקע. אין א קורצער צייט ארום איז ער געזעסן ביי איר גסיסה. אירע ליפן האבן זיך קוים באוועגט. מיט איר לעצטן אטעם האט זי זיך געבעטן ביי אים, ער זאל איר געבן א קוש אין שטערן, נישט אין מויל. מיט דעם לעצטן קוש האט זיך געענדיקט זיין ליבע צו די דריי שוועסטער. די אינגסטע איז געשטארבן. די עלצטע איז א כלה געווארן מיט א חתן פון רוס־לאנד. נאר די מיטלסטע האט אים נישט געלאזט פארגעסן אן זיך. זי האט אים געשיקט בריוועלעך מיטן דינסטמיידל און געהאט טענות צו אים. האט ער זיך איינמאל פארקליבן אין א ווינקל א שבת פאר־נאכט, איידער דער ערשטער שטערן איז אויפגעגאנגען, ווען די מאמע האט אויסגעזונגען איר גאט פון אברהם, און ער האט עפעס פיבער־דיק געשריבן מיט א שטיקל בלייפעדער. דאס האט ער אין זיינע ערשטע לירישע פערזן געענטפערט דער מיטלסטער שוועסטער אויף אירע טענות:

האסט צו מיר אַ טענה איך האָב דיך געקושט?
גלויב ס'איז געווען אַ שגעון.
זיכער אַ דבוק פון זמרי בן סלוא,
איך וואָלט מיך באַגאַנגען דעראָן.
גאַנץ זיכער אַ דבוק פון זמרי בן סלוא.
גלויב, נישט דיין איז דער כשוף.
וואַרט, אפשר קומט ער צוריק דער שגעון,
דערווייל אָבער בין איך מיושב.

דער שגעון האָט זיך מער צו אים נישט אומגעקערט. דאָס ליד איז געוואָרן די לירישע מצבה אויף דער דריי שוועסטער ליבע. אַ בענקענדיקע ליבשאַפט איז אים פאַרבליבן אין האַרץ, אַ זוכעניש נאָך עפּעס וואָס זאָל צוציען דאָס האַרץ און דעם מח צוזאַמען. וואָס טוט זיך הינטערן פאָרהאַנג פון דער דרויסנדיקער וועלט?

צאַרט און ליבליך ווי ער איז געווען מיט די מיידלעך, איז ער אין שפּיל מיט די אינגלעך געווען גאָר אַן אַנדערער. דאָ האָט ער ליב געהאַט דאָס געפּיל פון באַהערשונג איבער דער מחנה חדר־אינגלעך און עלטערע יונגעלייטלעך קעסט־קינדער, וואָס האָבן גע־לערנט אין בית מדרש. איבער זיי איז ער געווען אַ גאַנצער גענעראַל.

פון צייט צו צייט האָט ער איצטער ליב געהאַט צו פאַרפאַסן אַ שטראָף־ליד אָדער אַ חוזק־לידל. וועגן וואָס? מאַלע וועגן וואָס! וועגן דעם סמאָטריטעל אין גאָרטן, וועגן דער שלעכטער אָרדנונג אין אידישן לעבן אין שטאָט, וועגן דעם אַז פליש איז טייער, ווי ער האָט געזונגען אין דעם ליד „זאַמאָשטשער פּאָזשאַנדיק":

אכט־און־צוואַנציק גראָשן אַ פונט,
אַרויסצוואַרפן פאַר די הונט.
און אַ פונט אוי, אַ גרויסע קלאָג,
שטיינער און ביינער און אַ פאַלשע וואָג.

אין שטוב האָט מען אויף אַ שטיקל צייט אַריינגענומען אַ גוי'ע פון דאָרף צום קראַנקן ברודערל. פלעגט זי אים איינשלעפערן מיט מעשיות און געזאַנג. האָט זיך לייבוש געלייגט אויפ'ן בעט, קלאָ־מערשט מיט קאָפּ־ווייטיק, און זיך איינגעהערט ווי די גוי'ע זינגט

אים אויס אַלע אירע קאַלענדעס מיט אַזעלכע לאַנג־געצויגענע טענער: העי, קאַ — לענ — דאַ! צום ליבסטן איז אים געווען צו הערן ווען זי האָט דערציילט ווי פּריצישע הינט יאָגן זיך נאָך חיות אין וואַלד. ווי פלינק זיי כאַפּן האָזן און פוקסן און פאַלן אַן אפילו אויף בערן און וועלף. אַ מצוה אויף די פוקסן, האָט לייבוש געטראַכט. פון שיר השירים האָט ער געדענקט, אַז זיי פאַרדאַרבן די וויינגערטנער אין ארץ ישראל.

ער האָט די אויגן אַזוי ווי ברייטער געעפנט און האָט מיט מער חידוש זיך צוגעקוקט צו דער אַרומיקער וועלט. באַזונדערס האָט ער ליב באַקומען זיך צו צוקוקן צו מענטשן און פאַרנעמען זייער אויסזען און זייערע מידות. ער האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו די פּויערים אויפ׳ן מאַרק, צו די אָפיצירן אַרום גאַרניזאָן, צו די פאַרשידענע שיינע אידן אין שטאָט, ייאָס גייען שוין נישט דייטשמעריש נאָר טאַקע עכט דייטש אין קורצע קליידער און קאַמאַשן, אוים מיט די שטיוול. איינער אַזאַ איד אַ דייטש האָט געוואוינט נעבן אָפיצירן קלוב אין אַ באַזונדער הייזל מיט אַ גאָרטן. אין זומערטעג, ווען ער איז געגאַנגען זיך באָדן, האָט ער דורך די שפּאַלטן אין פּאַרקאַן געזען ווי עס דרייט זיך אַרום אין גאָרטן אַן איינציקע טאָכטער אַ הויקערל, וואָס שעמט זיך צו ווייזן זיך אין גאַס. אַזאַ אומעט האָט אים אַרומגענומען, זעענדיק ווי זי רייסט בלומען אָדער קוקט אַריין אין אַ ביכל. אויך אַנדערע מענטשן פון שטאָט האָבן זיך אים דאַ־מאָלס אויף אייביק איינגעקריצט אין זכרון. דער אַפּטייקער, וואָס פלעגט זיצן אויפ׳ן גאַניקל אין מאַרק אַריין, וואו ער האָט געבלע־טערט אַ בוך מיט בילדער פון אַלט־פּוילישע מלכים. זיין ווייב מיט די צוויי טעכטער, אַלע העסליך ווי די נאַכט. דער קוימען־קערער וואָס האָט געוואוינט נעבן דער רייט־שול און האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו קושן זיך, ווען ער איז זומער־צייט געקומען אויפ׳ן מאַרק. די אַלטע שבת־גוי׳ע לאַפּאַי. דער פּריץ זאַמאַיסקי וואָס האָט זיך זעלטן באַוויזן, נאָר בלויז ווען ער איז געקומען אויף קבר אבות אין ווייסן קלויסטער אַריין. דאָרט, אין די קעלערס, זענען געלעגן דורות זאַ־מאַיסקים אין זייערע אייזערנע, בראָנזענע און זילבערנע טרונעס, און איבער זיי זענען געהאַנגען פּאָרטרעטן אין אַ מין שטריימלעך אויף די קעפּ און געלע שטיוול אויף די פיס.

אַפּטמאָל איז ער אַוועק אין דער רייט־שול הערן די אָפּיצירן רעדן רוסיש. ער פּלעגט שוין פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג, אַפּטמאָל ביז שפּעט אין דער נאַכט. איינמאָל אין אַ פּרייטיק איז ער אַמאָל אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין וואַלד, אויף פעלדער און לאָנקעס. געקומען אין בית מדרש אַריין צו קבלת שבת אַ וואָכעדיקער, די שטיוול אין ליים. דער פאָטער האָט זיך פאַרשעמט, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן פאַר'ן עולם. אין דער היים אָבער, ביים קידוש, האָט ער זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. שיינע שבתים מאַכט ער מיר! האָט דער צעוויטיקטער טאַטע אַ געשריי געטון, און די מאַמע האָט שטיל און מיט פּיין אַרויס־גערעדט: גלייך אַ קינד האָט נישט זיינע וויטיקן. ער איז שוין אָבער מער קיין קינד נישט געווען. שוין אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן. דאָס איז געווען דער צווייטער און דער לעצטער פּאַטש פון טאַטן.

פון דער איינענער משפּחה איז אים נאָנט געווען דער דייטש־מערישער פעטער יוסף אין זיין ראָק בלויז ביז די קני. ער איז געווען דער מעצענאַט פון אידיש אין שטאָט. ביי דעם פעטער זענען געשטאַנען קליינע ספרים'לעך אין אַ גלעזערנער שאַנק. זענען געקו־מען צופאָרן די בראָדער זינגער אויף אַ גאַסט־שפּיל, זענען זיי גע־קומען זינגען צום פעטער יוסף. ער האָט ליב געהאַט די היימיש־אידישע אַטמאָספערע ביים פעטער יוסף אין שטוב.

נאָך אַ מענטש איז געווען אין שטאָט וואָס האָט געהאַט פאַר אים אַ גרויסן כשוף. דאָס איז געווען ר' פייוול געליבטער, זיין חבר יצחקל'ס פאָטער. אַ איד אַן אַפּיקורס, אין דער היים פּוצט ער זיך די שטיוול אין מיטן דאַווענען. ער שאַרפט דאָס מוציא־מעסער אויף דער רצועה, און האָט דוקא געקאָנט תנ"ך פון אויסנווייניק. טוט אים וויי אַ צאָן, גייט ער נישט צום רופא, נאָר ער רייסט זיך אים אַליין אַרויס מיט אַ טשוואָק און מיט אַ שטריקל. דאָס ווייב האָט געהאַלטן אַ געוועלבל פון וואַנען זיי האָבן געצויגן חיונה, נאָר ער אַליין האָט געמאַכט האַלב פּרנסה פון פירן פּראָצעסן און פון שרייבן פּראָשבעס. אַ געזונטער איד.

די השכלה האָט ער אָנגעהויבן זען מיט אַלץ קלאָרערע אויגן אַרום זיך. און די השכלה, וואָס איז פאַר אים קלאָר געווען אַן איבערגאַנג

פון היימישן צום דרויסנדיקן, האָט זיך אַלץ טיפער אויסגעשפּרייט. אין אים. אין דער טאַביק־קראָם האָט ער זיך אויך באַקענט מיט דעם באַקאַנטן אַפּיקורס יעקב רייפמאַן, אָבער עס האָט אים פון אים אָפּגעשטויסן. ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זיין אויסערליכע אָפּגעלאָזנקייט. כאָטש ער האָט געדענקט און אים געשעצט פאַר דעם וואָס מיט אַ יאָר פינף פריער האָט ער מיט דער הילף פון יהושע מרגליות געשאַפן אַ ישיבה וואָס האָט זיך בלויז געהאַלטן איין יאָר.

אין זיין באַגער צו דערנענטערן זיך צו דער נייער, אומבאַקאַנטער וועלט, האָט שוין ליבוש אויסגעטאָן פון זיך די קאַפּאָטע. ער האָט זיך באַוויזן אויף די זאַמאָשטשער גאַסן אין אַ קורץ רעקל. אין אָנהויב צוזאַמען מיט זיין חבר יצחקל, אַ ביסל שפּעטער אַליין.

ביי אַ שיינעם זונאונטערגאַנג האָט דאָס יונגע בחורל ליבוש זיך אַליין אַרויסגעלאָזט אויפ׳ן שאָסיי, אַרויס פון שטאָט. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער׳ן גאָרטן. די בלייכע לבנה איז אַרויף אַלץ העכער. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַז עפּעס אַ צוים און געקוקט אויף דער לבנה. פּלוצים האָט אים אימעצער אָנגערירט ביים אַקסל און ער האָט אויפגעציטערט. עס איז געווען מיכל פידלער. דאָס איז ער געשטאַנען ביים פּלויט פון זיין הייזל. שטיל האָט זיך דער פידלער צוגעשלייכט מיט אַ ספר׳ל אין איין האַנט און אַ לאַמטערל אין דער אַנדערער. ער האָט געעפנט דאָס ספר׳ל און געטייטלט מיט אַ פינגער. — מען זאָגט, דו ביזט אַן עילוי. קענסט דאָ פּשט? ליבוש האָט אַריינגעקוקט אין דעם קבלה־ספר׳ל, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן אַ גילגול און האָט עס דעם פידלער גלייך פאַרטייטשט. — ביזט דאָך טאַקע אַן עילוי. וואַרט. ער איז פאַרשוואונדן אין הייזל אַריין און איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ שליסל. זיין פּנים איז געווען געל אין דעם לבנה־ליכט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ בר־מינן. מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט האָט ער געזאָגט: דער שליסל איז פון מיין ביבליאָטעק אין שטאָט. נעם אים. דו ביזט עס ווערט.

## ו

# דער שליסל

דעם גרויסן, פאַרזשאַווערטן שליסל האָט דער פאַרחלום'טער יונגער לייבוש געהאַלטן אין זיינע הענט, ווי אַ כשוף פון אַן אַנדער וועלט. ער האָט געוואָלט זיין אַליין מיט זיך און מיט דעם שליסל, וואָס וועט פאַר אים עפענען ווער ווייסט וואָסערע נייע אוצרות פון גייסט.

מיט'ן שאָסיי איז ער וווייט אַרויס פון שטאָט ביז ער האָט דערזען די צוקרימטע מצבות. ער איז געשטאַנען צווישן אידישן בית עולם און דעם גוי'שן צמענטאַזש. אַן אימפּעט האָט אים אָנגעכאַפּט און ער האָט גענומען אומלויפן אַהין און אַהער ווי דער משוגענער בטלן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן הויך מיט זיך אַליין. דאָס האָט ער געהאַט אַ ויכוח צווישן דעם יצר הרע און דעם יצר טוב. ווען ער איז פאַרמאַטערט געוואָרן פון אַרומלויפן צווישן די בית עולם'ס און פון דעם פיינליכן נאָכטראַכטן, איז ער, דריקנדיק פעסט דעם שליסל אין זיינע הענט, אַוועק צו יענעם הויז אין שטאָט, וואו מיכל פידלער האָט געוואוינט און געהאַט זיין ביבליאָטעק. דאָס איינציקע הויז אין שטאָט, וואו עס איז געווען ליכטיק אויף די טרעפּ. ער איז אַרויף אויפ'ן לעצטן שטאָק צום בוידעם. די האַנט מיט'ן שליסל האָט אים געציטערט, נאָר ער האָט דערטאַפּט די טיר. ער האָט לאַנג אַריינגע־קוקט דורכ'ן שליסל־לאָך. דערנאָך האָט ער מיט גרויס מאַטערניש אויפגעשלאָסן און איז אַריין. אין דער אוונטיקער טונקלקייט האָט ער דערזען אַ שטוב פול מיט ביכער. קיין ליכט איז נישט געווען, האָט ער מיט נייער מי די טיר פאַרשלאָסן און איז אַוועק.

נאָך אַ נאַכט פון פיינליכן נאָכטראַכטן, האָט ער זיך קוים דערוואַרט צו זען דעם מאָרגן־שטערן אין הימל און ער איז ווידער אַוועק צו

מיכל פידלער׳ס הויז. דאָס מאָל, ווען ער איז אַריין האָט דורך די פענסטער אַריינגעשיינט די זון. אין דער ליכטיגקייט האָט ער דערזען אַ באַרג מיט ביכער אין דריי שפּראַכן: פּויליש, דייטש און רוסיש. מיט דורשטיגקייט האָט ער זיך גענומען צו לעזן אַלץ. ער האָט אַ טראַכט געטון מיט דאַנקבאַרקייט פון דער עלצטער פון די דריי שוועסטער, וועלכע האָט אים די ערשטע געמאַכט איבערצולייענען אַ פּויליש בוך. איצט וועט עס אים אָנקומען גרינגער.

אַ ווייל איז ער געשטאַנען ווי פאַרלוירן און נישט געקענט זיך צורירן צו די ביכער. ער האָט געוואויגן אין האַנט מיכל פידלער׳ס פאַרראָסטן שליסל, וואָס האָט אים געעפנט די טיר צו אַ נייער וועלט. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטער דעם מיסטעריעזן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט דאָס אויסגעבלייכטע, גרין־געלע אידל יענעם פאַרנאַכט, ווען ער האָט אים דערזען ביים איינגעפאַלענעם פּלויט מיט דעם ספר׳ל אין איין האַנט און מיט דעם לאַמטערנדל אין דער צווייטער. אַ סודות׳דיק אידל געווען דער מיכל פידלער. ער האָט אַמאָל געוואוינט געלט אויף דער לאָטעריע, האָט ער אויסגעשריבן אַ סך ביכער אין עטליכע שפּראַכן און געעפנט אַ ביכער־געוועלב. אָבער קיינער האָט ביי אים גאָרנישט געקויפט. זיין וואַקסן פּנים האָט קיין מענטשן נישט צוגעצויגן. האָט ער די קראָם צוגע־מאַכט, אַלע ביכער אויפ׳ן בוידעם אַוועקגעלעגט און האָט געלעבט אין זיין חורבה׳לע אַליין מיט זיינע רעיונות.

דער יונגער ליב האָט געקוקט אויף דעם וואונדערליכן שליסל, וואָס האָט אים געבראַכט פון אידישן אין גוי׳אישן בית מדרש אַריין. מיט בענקענדיקע אויגאַנעם האָט ער געקוקט אויף דעם אבן טוב.

אַ פּאָר שעה אין טאָג פלעגט ער נאָך אַלץ פאַרברענגען אין בית מדרש. דאָרט האָט ער זיך זעלטן אָפּגעשיידט פון זיין חבר יצחקל. זיי פלעגן זיך נאָך אַלץ צוזאַמען פאַרטיפן אין אַן עניין תורה, אַמאָל אין אַ ביכל, אָדער מען האָט זיך גאָר פאַר׳גנב׳עט ערגיץ מיט אַ פּעשל קאָרטן און געשפּילט פּרעפעראַנץ. די מערסטע שעה׳ען פון די נייע טעג פלעגט ער ליגן איינער אַליין אויפ׳ן שטויביקן בוידעם און האָט ווי אַ פאַר׳כשופ׳טער געלייענט דעם סודות׳דיקן אידל׳ס ביבליאָטעק. טייער און ליב איז אים געוואָרן דאָס ביסל רוסיש וואָס ער האָט

געלערנט ביים שכור'ן שרייבער פון גארניזאן. אזוי דאס פויליש פון דער עלצטער פון די דריי שוועסטער. אויך דאס דייטש פון דעם הויקערדיקן לערערל איז אים צונוץ געקומען. אבער אויפ'ן בוידעם זענען אויך געווען ביכער אויף פראנצויזיש. ווי קען מען דאס אויסלאזן? האט ער זיך פארשאפט אן אלענדארף מעטאדע פון פראנצויזיש, האט זי אויסגעלערנט פון טאוול צו טאוול און געלייענט די פראנצויזישע ביכער אויך.

דער בוידעם איז פאר אים פארוואנדלט געווארן אין א צויבערוועלט, וואו עס האבן גייסטערהאפט אויפגעלעבט די מענטשן פון וועלכע ער האט געלייענט. די ביכער זענען געשטאנען אן א סדר. וויסנשאפט, בעלעטריסטיק, אלץ צעווארפן און אויסגעמישט. וויקטאר הוגא, אלעקסאנדער דיומא, עזשען סיו, זייערע פיל־בענדיקע ראמאנען אויסגעמישט און אין אומארדנונג. באקל'ס געשיכטע פון דער ענגלישער ציוויליזאציע, בערנשטיין'ס נאטור־וויסנשאפטליכע פאלקסביכער, נאפאלעאן'ס געזעצן אין פויליש, די מערסטע ביכער ניי, נישט געבלעטערט, טייל נישט אויפגעשניטן און נישט געלעזן. אן א סיסטעם, נאר מיט א ברענענדיקן דורשט צו וויסן, האט ער בוך נאך בוך געלייענט אין פארלויף פון לאנגע וואכן און חדשים. ווען ער האט געפונען א לערן־בוך פון פיזיק, האט ער עס ווי איינגעשלונגען, אבער א סך דערפון איז אים פארבליבן אומפארשטענדלעך. ער האט געמוזט איבערהיפערן די אלגעבראישע צייכנס, ווייל ער האט קיין מאטעמאטיק נישט געלערנט. מיט דעם שפאנענדיקן אינטערעס פון א יוגנטליכן לעזער, האט ער אין די ביכער געזוכט געשפרעכן צווישן מענטשן. דערפאר האבן אים מער פון אלץ פארכאפט די ראמאנען מיט זייער גרויסן פארנעם פון לעבן איבער דער וועלט און זייערע דיאלאגן.

עס איז אים געקומען אין האנט אריין א זאאלאגיע. אבער וואס האט ער דען געזען פאר א חיות אין זיין לעבן? הינט, פערד און קעץ. מיט קעץ האט ער זיך נאך באקענט ביים רבי'ן ר' בערישלען. ער געדענקט די גרויסע קאץ, וואס פלעגט זיך דארט ווארעמען אויפ'ן געזימס פון אויוון. פערד פלעגט ער זען ביי די פויערים אויפ'ן מארק און ביי די אפיצירן אין גארניזאן. הינט זענען געווען אומעטום ארום דער שטאט, אז מען האט פון שטאט נישט געקענט ארויס.

אויף א שווארצן קודלאטן הונט האט מען געזאגט, אז אין אים איז אריין די זינדיקע נשמה פון אן אישה, וואס האט נישט גע־טראגן קיין שייטל נאר די אייגענע האר. א אידיש אינגל לעבט אין אן איינגעשלאסענער וועלט. אמאל איז ער אוועק מיט קינדער הינ־טער דער שטאט צום טייכל זיך באדן, האט ער זיך א ביסל מער באקענט מיט חיות. זומערצייט פליען פייגעלעך אונטער'ן הימל. אמאל פליט איינס אראפ אין דער בלאטע, כאפט א קרישעלע פון א אינגל'ס אנבייסן אין חדר אריין. אויפ'ן שפיץ פון טורעם־זייגער שטעלט זיך אמאל א קרא. וואס זשע ווייסט ער פון פייגל? באשליסט ער זאאלאגיע איז נישט פאר אים.

הויבט ער אויף א באטאניק. וואס גייען אים אן פלאנצן? וואס ווייסט ער וועגן זיי? ווי אזוי קענען זיי באררייכערן זיין לעבן? אנא־טאמיע אינטערעסירט אים אויף א האר נישט. ביאלאגיע אבער האט אים פארכאפט. די וויסנשאפט פון לעבן אליין. עס האבן אים אנט־ציקט די באשרייבונגען פון די פארשידענע לעבנס־ארטן. עס אינטע־רעסירט אים ווי אזוי געוויקסן און חיות אנטפלעקן זייערע אינ־סטינקטן, ווי אזוי זיי בויען זייערע היימען, ווי אזוי זיי פאסן זיך צו צום לעבן. דער קאמף פאר לעבן און ליבע, דאס האט אים פאר'־כשופט. און שטענדיק קומען אים אלץ צוריק אין האנט אריין די ראמאנען מיט זייערע פאנטאסטישע געשעענישן און זייערע געשפרעכן. טעג, וואכן, חדשים זענען אזוי פארביי אויף דעם בוידעם, וואו ער האט זיך אריינגעלייענט אין דער כשוף־וועלט פון די ביכער אויף עטליכע שפראכן.

ווען ער הויבט אמאל אויף די אויגן פון א בוך און קוקט ארויס פון פענצטער, טראכט ער, אז די וועלט איז גרויס און שיין. און טראכט ער צוריק פון ביכער און ספרים, פילט ער זיך נאך אלץ פאר'כשופ'ט אויך פון רמב"ם. דאס פארבארגנסטע אין דער נאטור איז פאר אים נאך אלץ געווען די גרויסע פרומקייט און גאטספארכ־טיגקייט פון די חסידים. דאס צופלאקערן זיך פון די בעלזער, דער שטילער טרויער פון די גערער. זייער טיפע אמונה, זייער דערהויבנ־קייט, זייער באגייסטערונג. וואס ליגט אין דעם? און נאך די דער־הויבענע געדאנקען גייט נאך דאס הארץ.

פלוצים לייענט ער א בוך פון קאַרל פאָן האַרטמאַן, דעם דייטשן פילאָזאָף, און עס טוט אים אַ שניט אין מח ווי אַ שאַרף מעסער: אַלץ איז מאַטעריע. און ביי קאַרל פאַנט לייענט ער דעם שניידיקן מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, אַז דעם מענטשנ'ס געהירן אַרבעט אויס געדאַנקען, ווי אַז אַנדער גליד שטונע. צווישן די ביכער ליגן צע־וואָרפן צענדליקער בראָשורן. ער לייענט אַלץ און געפינט אויס, אַז עס איז נישטאָ קיין פרייער ווילן. ווי קען ער נאָך ווייטער גלייבן אין די פריריקע הייליגקייטן?

אוים מעשי בראשית! די שיינע וועלט פון טיפקייט, וואָס ליגט אין אידישע ספרים, איז פאַר אים צעפאַלן ווי אַ קאַרטן־שטיבל. זיין פריריקע געדאַנקען־וועלט איז חרוב געוואָרן. אַ וואָלקן פון אומעט האָט אים איינגעהילט. אַפטמאָל האָט ער אויף גאַנצע טעג פאַרלוירן זיין לוסטיקייט און זינגעוודיגקייט. אויך פריער פלעגן טרעפן טעג ווען ער איז געווען פאַרטרויערט, אָבער טיף אין אים איז געלאָפן דער לויטערער קוואַל פון אַלטער שיינער אידישקייט. זיין נייער טרויער איז אָבער געקומען פון אַ טיפער אַנטוישונג. ער האָט נאָכ־אַנאַנד, אין אַ שטימונג פון פיין, געטראַכט, אַז זיין גייסטיקע וועלט ליגט אין חורבות.

דאָס איינציקע וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ געוויסע פרייד איז געווען נאָפאָלעאָנ'ס געזעץ־בוך. דאָס איז נישט טיף און אפשר אויך נישט ריכטיק, האָט ער געטראַכט.. אָבער די קלאָרקייט און איינ־פאַכקייט איז אים געפעלן. טאָקע געזעצן, אָבער נישט אַזוי פאַר־פלאָנטערט ווי אַ גמרא, וואו ראובן זאָגט אַזוי און שמעון טענה'ט פאַרקערט. עס געפעלט אים דער ענין געזעץ. דאָס האָט אים געהאָלפן באַשליסן, אַז ער זאָל זיך נעמען צום לערנען. עס האָט אים גענעבן די האָפנונג, אַז מסתמא מיט דער צייט וועט ער פירן פּראָצעסן, אַזוי ווי ר' פּייווּל געליבטער. אפשר וועט ער נאָך אַמאָל ווערן אַן אַדוואָקאַט, ווער ווייסט!

דאָס בית מדרש איז פאַר אים מיט יעדן טאָג געוואָרן אַ מער דערווייטערטע וועלט. די גאַנצע וועלט איז געווען מיכל פידלער'ס בוידעם מיט די ביכער. דאָרט זענען אים אויך געקומען אין האַנט אריין די לידער פון היינריך היינע. דאָס בוך האָט אים געריצט און

געוועקט און ער האָט זיך שעה'ענווייז פאַרטיפט אין די זינגעוודיקע פערזן. געלייענט האָט ער אַלע ביכער, אָבער דאָס בוך איז פאַר אים געווען דאָס נאָענטסטע און סודות'דיקסטע, וואָס האָט אים אַריינגע־זונגען אין דער נשמה און ער האָט עס אַזוי ווי באַהאַלטן צווישן די אַנדערע ביכער. געלייענט האָט ער אַפילו די פראַנצויזישע, נאָכ־דעם ווי ער האָט איינגעשלונגען די אַלעגזאַנדער מעטאַדע.

די שיינע וועלט פון די אינגל־יאָרן איז פאַר אים צושפּאָלטן גע־וואָרן אין צווייען. אין זיינע גייסטיקע אויגן האָט ער דערזען צוויי אָפּגעזונדערטע וועלטן. די ערשטע טיפע וועלט פון דעם אידישן אינגל איז חרוב געוואָרן. אַ נייע אומבאַקאַנטע וועלט איז פאַר אים אויפגעגאַנגען. זי האָט אים דערמאָנט, אַז עס זענען דאָ גויים אין זאַמאָשטש. אָבער ווער זענען זיי, מ'שטיינס געזאָגט, די פּאָליאַקן וואָס ער קען? דער אַפּטייקער, וואָס האַלט זיך פאַר אַן אָפּגעקומענעם שררה און פאַרקויפט מעדיקאַמענטן, מערסטנס ביטער־וואַסער. דער קוימענקער־מייסטער, וואָס וואוינט נעבן דער רייט־שול, האָט קיין קינדער נישט און שפּילט אין די ווינטער־אָוונטן מיט'ן ווייב אין טערטל־מערטל. דאָקטאָר סקשינסקי, דער גוט־האַרציקער און אַ ביסל לעבערליכער אינטעליגענט, וואָס האָט נאָכ'ן עקזאַמען דאָס בוך פאַר־מאַכט און האָט שוין דאָס גאַנצע לעבן פראַקטיצירט אויסגעווייניק. די שבת־גוי'ע לאַפּאַי, וואָס האָט געוואַשן פּאָדלאָגעס. וואָס נאָך ווייסט ער פון גוי'אישן לעבן אַרום? אויף דער לאַנגער פּאָדשעניע אין מאַרק זעט ער זיצן די אַלטע גוי'עס ביי זייערע שטעלן, אויף וועלכע עס ליגן אָנגעלעגטע דינגע, שוואַרצע קעלבאַסעס און חזיר־פעץ. פון דעם קריסטליכן הויז פאַר אַלטע לייט, זעט ער אַמאָל ווי עס שיטן זיך אַרויס פון דאָרט אַלטע איינגעהויקערטע, בלינדליכע באָבעס מיט שוואַרצע טשיפּיקעס אויף די קעפּ, שוואַרצע צלמים'לעך אויף דער ברוסט און שוואַרצע פּאַטשערקעס אויף שוואַרצע שנירלעך אויפ'ן האַלדז. קיין רעכטן פּריץ האָט נישט די שטאָט. איין אָרדינאַט זאַמאָיסקי, ווייזט ער זיך נישט. בלייבן די אָרעמיקע פּויערים, וואָס קומען אויפ'ן מאַרק און יעדן זונטאָג און אַ חגא אין קלויסטער אַריין. נאָך קען ער פון וויטן דאָס ביסל סאָלדאַטן און אָפיצירן. זענען זיי דאָס די אַנדערע וועלט?

ער האָט נאָכאַנאַנד געזען די קאָנטראַסטן אין זיינע צוויי וועלטן. אָט די צוויי וועלטן, די אידישע און די גוי'אישע, האָבן געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר זיין שאַפן. עס האָבן זיך כסדר געוועקט אין אים פּראָבלעמען. דורך קאָנטראַסטן און פּראָבלעמען האָט זיך שפּע־טער זיין גאַנץ קינסטלעריש לעבן אַנטוויקלט. ער האָט געזען קאָנ־טראַסטן־בילדער און זיין האַרץ האָט אַרויסגעשריגן מיט פּראָטעסט. ער האָט מיטאַמאָל דערזען דעם טרויעריקן פונאַנדערפאַל פון חסידיזם. ער האָט דערזען דעם חורבן פון אַ וועלט־אַנשויאונג. פון דעם אַלעם איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ גרויסע שיינקייט, ווייל איין חלום אין וועלכן ער האָט צום טיפסטן געגלויבט איז געווען, אַז ווען אַ נשמה וועקט זיך, קען פון איר ווערן אַלץ, דאָס שענסטע, דאָס העכ־סטע. אַלץ קען ווערן פון אַ נשמה.

מיט וועמען זאָל ער רעדן פון זיינע צוויי וועלטן? פאַר וועמען אויסגיסן דאָס האַרץ? מיט די אָרומיקע קען ער דאָך גאָרנישט רעדן פון דעם. עס האָט זיך אָזויפיל אָנגעזאַמלט אויפ'ן האַרץ. אַ סך פון דעם איז אין נייע, פרעמדע ווערטער. אַז ער פאַרמאָגט אפילו נישט קיין אידישע ווערטער אויסצודריקן וואָס עס האָט זיך אים אויפ'ן בוידעם אָנגעזאַמלט אויף דער נשמה. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זיין נשמה איז גערופן געוואָרן ערגיץ אַוועק אין דער ווייטער וויט.

צו זעכצן יאָר האָט ער געטראַכט, ווי אַנדערש וואָלט געווען זיין וועלט, ווען מיכל פידלער וואָלט אים נישט געגעבן אין האַנט אַריין דעם פאַרזשאַווערטן שליסל.

## ז

# דער וואַלד

ר׳ יודל פּרץ האָט געהאַקט בוימער אין וואַלד. ריוועלע איז שוין דאַמאָלס געווען אַ סוחר׳טע. זי האָט געעפנט אַ קראָם פון צעלניק אַרויסצוהעלפן אין דער פּרנסה, ווייל פון׳ם מאַן׳ס האַנדל מיט וואַלד איז נישט געווען גענוג פאַר דער וואַקסנדיקער משפּחה אויסצוקומען. דאָס מאָל האָט מען געהאַקט וואַלד נישט ווייט פון אוסטילע. דער פאָטער וואָס האָט מיט אַלץ מער פיין צוגעזען ווי קיין זאַך נעמט נישט זיין יונגן זון, ווי ער הייבט אָן ביסלעכווייז צו פוסטפּאַסעווען, האָט אים אַ פרעג געטון צי ער וויל מיטפאָרן אין וואַלד אַריין, און ווען ער האָט זיך געקווענקלט אַ וויילע, האָט אים דער פאָטער צוגערעדט..

דאָס איז גאָרנישט נויטיג געווען, ווייל עס האָט אים געצויגן אַ בענקשאַפט צום וואַלד און ער וואָלט סיי ווי גערן געפאָרן. ר׳ יודל האָט אין זינען געהאַט תכלית און גערעדט צערטליך, מיט אַ דערהויבענער פאָטערליכקייט: וועסט זען אַ וואַלד! אַז דו וועסט וועלן און וועסט טויגן צום געשעפט, וועסטו בלייבן. קענסט ווערן אַ וואַלד־סוחר.

די רייזע איז געווען אַ לאַנגע, אָבער פול מיט אַנגענעמע וואונדער. די בויד האָט דעם טאַטן מיט׳ן זון געבראַכט צו דער שיף. דאָס איז געווען ביים ברעג פון טייך בוג. ווען די שיף האָט זיך געגליטשט צווישן די שטילע ברעגן, האָט ער די גאַנצע צייט אַרויפגעקוקט מיט אַנטציקונג צו די הויכע ברוינליך־גרינע סאָסנעס. און נאָך דער אַנטציקטער רייזע זענען זיי אָנגעקומען אין אַ הויכער, וואַלדיקער וועלט. אַ טיפע אַנטציקונג האָט אַרומגענומען דעם זון, ווען ער איז אַריין

אין וואַלד. ער האָט זיך איינגעהערט צו די פֿייגל, צום שורשען פֿון די ביימער. די שיינקייט און די פֿרייקייט האָבן אים איבערוועלטיקט. דאָ האָט ער מיט׳ן גאַנצן יונגטליכן אינסטינקט אָנגעהויבן איינזאַפּן די רייכקייט פֿון דער נאַטור. פֿאַרנדיק אויפֿ׳ן וואָגן צו דער שיף, איז דער וועג געווען אַ באַקאַנטע לאַנדשאַפֿט, בערגלעך און טאָלן. דאָס פּלאַכע לאַנד האָט אויסגעזען לאַנגווייליק. עס איז שוין געווען אַרום תשעה באָב און פֿון ביידע זייטן האָבן זיך ווייט און ברייט געצויגן אָפּגעשניטענע פֿעלדער. אָבער דאָ איז ער געשטאַנען אין דעם כשופֿ־דיקן וואַלד, אַרומגערינגלט מיט בוימער, ריזן־סאָסנעס, פֿון וועלכע מען מאַכט מאַסטן פֿאַר זעגל־שיפֿן. דער פֿאָטער קוקט מיט נחת אויפֿ׳ן יונגן זון און ער מאַכט אים קלאָר: די קלעצער שווימען איבער׳ן בוג, דערנאָך צו דער ווייסל, אַזוי קומען זיי אָן צום ים אין דאַנציק, און פֿון דאָרט גייען זיי אַוועק אויף אַנדערע ים׳ען.

אַ רחבות גיסט זיך אויס אין אים. ער גייט צווישן די שמעקענדיקע סאָסנעס, אויף ווייכע טעפּיכער פֿון בערגלעך מיט סאָסנע־נאָדלען, ביז ער קומט אַרויס מיט׳ן טאַטן צווישן דעמבעס מיט זייערע טונ־קעלע, גערונצלטע בלעטער. דאָ וועט מען פֿאַרברענגען דעם טאָג, ווייל דער טאַטע האָט אויס אַ ביסל דעמבעס. די שטילקייט פֿון וואַלד האָט דעם יונגן בחור אַרומגענומען מיט אַזאַ צאַרטן כשופֿ. ער האָט אַזוי ווייניק פֿון דער נאַטור איינגעזאַפּט אין זיין יונגן לעבן. אַלץ ספֿרים און ביכער, אָפּט צוריסענע און שטויביקע, מיט פֿיר פֿינף פּירושים אין רש״י כתב. דאָ אין וואַלד איז ער אַזוי ווייט פֿון די קליינע אותיות׳לעך. פֿאַרקערט, דאָ דאַרף ער גאָר פֿאַררייסן דעם קאָפּ צו די קרוינען פֿון די ביימער. און דער ריח אין די נאָז־לעכער איז אַזוי ווי פֿון די רויזן פֿון שרון.

ער איז לאַנג געשטאַנען דעם קאָפּ פֿאַרריסן און געקוקט צום הימל דורך די צווייגן. ער האָט געזען ווי די גליקליכע ביימער בייגן זיך צו איינער צום אַנדערן, אַז די צווייגן מישן זיך אויס. די בלעטער האַלדזן און קושן זיך. פֿון די טיפֿע וואָרצלען טרייבט זיך אַרויף די שפֿע ביז דער קרוין פֿון לעבן און ליבע, וואָס האָט זיי אויבן אין די קרוינען־קעפּ צוזאַמענגעפּאָרט. גליקליכע ביימער! דער בלאָער הימל איז איבער זיי די חופּה, און די פֿייגעלעך שלעפֿערן זיי איין מיט

זיסע טרעלן. און ווען דער זומער איז אוים און עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, שטייען זיי ווידער אָפּגעקערט ווייט איינער פון אַנדערן.

ווען לייבוש איז מיט'ן טאַטן טיפער אין וואַלד אַנגעקומען צו די דעמבעס, האָט ער דערזען ווי אַ פויערל האַקט אונטער אַ בוים. עס האָט אים אַ ריס געטון אין האַרצן. מענטשן זענען דאָך נישט קייןביימער. דער בוים לעבט פון גרייטן. דער מענטש אָבער באַשאַפט און פאַרמערט זיינע גיטער. ער האַקט אונטער ביימער כדי זיך צו דערנערן.

דער קילער וואַלד מיט די זוניקע שטרייפן צווישן די ביימער האָט אים דורכגענומען און אָפּגעפרישט זיין גייסט. ער איז געווען מיד מיט אַ זיסער מידקייט ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. און ווען ער האָט זיין נאַכט־מאָלצייט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך גערן אויס־געשטרעקט אויפ'ן געלעגער.

יענע נאַכט איז ער געשלאָפן אין דעם וואַלד־שרייבער'ס שטיבל. אין דער נאַכט האָט ער געהערט די וואַלד־קלאַנגען און דאָס געשריי פון אַ סאָווע. פון פאַרטאָג אָן האָט מען געהאַקט די ביימער. דער ווינט האָט אָפּט אַנגעיאָגט דאָס האַקן און די רייד פון די פויערים־לעך. ביי יעדן האַק האָט ער אויף זיין געלעגער אויפגעציטערט. ער איז מיט אָפענע אויגן געלעגן אַ פאַרקלערטער ביז דאָס שטיבל איז שוין געווען איינגאַנצן אויפגעלויכטן פון דער פרימאָרגן זון.

אין וואַלד, אָן אַ ספר, מיט פרישער סאָסנע־לופט אין די לונגען, האָט דער יונגער קאָפּ נאָכגעטראַכט. ער האָט אַזויפיל געלערנט פאַר זיינע יונגע יאָרן. ער האָט דאָך אַזוי מיט'ן גאַנצן האַרצן געגלויבט אין גאָט און אין זיינע מעשים. געשטאַנען שמונה עשרה ווי דער רמב"ם האָט געוואָלט. געדאַווענט לויט דעם יד החזקה. ער האָט פאַר־שטאַנען די טיפקייט פון מורה נבוכים צו פאַרבינדן די תורה מיט דער פילאָזאָפיע. און אַלץ אין אַזעלכע יונגע יאָרן. ער איז שוין זיבעצן יאָר אַלט געווען. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך צייט געהאַט צו שפּאַסן און שטיפן מיט די חברים, און אַלץ הייסט שטיפן. אפילו דעם זיידענעם רב ר' משה וואָהל האָט ער אומגערן עפּעס אָפּגעטון. ווען דער רב איז געשטאַנען אין בית מדרש איבער אַ ספר, האָט ער אים דערלאַנגט צום שפּאַס אַ פּאַטש פון אונטן, געמיינט אַז דאָס איז

דער תם שיע בהמה, וואָס פלעגט טיילמאָל שטיין אויף דעם אָרט. חוץ דעם אַלעם האָט ער נאָך געפונען צייט צו מאַכן גראַמען אויף זשאַרגאָן און צו שרייבן שירים אויף העברעאיש.

אמת, אַז אויף אידיש, בעסער געזאָגט אויף זשאַרגאָן, קען מען נישט שרייבן קיין דערהויבענעם שיר אַזוי ווי אויף לשון קודש. אויף זשאַרגאָן קאָן מען נאָר פאַרפאַסן חוזק־לידלעך צום זינגען מיט באַקאַנטע ניגונים. מען קען אין אַ לידל אויסדריקן רחמנות צו אַ שניידערל וואָס ער קען נישט לערנען און האָט נאָר איין טרייסט וואָס ער איז אַ גוטער בעל מלאכה.

אויב לייבל דער חייט
קאָן נישט קיין פּייט,
וואס האָט עץ צוין עס?
איז נאָר זיין שער און אייזן
אַן גרייזן,
איזיס שוין מכפר אויף דעם.

ער קען פאַרפאַסן און אויסזינגען אַ פלאַמענדיק לידל וועגן בלאָע ציצית, וואָס דער ראַדזינער רבי האָט איינגעפירט פאַר זיינע חסידים, און וואָס דער רבי האָט זיך שפּעטער מטריח געווען ארויסצוגעבן אַ ספר׳ל וועגן דעם. און טאָמער דריקט ער אַמאָל אויס אַ טיפער געפיל אין אַ לידל אין אידיש, וואַרפט ער עס דערנאָך אריין אין פייער, כדי דעם פעטער יוסף נישט מצער צו זיין. דער פעטער יוסף האָט אים ליב געהאַט ממש דאָס לעבן. ער האָט ביי אים גערן צוגענומען יעדעס לידל וואָס ער האָט נאָר אָנגעשריבן, האָט אים אָנגעוויזן אויף פעלערן, האָט די לידלעך אויסגעבעסערט און זיי באַהאַלטן ביי זיך אין דער שאַפע הינטער׳ן גלאָז. מיט איין זאַך אָבער איז דער פעטער יוסף נישט געווען צופרידן. פאַרוואָס שרייבט ער אויף זשאַרגאָן? צו וואָס שרייבן דעם מין לשון, ווען ער קען שרייבן אויף העברעאיש. טוט ער דעם פעטער צוליב.

אין דעם שטילן וואַלד האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין אים דער גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות. די וועלט פון גרינער שטילקייט האָט אים באַהערשט און אים געקרעפטיגט אין

דעם גלויבן, אַז ערגיץ אין די קומענדיקע יאָרן פון זיין לעבן ליגט פאַר אים פאַראויס אַ דרך המלך. זיין נשמה, וואָס האָט זיך אַלץ געפּייניגט מיט קשיות איבער דער וועלט און לעבן, איז געוואָרן אָנ־געפילט מיט דער זיכערקייט, אַז צו צווייפלען מיינט אויך צו גלויבן אין אַלע מעגליכקייטן פון אויפגאַנג. דאָס געזאַנג פון די פייגל, די זון אין די צווייגן, די נאָדלען פון די סאָסנעס, די ווייכע ערד, אַלץ האָט אויסגעשפּרייט אין אים דעם גלויבן, אַז ער איז דאָ. ער האָט שפּעטער דאָס גאַנצע לעבן געדענקט דעם אָפּגעהאַקטן קלאַנג פון דעם זעץ פון דער האַק אַן בוים.

דאָס בחור׳ל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער פעסטונג־שטאָט, האָט אַזוי ווייניק געוואוסט פון דער נאַטור. וואָס האָט ער דען דער־מאָלט איינגאַנצן געוואוסט פון עולם הזה? פון אַלעם דעם וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון זיינע יונגע יאָרן געלערנט, האָט ער נאָר גע־וואוסט אַז פרייד שטעקט אין דער תורה, אין מצוות און מעשים טובים, אין נשמות פון צדיקים, אין אַלעם וואָס ציט זיך פון דעם גלאַנץ פון כסא הכבוד. פרייד פון תורה, יאָ. אָבער וואָס האָט ער געוואוסט פון פרייד פון דער נאַטור?

פרישע לופט, האָט ער געוואוסט, איז אַ רפואה שלימה ווען מען ליידט אויף דער ברוסט. די גרויסע פרייד פון דער נאַטור האָט ער נאָר געקענט, ווען ער איז אַמאָל פאַרטאָג אַרויס צום טייך צווישן די טראָסטינעס צו שניידן הושענות. אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט, ווען ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן אַ בוים און געקוקט אויפ׳ן הימל, האָט ער געוואוסט, אַז די לבנה האָט איר חן פון דעם וואָס די אידן שיקן איר אַרויף זייערע ברכות. ווען די אידן וואָלטן נישט מחדש געווען די לבנה, וואָלט זי אויסגעזען גאָר נאַריש.

וואָס האָט ער אָבער געוואוסט פון ביימער און געוויקסן און בלו־מען, פון פרישן קוואַל־וואַסער און פון זיסע פּירות? בלויז דאָס האָט ער געוואוסט, אַז אויף אַלעם ליגט אויסגעשפּרייט אַ טרויער, און יעדע זאַך דאַרף אַ תיקון, מען דאַרף אויף איר מאַכן אַ ברכה, כדי זי זאָל אויסגעלייזט ווערן פון דעם אייביקן טרויער. אפילו שניי, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, איז נישט געווען גלאַט שניי, נאָר אַ ריינקייט. גאָט׳ס שטול געמאַכט איז שניי. ווען אַ מענטש איז זינדיק

און עס יאָגן אים נאָך די זינד, קריכן אים איבער'ן לייב, כאַפּט דעם זינדיקן מענטשן אַן אַ שרעק. אָבער ווען ער לויפט אַרויס פון שטאָט, קוקט אויפ'ן קלאָרן שניי און זאַפּט איין אין זיך די ווייסע ריינקייט, ליטערט זיך אים אויס די נשמה.

אַנדערע, ריינע, געלייטערטע געדאַנקען האָבן ווי זילבערנע וואָלקנס געשוועבט דורך אים אין וואַלד. ער איז געווען דאַנקבאַר דעם טאַטן וואָס ער האָט אים געבראַכט אין וואַלד אַריין און ער איז געווען צופרידן אַהיים צו פאָרן.

ח

# אָן אַן אויסוועג

ער איז אַהיימגעקומען פון דער וואַלד־רייזע אַ דערפרישטער. עט־ליכע טעג שפּעטער האָט ער איינגעזען, אַז ער גייט אַלץ ווייניקער אין בית מדרש אַריין. די פיס פירן דאָס האַרץ אַלץ אָפטער אויפ׳ן בוידעם צו די ביכער, וואָס ער ווייסט גאָרנישט ווען ער וועט זיי אויסלעזן.

אַלץ טיפער האָט זיך אין אים איינגעשניטן די צוטיילטקייט פון די צוויי וועלטן, די אידישע און די גוי׳אישע. עס איז אַלץ שווער געווען צו פאַרבינדן די וועלט פונם ספר מיט דער וועלט פונם בוך. זיין גייסט האָט זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון לאַסט. אין אַ סך זאַכן האָט ער שוין אויפגעהערט צו גלויבן. היילינקייטן פון פריער זענען פאַר אים געוואָרן אומהייליק. ער האָט זיך געפילט אַזוי טיף פאַר־וואָרצלט אין זיין אידישקייט, אַז אפילו אין פרייע מאָמענטן האָט ער די אַלטע היילינקייטן נישט געוואָלט אויפגעבן. ער האָט זיך גענומען איבערזעצן קאַפּיטלען פון יחזקאל אויף מאַמע־לשון. ער האָט אין די בלעטער דערזען אַ דערהויבונג פון זשאַרגאָן צו אידיש. עס האָט זיך אים אָבער אויך אויסגעוויזן, אַז צו לשון קודש וועט עס קיינ־מאָל נישט דערגרייכן.

דער וועג פון דער היים צום בית מדרש האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן איבערדריסיק. ער האָט אָנגעהויבן מער צו טראַכטן פון דער ווייטער פרעמד. ביינאַכט אין דער פינצטער, פלעגט ער לאַנג אויף זיין געלעגער איינהערן זיך אין פייף פון אַ באַן, וואָס איז ערגיץ ווייט פאַרבייגעפאָרן. אין דער פרעמד, האָט ער געטראַכט, ווייט אַוועק פון דער היים, וואָלט מסתמא אַנדערש געווען. עס איז אים אַלץ

קלאָרער געוואָרן, אַז זיינע צוויי וועלטן זיינען די היימישע וועלט און די פרעמדע וועלט.

די היימישע וועלט איז פאַר אים געווען, אַ חוץ די טיף־אידישע היים, דאָס בית מדרש און די חסידים־שטיבלעך, וואו ער האָט זיך טיילמאָל אַריינגעשלייכט און זיך געשטעלט אין אַ ווינקל איינזאַפּן אין זיך די דבקות פון די צושאָקלטע און צעוויגטע אידן. קיין רבי'ן האָט ער קיינמאָל נישט געזען, בלויז די חסידים, ווייל די השכלה'־ניקעס האָבן קיין רביים אין שטאָט נישט אַריינגעלאָזט. די היימישע וועלט האָט פאַר אים אויך געמיינט: די הונדערטער טיפע ספרים, די פרומע טאַטע מאַמע, די חברים אין די לאַנגע קאַפּאָטעס. די היימישע וועלט זענען די אידישע יום טובים און שמחות און אַלע אידישע מענטשן, וואָס האָבן גערעדט און געלעבט אידיש, פון דעם קאַרליק אייזיקל וואַסערטרעגער ביז דעם רייכן פעטער יהושע מרגליות.

די גוי'אישע וועלט איז אים איצט אַ ביסל קלאָרער געוואָרן. פריער איז די פרעמדע וועלט פאַר אים אַלעמאָל געווען הינטער די שטאַכעטן פון דעם פאַרמאַכטן אינזשעניערנעם גאָרטן מיט דעם סודות'דיקן ווייסן הויז, מיט די אָפענע פענצטער אויף די בלומען אַרוים. צו דער פרעמדער וועלט האָבן אויך געהערט די פּיאַנאָ־קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פון יענע פענצטער געטראָגן. אָט די גוי'אישע וועלט איז אים קלאָרער און פאַרשטענדליכער געוואָרן, נאָכדעם ווי דער גרויסער פאַרזשאַווערטער שליסל האָט פאַר אים געעפנט דעם אַסקעטישן מיכל פידלער'ס ביבליאָטעק אויפ'ן שטויביקן בוידעם. אמת, אַז איין הימל האָט ביידע וועלטן צוגעדעקט, אי די אידישע אי די גוי'אישע, דער אייגענער זומער און ווינטער, די אייגענע נאַטור. אָבער אין די אַלטע ספרים האָט ער וועגן דעם נישט באַגעגנט, און פון די נייע האָט ער נאָך אַזוי ווייניק געלערנט. עס איז נאָך אַזויפיל נישט אויפגעקלערט.

איין געדאַנק האָט אים פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט: וואָס הייסט נשמה? עס איז אים נאָך אַלץ אַזוי נעפּלדיק. האָט ער געטראַכט אין די הויכקייטן אַריין, אָפּטמאָל טאַקע גייענדיק אין גאַס מיט'ן קאָפּ פאַרריסן צום הימל. נשמה מוז זיין דאָס דערהויבענע, דאָס מיסטישע, דאָס עולם העליונ'דיקע. עס איז אים נאָך געווען אומבאַקאַנט דער באַגריף פון אונטערגעבן זיך צום ספּאָנטאַנעם לעבן, אַז די נאַטור

אין אים זאָל פליםן מיט'ן טייך פון דער וועלט. דער כח פון דער מענטשליכער נשמה איז נאָך געווען פאַר אים אַ פאַרהוילענע זאַך. שפּעטער, אַ סך שפּעטער אין לעבן האָט ער ערשט אָנגעטראָפן די באַגריפן, אַז דעם מענטשנ'ס נשמה איז אַן אויסשטראַלונג פון דער געטליכקייט, אַז די נשמה איז דאָס ליכט, וואָס באַלייכט אַלץ מיט אַמאָל, אַז זי איז דער געטליכער פאַרשטאַנד וואָס שטראַלט אַרויס פון אַלע דענקענדיקע באַשעפענישן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פּלאַטאָן'ס באַגריף, אַז נשמה און גוטסקייט מיינט דאָס איינענע.

די פיינליכע קאָנטראַסטן וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין לעבן האָבן אַן אויפהער געפּייניגט זיין יונגן מח. די וועלט איז פאַר אים געווען אַזוי פול מיט סתירות. ער האָט זיך נאָכאַנאַנד געפּייניגט ווי אַזוי די צוויי וועלטן, די אידישע און גוי'אישע, אין זיך צו פאַראייניגן. ווער ווייסט, האָט ער געטראַכט אין צווייפל, אפשר איז פאַראַן אויף דער ערד נאָך אַ דריטע וועלט, אַן אומפאַרשטענדליכע.

נישט ווייניקער ווי די קאָנטראַסטן אין לעבן האָט אים געפּייניקט די פראַגע: וואָס מיינט טויט און יענע וועלט?

ער האָט געקענט דעם אַלטן, בייזן שבת־גוי, וואָס איז געווען אַ סטרוזש אין דער פעסטונג. פרייטאָג צו נאַכטס האָט מען אים אַריינ־געלאָזט אויסלעשן דעם לאָמפּ, כאָטש מ'האָט געוואוסט, אַז ער האָסט אידישע קינדער. פאַר אַ ליאדע זאַך האָט ער געוואָרפן דעם בעזים און געשאָלטן אויף רוסיש. ווען ער האָט געקערט די גאָס, פלעגט ער פון בוזעם אַרויסנעמען אַ שטיק שוואַרץ ברויט, באַשמירן מיט אַ חלב'ן ליכטל און עסן. פּלוצים האָט ער זיך אַמאָל אָנגע־שפּאַרט אַן בעזים אין מיטן גאָס, האָט אַ געשריי געטון שמע ישראל און געפאַלן טויט. אַ קאַנטאָניסט געווען. און דעם יונגן פּרץ האָט געעגבערט אין מח: וואָס איז דאָס גוי'אישע וועלט, אידישע וועלט? האָט דער קאַנטאָניסט געלעבט איןביידע וועלטן צי אין ביידע נישט?

נאָכדעם איז געשען אין שטאָט אַן אַנדער פאַל, וואָס האָט גע־וועקט אין אים די נייגעריגקייט צום סוד פון טויט. ר' הערשל דער אַלטער זייגערמאַכער פלעגט צוויי מאָל אין טאָג, אין דער פרי און פאַרנאַכט, אַרויפקלעטערן צום שטאָט־זייגער, וואָס גייט אויף אַ

הילצערן געווערק, מיט שטיינער אויף שטריק, און דעם זייגער אַנ־דרייען. אַן אויסטערלישער איד געווען ר׳ הערשל, מיט אַ פאַרגלייזט פּנים. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען וויינען אָדער לאַכן. איינ־מאָל קומט ער אַראָפּצוקלעטערן פונם זייגער־טורעם, גיט יעדן אויף׳ן מאַרק די האַנט און געזעגנט זיך. וואָס איז ר׳ הערשל? ענטפערט ער: די נאַכט שטאַרב איך. מען שטייט אויף אין דער פרי, דער שטאָט־זייגער שטייט. דער זייגערמאַכער איז מער נישט אויפגעשטאַנען. וואָס איז דער טיפער באַטייט פון דעם?

דער היטלמאַכער האָט פאַר׳ן טויט געבעטן מען זאָל אים אָפּקאָכן אַ שטיקל קאַרפּ. ער וויל עס אויף יענער וועלט פאַרגלייכן מיט׳ן לויתן. אָדער דער פעטער ליפּע מיט׳ן גאָלדענעם האַרץ! גייט איינ־מאָל זיך באָדן אין טייך פאַר׳ן דאַווענען, קריגט אַ שטיין אין קאָפּ און ווערט דערטרונקען. וואָס מיינט טויט, און פאַרוואָס?

אַזוי האָבן אים די געדאַנקען וועגן דער וועלט און יענער וועלט געפּייניגט. וואָס מער ער האָט זיין וויסן אויסגעברייטערט, אַלץ ענגער איז אים געוואָרן אין זיין גייסטיקער וועלט. אַלץ מער איז אים אויפ־געגאַנגען דער פּייניקער געדאַנק, אַז ער איז אַן אַן אויסוועג.

ער וועט מוזן אוועק פון דער היים. אין דער פרעמד, האָט ער געטראַכט, וועט ער מער לערנען פון דער נייער וועלט, מיט וועלכער ער הויבט זיך ערשט אָן צו באַקענען. אין דער דרויסנדיקער וועלט וועט ער זוכן ענטפערס אויף די אַלע פראַגן וואָס עגבערן זיין מוח. עס איז אים אָנגעקומען שווער צו אַנטלויפן פון דער היים. ער האָט געפילט אַז ער מוז זיך מיט אימעצן טיילן, ער מוז זיך אויף אימעצן אָנשפּאַרן. אָבער פאַר וועמען זאָל ער זיך פאַרטרויען? פאַר וועמען אויסגיסן דאָס האַרץ?

עס איז דאָ איין מענטש, האָט ער באַשלאָסן. דאָס איז דער לערער באָדאק, וועלכער פינקלט שטענדיק מיט די אַרויסגעזעצטע, אומרו־איקע אויגן. ער האָט קיינעם נישט געקענט קוקן גלייך אין פּנים אַריין. זיין בליק איז אָדער געווען אויף דער ערד אָדער אויף׳ן באַלקן. און די שוואַרצאַפּלען זענען שטענדיק געלאָפן אַהין און אַהער.

באָדאק האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער משפּחה אין דער ליטע. פונדעסטוועגן האָט ער זיך דערשלאָגן צו בילדונג און האָט גע־

ענדיגט די ראַבינער־שול אין זשיטאָמיר. גערעדט האָט ער נאָר רוסיש און האָט געלערנט מיט די קינדער ביבלישע געשיכטע פון אַ רוסיש ביכל. ער איז געווען דער רעליגיאָנס־לערער אין דער רעגירונג־שול און ער פלעגט אויך פאַרדינען פון שרייבן קאַליגראַפישע פּראָשעניעס פאַר די סוחרים אויפ'ן מאַרק. ער האָט אָבער מיט דער צייט פאַר־לוירן זיין פּאָסטן אין דער שול, האָט אָנגעגעבן אַ ביטע צום גובער־נאַטאָר און האָט גע'פועל'ט צו ווערן אַ ראַבינער. דערביי האָט ער אָבער געמאַכט אַ טעות, וואָס ער האָט קהל נישט געלאָזט פריער וויסן וועגן דעם. קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז ער גייט ווערן ראַבינער. פּלוצים זעט מען, ער הויבט אָן ווערן פרום און קומט אין בית מדרש אַריין דאַווענען. די חסידים האָבן אים גלייך געוואָרנט, אַז ער וועט ביי זיי קיין רב נישט זיין. סיידן ער וויל נעמען ביי קהל דריי הונדערט רובל אַ יאָר אומזיסט אַזוי ווי אַנדערע גוים, אַרט זיי נישט. נאָר טאָמער מיינט ער טאַקע צו זיין ראַבינער און האָט בדעה אויף אַן אמת עפּעס צו טון, האָט מען אים געוואָרנט, אַז מען וועט אים עוקר מן השורש זיין. נאָך אָט דער וואָרנונג פון די חסידים איז ער באַלד געוואָרן אויס ראַבינער. עס האָט אָבער גאָרנישט לאַנג געדויערט און ער האָט באַקומען אַ נייע רעגירונג־שטעל. ער איז געוואָרן דער אידישער צענזאָר אין וואַרשע.

דער באַגער צו דערנענטערן זיך צו דער נייער אומבאַקאַנטער וועלט האָט געגליט אין אים ווי אַ נישט־איינגעשטילטער דורשט. דאַמאָלס האָט עס אים געצויגן צו אַ מענטשן ווי כּאַדאַק, ווייל ער האָט געגלויבט אַז אויך ער. דער איינזאַמער לערער. לעבט איבער זיינע ספקות. צו אים איז ער אַוועק און האָט אים פאַרטרויט זיין ביטער האַרץ. צום סוף האָט ער אים אויך איינגערוימט זיין סוד, אַז ער וויל אַוועק פון דער היים.

דער מאַמען האָט ער נאָך אַ יאָר פריער פאַרטרויט, אַז ער וויל אַוועקפאָרן. זי האָט דאַמאָלס שטילערהייט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט. פון דאַמאָלס אָן עסט זי פלייש בלויז פון שבת צו שבת. זי פאַסט יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. אַז איר ליבעלע זאָל נישט אַוועק פון דער היים. זי האָט כסדר גאָט געבעטן, אַז איר קינד זאָל חלילה נישט אויסגיין צו תרבות רעה.

פאַר כּאַדאַק׳ן האָט ער גערעדט מיט אַנגסטן. ער וויל שטודירן. ער פילט, אַז ער מוז אַוועקפאָרן און ווערן אַ לייט. דאָ אין שטעטל האָט ער מער נישט וואָס צו לערנען. ביים הויקערל שטערן לערנט ער מער גאָרנישט. ווען ער טרעפט זיך מיט אים שפּילן זיי נאָר אין קאָרטן. גאַנצע טעג גייט ער אַרום שלינג און שלאַנג. קוקט אַריין אין די געוועלבלעך, וואו עס זיצן שיינע כלה־מיידלעך און ער זינגט זיך אונטער. פרום איז ער נאָך אַלץ. אָבער ער האָט שוין דאָ מיט די אידן נישט וואָס צו טון און מיט די גויים אוודאי נישט. וואָסערע גויים זעט ער דען דאָ? איין פריץ זאַמאָיסקי באַווייזט זיך אַמאָל און אַ ביסל אָפטער זעט מען זיינע פּאַסעסאָרס. אָבער אין באַריר מיט זיי קומט ער נישט. בלייבן די פּויערים פון די דערפער אַרום. זיי קומען אין וואָכנטעג אויפ׳ן מאַרק און זונטאָג אין קלויסטער אַריין. אַז אונטערטעניק פאָלק די פּויערים. ערשט פון דער פּאַנש־טשינע באַפרייט. נאָך בענקען די אַלטע נאָך דער באַקוועמער שקלאַ־פעריי און די יונגע ווייסן נאָך נישט וואָס צו טון מיט דער פריי־הייט. די אַלטע פּויערים פּאַטשן נאָך אַז די יונגע אויב מען נויגט זיך נישט פאַר׳ן פריץ מיט׳ן קאָפּ ביז צו דער ערד. און וואָס האָט ער מיט דעם צו טון, ווען ער האָט אַזאַ שטאַרקן באַגער צום לערנען. ער מוז ווערן אַ מענטש.

דאָס זענען געווען פייערדיקע רייד פון אַ יונגן בעל חלומות. און אויף כּאַדאַק׳ן האָבן זיי געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער האָט געקוקט אין די אָפענע אויגאַנעס און ער האָט אין זיי געזען אַ יונג האַרץ פול מיט שטרעבונג. מיט פינטלדיקע אויגן האָט ער דעם יונגנמאַן אויסגעהערט און ער האָט מיט איבערלעגטקייט אַרויסגעזאָגט: ני־שטעוואָ! ער וועט אים העלפן, נאָר מיט איין באַדינג. ער זאָל נאָר פאָרן קיין זשיטאָמיר אַריינטרעטן אין דער ראַבינער־שול. ער האָט פאַר אים געשילדערט דעם נייעם גייסט, וואָס הערשט דאָרט זייט חיים זעליג סלאָנימסקי איז געוואָרן דירעקטאָר. כּאַדאַק איז געווען טיף איבערצייגט, אַז נאָר קיין זשיטאָמיר דאַרף ער פאָרן. ער ווייס אַז מען דאַרף אויף הוצאות און ער כּאַדאַק אַליין, האָט קיין געלט נישט. אָבער אַ גאָלדן קייטל צום זייגער האָט ער. דאָס וועט ער פאַרזעצן און וועט אים העלפן.

דער יונגער פּרץ האָט זיך אויסגעגלייכט. מיט אַ טיף־גליקליכן שמייכל האָט ער געקוקט כאַדאַק'ן אין פּנים אַריין און איז אַוועק פון אים אַ דערהויבענער, מיט אַ פריידיקן סוד אין האַרץ. האָפּערדיק איז ער אַוועקגעלאָפן צו דער כלה פון דער חורבה, מיט איר זיך מיישב זיין. ער האָט זי געטראָפן אויף די פינצטערע טרעפּ פון איר הויז און האָט זיך דאָרט גע'סוד'עט מיט איר. זי האָט זיך איבער־געשראָקן, ווען זי האָט דערהערט, אַז ער וויל אַנטלויפן פון דער היים. זיי זענען אַוועק אין דער רייט־שול. דאָרט, זיצנדיק אויף אַ באַנק, מיט צוזאַמענגעפלאָכטענע הענט, האָבן זיי גערעדט אַזוי האַרציק און שטיל. אירע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן, אָבער זי האָט אים אויך געהייסן פאָרן. ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פאַרטאָג. אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט אַראָפּקומען צו דער פור אים באַגלייטן.

יענע נאַכט האָט ער זיך אונטערגעלעגט זיין פּעקל אונטער'ן קישן. אין דער פינצטערער שטוב האָט ער זיך מיט אַלעם אָפּגעזעגנט. אַ לאַנגע צייט איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן ביז ער האָט דערהערט אַ שטילן שאָרך אין צווייטן צימער.ביים שוואַכן שיין פון דער לבנה אין פענצטער האָט ער דערזען ווי די מאַמע איז אַריינגעקומען אַ בורוועסע, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין בעט און מיט ווייטאָג געקוקט אים אין פּנים אַריין. פון אירע אויגן זענען גערונען טרערן. ער האָט אין דער פינצטער מער די אויגן נישט געקאָנט פאַרמאַכן און האָט זיך בלויז געוואונדערט ווער עס האָט איר אויסגעזאָגט דעם סוד.

די מאַמע איז געזעסן און געוואַרט ביי זיין בעט ביז פאַרטאָג. דער בעל עגלה אין דרויסן האָט אים שוין געגעבן דעם צייכן מיט'ן פייף. אָבער אומזיסט איז געווען דעם פורמאַנ'ס וואַרטן. ער איז שוין נישט געפאָרן. די כלה פון דער חורבה איז אומזיסט אַראָפּגעקומען צו דער פור אַ האַלב־נאַקעטע און האָט זיך אויף אַ צייט צוגעקילט.

נאָכדעם איז ער גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, אָן אַ האָפענונג. דער פאָטער איז גראָד אַ שטיקל צייט נישט געווען אין דער היים. ער האָט אַלץ געהאַקט וואַלד און איז אָפט געפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי אוסטילע, צווזמער, סטאַבראָוו, אַפּט. פאַר דער מאַמען האָט זיך דער זון געשעמט, נישט געקענט איר אין די

אויגן אריין קוקן פאַר דעם וואָס ער האָט געוואָלט פון איר אַנט־לויפן.

עטליכע טעג נאָך יענער גורל׳דיקער נאַכט איז דער פאָטער גע־קומען אַהיימצופאָרן. ער איז געווען האַפּערדיק און גוט אויפגע־לעגט און האָט גערעדט לוסטיקער און מיט מער שפּאַס ווי אין אַ לאַנגער צייט. ריוועלע האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ צו דערציילן איר מאַן וואָס זי האָט אין דער צייט פון זיין אַוועקזיין איבערגעלעבט. זי האָט נישט געקענט ברענגען אויף די ליפּן דעם געדאַנק, אַז ליי־בעלע איז שיער נישט פאַרשוואונדן פון דער היים.

אין אָוונט, אין דער וואַרימער שטוב, האָט ר׳ יודל באַמערקט, אַז דער וואויל־געלערנטער זון זיצט אַ שווייגנדיקער און ער זעט אויס מער ווי געוויינליך דערשלאָגן. און ווען ער האָט איינגעזען אַז אויך דאָס ווייב איז מער ווי געוויינליך פאַרשוויגן, האָט ער זיך געקלאָגט פאַר איר: דער יונג איז אַכצן יאָר אַלט און איז נאָך אַלץ קיין לייט נישט. מען דאַרף אים חתונה מאַכן.

דעם בכור אַליין האָט ער מיט אַ ברייטן שמייכל אָנגעזאָגט די בשורה: געטון מיט דיר אַ שידוך. מיט אַ טאָכטער פון דעם באַקאַנטן משכיל ר׳ גבריאל יהודה ליכטנפעלד.

דער יונגער בעל חלומות איז געבליבן זיצן ווי אין אונמאַכט און נישט געוואוסט אפילו וואָס צו טראַכטן. געצויגן האָט עס אים אין דער ווייטער וועלט אַריין, נאָר ער איז געווען אומאַנטשלאָסן. דאָך האָט דאָס בלוט אין אים אויפגעשטראָמט. ער האָט דערפילט אַ חרפּה און אַ פּראָטעסט, אַזוי ווי דער טאַטע וואָלט אים ערגיץ פאַר־קויפט, גלייך ער וואָלט געווען אַ סחורה וואָס קאָן גיין פון האַנט צו האַנט אָן זיין אייגענעם ווילן. מיט די אומבאַשטימטע כוחות פון דער יוגנט, וועלכע זוכט פאַר זיך שטענדיג איר אייגענעם אויסוועג, האָט זיך דער בן שמונה עשרה לחופּה אַנטקייגן געשטעלט. אָבער טאַטע מאַמע האָבן שוין געהאַט זיין גורל באַשלאָסן. דער טאַטע האָט נישט אויפגעהערט צו לויבן דעם שווער, און דער מאַמע׳ס טרערן האָבן נישט אויפגעהערט רינען ביז ער האָט פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג נישט געזען.

דער פּראָטעסט אין אים האָט זיך גאַנץ פּאַמעלעך איינגעשטילט. פֿאַרבליבן איז אַ פּיינליכער אומעט. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַן אומ־באַשטימטער גורל עס איז אים איצט באַשערט. ווער איז זי? מיט וועמען, וויל מען, זאָל ער זיין לעבן פֿאַרבינדן? וואָס איז זי פֿאַר אַ מענטש? וואָס וועט זי פֿאַרשטיין פֿון זיינע חלומות?

אַן אומבאַשטימטער באַנגער איז אין אים אויפֿגעגאַנגען, אַ בענק־שאַפֿט און אַ טרייסט. אפשר וועט ער דאָ געפֿינען אַ פֿאַרטרוייליך האַרץ. אין דער אייגענער צייט האָבן אים כוואַליעס פֿון אַנגסטן דורכגענומען. אַן אומבאַקאַנטער מענטש איז דאָך אַן אומבאַקאַנטע נשמה. ווי אַזוי וועט ער זיך מיט איר צוזאַמענלעבן?

דער מאַמעס געוויין האָט געוואונען. ער האָט זיך צום שידוך אונ־טערגעגעבן. די גאַנצע שטוב האָט פֿלוצים אויפֿגעלעבט. נישט נאָר טאַטע מאַמע, נאָר אויך די צוויי אינגערע ברידערלעך און דאָס שוועסטערל זיינען געוואָרן אויפֿגעלעבטער און לוסטיקער. מומעס און פֿעטערס האָבן גענומען גיין אריין און אַרויס. אַפֿילו דער זיידע מיט דער באָבען זענען איינמאָל געקומען הערן דעם טאַטן דערציילן באריכות וועגן דעם שידוך.

דער חתן האָט נאָכאַנאַנד מיט גרויס נייגער געטראַכט וועגן דער כלה, וואָס ער האָט באַגערט צו זען. אָבער מיט נאָך מער נייגעריג־קייט און דערוואַרטונג האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן דעם שווער.



יהודה פרץ — דעם דיכטער׳ס פאָטער

די באָבע חנה לעווין





ושה פרץ
ם דיכטער׳ס
זיידע



דאָס הויז אין זאַמאָשטש
וואו פרץ איז געבוירן געוואָרן



דער ביזאַנטינישער טורעם מיטן זייגער אין זאַמאָשטש



1898



1892



יוסף אַלטבערג
דעם דיכטער'ס פעטער
וועלכער האָט אים דערמוטיקט



פרץ אַלס פייערלעשער
אין די 1870־ער יאָרן



אַרום יאָר 1880



1 9 0 0



פּרץ אַלס אַרעסטאַנט אין צענטן פּאַווילאָן, 1899
(פון צענטראַלן היסטאָרישן אַרכיוו אין מאָסקווע)



1910



1895

דיכטער און פרוי





1912



אויף דער שפּראַך קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, 1908

נאָמבערג, זשיטלאָווסקי, אַש, פּרץ, רייזען



רעכטס צו לינקס:

לוציאן פרין, פרצעס איינציקער זון; דער דיכטער; שלום אַש;

ליגענדיק:

ה. ד. נאָמבערג



1913



לוציאַן
פּרצעס
איינציקער זון



פּרץ און זיין פרוי
מיט זייער איינציק
אייניקל, **יאַנעק**
אַרום 1909



מאַדאַם העלענע פּרץ



1913



1912



1913



1908



די צוויי חברים אין 1910



אין זײַנע לעצטע טעג



דינעזאָן ביי פּרצעס טויטן־בעט

## ט

# דער גאָלדענער זייגער מיטן קייטל

דער כלה'ס פאָטער איז געקומען צופאָרן קיין זאַמאָשטש אַפּצו־רעדן דעם טאָג פון דער חתונה.

דער חתן, אַזוי גוט ווי דער אַנגעפאָרענער מחותן, האָבן ביידע מיט גרויס נייגיר אויסגעקוקט איינער אויפן אַנדערן. פאַר יעדן פון זיי איז די כלה געווען אַן אויסזיכט פאַר דער פאַרווירקליכונג פון אייגענע חלומות.

ביים פעטער יוסף אַלטבערג איז געווען אַ שיינע אידישע שטוב. ער איז געווען אַן אויפגעקלערטער איד, וואָס האָט קיין שום געשעפטן נישט געפירט. די פּרנסה האָט אַריינגעבראַכט די קאָלאָניאַל־קראָם, וואָס דאָס ווייב האָט געפירט, און זי איז געווען אַ שוועסטער פון ריוועלע פּרץ. ר' יוסף איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם, וואָס האָט שוין פון אַ צייט פאַרבראַכט וועניקער אין בית מדרש איבער די ספרים און מער אין דער היים איבער די היינטוועלטיקע ספרים'לעך און צייטונגען און אין וויכוחים מיט פאַרגעשריטענע מענטשן ווי זיין שוואָגער יודל פּרץ, פייוול געליבטער, די מרגליות'עס, און מער פון אַלץ האָט ער ליב זיך אויסצוטענה'ן מיט לייבעלע'ן. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט ביי דעם יונגנמאַן אַרויסגערופן זיין צוטרויען, האָט אים נאָכאַנאַנד דערמוטיקט צו שרייבן שירים און האָט ביי אים יעדן נייעם שיר צוגענומען און באַהאַלטן. דער פעטער האָט אים דער ערשטער אָפּגעשאַצט און האָט באַזונדערס טייער גע־האַלטן די שירים אויף העברעאיש.

דעם גוטן פעטער יוסף איז עס איינגעפאַלן דער געדאַנק צו פאַר־בעטן צו זיך דער כלה'ס פאָטער ר' גבריאל יהודה ליכטענפעלד צו

פארברענגען אז אוונט ביי א גלעזל טיי. דער הענגענדיקער בליץ־לאמפּ האט פארשפּרייט ליכט און א היימליכעווארעמקייט, ווען עס איז זיך דארט צונויפגעקומען א היפּשער טייל משפּחה פון די פּרץ'עס און די לעווינס. יענעם אוונט האבן זיך דארט צום ערשטן מאל באַגעגנט דער אכצן־יעריקער חתן־בחור מיט זיין צוקונפטיקן שווער, וועלכער איז שוין געווען א מענטש אין די פופציקער. יעדער פון זיי האט געמאכט א גוטן איינדרוק אויפן צווייטן און זיי זענען איינער צום אנדערן געווארן צוגעלאזן.

אין דער צייט ווען אין שטוב איז געווען משפּחה'דיק טומלדיק, מען האט געזופּט די הייסע גלעזער טיי פון סאמאוואר, געגאַשט, צוגעביסן און געשמועסט פון אלץ און אלעם, האט ליכטענפעלד מיט זיין חתן־בחור פארפירט א שמועס וועגן ליטעראטור. דער יונגער־מאן האט זיך געפילט באלויכטן און דערהויבן פון דעם וואס ער האט געהערט פון דעם באקאנטן שריפטשטעלער, וועלכער האט שוין געהאט אן אנזען אין דער אידישער וועלט. א דערוואַרימטער האט לייבוש פּרץ אנגעהויבן רעדן וועגן דעם וואס איז אים געווען אמ־נאענטסטן צום הארצן, העברעאישע שירים. אויף ליכטענפעלד'ס פראגע האט ער זיך גלייך מודה געווען, אז ער אליין שרייבט שירים. דאס האט אויפגעוועקט אין זיי א חבר'שאפטליכע נאענטקייט, נישט קוקנדיג אויף דעם אונטערשיד אין זייערע יארן, ווייל ליכטענ־פעלד איז נישט געווען בלויז א מאטעמאטיקער וואס האט געפירט שטורעמדיקע פּאלעמיקעס, נאר ער האט אויך געטראגן אין זיך אן אונטערדריקטן באגער צו פּאעטישן אויסדרוק. ער האט מיט א באַזונדערן נחת צוגעהערט, אז זיין צוקונפטיקער איידעם שרייבט שירים. אין א צעווארעמטן געשפּרעך מיט א יונגן דיכטער, האט דער עלטער־ער שריפטשטעלער זיך אויך דערפילט אי אינגער אי ווי א דיכטער.

דעם חתן'ס קלוגער פעטער האט נאר געווארט אויף דעם מאמענט. ער איז אונטערגעקומען מיט א פּעקל בלעטלעך אין האנט, דעם חתן'ס שירים. איינס נאכן אנדערן האט דער פעטער זיי געוויזן דעם מחותן. טייל פון זיי האט ער אליין הויך פארגעלייענט און געלויבט און געריימט זיי פאר'ן געהויבענעם גאסט. די פרייד וואס ליכטענפעלד האט ארויסגעוויזן איז געווען א הארציקע און אן אויפריכטיקע. עס

איז אים אויפגעגאנגען די האפנונג, אז ער וועט דעם איידעם זיין נישט נאר א שווער, נאר טאקע א מורה דרך. ער וועט אים לערנען ווי צו לעבן. ער וועט אים אריינגעבן א חשק צו טון זאכן, אזוי ווי ער וואלט היינט אליין געטון, ווען ער וואלט געווען אינגער. ער האט אין דעם יונגנמאן געזען א שאפנדיקן פונק, וואס ער, מיט זיין וויסן און זיינע מעגלעכקייטן, וועט אים העלפן אויפבלאזן צו א פלאם. דער פארפלאמטער יונגער פרץ האט אים שווייגנדיק מיטן גאנצן הארצן געטרויט. אזוי ווי עס קען נאר געטרויען א יונגער דיכטער וואס האט פעסטן גלויבן אין וועלט און מענטש.

ליכטנפעלד איז געקומען פון גרויסן גייסטיקן יחוס. ווייט צוריק אין דער משפחה האט ער אפגעשטאמט פון ר׳ משה בן ישראל איסערלעס, דעם קראקעווער רבי׳ן און פילאזאף פון זעכצנטן יאר־הונדערט. דער יונגער משורר האט דערפילט אז אויף דעם האט ער געוואַרט. ער וועט אין זיין צוקונפטיקן שווער האבן א גייסטיקן אנשפאר.

דער עלטערער שריפטשטעלער האט געהאט א זעלטענעם נחת צו רעדן מיט דעם יונגנמאן. ער האט שוין געטראכט וועגן אים נישט בלויז ווי זיין איידעם, נאר ווי א גייסטיקן חבר מיט א פארוואנדטער נשמה. ליכטענפעלד איז שוין געווען א ביסל מיד פון זיין קאמף און פאלעמיק. עס האט אין אים ווידער אויפגעוואכט א יוגנטליכער באגער צו שרייבן און דרוקן שירים. ער האט מיט אלץ מער באגייסטערונג גערעדט וועגן די שירים, וואס דער פעטער יוסף האט אים געגעבן אין האנט אריין און האט אויפ׳ן ארט זיך מודה געווען פארן קומענדיקן איידעם, אז אויך ער האט א צאל שירים אנגעשריבענע און האט אים צוגעזאגט, אז ער וועט זען ארויסצוגעבן זייערע ביידנס שירים אין א בוך בשותפות. דער פעטער יוסף און לייבוש זענען געווען אין זיבעטן הימל.

נאך דעם דערהויבענעם שמועס מיטן חתן און נאך דעם ווי ר׳ יוסף האט דעם שריפטשטעלער באוויזן זיין שיינע ביבליאטעק און זעל־טענע אידישע חפצים און דערציילט וועגן די בראדער זינגער וואס זענען געווען ביי אים אין שטוב, האט מען זיך צוריקגעזעצט צום אויבן אן ביים טיש. דאמאלס האט עס ליכטענפעלד ארויסגענומען

פון בוזעם קעשענע אַ סאַמעטן קעסטעלע און האָט מיט פּשטות איבערגעגעבן דעם חתן אַ פינקלענדיקן גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענעם קייטל. דאָס האָט אַלעמען אַ בלענד געטון ווי אַ רייכע מתנה. נאָכדעם האָט מען גיך אָפּגערעדט ווען און וואו עס זאָל זיין די חתונה און מ׳האָט גערעדט וועגן פאַרשידענע פּרטים ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. צומאָרגנס איז ליכטנפעלד אָפּגעפאָרן פון זאַמאָשטש מיט דער אינערלעכער שמחה, אַז ער קריגט אַריין פאַר זיין טאָכטער שרה׳ן אַן אבן טוב.

יענער אָוונט מיט ליכטענפעלד׳ן ביים פעטער יוסף אין שטוב האָט אין לייבוש׳ן איבערגעלאָזט אַ זינגענדיקע דערהויבונג.

אַ צושטראָלטער איז דער חתן־בחור ביי‏טאָג געשטאַנען אין בית מדרש און זיך געפילט שטאָלץ אַנטקעגן די אַנדערע בחורים וואָס זענען געשטאַנען אין שידוכים. ער האָט לאַנג פאַר זייערע אויגן זיך געשפּילט מיט דעם גאָלדענעם זייגער און קייטל, וואָס האָט אים דערמאָנט אין זיין אומבאַקאַנטער כלה.

די חתן־בחורים האָבן געהאַט וואָס אים מקנא צו זיין. נישט נאָר האָט ער געהאַט גאָלדענע מתנות און אַ שיינע כלה, וואָס מען האָט זיך וועגן איר בסוד איבערדערציילט פון אויער צו אויער, נאָר עס האָט אויך דערגרייכט צו זיי, אַז זי איז אַ געלערנטע און אַ היינט־וועלטיקע. נאָר מער ווי אַלץ איז לייבוש׳ן געווען מקנא צו זיין מיט דעם וואָס זיין שווער איז אַ באַרימטער מענטש. ליכטענפעלד איז געווען אַ באַקאַנטער שרייבער אויף העברעאיש און אויף פּויליש. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי ביכלעך איבער מאַטעמאַטיק, אַ גע־אָמעטריע און אַנדערע ווי‏סנשאַפט, אַלץ אין העברעאיש. דערצו פלעגט ער דרוקן אַרטיקלען אין השחר און אין דער הצפירה. פּויליש האָט ער געשריבן אין וואָכנבלאַט איזראַעליטאַ. דאָס האָבן די חתן־בחורים געהאַלטן איז אַ זכיה פאַר לייבוש׳ן. און ווען איינער פון זיי האָט זיך באַרימט, אַז אַ חוץ אַ זייגער און קייטל האָט ער אויך באַקומען אַן אויסגעשטיקט תפילין־זעקל, האָט לייבוש געשמייכלט: קען זיין, אַז זיין שווער האָלט גאָרנישט פון דעם. ווער ווייסט צי ר׳ גבריאל יהודה ליכטענפעלד לעגט גאָר אינגאַנצן תפילין. ער האָט מיט שטאָלץ געטראַכט פון דעם בוך שירים וואָס זיי וועלן צוזאַמען אַרויס־

געבן, ווי ליכטענפעלד האָט געזאָגט, „ספּורים בשיר מאת שני בעלי אסופות".

ער האָט דערפילט, אַז ער האָט זיך צו ווייניק באַקענט מיט ליכטענ־פעלד'ן אין דעם איינציקן אָוונט וואָס ער האָט מיט אים פאַרבראַכט. ער האָט באַגערט צו דערנענטערן זיך מער מיט זיין קומענדיקן שווער. ער איז אַ למדן, אַ משכיל, אַ היינטוועלטיקער, ער וועט אים אוודאי אַ סך דערקלערן. ער וועט מיט אים לאַנג שמועסן. ער וועט מסתמא אַלע זיינע ספקות פאַרענטפערן, אַלע פראַגן וואָס פּייניקן אים וועגן מענטש און גאָט און וועלט. ער וועט אים אַלע זיינע בייזע חלומות אויסטייטשן.

די ביכער וואָס ער האָט געלייענט האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַזויפיל געפילן, מיינונגען, אידעען, אַז עס האָט זיך אין אים כסדר געשטאַרקט דער באַגער מיט אימעצן זיך צו טיילן. זיין האַרץ האָט געשטורעמט מיט איבערלעבונגען. ער האָט אָבער אויך געהאַט שעה'־ען און טעג פון זאַרגלאָזיגקייט און לייכטזיניגקייט, פון שפּאַס און געזאַנג און געלעכטער. ער איז נאָך אַלץ פון דעם אינגלישן שטיפער נישט אַרויסגעוואַקסן. דער קוואַל פון יוגנטליכער שטיפעריי איז נישט געווען צו אונטערדריקן אין אים. ער האָט געשפּרודלט מיט שפּאַס. ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אומגעצוימט און איז שטענדיק געווען גרייט אָפּצוטון שפּיצלעך, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַר קיין חתן־בחור נישט געפּאַסט.

אין בית מדרש האָט ער אַרויפגעקלעטערט צו דער העכסטער פּאָליצע אויף דער מזרח וואַנט, איז שיער אַראָפּגעפאַלן ביז ער האָט אַרויסגעצויגן אַ ספר. פּלוצים האָט ער אין ספר דערזען עפּעס וואָס האָט אים אַ ברען געטאָן. דער מחבר פונם ספר וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט איז נישט צופרידן מיט דעם מורה נבוכים, האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, געפונען ביי זיך אין קעשענע אַ שטיקל בלאַע בלייפעדער און פאַרשטראָכן אַ פּאָר שורות. דאָס בית מדרש איז געוואָרן אויפגערודערט. חברה האָבן זיך אַ לאָז געטאָן גרייט אים דורס צו זיין. איז ער אַרויפגעשפּרונגען צום ארון קודש און זיך אָוועקגעשטעלט מיט די הענט אַן די זייטן, ווי אַ העלד וואָס האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. דער עולם איז געשטאַנען אַ פאַר־

גאַפּטער און אין אַ געמורמל האָט מען זיך אויף אַ ווייל דערמאָנט, דאָס אַלטע ווערטל: דער משוגענער לייבוש, אין דעם זין אַז אַ מענטש פון גייסט איז אַ ביסל נישט ביי די געדאַנקען.

מיט בענקשאַפט האָט ער געוואַרט אויפ׳ן טאָג ווען ער וועט זיך ווידער זען מיט ליכטענפעלד׳ן. ער וועט רעדן מיט אים וועגן די אַלע זאַכן וואָס האָבן זיך אים אָנגעזאַמלט אויפ׳ן האַרצן. ער האָט געוואַרט אויפ׳ן חופּה־טאָג ווי אויף משיח׳ן. דער טאָג איז אים אַלץ מער פאַרגעקומען ווי אַ טאָג פון אויסלייזונג. וואָס נענטער דער חופּה־טאָג איז אָנגעקומען, אַלץ אומרואיקער איז ער געשלאָפן דורך די נעכט. ער האָט נאָכאַנאַנד פיבערדיק געטראַכט וועגן דער אומבאַקאַנטער כלה. וואָס איז זי פאַר אַ מיידל. פאַרוואָס האָט ער זיך אַליין נישט אויסגעקליבן קיין כלה. פאַרוואָס האָט ער זיך נישט געפונען קיין מיידל אין זאַמאָשטש. פאַרוואָס דאַרף ער נעמען אַ ווייב פון אַפּט?

אַ ליידנשאַפט האָט אים אָנגעכאַפּט צו זיין אַנדערש פון די חתנים וואָס ער האָט ווען עס איז געזען. ווי קען ער זיין אַ חתן אויפ׳ן סקאַרבאָוון אופן ווי זיי אַלע. ער וועט בשום אופן נישט לאָזן פּראַווען זיין חתונה אַזוי ווי אַלע בחורים. ער מוז פאַר זיך אויסטרעטן אַן אייגענעם וועג. מען מוז וויסן, אַז ער איז אַנדערש. זאָגן וועט ער גאָרנישט, אָבער טון וועט ער אַנדערש. אַ חתן דאַרף אין חופּה־טאָג פאַסטן. אָבער דער טאָג פון דער חופּה דאַרף זיין אַ טאָג פון פרייד, נישט קיין תענית. ער וועט נישט פאַסטן.

רחמנות האָט אים אַ ריר געטאָן אויף אַן אומבאַקאַנט באַשעפעניש, ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי די טיקערין מיט דער לאַנגער שער אין האַנט וועט זיך צורירן צו דער כלה און וועט איר אָפּשניידן די שיינע האָר. ער וועט זיך אָננעמען פאַר איר, זיך אַנטקעגנשטעלן. ער וועט נישט לאָזן דער כלה אָפּשערן אירע לאָקן. דאָס איז אַ באַרבאַרישע איבערבלייבעניש פון אַלטע צייטן. נאָר אין די אייגענע האָר וועט זי ביי אים גיין. זי וועט ביי אים נישט טראָגן קיין שייטל, בשום אופן נישט. ווי קען אים גאָר איינפאַלן אַ שייטל. זיין שווער איז דאָך אַ פאַרגעשריטענער מענטש. וועט ער עס דערלאָזן? ער וועט הנאה האָבן פון דעם ווען ער וועט זען אַז דער חתן,

ווען ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין טאָכטער, נעמט זיך אַן פאַר איר און באַשיצט זי קעגן אַלטע פאַרשימלטע מנהגים. אין די אויערן האָט זיך אים פלוצים צעקלינגען די מוזיק פון דער קאַפּעליע און ער דערזעט זיך אונטער דער חופּה, ווי ער הויבט אויף אַ פוס און ער גייט צוטרעטן דאָס גלעזל. ניין! ער וועט אפילו נישט צוברעכן דאָס גלעזל אונטער דער חופּה. אומרואיקע טעג און שלאָפ־לאָזע נעכט האָבן אים אַרומגעכאַפּט.

דער טאָג פון דער חופּה איז דערווייל געווען אַ סוד פון די מחותנים. קיינער האָט אים דעם סוד נישט אויפגעדעקט. אָבער ער האָט געזען, אַז מען גרייט זיך. אין שטוב האָט מען גענומען פאַרען זיך גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין די נעכט אַריין. מען האָט איינ־געקויפט און געניית פאַר'ן חתן. קליידער, וועש, שטיוול, אונטער־וועש, נייע טלית קטן'ס.

דער טאַטע האָט אים ענדליך געזאָגט, אַז די מחותנים האָבן באַ־שלאָסן צו שטעלן די חופּה האַלב־וועגס צווישן זאַמאָשטש און אַפּט, אין דעם דאָרף גאַראיעץ.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג ווען מען האָט געפּאַקט זעקלעך און פּעקלעך מיט קליידער און עסנווארג. דערנאָך איז געקומען דער לאַנג אויסגעוואַרטער פאַרטאָג, ווען עס זענען פאַרפאָרן עטליכע פורן. די פויערים האָבן געקנאַקט מיט די בייטשן און אַ צוג פון פורן, געפּאַקט מיט נאָענטע קרובים, אפילו די מומע יענטע, די אלמנה פון דערטרונקענעם פעטער ליפּע, האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט'ן חתן אין וועג אַריין.

לייבוש פּרץ איז געפאָרן חתונה האָבן.

ו

# אַ חתונה אין מיטן וועג

דער פרייִדיקער טומל האָט זיך איינגעשטילט און דער חתן האָט דערזען, אַז צו דער חתונה פאָרן אויך מיט דער זיידע מיט דער באָבען. די פורן זענען אַרויס אויפן שליאַך.

אויף אַלע זייטן האָט זיך געצויגן דאָס ענדלאָזע פלאַך־לאַנד, אַ מידע, גרויע, פוילישע לאַנדשאַפט. די פעלדער אָפּגעשניטן, מרה שחורה׳דיק, נאָר איבער זיי אַ בלויער, יום טוב׳דיקער הימל. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען אַ גרין פעלד, וואו פּויערים מיט זייערע פּויערטעס האָבן געאַרבעט אין די לעצטע טעג פון זומער. ווען מ׳איז פאַרבייגעפאָרן אַ באַרג מיט קאַלירטע שטיינדלעך, איז דער חתן־בחור אַראָפּ, האָט צונויפגעקליבן אַ ביסל שטיינדלעך צו ווייזן דעם שווער. אָט איז דער צוג מיט די פורן פאַרביי אַ גרין פעלד, אָט אַ סטאַדע קי, און אָט איז מען, נאָך לאַנגע שעה׳ען פון מידן וואַקלען זיך, אַריינגעפאָרן אין דאָרף גאַראַיעץ. דאָ דאַרף די חתונה פאָרקומען. אַ פּויער מיט אַ לאַנגער גראַבליע האָט ביים אַריינפאָר אין דאָרף אַ געשריי געטון צו אַ צווייטן: יוזש זשידזשי יאַדאָן! — די אידן פאָרן שוין. און דעם חתן׳ס טאַטע האָט אַ זאָג געטון: געלויבט איז גאָט, אָנגעקומען.

אַ דאָרפישער איד איז צוגעלאָפן צו די פורן און האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ביי אים וועלן די מחותנים איינשטיין. די מחותנים פון אַנדערן צד זענען נאָך דערווייל נישט אָנגעקומען. מ׳איז אַראָפּגעקראָכן פון די פורן און ר׳ יודל האָט געלאָזט וויסן, אַז אַזוי גיך ווי די אַנדערע מחותנים וועלן אָנקומען, וועט מען שטעלן די חופּה. מען וועט נישט וואַרטן מיט באַדעקנס.

דעם חתן איז געווען שווער צו באַגרייפן וואָס דער טאַטע איילט זיך אַזוי. אָבער אַ פּנים עס מוז זיין אַ שווערער עול צו האָבן אַ זון אַ עלוי. איידער ער האָט נאָך רעכט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָט דער חתן דערהערט אַ קאַפּעליע שפּילן. אויף דער אַנדערער זייט שליאַך, פונם אַפּטער וועג, האָט מען דערזען אַ פּרישן צוג פורן מיט חתונה־געסט אין אַ וואָלקן שטויב. פאַראויס איז געקומען די קאַפּעליע און האָט געשפּילט אַ טראַוועדיקס.

די כלה מיט איר צד מחותנים זענען מיט גרויס פּאָמפּ און שמחה'דיקן טומל אָנגעקומען. פון דער מינוט אָן איז אַלץ צוגעגאַנגען אין גרויס איילעניש. מומעס און פעטערס האָבן זיך געפּאָרעט אַהין און אַהער און האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אונטערגעאיילט. דער חתן האָט מיט דער טיפסטער נייגעריגקייט באַגערט צו זען די כלה און האָט זי געזוכט מיט די אויגן אויף אַלע זייטן. וואָס ער האָט אָבער געזען איז, אַז אויפן הויף, נעבן ברונעם, פאַרען זיך מחותנים פון ביידע צדדים און גרייטן צו די חופּה. ער האָט אָנגענומען אַז די כלה זוכט אים אויך און באַגערט אים צו זען. אָבער איידער חתן־כלה האָבן איינע די אַנדערע אין די אויגן אָנגעזען, האָט מען זיי געגעבן אַ פיר אונטער דער חופּה אויפן הויף.

דער עולם איז געשטאַנען אַרום מיט ברענענדיקע הבדלות אין די הענט און די אַפּטער קלעזמאָרים האָבן נאָכאַנאַנד געשפּילט זייער טראַוועדיקן שטייגער. נאָכן הרי את און נאָכדעם ווי דער חתן האָט צוקרישלט דאָס וויין־גלעזל אונטער זיין פוס, האָט אָנגעהויבן צו טריפן אַ רעגנדל. דער חתן האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דער כלה און האָט זיך טיף פאַרשעמט. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ באַגער צו זיין אַליין. ער האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט אים פירן צו דער גילדענער יויך. ער האָט דערזען טרעפּ צו אַ הויכן גאַניק, איז ער אַנטלאָפן פון אונטער דער חופּה אויפן גאַניק אַרויף.

פאַרטאָג ווען ער האָט די אויגן געעפנט, האָט ער זיך דערזען אין אַ קליינער דאָרף־שטוב. פון ווייטן מזרח האָריזאָנט האָט אַריינגע־לויכטן די האַרבסטיקע זון. די שייבלעך פון די פענצטער זענען אין דרויסן געווען פאַרוואַקסן מיט קריכנדיקע פלאַנצן. שרה'לע איז

נאָך געלעגן אין בעט, די קאַלדרע אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ, און ער איז געזעסן אַ פֿאַרשעמטער און פֿאַרקלעמטער אין פּיין.

פֿאַר אים איז דאָ עפּעס פּלוצים געבוירן געוואָרן. עפּעס אַזוינס וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט דערקלערן. אַזויפֿיל ביכער און ביכלעך האָט ער געלייענט דאָרט אין דער היים אויפֿן בוידעם, דאָך קען ער נישט פֿאַרשטיין דעם טייטש פֿון דעם וואָס דאָ איז געשען. פֿיינליך האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט: איז דאָס אינגאַנצן?

אַ פֿעטער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און האָט קורץ אַ זאָג געטון: צייט צו גיין דאַווענען. און גלייך ער וואָלט זיך פֿאַר עפּעס פֿאַרשעמט, האָט מען געהערט ווי זיינע גיכע טריט זענען באַלד פֿאַרשוואונדן אַראָפּ פֿון די טרעפּ.

פֿרץ איז אַרויס פֿאַר דער טיר. ער האָט זיך געפֿונען אין אַ קליין דאָרפֿיש גערטל. די האַרבסטיקע גאָרטן־לופֿט מיט איר שטאַרקן דופֿט, האָט אים געגעבן אַ נעם אַרום מיט איר כּשוּף. אַ פֿיינעלע האָט געפּיפּטשעט ערגיץ אין דער לופֿט. אַ רייכקייט פֿון פֿאַרביקע בלומען האָט אים געמיניעט פֿאַר די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אַ שיר, וואָס ער האָט נאָך אין דער היים געשריבן, און די בלומען וואָס ער האָט באַזונגען זענען געווען פֿון דעם גרויסן, היימישן, אײַנזשעניער־נעם גאָרטן. דאָ אָבער אין דעם שטילן דאָרפֿישן גערטל זענען אים די רויט־פֿאַרביקע בלומען אַזוי נאָענט געוואָרן, נישט הינטער שטאַ־כעטן, און עס האָט אים ווידער אַרומגענומען דער כּשוּף פֿון שיינ־קייט.

ער האָט גענומען אַרומלויפֿן צווישן די בלומען, אַזוי ווי אַ שפּילעוו־דיק אינגל. אָט איז אַ קעפּעלע מאָן, וואָס שאָקלט זיך אין פֿרימאָרגן ווינטל. אָט זענען בלאָס־בלויע בלומען־בלעטלעך, אַזוי ווי די סטענ־געלעך פֿון דער מאַמע'ס ראש השנה טשיפּיק. און אָט לויפֿט ער צו אַ רויט־פֿלאַמענדיקער רויז. אָט זענען די בלומען פֿון ווילדע מייערן, וואָס זעען אויס ווי פֿיינע ווייסע שטיקערייען.

ער גייט אַראָפּ פֿון די טרעפּ און אַרויס פֿון גערטל אויפֿ'ן פֿרייען וועג. אַ בורוועס שיינגעצל שעפּט וואַסער פֿון ברונעם און גיסט אין דער קאַריטע אַריין פֿאַר די קי. דערנאָך גיט דאָס שיינעצל אַ פֿייף

און די קי גייען אים נאָך אויף דער לאַנקע. ווייט אין פעלד שטייען שוין פּויערים און שניידן די תּבואה און זאַמלען איין.

אַזוי שטיל, אַזאַ פרעמדקייט. ער לאָזט זיך גיין אויפן וועג און דערזעט פון ווייטן אַ קליין מענטשעלע קומט אים אַנטקעגן. אַ ווייל האָט זיך אים דערפרייט דאָס האַרץ, ווען עס האָט זיך אים אויסגע־וויזן אַז דאָס גייט דער זאַמאָשטשער רב, דער זיידענער ר׳ משה וואהל. פון דער נאָנט האָט ער אָבער דערזען, אַז דאָס איז זיין שווער ליכטענפעלד, עפּעס אין אַ געשטיקט קאַפּטל, אין אַ שלאַפּרעקל, אין שטעקשיך, אַ צושמייכלטער פון נחת.

איצט, האָט פּרץ מיט הנאה אַ טראַכט געטון, וועט ער ביי אים פרעגן די אַלע קשיות וואָס מאַטערן אים אַזוי לאַנג. ער ווייסט מסתּמא אַלץ און ער וועט אים אויף אַלעם ענטפערן. די ווערטער זענען אים שוין געלעגן אויף דער צונג, נאָר דער שווער האָט אים אַ פרעג געטון: ביזט נישט ביים דאַווענען?

דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן און ער האָט צוריק געפרעגט: און איר?

זיי זענען אַ ווייל געגאַנגען שווייגנדיק. דערנאָך האָט אים דער שווער געפרעגט: שרייבסט עפּעס שירים?

די פראַגע האָט צוריק דערהויבן דאָס געמיט בייביידן. אַזוי ווי פון אונטער דער ערד איז פּלוצים אויסגעוואַקסן דער פעטער יוסף, וואָס האָט נישט נאָר געזאַמלט, נאָר אויך טייער געהאַלטן יעדע שורה פון דעם יונגן משורר, און האָט זיך אַנגערופן: פון וואָס רעדט איר עס אומגעהאַוונט, האַ? אויב ער שרייבט? אוודאי שרייבט ער, שרייבט און פּאַרלירט, שרייבט און צורייסט, שרייבט און פאַר־ברענט. איך גנבֿ׳ע ביי אים אַוועק די צוריסענע שטיקלעך פון אונטער די הענט און קלייב זיי צונויף.

די איינציקע פרייד באַגעגעניש וואָס פּרץ האָט געהאַט מיט ליכ־טענפעלדן ביז צו דער חתונה אין גאַראַיעץ, האָט אים נישט געגעבן קיין געגעוג קלאָרן באַגריף פונם שווער. זייט דער ערשטער באַגעגעניש איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ בענקשאַפט אים ווידער צו זען און צו רעדן מיט אים פון נשמה־זאַכן. איצט, ביי דער צווייטער באַגעגעניש

אויפן דאַרפישן וועג, צומאָרגנס נאָך דער חתונה, האָט ער געהאַפּט אויף אַ דערהויבנדיקן שמועס מיטן שווער, אָבער דער פעטער איז אָנגעקומען און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין לויבענישן און רימערייען.

פון ווייטן דאַרפישן הויז האָט זיך דערהערט דאָס שפּיל פון דער אַפּטער קאַפּעליע. זי האָט כמעט אַ גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט שפּילן. אַלע דריי זענען שמועסנדיק צוריקגעגאַנגען צום הויז און האָבן געגעסן אָנבייסן מיט די חתונה־געסט, וואָס זענען נאָך אַלץ נישט אַהיימגעפאָרן. דער עולם איז געווען מיד, ווייל מען האָט אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט און געהוליעט. דערנאָך זענען געקומען די שבע ברכות און די חתונה איז סוף כל סוף געווען פאַרענדיקט. מחותנים מיט מחותנים האָבן זיך צוזעגנט, טייל מיט טרערן אין די אויגן, און אַלע געסט זענען זיך צופאָרן, די אַפּטער אויף איין זייט וועג, די זאַמאָשטשער אויף דער אַנדערער.

דאָס יונגע פּאָר פּאָלק איז געפאָרן אויף אַ פור צוזאַמען מיט משפּחה. נעבן זיי זענען געזעסן אַ פעטער מיט אַ מומע, וואָס האָבן אײַנגיכן אײַנגעדרימלט מיט די קעפּ אָנגעשפּאַרט איינער אויפן אַנ־דערן. אַ לאַנגע צייט האָט דאָס נאַרוואָס חתונה געהאַטע פּאָר פּאָלק געשוויגן. זיי האָבן זיך נישט געקענט און רעכט נישט אָנגעקוקט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן. דערנאָך פרעגט דאָס יונגע ווייבל שעמעוודיק:

— קענסט טאַקע אַזוי גוט לערנען?

ער האָט איר נישט געקענט ענטפערן. עס האָט אים טיף געקלעמט דער אומזין פון דעם וואָס ער איז שוין דער מאַן פון אַ פרוי, מיט וועלכער ער וועט זיך ערשט דאַרפן באַקענען. ווידער זענען זיי גע־פאָרן דורך דעם פלאַך־לאַנד און די האַרבסטיקע פעלדער. זיינע אומעטיקע געדאַנקען זענען כסדר באַגלייט געוואָרן פון דעם פור־מאַנ׳ס אויפגעשרייען: וויאָ, פאַדלע.

אין מיטן וועג האָט זיך דער הימל פּלוצים פאַרכמאַרעט. איין זייט פון האָריזאָנט איז אינגאַנצן געוואָרן שוואַרץ־גרוי און עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן. די פורן האָבן געמוזט פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע. מיטאַמאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שלאָקסרעגן מיט

דונערן און בליצן. די ווייבער האָבן גיך אויסגעפּאַקט די פּעקלעך געבעקס און געשטעלט אויפן טיש צו עסן מיט דער טיי. דער יונגער־מאַנטשיק האָט זיך דערווייל אַרומגעדרייט איבער דער שטוב מיט די הענט אין די קעשענעס און האָט געפייפט.

דאָס פייפן אַליין אין יענעם מאָמענט האָט זיך אים אויפן לעבן איינגעקריצט אין זכרון. ער האָט טיף דערפילט, אַז דאָס פייפן איז ביי אים אַן אויסדרוק פון אינערליכער באַפרייאונג. עס באַפרייט אים פון עפּעס וואָס האָט אים אַלע זיינע יונגע יאָרן צוזאַמענגעדריקט. מיט דעם פייפן, האָט ער געפילט, האָט ער ערגיץ אַריינגעדרונגען אין אַ וועלט, וואָס וועט אים מוזן דערהערן. אין שפּעטערע יאָרן האָט מען געקענט זיין פייף פון פּראָטעסט אַרויסהערן אין אַזעלכע זאַכן ווי דאָס שטריימל, חוזק און אין בעלעמער מלמד.

די פּלוצים׳דיקע פאַרענדערונג אין זיין לעבן האָט אים געפייניקט. אַט איז ער געווען אַ מענטש אַליין, מיט געדאַנקען, שטרעבונגען, פאַרלאַנגען. ער איז געווען פריי זיך אַרויסצוזייסן אין דער ברייטער וועלט אַריין. איצט איז ער פּלוצים פאַרבונדן אויף אייביק מיט אַן אַנדער לעבעדיקן מענטש אַזוי ווי ער. ווער איז זי, די פרוי ביי זיין זייט? ער קען זי דאָך אפילו נישט. ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס זיין גורל איז פּלוצים געוואָרן פאַרבונדן מיט איר אויף אייביק? האָט עס די חופּה אין מיטן וועג, צווישן זיין היים און אירער, אַזוי פּלוצים אַנגעצונדן זיין בלוט? ער האָט דערפילט ווי אַז אומגעזעענע מויער איז אים פּלוצים אויפגעשטאַנען פאַר די אויגן.

די פורן זענען אָנגעקומען צוריק קיין זאַמאָשטש. דער זיידע מיט דער באָבען, די מומעס און פעטערס, אַלע האָבן גענומען אַרויס־קלעטערן פון די פורן. דער יונגער בעל חלומות איז געבליבן שטיין און געזען ווי די ווייבער פאַרען זיך אַרום זיין צווייטער העלפט. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל, אַז אַלץ וואָס געווען איז געווען. פון היינט אָן איז ער אַ יונגערמאַן אויף קעסט. דער גאָלדענער זייגער מיטן קייטל גיט אים דאָס באַוואוסטזיין פון אַ באַלעבעסל. אָבער עס וועט אויף אים מיט אַזאַ אומזיכערקייט און פוסטקייט פון דער נאָך נישט געאַנטער צוקונפט. ווי אַזוי וועט ער זיך צוזאַמענלעבן מיט שרה׳ן? וואָס וועט דער מאָרגן ברענגען?

איצט איז ער א נייער מענטש, א דערוואקסענער, א באוויבטער. אן ערנסטקייט, א צו פריע זארג האט זיך ארויפגעצויגן אויף אים. ער האט דערפילט אז אומווילן צו שפאסן און שטיפן. שוין אוועק פאר אים די צייט צו שרייבן לצ׳אנישע לידלעך אין זשארגאן וועגן זאמאשטשער פאזשאנדקעס, מיט ניגונים וואס יעדער איינער זאל קאנען נאכזינגען. אוועק זענען די לייכטזיניקע טעג. ער וועט פון איצט אן שרייבן נאר העברעאישע שירים. אזעלכע אין וועלכע ער זאל קאנען אויסדריקן זיינע טיפע געפילן און רעיונות, וואס זאמלען זיך אזוי אפט אן אין אים. אמאל וועט ער נאך לאזן, אז דער פעטער יוסף זאל זיי צונעמען ביי אים און באהאלטן, און עפטער וועט ער זען, אז זיינע שירים זאלן אריינפאלן צום שווער. ער וועט עפעס קאנען מיט זיי אויפטון. אויב ער וועט געפינען אין זיי א יש, וועט ער זיי אוודאי ברענגען פאר דער וועלט.

ער איז געקומען צום געדאנק, אז דער פעטער יוסף איז אייגנטליך אלעמאל געווען גערעכט. א היינטוועלטיקער משכיל דארף נאר שרייבן העברעאיש. איבערהויפט אזא שיין לשון ווי ער שרייבט. זיין לשון איז אוודאי נישט וויניקער שיין און רייך ווי יהודה לייב גארדאן׳ס. צו וואס שרייבן זשארגאן? פאר וועמען?

## יא

# קוועקזילבער

ווען ער איז געווען א יונגער בחור האט פרץ זיך שטענדיק לייכט אויפגעהיצט. אלעמאל א זשוואוער און א לעבעדיקער, איז ער נאך דער חתונה נאך רירעוודיקער געווארן. די חברים האבן אים מיט ליבליכקייט גערופן קוועקזילבער.

זיין מער ווי געוויינליכע רירעוודיקייט נאך דער חתונה איז געקומען פון א גרויסער גייסטיקער אומרו. ער איז נאך נישט געקומען צו זיך פון דער פלוצימדיקייט. מיט וועלכער דער פאטער האט אים געגעבן א ווייב. דער פאטער און דער שווער זענען אים א וויil פארגעקומען אזוי ווי צוויי פארשווערער, וואס האבן געשלאסן א געהיימען אפמאך צו מאכן פון אים א איר א בעל הבית, אזוי ווי זיי אליין זענען געווען.

די מחותנים, ר' יודל און ר' גבריאל יודל, זענען אויף אן אמת געווען זייער צופרידן מיט דעם שידוך וואס זיי האבן געשלאסן. ר' יודל האט זיך טאקע אונטערגעאיילט חתונה צו מאכן זיין זון. אמת, אז ער האט פון זיין בכור געהאט א סך נחת ווי פון א וואויל־לערנער, אבער צו דער פרנסה האט אים דער זון נישט געקאנט העלפן. אלץ וואס ער האט געקענט לערנען אין שטעטל האט ער שוין געלערנט. ער איז שוין נישט געווען מער קיין אינגל. געווען שוין אין נײַנצנטן יאר. דער זארגעוודיקער טאטע האט זיך קיינמאל נישט באאומרואיקט פון דעם וואס מען האט זיין בכור אמאל גערופן דער משוגענער לייבוש. טיף אין הארץ האט ער געוואוסט, אז זיין לייבעלע איז שוין גארנישט קיין מטורף. זיין שוואגער יוסף, האט ער געטראכט, איז אוודאי גערעכט אין זיין מבינות. די שירים וואס לייבעלע שרייבט

באוווייזן, אז ער וואָלט געקענט זיין אַ שרייבער ביי אידן, אַזוי ווי די פון וועלכע מען לייענט אין המליץ און אין השחר. דערפאַר האָט אים הנאה געטון וואָס ער האָט זיך מתחתן געווען מיט אַזאַ מענטש ווי ליכטענפעלד. ער איז נאָך געווען צופרידן צו צוגעבן אַ יאָר צוויי קעסט. וואָס מאַכט עס אויס וואָס יענער ניט ווינציק נדן. ער האָט דערפאַר יחוס, אַ גוטן נאָמען, אַ וואויל־דערצויגענע טאָכטער און פון נאָך דער חתונה אַז וועט ער אוודאי זיין פאַרן זון אַ בעסערער מנהיג ווי דער אייגענער טאַטע.

אויך ליכטענפעלד האָט געהאַט גוטע אורזאַכן צו זיין צופרידן פון דעם שידוך. ער איז שוין געווען נאָנט פון זעכציק יאָר, האָט געפירט אַ געפייניקט לעבן און האָט שוין נישט דערוואַרט פאַר זיין טאָכטער קיין גרעסער גליק ווי חתונה צו מאַכן איר מיט אַן עלוי. אַ געבוירענער איז ליכטענפעלד געווען פון לובלין, נאָר ער איז אויפגעצויגן געוואָרן און האָט געלעבט ביז אַריבער פופציק יאָר אין דעם זייער אַלטן פוילישן שטעטל אַפּט. דאָרט איז ער געווען אַ ישיבה־בחור און דאָרט האָט ער אַלע זיינע יאָרן, אפילו נאָך זיין חתונה, גאַרנישט געטון ווי נאָר געלערנט. אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער זיך פּלוצים גענומען לערנען פרעמדע שפּראַכן און מאַטע־מאַטיק. נאָך אַ שטיקל צייט האָט ער איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיט דער טאָכטער, איז אַוועק פון דער שטאָט וואו ער האָט אָפּגעלעבט ביז צוויי־און־פופציק יאָר פון זיין לעבן און האָט זיך אַליין אַז עלנטער באַזעצט אין וואַרשע. ער האָט שוין דאָרט געוואוינט אַ יאָר אַכט, ווען ער איז אַהיימגעפאָרן קיין אַפּט בלויז צו דערפילן זיין פאַטערליכע פליכט חתונה צו מאַכן דער טאָכטער. אַזוי אַרום האָבן ביידע טאַטעס זיך געטראַכט, אַז זיי האָבן געהאַנדלט קלוג.

דעם יונגן פאָרפאָלק איז אָבער נישט געווען באַשערט צו זיין מיט דעם שידוך אַזוי גליקליך ווי די מחותנים. זייערע יונגע אויס־רעכענונגען האָבן זיך אַנדערש אויסגעלעגט.

פּרץ׳עס יונגער קאָפּ מיט דעם לעבהאַפטיקן, באַוועגליכן פּנים, האָט געטראָגן אין זיך אַ גרויסע גייסטיקע וועלט. נישט נאָר דאָס טיפסטע פון דעם אידישן וויסן, נאָר שוין אויך אַ שפּאַרעוודיקן טייל פון דער וועלטליכער ליטעראַטור. זיין וועלטליך וויסן האָט אים

געהאָלפֿן באַלייכטן און קלאָרער מאַכן דאָס טיף־אידישע וואָס האָט געלעבט אין אים. זיינע חושים זענען געוואָרן פֿאַרשאַרפֿט און פֿאַר־פיינערט פֿון טיפֿע גייסטיקע דערפֿאַרונגען און איבערלעבונגען. ער האָט אָנגעהויבן שאַרפֿער באַאָבאַכטן און עמפּפֿינדן די אַרומיקע וועלט. ער איז געוואָרן אומרואיק, זוכנדיק, רירעוודיק, קוועקזילבער.

שרה, דאַגעגן, איז געווען אויסערליך אַ רואיקע, מיט געלאַסענע מאַנירן. זי איז אויפֿגעוואַקסן אין דער צייט ווען ליכטענפֿעלד האָט זיך שוין איינגעפּאַיזירט און ער האָט איר געגעבן אַ מאָדערנע, כמעט אַ גוי'אישע דערציאונג. זי האָט געהאַט דעם שטעל פֿון אַ גראַנד דאַמע און גלייך נאָך דער חתונה האָט זי איינגעשטעלט מיט איר מאַן אַ טאָן פֿון אויבן אַראָפּ. זי האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ בית מדרש בחור, וואָס שטייט אונטער איר ווערט. זי איז געווען פֿול מיט מאַניר, מיט אויסערליכקייט און מיט פּראָווינציעלן גלאַנץ.

אויף אַזאַ אופֿן זענען זיי פֿון אָנהויב אָן געווען פֿאַר'משפּט נישט צו קענען זיך צוזאַמענלעבן.

אין דעם איינענעם הויז וואו די פּרץ משפּחה האָט געוואוינט, האָט מען אויף דעם אונטערשטן שטאָק אָפּגעגעבן דעם יונגן פּאָרפֿאָלק אַ האַלב־טונקעלע שטוב מיט די פֿענצטער אויף דער פּאָדטשעניע, אונטער אַ פֿאַרלענגערטן דאַך. ווען קיין פּרנסה האָט דער יונגער־מאַן דערווייל נישט באַדאַרפֿט זאָרגן, ווייל דער פֿאָטער האָט צוגע־זאָגט קעסט און זעקס רובל אַ וואָך אויף דער פּרנסה האָט מען גענומען פֿונם נדן. קעסט־קינדער האָבן געהאַט אַלערליי זיסע פּריווילעגיעס. עס האָט זיך געלעבט גרינג און נחת'דיק, ווען די משפּחה האָט מיט אַלעם גוטן אַרויסגעהאָלפֿן. דאָס יאָר קעסט איז פֿאַרגאַנגען און עס האָט מיט זיך מיטגעצויגן אַ צווייט יאָר קעסט.

עס האָט זיך געלעבט,<br>
די צייט האָט געוועבט<br>
איר לאַנגן, איר כשרין פֿאָדעם.

מיט זיין פֿרייער צייט האָט פּרץ געקענט אַ סך אויפֿטון. אָבער עס האָט זיך נישט געטון. ר' יודל'ס געשעפֿטן מיט וואַלד און מיט גע־הילץ האָבן זיך אויסגעלאָזט און ער האָט איבערגענומען אַ מיל,

וואו דער נאַרוואַס פאַרהייראַטער זון האָט אַ ביסל אַרויסגעהאָלפן, אָבער קיינער האָט אין דעם קיין תכלית נישט געזען.

דאָס צוזאַמענלעבן מיט שרה׳לען איז פּרצ׳ן אָנגעקומען שווער. זיי האָבן ביידע נישט געקענט בייקומען די פרעמדקייט צווישן זיך. אין ביידן האָט פּראָטעסטירט די יוגנט קעגן אונטערוואַרפן זיך דעם גורל, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעפּאָרט נאָך איידער זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אָנגעזען. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין פריידענקערישקייט און האָט געגלויבט די פרוי וועט זיין גליקליך איינצוזען, אַז איר מאַן איז נישט קיין בטלן. זי איז דאָך די טאָכטער פון אַ משכיל, וואָס האָט שוין לאַנג בטלנות געלאָזט הינטער זיך און איז אַוועק אין דער וועלט אַריין. און אויב שרה׳לע וועט אים האַלטן פאַר צו פריי, וועט ער איר באַווייזן, אַז יונגע מענטשן דאַרפן זיין היינטוועלטיק.

אַרויסגעוויזן האָט זיך פאַרקערט. שרה׳לע האָט געהאַלטן, אַז איר מאַן דער עלוי איז נאָך צופיל איינגעטונקען אין די מאַנירן פון בית מדרש. אָט דאָס, מער פון אַלץ, האָט אים געמאַכט אַזוי אומרו־איק ווי קוועקזילבער.

זיין פאַנטאַזיע האָט געהאַט פליגעל. אים איז געווען גרינגער צו שוועבן אין הויכע וועלטן איידער זיך אַריינצוּוואַוועבן אין דעם רעד־אַלן לעבן אויף דער ערד. צו ערדישע קליינקייטן האָט ער זיך ערשט אַליין באַדאַרפט צוגעוואוינען. שרה׳לע האָט נישט געקענט זיין פאַר אים קיין ביישפּיל אין טאָג־טעגליכן לעבן. ער האָט נישט געקענט זיך לאָזן באַאיינפלוסן פון די רייד און דורך דעם מוסטער פון אַ מענטשן, מיט וועמען בלויז דער צופאַל האָט אים צוזאַמענגעבונדן.

דאָס אַלץ האָט זיך געדרענגט אין אים און עס האָט געוואָלט קומען צום אויסדרוק. ער האָט פאַרוואָרפן די שפּילעוודיקע פאָרם פון שפּאַסיקע, אָפּלאַכערישע לידלעך. ער האָט זיך אַלץ מער אָפּגע־געבן מיט דער ערנסטער, יום טוב׳דיקער פאָרם פון שירים. ער האָט אַלץ עפטער געשריבן לידער אויף העברעאיש. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלעבט. אָבער דאָס געשריבענע האָט אים זעלטן צופרידן גע־שטעלט. עס האָט אים אַלץ אויסגעזען ענליך צו די גראַמען וואָס ער פלעגט פאַרפאַסן נאָך אַלס אינגל ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

דאַמאָלס האָט ער געקענט אין אַ לידל אַפּלאַכן פון בלאָע ציצית אָדער פון קהל׳שע קליאַמקעס. איצט אָבער איז אים שוין דאָס האַרץ געוועזן פול מיט די געפילן פון אַ רייפן מאַן, וועלכער זוכט אויס־צודריקן אַלץ וואָס פייניקט אים טיף אין דער נשמה.

יענע חוזק־לידלעך האָט ער געקענט שרייבן אויף זשאַרגאָן. דאָס איז געווען בלויז פריילעך צו מאַכן זיך און די חברה׳לייט. אָבער איצט גייט עס וועגן הויכע ענינים פון געדאַנק און געפיל און דאָס קען מען נאָר אויסדריקן אין דעם לשון פון זיין גייסטיקן מקור. ווי קען ער אויסדריקן זיין אינערליכע וועלט אין דעם לשון פון די צופעליקע מעשה־ביכלעך פון אַזעלכע כלומר׳שטע שרייבער ווי גדליהו בעללאַה, אביגדור ברכיה רוף אָדער אפילו פון די בעסערע שריפטן פון אייזיק מאיר דיק און שלמה עטינגער. ס׳איז גוט גענוג פאַר חוזק. און וואוהין זאָל ער שיקן אַ ליד אָדער אַ בילד צום אָפּדרוקן, ווען ער שרייבט עס אָן אויף דער שפּראַך? מיט אַ דריי פיר יאָר פריער האָט ער נאָך געזען די זשאַרגאָנישע „וואַרשויער יודישע צייטונג", וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט עטינגער׳ס סאַטיריש ליד איבער דער צבועק׳ישער צדקת „וויטעלע". וואָס פאַר אַ שפּראַך, מ׳שטיינס געזאָגט, די צייטונג האָט ער דאַמאָלס פאַרמאָגט. איצט איז אפילו אַזאַ זשאַרגאָנישע צייטונג אויך מער נישטאָ. איידער צו שיקן עפּעס אין דעם זשאַרגאָנישן „קול מבשר", וואָס צעדערבוים גיט אַרויס יעדע וואָך ווי אַ ביילאַגע צום „המליץ", איז אודאי שענער צו שיקן עפּעס גלייך לשון קודש. היינט איז שוין אַ יאָר צוויי ווי פּרץ סמאָלענסקין גיט אַרויס דעם שיינעם „השחר" אין ווין.

אויב ווערן אַ שרייבער, האָט ער באַשלאָסן, מוז דאָס זיין נאָר אויף העברעאיש. ער האָט אַלץ מער און מער געשריבן, נאָר קיין זאַך אין ערגיץ נישט געשיקט. וואָלט ער נאָר געהאַט גלויבן אין דעם וואָס ער האָט געשריבן, וואָלט ער געהאַט דעם צוטרוי, אַז דאָס וואָס ער האָט געשריבן איז ווערט געווען צו זען די ליכטיקע שיין, אָבער דאָס האָט אים געפעלט. עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק פאַר אַ שיר, האָט ער אים אָנגעשריבן, אים איבערגעלעזן און גיך פאַרלוירן דעם גלויבן אַז ער איז עפּעס ווערט. ווען מען צו ווייזן דאָס אָנגעשריבענע, פאַר וועמען עס פאַרצולייענען איז שוין באַלד נישט

געוועזן. מיט די בחורים, פריריקע חברים פון בית מדרש, האָט ער שוין זעלטן זיך באַגעגנט. די וואָס האָבן חתונה געהאַט זענען זיך, ווי דער שטייגער איז, יעדער געגאַנגען זיין וועג. האָט ער דערפאַר דאָס געשאַפענע כסדר צונישט געמאַכט. געשריבן און צוריסן אָדער אין קיך אויפגעהויבן אַ טעפּל פון פייער און צוגעזען ווי די באַשרייבענע פּאַפּירן גייען אויף אין פלאַמען איבער די גליענדיקע קוילן.

דער גוטער מלאך האָט אים אָבער אַפּטמאָל אויפגעזוכט. דער פעטער יוסף האָט ביי אים צוגענומען יעדעס שטיקל כתב־יד וואָס ער האָט ביי אים געפונען, כדי עס צו באַהאַלטן. אַ סך פון יענע כתב־יד'ן האָבן זיך צענדליקער יאָרן ביים פעטער יוסף אויפגעהיטן ביז זיינע דערוואַקסענע, פאַר'גוי'אישטע זין האָבן אין שרעק פאַר אַ פּאָליציייאישן איבערפאַל, זיי מיטן מיסט אַרויסגעוואָרפן. אין יענע ערשטע יאָרן פון פרצ'עס פּאָעטישן שאַפן איז דעם פעטער יוסף'ס גוטער שמייכל אין דער ברייטער באָרד אַריין געווען זיין איינציקע דערמוטיקונג.

דער תלמיד חכם יוסף אַלטבערג, דער מאַן פון ריוועלע פרצ'עס שוועסטער, איז געווען אַ גוטער קענער פון לשון קודש און אַ גע־לערנטער אין וועלטליכע וויסנשאַפטן. צום יונגן פרץ האָט ער געהאַט אַ גרויסע ליבשאַפט און האָט אים הויך געשעצט ווי אַ דיכטער. נאָך מיט יאָרן פריער, ווען דער עלוי'שער קאָפּ האָט בלויז זשאַרגאָנישע לידלעך פאַרפאַסט, האָט שוין דער גוטער פעטער באַוואונדערט זיין טאַלענט. איצט, ווען דער פעטער האָט געהאַט די פרייד צו זען, אַז צו זיין עצה הערט ער זיך שוין צו און שרייבט העברעאיש, האָט ער געקוקט אויף אים מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ און האָט אים גע־האַלטן פאַר אַ נאַציאָנאַלן העברעאישן פּאָעט, וואָס וועט סוף כל סוף זיך קונה שם זיין.

אין יענע ערשטע יאָרן פון ברויזנדיקן ווילן זיך אַליין גייסטיק צו געשטאַלטן, איז פאַר פרצ'ן דער פעטער יוסף געווען דער איינ־ציקער קוואַל פון אָנערקענונג פאַר זיינע פרוואוון פון קינסטלערישן אויסדרוק. קיין אַנדערע מענטשן האָט ער נישט געהאַט וועמען צו פאַרטרויען זיין אינערליכע גייסטיקע וועלט.

# יב

## פּאָעזיע און פּרנסה

דער קינסטלער האָט זיך גענומען אַנטוויקלען און איז געוואַקסן אַריבער זיין סביבה. די אַלט־פּוילישע אידישע טיפּן פון זאַמאָשטש, אינטערעסאַנטע און טיילמאָל אויסטערלישע, זענען פאַר אים געווען די סביבה, וואָס ער האָט מיט דער ליבשאַפט פונם קינסטלער איינגעזאַפּט אין אַלע סענסיטיווע חושים.

די שטאָט איז געווען באַלעבאַטיש אידיש. זי האָט געהאַט אַ סך וואוילע לערן־קעפּ. מען האָט זיך דאָרט געפירט אויפן גביר'ישן שטייגער, און עס זענען אפילו געווען אביונים וואָס האָבן גע'שמ'ט מיט אייגנאַרטיקער חכמה. געווען דאָרט אַן אָרימאַן וואָס מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גאון און בקי בשבע חכמות, האָט ער געפירט וכוחים מיטן קאַנאָניק, דעם בישאָפּ'ס קירכליכן פאַרטרעטער, און האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ קומען־קערער. געווען אַ שמש אַן אביון און אַ מטופּל מיט קינדער, וואָס האָט אויסגערעכנט אויף הונדערטער יאָרן אַלע לקוי חמות און אַלע לקוי לבנות. עס איז געווען אין שטאָט אַ ליטוואַק אַ צלם־קאָפּ, אַ איד אַ נגיד, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ היימישן מנין ביי זיך אין שטוב, פרום געווען, פונדעסטוועגן האָט מען ביי אים אין הויז אויך געפונען גרויסע אַפּיקירן, וואָס פלעגן קומען שפּילן פּרעפעראַנס. ביי אים האָט מען אויך געקאָנט געפינען יאַנקעלע רייפּמאַן, דעם גרויסן אַפּיקורס. דער נגיד האָט אים אַריינגענומען אין שטוב אַלס לערער פאַר זיינע קינדער. רייפּמאַן אַליין איז געווען אַ הויכער, מיסטעריעזער שוואַרצער איד, וואָס האָט געשטאַמט פון אַפּט און האָט די מערסטע יאָרן פון זיין לאַנג לעבן אָפּגעלעבט אין שעבערשין, וואו פרץ האָט אים נאָך

אַלס אינגל מיט גרויס יראת הכבוד אַנגעקוקט און געוואוסט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ צאָל פילאָזאָפישע ספרים.

צווישן די מער פשוט'ע אידן אין שטאָט זענען געווען — אַ היטל־מאַכער אַ חזן, וואָס פלעגט ימים נוראים דאַווענען פאַרן עמוד; אַ לערער פון קאַליגראַפיע; אַ פאַרצייטישער, פליישיקער איר אין אַ ברייטן טיזליק און מיט אַ שטאָק מיט אַ זילבערנער גאָלקע אין דער האַנט. ער פלעגט אַרומגיין איבער דער שטאָט צוזאַמענגעמען נדבות און דער שמש האָט אים נאָכגעטראָגן די זילבערנע פושקע. אַ סך ענליכע און אַנדערע אויסטערלישע אידן האָבן מיט זיך פאַר־געשטעלט די רייכפאַרביקע סביבה, אין וועלכער דער אויפגייענדיקער קינסטלער האָט געלעבט.

דער יונגער פּאָעט האָט געפונען דערהויבונג אין דעם פּעטער'ס ברייט־האַרציקע שבחים. נאָר מער ווי ביים פּעטער, האָט ער איצט געוואָלט נושא חן זיין ביי זיין שווער אין וואַרשע. ווען ליכטענפעלד איז געקומען צוגאַסט קיין זאַמאָשטש, איז ר' יוסף אַלטבערג צוגע־שטאַנען אַז ער מוז לייענען די שירים פון זיין איידעם און איינזען, אַז ער וואַקסט אַ גדול.

צו דעם יונגן פּאַרפאָלק אין שטוב אַריין זענען אין אָוונט געקומען דער פּעטער מיטן שווער, און דער יונגערמאַנטשיק מיט דעם באַ־גייסטערטן פּנים, איינגעפּאַסט אין אַ בליענדיק בערדעלע, האָט געמוזט פאַר זיי לייענען זיינע נייע שירים.

חוץ אין העברעאיש, האָט פּרץ דאַמאָלס אויך געשריבן לידער אויף פּויליש, אָבער דאָס האָט ער געהאַלטן אַ טיפן סוד. אויף דער גוי'אישער שפּראַך האָט ער געשריבן בלויז צופרידן צו שטעלן זיין איינענעם ערגייץ. און כדי זיך צו געבן אַ העכערן ציל מיט זיין שרייבן פּויליש, האָט ער זיך אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז ביי אים אַז אינטערנאַציאָנאַלער צוגאַנג, גלייך פּויליש וואָלט געווען אַ פענצטערל צו מערב אייראָפּע. די אידישע וועלט האָט אים אַלץ אויסגעזען ענג און איינגעשלאָסן. ער האָט זיך אַליין געוואָלט באַווייזן, אַז ער קען פאַר זיך אויסשמידן אַ שליסל אויך צו דער דרויסנדיקער, פרעמדער וועלט. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז זיין פּויליש איז נאָך פול מיט גרייזן. דער עיקר, עס איז נישטאָ קיינער, פאַר וועמען ער זאָל זיך

קענען מיט דעם פּאַרטרויען. אין דעם יונגן ווייב, וואָס האָט גוט געקענט פּויליש, האָט ער קיין פאַרטרוילעכקייט נישט געפונען.

די שוואַרץ־חנ׳עוודיקע טאָכטער פון ליכטענפעלד׳ן איז געווען פעסט־געבויט, טעמפּעראַמענטפול און זי האָט געהאַט דאָס שטאָלצע באַוואוסטזיין, אַז זי האָט איר מאַן געבראַכט גייסטיקן יחוס. אַנט־קעגן פּרצ׳עס באַגער צו ווערן אַ העברעאישער שרייבער, האָט זי אַנטקעגנגעשטעלט די דערגרייכונגען פון איר פאָטער, און זי האָט געפילט, אַז זי האָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען פון איר מאַן, אַז ער זאָל זיך פריער אָפּגעבן מיט פאַרשאַפן איר חיונה און אַ שטייגער לעבן ווי איר שטייט אָן.

דער געלערנטער און קלוגער ליכטענפעלד האָט גיך איינגעזען, אַז צווישן זיין טאָכטער און דעם איידעם איז די ליבשאַפט און די פאַרטרוילעכקייט נישט גענוג שטאַרק. שרה׳ן איז געווען פרעמד, און אפילו איבערדריסיק, איר מאַן׳ס אָפּגעבונגקייט און באַגייסטע־רונג, ווען ער האָט זיינע אומפאַרשטענדליכע לידער פאַרגעלעזן. אָן ווערטער, מיט אירע בליקן און באַנעמונג, האָט זי נאָך צום פאָטער פּראָטעסטירט קעגן דעם שידוך מיט אַ בית מדרש בחור. דער טאַטע, זיין האַרץ פול מיט צער, האָט געוואָלט דערמוטיקן דעם איידעם אין דער געגנוואַרט פון זיין טאָכטער און ער איז געווען ברייטהאַרציק מיט זיין מבינות אויף דעם איידעם׳ס שירים.

אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען די פינקלענדיקע טיי מיטן איינגע־מאַכטס, און די צוויי עלטערע תלמידי חכמים האָבן דערוואַרעמט די אַטמאָספערע אין דער יונגער שטוב מיט זייערע לויב־ווערטער. דער פעטער האָט גאַרנישט אָפּגעלאָזט. דער באַגייסטערטער דיכטער האָט געמוזט פאַרלייענען איין שיר נאָכן אַנדערן. דאָס האָט אים דער־הויבן די נשמה און ער האָט אַרויסגענומען דאָס באַהאַלטנסטע פון זיינע כתבים, דעם שיר „חיי משורר עברי" — דאָס לעבן פון אַ אידישן פּאָעט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליד אין וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק אַריינגעגאָסן זיין האַרץ, אַז עס האָט אים אומגעקערט אַ טרייסט יעדעס מאָל ווען ער האָט עס געלייענט.

דער עלטערער שריפטשטעלער, וועלכער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פונם געפיל אַז אַ גרויסער טייל פון זיינע לויב־ווערטער

קומען אים אויף דער צונג ווייל דער יונגער דיכטער איז זיין איידעם, האט אנגעהויבן ווערן אמת'דיק באגייסטערט. ער האט גענומען נאכ־אמאל לייענען די לידער מיט מער אויפמערקזאמקייט און האט אין יעדן ליד ארויסגעזען טאלענט. די שפראך איז שיין און קלאר, די פארם געשליפן און דער אינהאלט רייך, טיפזיניק. אט לייענט ער א פאבל וועגן א מגפה, וואס איז אויסגעפאלן אויף א סטאדע שאף. דער פאכטער לויפט צו א צדיק ער זאל אפשטעלן די מגפה, און דער צדיק זאגט דאס אים צו נאר מיטן תנאי, אז ער אליין זאל ווערן א שותף צו די פעלכלער פון די טויטע שאף. דער שווער איז אנטציקט פון דער סאטירע.

נאכדעם לייענט ער אן אלעגארישע פאעמע וועגן דעם ווי אזוי גאט האט איינגעטיילט די חכמות צווישן מענטשן, ביז איינער איז געקומען שפעט און האט געמוזט נעמען אנשטאט חכמה — פארניי־נונג. דאס האט אים געמאכט פאר א קריטיקער. ווידער שמייכלט ליכטענפעלד איבער דעם קלוגן אויספיר. מיט נייגיר און אינטערעס לייענט ער אן אנדער טיף ליד, וואס מאכט אויף אים א שטארקן רושם. דער דיכטער שילדערט אין דעם ליד די פינצטערניש וואס איז פארשפרייט איבער דער וועלט און ער דריקט אויס זיין האפנונג און גלויבן, אז די שווערע נאכט וועט פארביי און דער זונאויפגאנג וועט אנקומען איבער דער וועלט.

ביים עלטערן שרייבער האבן געפינקלט די אויגן פון פרייד. אזא פארביקע פאנטאזיע, אזא פארשטענדעניש פאר מענטשן און זאכן, אזא רייכקייט פון דער העברעאישער שפראך. דאס האט דעם שווער און איידעם מיטאמאל דערנענטערט, אזוי ווי צוויי יונגע חברים. ווען דער שווער וואלט בשעת מעשה געהאט ביי זיך זיינע אייגענע שירים, וואלט ער זיי אוודאי פארן איידעם פארגעלעזן צו הערן זיין מבינות. ער איז איצט מער ווי פריער געווען צופרידן מיט זיין אבן טוב און האט באשלאסן, אז ער וועט זיך טיכטיק נעמען אים אריינ־צופירן אין דער העברעאישער ליטעראטור. אים איז קלאר געווען, אז דאס איז נישט גרינג. אפדרוקן א ליד דא און דארט אין א העברעאישער אויסגאבע איז מעגליך געווען, אבער פון ביטערער דערפארונג האט ליכטענפעלד געוואוסט, אז דאס מיינט נישט קיין

סך. נישט איינער האָט אויף אַזאַ אופן פאַרעפֿענטליכט שירים, וואָס זענען קיינמאָל אין קיין בוך נישט געזאַמלט געוואָרן. און ער האָט געוואָלט דעם איידעם אויסהיטן פֿון דער אַנטוישונג צו באַ־קומען לידער צוריקגעשיקט פֿון די רעדאַקציעס.

זיין נאָמען אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָט ליכטענפֿעלד זיך דאַמאָלס געשאַפֿן אַלס וויסנשאַפֿטלער און פּאָלעמיקער. ער האָט אָבער אויך געשריבן שירים, מיט וועלכע ער איז אַליין געווען אַ ביסל אומזיכער. זיין איידעם'ס פּאָעטישע פּרוכטבאַרקייט און דער יוגנטליכער חשק מיט וועלכן ער האָט געשריבן, האָבן אויך דעם עלטערן דיכטער געגעבן מער גלויבן אין זיין אייגן שאַפֿן. עס איז ביי אים באַפֿעסטיגט געוואָרן דער געדאַנק, וואָס וועט זיין פֿון גרויס נוצן און דערמוטיקונג פֿאַר זייביידן. ער וועט מיט דער צייט לאָזן אָפּדרוקן אַ באַזונדער ספר'ל מיט זייערעביידנ'ס שירים. מיט דער צייט. אָבער דערווייל דאַרף נאָך דער יונגערמאַן אַ סך לערנען, דער עיקר שרייבן.

דער אַלטער געלערנטער האָט געהאַט אַ סך אַנדערע זאָרגן וועגן זיין איידעם. אַ חוץ צו פֿלעגן זיין טאַלענט האָט ער אויך באַדאַרפֿט זאָרגן, וויניקסטנס טיילוויז, וועגן זיין פּרנסה.

די קעסט און דער נדן זענען שוין ביים יונגן פּאָרפֿאָלק לאַנג אויס־געגאַנגען און זיי האָבן נאָך אַלץ קיין אייגענע פּרנסה נישט געהאַט. עפּעס האָט נאָך געפֿייניקט ליכטענפֿעלד'ן אַ געדאַנק, אַז ער האָט נאָך נישט אַלץ אָפּגעצאָלט דעם איידעם וואָס ער האָט אים צוגע־זאָגט. קיינער האָט נישט געוואוסט ווי ביטער עס גייט אים אין וואַרשע. אָבער ער האָט זיך אַלץ געטרייסט, אַז מיט דער צייט וועט ער די קינדער געבן אַלץ צו וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען.

שרה'לע האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו באַקלאָגן זיך פֿאַרן פֿאָטער, אַז דער מאַן גיט זיך מער אָפּ מיט לעזן און שרייבן ווי מיט באַזאָרגן די היים. פּרץ האָט אָבער אויף פֿאַרשידענע אופֿנים געפּרוּווט זיך צו דערשלאָגן צו אַ פּרנסה. נאָר עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. דערווייל איז ער געווען ווי פֿון ווינט געטראָגן. אויפֿן דאַמאָלסדיקן שטייגער האָט ער צוזאַמען מיט זיין פֿאָטער געבלאָנקעט פֿון איין אומזיכערער פּרנסה צו דער אַנדערער. ער

האָט אָנגעהויבן פּילן דעם דרוק פון נויט און פון אָפּהענגיקייט, פון וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו באַפרייען זיך. די שירים וואָס ער האָט געשריבן זענען אים נישט נאָר געווען אַ טרייסט אין שווערע מינוטן, נאָר אַ געשטאַרקטער פונם שווער׳ס לויב־ווערטער, האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער וועט טאַקע באמת ווערן אַ משורר עברי. אודאי וועט ער נישט קענען פון דעם מפרנס זיין קיין ווייב און קינדער, אָבער אפשר צוליב דעם.

ביי ר׳ יודל פּרץ אין דער היים איז מען געווען געוואוינט צו לעבן באַלעבאַטיש ברייט. און דער זון האָט באַשלאָסן, אַז כדאי צו קענען פירן וועלן עס איז אַזאַ באַלעבאַטישע היים ווי ביים טאַטן, וועט ער זיך סוף כל סוף מוזן נעמען צו אַ פּראַקטישער פּרנסה. ער האָט זיך פליסיק גענומען שטודירן אַ קורס אין בוכהאַלטעריע. ער האָט זיך צו דעם גענומען מיט גרויס התמדה, ווייל ער האָט געגלויבט אַז דאָס וועט אים אויסלייזן פון אַלע דאגות פּרנסה. דערווייל איז אין דער קליינער היים וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן. ער האָט געוואוסט אַז שרה׳לע קוקט קרום אויף זיין שרייבן און זי איז גאָר נישט זיכער, אַז זיין בוכהאַלטעריע וועט זיי שטעלן אויף די פיס.

זיינע באַציאונגען זענען געוואָרן אָנגעשטרענגע אי מיט זיין יונג ווייב אי, דורך איר, מיטן שווער, וועלכער פלעגט אים שרייבן בריוו מיט שטראָף־רייד פון וואַרשע.

אין דער סביבה איז אים וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן. איין טרייסט האָט ער געהאַט, ער האָט אין דער צייט געלעזן אַז אַז אויפהער. אין שטאָט זענען געווען עטליכע היימען וואו עס איז אָנגעקומען אַלץ, וואָס איז אין יענער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף העברעאיש. ער האָט געקענט באַרגן ביכער וועט און ביי וועמען ער האָט געוואָלט. און ער האָט נאָכאַנאַנד געשריבן, ווייל טיף אין זיין באַוואוסטזיין האָט ער געגלייבט, אַז זיין פּאָעטישע פּרוכטבאַרקייט איז פאַר אים אַ גרויסער אָנזאָג.

# II

## יג

# אַנטוישונג אין וואַרשע

וואָס שווערער עס איז פּרצ'ן אָנגעקומען צו פֿאַרזאָרגן שרה'לע'ן מיט פּרנסה, אַלץ עפּטער האָט ער געטראַכט וועגן אַ רייזע קיין וואַרשע.

דער אַלטער דר. סקשינסקי האָט אים שוין געהאָט באַפֿרייט פֿון פּריזיוו און אין דער הויפּט־שטאָט פֿון פּוילן איז געווען אַ סך אויף וואָס ער האָט געהאָפֿט און געוואַרט — אינטערעסאַנטע באַקאַנט־שאַפֿטן, באַגעגענישן, נייע פֿריינט, שרייבער, מענטשן פֿון וועמען ער האָט געהערט. אָבער די גרויסע שטאָט איז פֿאַר אים נאָך געווען איינגעהילט אין טונקלקייט. וועלכע גרויסע נעמען האָבן דען דער־גרייכט צו אים אין שטעטל. צוויי נעמען האָבן פֿאַר אים געהאַט אַ באַזונדער כּשוף, יצחק קראַמשטיק און יעקב טוגענדהאָלד.

קראַמשטיק איז געווען אַ רבֿ אַ פּאַטריאָט, וועלכער איז געפֿאַלן אַ קרבן פֿאַר זיין פּוילישן פּאַטריאָטיזם. אין דעם יאָר פֿון אויפֿשטאַנד פֿון 1863 איז ער געווען דער פּרעדיקער אין דער גרויסער וואַרשעווער שול אויף די נאַלעווקעס. דאָרט האָט ער געהאַלטן פֿלאַם־פֿייערדיקע דרשות פֿאַר אַ באַפֿרייטער פּוילן, ביז די צאַרישע מאַכט האָט אים צוזאַמען מיט פּוילישע פּאַוסטאַנצעס פֿאַרשיקט אין דער באַברויסקער פֿעסטונג. שלאַכטשיצעס האָבן זיך דאָרט דערוואוסט וועגן אים און לייכטער געמאַכט זיין ביטערן גורל. ווי וואָלט ער געוואָלט אַזאַ מענטשן באַגעגענען אין וואַרשע.

נישט קיין בעסערע אויסזיכט האָט ער געהאַט ווען עס איז צו באַ־געגענען טוגענדהאָלדן, וועלכער איז געווען אַ שרייבער, איבערזעצער און צענזאָר פֿון העברעאישע ספֿרים און איז שוין מיט צוויי יאָר פֿריער געשטאָרבן. אָבער טוגענדהאָלדן האָט ער איראָניש באַטראַכט פֿאַר זיין

ערשטן לערער פון רוסיש און פויליש, ווייל די שפּראַכן האָט ער צום ערשטן מאָל געלערנט פון די צענזור אויפשריפטן אויף העברע־אישע ספרים. א שאָד וואָס טוגענדהאַלד איז מער נישטאָ. געהאַפט האָט ער אויך צו באַקענען זיך מיט שמואל הערש פּעלטין, רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער „איזראַעליטאַ", וואו ליכטענפעלד האָט געשריבן פון צייט צו צייט. אמת, קיין פּוילישע לידער צו באַווייזן האָט ער נישט געהאַט, אָבער ער האָט לעצטנס די שפּראַך פּלייסיק געלערנט און זיין פּויליש איז אַ סך פאַרבעסערט.

וואַרשע איז דאַמאָלס עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטליך געווען אַן אויפּ־גייענדיקע שטאָט. הונדערטער יאָרן האָבן דאָרט קיין אידן נישט געטאָרט וואוינען. אָבער שוין אַ יאָר צען ווי זיי האָבן געהאַט באַ־קומען גלייכבאַרעכטיגונג מיט די קריסטליכע איינוואוינער פון פּוילן. די טאַקסע אויף פלייש און אויף לעכט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, און דאָס אַלץ איז געווען צו פאַרדאַנקען די באַמיאונגען פון דעם כּראַביע וויעלאָפּאָלסקי. וואַרשע האָט געהאַט דריי הונדערט טויזנט איינוואוי־נער. כמעט אַ דריטל זענען געווען אידן. די אידישע גאַסן האָבן אָנגעהויבן אויפלעבן מיט נייער טעטיגקייט. עס איז אויפגעגאַנגען האַנדל, אימפּאָרט און עקספּאָרט, און די טומלדיקסטע פון אַלע גאַסן איז שוין דאַמאָלס געווען די נאַלעווקעס.

די איינציקע פּראַקטישע פאַרבינדונג וואָס פּרץ האָט ביז דאַמאָלס געהאַט מיט וואַרשע זענען געווען די בריוו מיט אַ ביסל געלט, וואָס ער פלעגט באַקומען פונם שווער. אָבער דאָס געלט איז אין די בריוו אָנגעקומען אַלץ זעלטענער. ביי ליכטענפעלד'ן האָט זיך אָנגעזאַמלט ביטערקייט געגן זיין איידעם, ווען ער האָט געלייענט די בריוו פון זיין טאָכטער. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק. ווי לאַנג איז דער שיער אים אויסצוהאַלטן, האָט ער זיך געפרעגט. אָבער די ליוב־ווערטער וואָס ער האָט דעם איידעם געגעבן פאַר זיינע שירים, האָבן אויפן שווער אַרויפגעלעגט אַ פליכט.

דער יונגער דיכטער האָט זיך געטראַכט, אַז זיין שווער דער שריי־בער דאַרף קודם כל זיין צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט אויך אַן איידעם אַ שרייבער, איבערהויפּט אַ פּאָעט. ווי לאַנג ער זיצט אין זאַמאָשטש קען פאַר אים דער שווער גאָרנישט טון, נאָר ווען ער

זאָל קומען קיין ווארשע, וועט ער זיך אודאי פאַר אים באַמיען. עס איז אים אָבער שווער געווען צו פועל'ן ביי זיך צו מאַכן די רייזע.

ער האָט ליב געהאַט דאָס שטעטלשע לעבן. וואָלט ער דאָרט געהאַט פּרנסה, וואָלט ער קיינמאָל נישט מיד געוואָרן טעגליך צו באַגעגנען די היימישע מענטשן: דעם וואַסער־טרעגער, דעם מלמד, דעם שניי־דער, דעם קירזשנער, דעם וויין־הענדלער, די מאַרק־אידענע, דעם פּאָסעסאָר, דעם שבת־גוי, דעם קרעמער. אַלע זענען זיי אים געווען נאָענט, אייגן, היימיש. זיין וועלט איז געווען די אידישע שטוב, וואו אידיש איז געווען דאָס גייסטיקע ברויט. פון די וואָרצלען האָט ער געצויגן זיין יניקה. דאָרט האָט ער נישט געטראָגן קיין כעס אויף קיינעם, האָט מיט אַלעמען זיך געקענט צוזאַמענלעבן. אָבער פּרנסה! ער האָט אָנגעהויבן שטאַרקער גלויבן אין משנה מקום משנה מזל.

ווען געלט פון ווארשע איז אָנגעקומען וואָס אַמאָל וויניקער, האָבן צווישן איידעם און שווער אָנגעהויבן גיין פאַרביטערטע בריוו. די טאָכ־טער האָט זיך געקלאָגט פאַרן טאַטן, אַז דער מאַן איז אַ צוטומלטער און דערפאַר קען ער אין זאַמאָשטש קיין שטעלע נישט קריגן. דער אַלטער האָט זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט און ער האָט דעם איידעם געשיקט אַ בריוו פול מיט ביטערן פאַרוואורף. פּרץ ווידער האָט גע־פילט, אַז ער האָט רעכט צו מאָנען דעם נישט אויסגעצאָלטן חלק נדן. ער איז ביי זיך געווען זיכער אַז ער, דער פּאָעט, וועמען דער שווער אַליין האָט אָנערקענט, טוט שוין גענוג מיט דעם וואָס ער נעמט אַ קורס אין בוכהאַלטעריע. אין אַ טאַקטישן בריוו, אין וועלכן ער האָט אי געמאָנט אי זיך פאַרענטפערט, האָט פּרץ אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ:

טייערער שווער! איר שרייבט מיר אַז איך האָב אייך צוויי מאָל ווי געטון, אין דער אמתן האָב איך מיך אָבער מיט גאָרנישט פאַר־זינדיקט. איך האָב נישט געזאָגט אַז איר האָט אָוועקגערויבט, נאָר אַז איר האָט גענומען מיין געלט. און איז נישט דאָס געלט טאַקע ביי אייך אין די הענט? און דאָס וואָס איר באַקלאָגט זיך אויף מיר: אַ יונגערמאַן און אַזוי ווייטער, וואָס וועט זיין מיט אים דער סוף? דאָס קען איך אויך נישט פאַרשטיין. וואָס איז דען אַזעלכעס פאַראַן צו טון אין זאַמאָשטש וואָס איך האָב נישט געטון? אָבער זאָל זיין

אזוי ווי איר זאָגט, איך האָב געזינדיקט, בעט איך אייך אַנטשולדיגונג. איך ווייס נישט פון וואַנעז איר האָט גענומען אַז אַנשטאָט 75 שרייב איך 57 און שטאָט 57 שרייב איך 75. איך האָב איצט געענדיקט דעם קורס אין בוכהאַלטעריע און ווען איך וואָלט געהאַט פּראַקטיקע איין חודש צייט, בין איך זיכער אַז איך וואָלט זיך אויסגעטויגט צו יעדער זאַך. איך האָף אַז אין וואַרשע וועל איך מיר געפינען אַ פּאָסטן.

איך קען אָבער נישט פאָרן אָן געלט. מיין פעטער אביגדור לעווין איז געווען אין וואַרשע, האָט אייך דריי מאָל געזוכט און אייך נישט געפונען אין דער היים. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל ביי אייך נעמען פאַר מיר די דרייסיק רובל. דערפאַר בעט איך אייך, אַז איר זאָלט אַזוי טון:

אַנטקעגן מאַליניאַק׳ס הויז וואו איר וואוינט, איז דאָ אַ סקלאַד פון פּעטערבורגער און מאָסקווער שניט־סחורה פון ס. זילבערניק. עס איז אין האָטעל לאַנדינסקי. מיין דערמאָנטער פעטער לעווין דאַרף אים שיקן דרייסיק רובל פאַר סחורה. וועט איר אַזוי גוט זיין געבן דאָס געלט צום הער זילבערניק אויף זיין חשבון און שיקט מיר דאָס צעטעלע, אַז ער האָט דערהאַלטן די דערמאָנטע סומע, וועט לעווין מיר דאָ געבן דאָס געלט.

ווען איך וועל קריגן דאָס געלט בין איך גרייט צו פאָרן קיין וואַרשע און מינדליך וועל איך באַווייזן אַז איך בין גערעכט און איך וועל אייך אויך אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון אַלעם וואָס איך האָב געטון ביז אַהער און איר וועט זען אַז איך בין גערעכט.

אייער איידעם וואָס האָט אייך ליב

יצחק לייבוש פּרץ

עס זענען אַוועק די זאָרגלאָזע טעג ווען דער יונגערמאַן אויף קעסט האָט געקענט אָפּגעבן זיין גאַנצע צייט צו לייענען ביכער און שרייבן שירים. נאָכדעם איז ער שוין אַזוי געווען געוואוינט, אַז ווען עס האָט אויסגעפעלט פּרנסה, האָט דערוויילע זיין טאַטע אָדער איר טאַטע אַרויסגעהאָלפן. ביי ר׳ יודל פּרצ׳ן, וועלכער האָט געהאַט אינגערע צוויי זין און אַ טאָכטער מפרנס צו זיין, איז אָבער געווען ענג אין דער פּרנסה. דאָס הויז־געזינט האָט זיך געמוזט אָנשפּאָרן מערסטנס

אויף דער חיונה וואָס ריוועלע האָט געקענט אַרויסציִען פון איר קראָם. פרץ איז עקאָנאָמיש נישט געווען צוגעגרייט צו שטיין אויף אייגענע פיס. די לאַסט אַרויסצוהעלפן דעם יונגן פּאָרל איז איבערהויפּט געפאַלן אויף ליכטענפעלדן, וועלכער האָט אָפט געדאַרפט שיקן געלט פון וואַרשע.

ליכטענפעלד׳ס פריריקע באַגייסטערונגען האָבן איצט אין פרצן אַרויסגערופן אַ געפיל פון פאַרביטערונג איבער די נישט מקוים געוואָרענע פאַרשפּרעכנס, וואָס דער שווער האָט אים געמאַכט. עס איז שוין געווען דריי יאָר נאָך דער חתונה און ער איז נאָך אַלץ געווען אָפּהענגיק מיט זיין ברויט פון דעם וואָס מען האָט אים געגעבן. ער האָט געפילט, אַז אַליין טוט ער דאָס בעסטע וואָס ער קען. קיין פוילקייט האָט ער זיך נישט געקענט פאָרוואַרפן. ער האָט געלערנט און האָט זיך צוגעגרייט פאַר זיין צוקונפט. דאָס געפיל פון אומצופרידנקייט מיטן שווער איז אין אים געוואַקסן. ער האָט דערוועקט אין אים אַ שטאַרקן גלויבן, אַז ער וועט זיין אַ שרייבער און ער האָט נאָך אין דער הינזיכט גאָרנישט געטון פאַר אים.

אין זיין רייזע־קעסטל האָט ער נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן די נייע שירים. דאָס וועט דעם שווער באַווייזן ווי ער האָט זיך אַנטוויקלט און ווי בעסער ער שרייבט שוין. אויב ער וועט זיך דאָרט דאַרפן מיטן שווער אויסטענה׳ן, וועלן די נייע לידער זיין די בעסטע טענות. מיט אַ האַרץ פול גלויבן און האָפנונג איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

די ערשטע באַגעגעניש מיט ליכטענפעלדן אין וואַרשע איז פאַר פרצן געווען אַ ביטערע אַנטוישונג. ער האָט זיך פאַרלאָזט, אַז קודם כל וועט ער דערווייל מיט זיין שווער אין וואַרשע האָבן אַ מקום מנוחה. ער האָט אויך געהאָפט, אַז ער וועט ביי אים קריגן פינאַנציעלע הילף, אַז ליכטענפעלד וועט אים אַריינפירן אין די געהעריקע קרייזן און וועט אים איינאָרדנען ווי עס פּאַסט פאַרן איידעם פון אַזאַ אָנגעזעענעם שריפטשטעלער. אָבער געפונען האָט ער עפּעס, אויף וואָס ער האָט זיך גאָרנישט גערעכנט.

אַ קליין, ענג בוידעם־שטיבל אין דעם טומלדיקן מאַליניאַק׳ס הויף אויף די נאַלעווקעס איז געווען זיין באַרימטן שווער׳ס וואוינונג.

די טיר האָט ער געפֿונען נאָכדעם ווי ער האָט מיט זיין רייזע־קעסטל אַרויפֿגעקלעטערט פֿיר שטאָק שטיגן ביז אונטערן דאַך. אין דעם דאַך־שטיבל וואו ער האָט געפֿונען דעם שווער איז געשטאַנען אַ בעטל, אַ טישל, אַ בענקל און אומעטום זענען געלעגן ביכער. אויף פּאָליצעס, אויפֿן טיש, אויפֿן בעט, אָפֿענע איבערגעקערטע ביכער, איינגעבונדענע, האַלב צוריסענע, אויף פֿאַרשידענע שפּראַכן, פֿראַנצויזישע קלאַסיקער, ספֿרים, שילער, הוגאָ, בערנע, פּויליש ביכער, אויפֿן טיש פּאַפּיר, טינט און פֿעדער און אויף אַלעמען דיקער שטויב. ליכטענפֿעלד איז אַן אָנגעכמורעטער מיט אַ ספֿר אין האַנט געזעסן אויפֿן בעטל.

די אַנטוישונג פֿון דעם אָנגעקומענעם גאַסט איז געווען אַ פֿול־שטענדיקע. דאָס איז עס זיין באַרימטער שווער גבריאל יהודה ליכטענפֿעלד! אַן אָרעמער, אויסגעבלייכטער ביכער־וואָרעם, וואָס האָט אים אין יענעם מאָמענט געמוזט דערמאָנען די גייסטערהאַפֿטע געשטאַלט פֿון מיכל פּידלער, וואָס האָט אים אַמאָל געגעבן דעם פֿאַרזשאַווערטן שליסל צו זיין ביכער־בוידעם. פֿון אָט דעם אָרעמען אונטערן־דאַך איינוואוינער האָט ער עס דורך בריוו געמאָנט, אַז ער זאָל אים שיקן געלט אויסצוצאָלן אים דעם נדן.

אין דעם אימפּעטפֿולן איין־און־צוואַנציק יעריקן יונגנמאַן האָט זיך אויפֿגעכוואַליעט אַ צאָרן און אַ ביטערקייט. ער האָט גענוג געהאַט אין דער היים אויסצושטיין צרות פֿון דעם יונגן ווייב, מיט וועלכער עס איז אים שווער און ביטער אָנגעקומען זיך צוזאַמען צו לעבן. דער שווער פֿלעגט דאָס אַלעמאָל אויסגלייכן מיט אַ בריוו, אַמאָל מיט אַ ביסל געלט. איצט האָט ער דערזען דעם קוואַל פֿון זיין אָרעמקייט. וואָס וועלן איצט העלפֿן רייד און טענות. די סיטואַציע האָט גערעדט קלאָרער און העכער פֿון אַלע רייד.

מיט אַ פֿול ביטער האַרץ האָט דער יונגערמאַן אַרויסגעשטאַמלט וועגן דעם צו וואָס ער איז געקומען קיין וואַרשע. ער האָט זיך אויסגעטענה׳ט פֿאַר אים, זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר דעם וואָס ער פֿאַרדינט נישט און האָט באַוויזן, אַז ער האָט געטון אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען כדי אין זאַמאָשטש צו פֿאַרדינען זיין ברויט פֿאַר זיך און זיין ווייב, נאָר אַז דאָרט איז גאָר נישט דאָ וואָס צו טון. זיינע

עלטערן האָבן אים שוין גענוג לאַנג אויסגעהאַלטן. לענגער קענען זיי נישט. דערפאַר איז ער געצוואונגען שטענדיג צו מאָנען ביים שווער, אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן. און וואָס איז מכח זיין שרייבן. פאַרוואָס זעט נישט דער שווער, אַז זיינע זאַכן זאָלן געדרוקט ווערן.

דער אַלטער איז געווען נישט ווייניקער ביטער און אַנטוישט. אַזוי אָפט ווי ער האָט נאָר געקענט פלעגט ער שיקן אַ ביסל געלט קיין זאַמאָשטש. אָבער אויך די קליינע סומעס וואָס ער האָט געשיקט זענען אים אָנגעקומען שווער אָפּצושפּאָרן. נישט אויס נחת האָט ער געוואוינט אין דעם מיזערנעם בוידעם־שטיבל. פון זיין שרייבן האָט ער זעלטן ווען עפּעס פאַרדינט. זיין ביסל חיונה האָט ער געצויגן פון אַ געוויסן סאָרט אַדוואָקאַטור. ער איז געווען, וואָס מען האָט דאַמאָלס אין וואַרשע גערופן, אַ ווינקל־אַדוואָקאַט. אַזוי ווי ער איז געווען אַ איד אַ מתמיד, האָט ער זיך אַליין אויסגעלערנט יוריס־פּרודענץ און איז געווען באַקאַנט צווישן די סוחרים אויף די נאַ־לעווקעס אַלס אַ גוטער עצה־געבער אין געזעץ. ער האָט געקענט דעם קאָדעקס נישט ווי אַ סטודענט וואָס האָט שטודירט אין אוניווערסי־טעט, נאָר ווי אַ בית מדרש בחור, אַ למדן. מען האָט אפילו גערעדט אין וואַרשע, אַז די צוויי באַרימטע אַרוואָקאַטן אַנדזשעי וואָלף און דאָמיניק זשעלינסקי פלעגן זיך מיט אים באַראָטן וועגן שווערע גע־זעצליכע ענינים. פון אָט די ידיעות אין געזעץ האָט ער געגעסן זיין ברויט. פון דעם האָט ער נאָך אָפּגעשפּאָרט פאַר זיין משפּחה אין אַפּט און פאַר דער טאָכטער מיט איר מאַן אין זאַמאָשטש.

ליכטענפעלד איז געווען אַ גוטהאַרציקער, איידעלער, פילאָזאָפיש־געשטימטער מענטש און ער האָט איינגעזען, אַז דעם איידעם'ס צו־רייצטקייט קומט פון זיין יוגנטליכער אומרו, פון זיין אומבאַשטימטער לאַגע, פון זוכעניש, פון באַגער, פון ווילן צו זיין זעלבסשטענדיק. ער איז געווען פאַרגעביק און האָט אים אַלץ געקענט מוחל זיין אַזוי ווי אַן אייגענעם זון. אים אַליין צוליב, זיין טאָכטער צוליב. ער האָט געפּרואווט אים איינגעמען מיט גוטע רייד.

ווען ליכטענפעלדן איז פאַרשטענדליך געוואָרן, אַז פּרץ איז גע־קומען קיין וואַרשע הויפּטזעכליך מיטן צוועק אַריינצוגיין אין דער ליטעראַרישער וועלט, איז אים דער עניז געוואָרן פּריקרע און ער האָט

אים אויף אַז אײדעלן אופן אָפּגערעדט. ער האָט געהאַט אַ פּראַקטישן צוועק אין זינען. ער האָט געוואוסט אַז צו זוכן פאַר אים ליטעראַרישע אַרבעט אין װאַרשע איז צוועקלאָז. עס איז נישט געווען דאַמאָלס קיין שום העברעאישע צײַטונג אָדער זשורנאַל אין װאַרשע. מיט עטליכע יאָר פריער האָט חיים זעליג סלאָנימסקי אַרויסגעגעבן די הצפירה, אָבער ער האָט די צײַטונג אָפּגעשטעלט אײדער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר, וואו ער איז געוואָרן דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול. אין דער איזראַעליטאַ קאָן ער אים נישט רעקאָמענדירן, ווײַל ער קען נישט קיין פּויליש גענוג. און אפילו קיין זשאַרגאָנישע צײַ־טונג אָדער אַ זשורנאַל איז דאַמאָלס אין װאַרשע נישט אַרויס. זײַן ווידער אַ בוכהאַלטער, פירן אימעצנ'ס ביכער, דאַרף ער זיך דאָך נישט באַזעצן אין דער גרויסער שטאָט. ווען ער זאָל זיך נאָר גוט באַמיען, וואָלט ער אַזאַ שטעלע געקענט געפינען אין זאַמאָשטש אָדער אין אַפּט אָדער ערגיץ נישט ווײַט פון זײַן היים. שרײַבן שירים? יאָ, אוודאי, זאָל ער נאָר פריער געפינען אַ פּרנסה פאַר זיך מיט ווײַב. אַרום און אַרום האָט ליכטענפעלד געהאַפּט אויף אַ בעסער גליק פאַר זײַן טאָכטער. אויף וויפל ער האָט געקענט האָט ער דעם אײדעם באַרואיקט און אים אויפגעוויזן, אַז ער דאַרף גלײַך צוריקפאָרן און זען זיך אײַנצואָרדנען אין דער היים אָדער נישט ווײַט פון דאָרט.

דער יונגער דיכטער האָט אויסגעהערט דעם שווער מיט גלײַכ־גילטיגקייט. ער איז ווײַט נישט געווען איבערצײַגט אַז ער דאַרף גלײַך אַהיימפאָרן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס זײַן אָנקומען צום ערשטן מאָל אין װאַרשע איז פאַר אים געווען אַ ביטערע אַנטוישונג.

## יד

# קראַשינסקי'ס גאָרטן

דער ערשטער כשוף פון וואַרשע האָט דעם יונגן טרוימער געפאַנגען. אַזוי גיך ווי ער איז געווען באַזאָרגט מיט אַ נאַכט־לעגער, האָט ער אַ טראַכט געטון מיט נייגיר וועגן קראַשינסקי'ס גאָרטן, וואָס מען האָט גערופן דער גן עדן פון השכלה.

ער איז געגאַנגען איבער די טומלדיקע גאַסן אַ פאַרגאַפטער. די באַלעבאַטע ראַשיקע געשעפטן און סקלאַדן האָבן אים געגעבן אַ געפיל פון אַ טעטיקער אידישער וועלט. ער האָט געקוקט פאַרוואונדערט אויף די הויכע הייזער, די האָטעלן, די איילנדיקע פאַרבייגייער, די פאַסלאַנצעס, די טרעגער מיט די שווערע לאַסטן אויף די פלייצעס. עס האָבן אים נאָכאַנאַנד פאַרכאַפּט די דראָשקעס, די בריטשקעס, די קאָטשן, די לאַסט־וועגן, די פורן, די בוידן, די לייטער־וועגענער און מער פון אַלץ קיין עין הרע אַזויפיל אידן, מען קען גיין גאַס אויס גאַס איין און זען בלויז אידן. אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אין קורצע, אין דרייפערטלדיקע, אין קליינע טוכענע היטלעך, אין ברייטע היטלען מיט נידעריקע דענקעס. אין היטלען סאַמעטענע, ריפּסענע, אַמאָל אין אַ שטריימל, מיט פּאות, אָן פּאות, מיט פּאות וואָס באַמבלען זיך אויפן פּנים און אַנדערע פאַרשטעקט הינטער די אויערן. עס האָט פאַר אים געשווינדלט מיט אידן. די נאַלעווקעס האָט אים אויסגעזען אַ גייענדיקער טייך פון אידיש לעבן.

אַזוי ווי יעדער פּראָווינצער, צום ערשטן מאָל אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער געקוקט און געשטוינט און איז געווען באַצויבערט פון אַ סך געוויינליכע זאַכן. דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ געמיט־שטימונג, וואָס איז געווען נשמה־שפּייז פאַר דעם יונגן פּאָעט.

פֿאַרנאַכט איז ער געשטאַנען פֿאַר קראַשינסקי׳ס גאָרטן. אַ קינדישע דעראינערונג האָט אים צוגעפֿירט צו די שטאַכעטן. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, אַזוי ווי אַמאָל, אין דעם היימישן אינזשעניערנעם גאָרטן און האָט זיך פֿאַרקוקט אויף דעם קאָלירפֿולן כשוף פֿון די ראָנדן און סקווערן פֿון בלומען. ער האָט געקוקט אויף די אַלייען ביי די זייטן, אויפֿן פֿאָנטאַן און אויפֿן ווייסן פּאַלאַץ אין דער ווייט.

דאָס טויער איז געווען ברייט אָפֿן. קיינער האָט אים נישט נאָכגעקוקט, פּונדעסטוועגן איז ער אַריין אין גאָרטן אַזוי ווי בגניבה. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט צווישן די בלומען און די אַלטע ביימער און האָט זיך איינגעהערט אין דעם אַנגענעמען סקריפּן פֿון די לויזע שטיינדלעך אונטער די פֿיס. ער האָט באַטראַכט דעם פּאַלאַץ, איינע פֿון די שענסטע געביידעס אין שטאָט. דער פּירקאַנטיקער קראַשינסקי׳ס גאָרטן, וואָס איז געווען אויסגעלעגט אין איטאַליענישן סטיל, איז שוין פֿון אַ הונדערט יאָר געווען אַ שטאָטישער גאָרטן, וואו עס זענען אָפּטמאָל פֿאָרגעקומען עפֿנטליכע פֿייערונגען פֿאַר דער באַפֿעלקערונג. אין שכינות מיט די נאַלעווקעס, איז קראַשינסקי׳ס געווען אַזוי ווי באַשטימט פֿאַר דער אידישער באַפֿעלקערונג. עס האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן מיט דער פֿרייהייט פֿון דער גרויסער שטאָט.

מיטן פּנים צום זונאונטערגאַנג, האָט ער דערזען ווי אַ אינגל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן מיט אַן ערנסטן אָנבליק, האָט זיך דערנענטערט צו זעצן זיך אויף אַ באַנק. יענע באַנק האָט מען צווישן די וואַרשעווער אידן איראָניש גערופֿן די השכלה־באַנק. ביידע האָבן זיך צוגעזעצט.

דער פֿלאַמיקער אונטערגאַנג פֿון דער זון האָט אין אים אַרויסגערופֿן אַ שטימונג פֿון דערהויבנקייט. ער האָט לאַנג געקוקט אויפֿן הימל אין מערב, וואו קופּער־רויטע וואָלקנס האָבן פֿאַרשטעלט די זון. ער האָט אַרויסגענומען אַ בלייפֿעדער מיט אַ נאָטיץ־ביכל, האָט נאָכגעטראַכט און אַריינגעשריבן: די וואָלקנס רויטלען זיך ווי כלות, ווייל זייער חתן די זון קומט אָן.

מיט דרייסטקייט האָט דאָס אינגל איבערן אַקסל אַריינגעקוקט אין דעם בלאָנד־באַבערדלטן יונגנמאַנ׳ס ביכעלע. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און געשמייכלט.

— איך הייס יצחק לייבוש פרץ.

דעם רירעוודיקן אינגל'ס פנים האט אויפגעלויכטן.

— איך האב געהערט פון אייך. ביי אונז אין ווישעגראד און אין פלאצק האט מיט אייך גע'שם'ט. איר זענט דער עלוי פון זאמאשטש. איך הייס נחום סאקאלאוו.

דער עלוי פון ווישעגראד, כאטש אינגער פון פרצן מיט א יאר זיבן, איז שוין א שטיקל צייט געווען אין ווארשע און ער האט ארויפגעקוקט מיט דרך ארץ צו ליכטענפעלד'ס איידעמל. ער האט עס באטראכט פאר א גליקליכער מינוט וואס ער האט זיך מיט אים באקענט אויף דער השכלה־באנק און ער האט אים באלויכטן מיט אלעם וואס ער האט געוואוסט וועגן יענעם גן עדן פון השכלה.

קראשינסקי'ס אויף די נאלעווקעס איז אין יענע יארן געווען מער ווי דער גארטן פון דער ווארשעווער אויפקלערונג. ער איז געווען דער גארטן פונם איבערגאנג פון דער השכלה צום מאדערנעם אידישן רענעסאנס.

עס איז געווען א קרייז פון משכילים, די מערסטע פון זיי מענטשן אין די יארן, וואס פלעגן זיך דארט צוזאמענקומען און פירן וויכוחים אונטערן פרייען הימל. צווישן די וואס זענען געקומען אהין זענען געווען שרייבער, יונגעלייט וואס האבן געוואלט ווערן שרייבער און גלאט אונטערהערער. באגעגנט האט מען זיך ארום דער באנק. ווען עס איז געלונגען צו פארכאפן אן ארט דער איז געזעסן, און ווען דאס האט זיך נישט איינגעגעבן, דער האט זיך באטייליקט אין די שמועסן שטייענדיק.

סאקאלאוו האט זיך געפילט שטאלץ מיט זיין נייעם עלטערן פריינט און האט אים באקאנט מיט יעדן איינעם וואס איז צוגעקומען. דער קרייז איז געווען א לעבעדיקער, א לוסטיקער, א געמישטער פון אלט און יונג, אין לאנגע קאפאטעס און אין קורצע רעקלעך, איינער אין א לאנגער זשופיצע, נאר אן אויסגעפוצטער, איז געווען דער איידעלער שמואל ראטוואנד מיט די געקרייזלטע און שוין גראליבע לאקן. ער איז געווען א ווארשעווער פון דורות, וואס איז געווארן אויס פרומער איד און האט זיך צוליב דעם גע'גט מיט זיין פאנאטיש ווייב. אין גארטן אריין איז ער שטענדיק געקומען א לוסטיקער און האט

ארויסגערופן א ביסל קנאה מיט דעם וואָס ער איז נאָכן גט געווען א פרייער פויגל.

אן אנדער משכיל אין דער גרופּע איז געווען א טשיקאַווער איד מיטן נאָמען האַכמאַן. ער פלעגט קומען מיט א צילינדער אויפן קאָפּ און בלאָע ברילן אויף דער נאָז. ער איז געווען אן אנגעזאָפּטער מיט דער השכלה פון ווין. דאָרט איז אויך געקומען א ליטוואַק וויינבערג, א רוסיפיצירטער איד, וואָס האָט זיך געהאַלטן וואַזשנע און ער האָט גערעדט ווי ער וואָלט געווען פּראַקטישער פון דער גאַנצער חברה. עס פלעגט אויך צוקומען א יונגערמאַנטשיק האַלפּערן, וואָס האָט זיך שטענדיק געגרייט צו מאַטורא עקזאַמענס. געווען אויך דאָרט דער ביאַליסטאָקער העברעאישער שרייבער א. ש. שטיין, וואָס איז דאַמאָלס געווען א בוכהאַלטער אין ווארשע און איז געווען מער פון אַלעמען באַהאַוונט אין היינע.

ווי עס האָט געפּאַסט פאַר דער השכלה־באַנק, האָט מען דאָרט געשמועסט וועגן אַפּיקורסות בלשון מליצה. האַכמאַן האָט פאַר־שאַרט דעם צילינדער אויפן שטערן און האָט דערציילט וועגן דעם וואָס ער האָט געלייענט אין דער ווינער פּרעסע, נישט אין ווין, נאָר אין זשינאָט׳ס קאַוויאַרניע אויף דער נאָוואָליפּקע גאַס.

גערעדט האָבן די משכילים אויף דייטש, בעסער געזאָגט אויף קוידערוועלש. דאָס איז דאַמאָלס געווען די משכילישע שפּראַך. עס איז באַטראַכט געוואָרן גראָב צו רעדן אידיש. דאָס, האָבן די שמועס־ער אין קראַשינסקי׳ס גאָרטן געהאַלטן, איז א שפּראַך פאַר עם הארצים. צו רעדן העברעאיש איז נאָך דאַמאָלס קיינעם גאָרנישט איינגעפאַלן. עס איז געווען נאָך איידער ניימאַנאָוויטש האָט אין ווארשע געגרינדעט דעם פאַראיין „שפה ברורה", וואו די מיטגלידער האָבן אנגעהויבן רעדן העברעאיש. אַלע אָן אן אויסנאַם פלעגן האַקן דייטש מיט גרויסע גרייזן און מיט א פּוילישער אָדער ליטווישער אויסשפּראַך. משכילים וואָס זענען געקומען אַנצופאָרן פון רוסלאַנד, וואָס עס האָט איינגנטליך געמיינט פון די קאָזיאָנע ראַבינער־שולן אין זשיטאָמיר אָדער ווילנע, האָבן זיך געגרויסט מיט זייער רוסיש. דערצו פלעגט מען באַנוצן הויכע דייטשמערישע פראַזן, וואָס מען האָט ארויסגענומען פון היינע, בערנע און שילער.

דער פרייער גאָרטן איז נישט געווען דאָס איינציקע אָרט פאַרן צוזאַמענקום פון די משכילים. סאָקאָלאָוו האָט פּרצן אַריינגעפירט אין צוויי אַנדערע היימישע פּלעצער, וואו מען פלעגט זיך צוזאַמענ־קומען, די צוויי בוהאַנדלונגען פון צוקערמאַן און שאַפּירא.

אַ יונגערמאַן פון אַשמינע, אברהם צוקערמאַן, איז געווען דער וואַרשעווער אַגענט פון פּרץ סמאָלענסקין. אין אַ ווינקל פון אַ גרויסן הויף אויף די נאַלעווקעס ביי דער פראַנציסקאַנער גאַס האָט ער אַנ־געהאַלטן זיין הויפּט־קוואַטיר, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן די מער רעוואָלוציאָנערע יונגעלייט, די וואָס האָבן זיך באַטראַכט פאַר אַן אָפּאָזיציע צו די געוויינליכע משכילים. דער צווייטער, אליעזר יצחק שאַפּירא, האָט געהאַט אַ ספרים־האַנדל אויף דער שווענטע יורסקע גאַס. אָט די קראָם איז געווען אַ מין משכילישע אַקאַדעמיע, וואָס איר אָפּאָזיציע איז געווען ביי צוקערמאַנען. עס איז אויך געווען באַקאַנט אין יענעם קרייז אַ דיכטער השכלה־טרעגער ר' נחמיה טשערנאָוויטש, אָבער ער האָט קיין אייגן מקום מנוחה נישט געהאַט. ער איז געווען אַ האַלבער מוכר ספרים'ניק, אַ שטיקל שרייבער, אַ משכיל, אַ גאָט־זוכער, וואָס פלעגט אַמאָל אַרומוואַנדערן פון טיר צו טיר און פאַרקויפן ספרים'לעך.

דאָס בחור'ל נחום סאָקאָלאָוו האָט אָנגעוויזן פּרצן אויף דעם מזל אָנצוטרעפן דאָטוואַנדן, וויינבערגן און האָכמאַנען, אַלע דריי צו־זאַמען אויף דער השכלה־באַנק. ווען אַ יונגערמאַן פון פּראָווינץ האָט אַמאָל אַלע דריי אָנגעטראָפן מיטאַמאָל, האָט ער זיך געקענט אָנשעפן מיט מער אויפקלערונג אין איין שעה, ווי אין אַ חודש צייט ביי זיך אין שטעטל.

ער האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט דעם ענטוזיאַסטישן סאָקאָלאָוון, וועלכער האָט אים נישט אויפגעהערט דערציילן וואָסערע גרויסע שטערן פון דער ליטעראַטור עס פאַרבלאָנדזשען אַמאָל אין קראַשינסקי'ס גאָרטן. ער אַליין האָט שוין דאָ געזען, למשל, אברהם בער גאָטלאָבער, דעם קאָמעדיע־שרייבער און רעדאַקטאָר פון הבוקר אור. פון קיעוו איז אַמאָל אָנגעקומען משה אהרן שאַצקעס, מחבר פון „דער אידישער ערב פסח". אָפּטמאָל פלעגן אין גאָרטן אַריינ־שפּאַצירן די וואַרשעווער גדולים אַליין, ווי שמואל הערש פּעלטין,

רעדאַקטאָר פון איזראַעליטא; מרדכי׳לע פּרעהליד, דער קאָצקער חסיד וואָס האָט פאַרפאַסט דעם המדריך, און אַמאָל האָט מען דאָרט טאַקע געזען גבריאל יודל ליכטענפעלד, וואָס פלעגט זיין לעבעדיק און לוסטיק, ווען ער האָט זיך מיט דער חברה אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס אין קראַשינסקי׳ס גאָרטן.

ענג צוזאַמענגעדריקט אַרום דער השכלה־באַנק, האָט די חברותא פאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט, ביז מען האָט געהערט דאָס גרע־גערן, דעם אָנזאָג אַז דער גאָרטן ווערט שוין פאַרמאַכט.

אַ האַרציקע, לעבנס־לענגליכע חבר׳שאַפט איז אין יענעם גליקע־דיקן פאַרנאַכט אין קראַשינסקי׳ס גאָרטן פאַר׳חתמה׳עט געוואָרן צווישן די צוויי יונגעלייט, פּרץ און סאָקאָלאָוו. זי האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך פערציק יאָר.

נישט גערן, מיט אַ געפיל זיך ווידער אומצוקערן, האָט פּרץ איז אַ פּאָר טעג אַרום זיך צושיידט מיט דער אַזויפיל צוזאָגנדיקער שטאָט וואַרשע. אַלץ האָט אים אויסגעזען טומל און יריד און ער האָט קיין צובונד אין דער שטאָט נישט געפונען. מער פון אַלץ האָט ער געהאַט אַ ביטער געפיל פון אַנטוישונג נאָך דעם באַזוך אין ליכטענפעלד׳ס בוידעם־שטיבל. אויב קריגן אַ גייסטיקן אַנהאַלט, האָט ער געטראַכט, אויב ווערן אַ שרייבער, קען דאָס אפשר מיינען צו לעבן אין דחקות אַזוי ווי זיין שוועער. דאָס האָט ער אינערליך צוריקגעוואָרפן. ער איז נישט געווען געוואוינט דערצו און האָט זיך נישט געוואָלט אַריינ־לעבן אין אַזאַ צוקונפט. קען זיין דער אַלטער איז גערעכט. מען דאַרף זיך נעמען צו עפּעס נאָענט פון דער היים.

אין עטליכע טעג אַרום נאָך יענער געדענקליכער נסיעה קיין וואַרשע, איז דער יונגער דיכטער געווען צוריק אין זאַמאָשטש, אויף זיין היימישער ערד, אַרומגערינגלט מיט די אַלטע שטאָט־מויערן און מיט די איינגעלעגטע פעסטונגען.

נישט קוקנדיק אויף דער ביטערער אַנטוישונג וואָס ער האָט גע־האַט אין דעם בוידעם־שטיבל אויף די נאַלעווקעס, איז פּרצן פאַר־בליבן אַ ליכטיקער איינדרוק פון דעם פאַרנאַכט אין דעם גן עדן פון השכלה.

## טו

# דאָס שייטל

לויט דער פֿרומער טראַדיציע פֿון איר משפּחה איז אָפּט, האָט שׂרה׳לע געטראָגן אַ שייטל. זי איז געווען זיכער, אַז צוליב דעם וועט איר מאַן דער עלוי זי שטאַרקער ליב האָבן. אָבער פּרץ האָט דאָס שייטל געריצט און אויפגערעגט. ער האָט געזוכט מיט אַלע זיינע יוגנטליכע כּוחות אַריינצודרינגען אין דער נייער דרויסנדיקער וועלט און אויף אים האָט זיין ווייב׳ס שייטל געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. ער האָט דאָס קוים געקענט אַריבערטראָגן. דער פאַרוק האָט אים גע־שטאָכן אין די אויגן. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט ער אַרויספּלאַצן.

זיין ערשטע רייזע קיין וואַרשע האָט אים קיין ליבשאַפט צום שווער נישט צוגעגעבן. ליכטענפעלד איז געווען אַ ליבליכער מענטש און האָט צו זיין איידעם געהאַט אַ פאָטערליכע באַציאונג. דערווייל האָט ער אים אָבער מיט קיין זאַך נישט געהאָלפן אין דעם וואָס עס איז געווען זיין טיפסטע אַמביציע, — צו זען זיינע שירים אָפּגעדרוקט. נאָר איין זאַך האָט ער געזען אין דעם שווער, אַז ער באַמת זיך אויסצוגלעטן די מיספאַרשטענדנישן צווישן זיין טאָכטער און איר אומדערפאַרענעם מאַן. ער האָט געוואוסט, אַז זי שרייבט דעם פאָטער בריוו, אין וועלכע זי באַקלאָגט זיך אויף אים, אָבער ער איז געווען הילפלאָז אירע בריוו אָפּצושטעלן.

מער פֿון אַלץ איז פּרץ געווען צורודערט פֿון דער אָרימקייט, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן. דאָס האָט אים שווערער געמאַכט די באַציאונגען מיט זיין ווייב, ווען ער איז אַהיימגעקומען פֿון זיין ערשטער רייזע קיין וואַרשע. זי האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט איר

ליטעראַרישן טאָטן, אָבער פאַר אים איז דער סימבאָל פון איר פאַטער׳ס גרויסקייט געווען דאָס בוידעם־שטיבל אויף די נאַלעווקעס. איר גרויסהאַלטן זיך קעגן אים איז אויף אים געוואַקסן ווי אַ לאַסט.

שרה׳לע איז געווען אַ מוסטער פון יענע טעכטער פון דער השכלה, אין וועמען די גייסטיקע צושפּאַלטנקייט פון די טאַטעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט שאַרפער ווי אין זייערע זין. זי איז געווען אי פאַרנעשריטן אי אידיש קליינשטעטלדיק. ווען מען האָט דעם פאָטער געפרעגט ווי ווייט עס גייט איר בילדונג, האָט ער שפּאַסיק געענטפערט, אַז זי ווייסט אַז שילער איז נישט פון די פיר־פּיסיקע. זי האָט געהאַט אַן אינטענסיוון אינטערעס אין ליטעראַטור און זי האָט זיך דורכגעשריבן מיט דעם פּאָפּולערסטן פּוילישן שרייבער פון זיין צייט, זיגמונט קראַשעווסקי.

אָבער דאָס שייטל! ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם. זי אָבער האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו אים גראָד דורך דער וועלט, פון וועלכער ער האָט זיך דערווייטערט. זיי זענען געווען נישט קיין גלייך פּאָרפּאָלק און עס איז געווען אומפאַרמיידליך, אַז עס זאָל צווישן זיי קומען צו אַ צוזאַמענשטויס. אין איינער פון די היימישע קריגערייען, האָט ער אימפּעטיק אַ כאַפּ געטון איר שייטל און האָט עס אַריינגעוואָרפן אין פייער. אין דעם פלאַמענדיקן שייטל האָט ער געזען ווי דער אַלטער אָבערגלויבן ווערט פאַרברענט. עס האָט אים הנאה געטאָן איר צו באַווייזן, אַז ער שטייט העכער פון האָבן אַ ווייב אין אַ שייטל.

נאָך דעם שייטל אין פייער וועט זי אפשר פאַרשטיין, אַז זי דאַרף זיך נישט באַציען צו אים ווי צו אַ בטלן. די פאַרפלאַמטע האָר דאַרפן איר זיין אַ באַווייז, אַז ער האָט מיטן בית מדרש איבערגעריסן, אַז זיין אינטערעס איז אין פּראָגרעס און אין דער נייער קולטור. דעם בעסטן באַווייז אַז ער מיינט דאָס ערנסט האָט ער איר געגעבן מיט דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ מער פּראַקטישער מענטש ווען ער איז אַהיימגעקומען קיין זאַמאָשטש. ער האָט זיך ענערגיש גענומען זוכן פּרנסה.

אויף אַ שטיקל צייט האָט ער נישט ווייט פון זאַמאָשטש ביי אַ קרוב איבערגענומען אַ קליינע מיל. די אַרבעט איז אים אָנגעקומען שווער

און קיין פּרנסה איז דערפון נישט געווען. האָט ער די מיל איינגיכן אויפגעגעבן און האָט עפּעס אַנדערש געזוכט. מיט אַ ביסל דער־פאַרונג און נאָך לאַנגער זוכעניש האָט ער געפונען אַ באַקוועמען פּאָסטן ווי אַ שרייבער אין אַ מיל אין דעם שטעטל גראַבאָוו.

אין דעם שטילן, אַלט־פּוילישן שטעטל איז פּרץ באַשערט געווען צו פאַרברענגען אַ יאָר. אין דער צייט האָט זיין פּאָעטישע פיזיאָנאָמיע באַקומען אַ ווייטערע און מער זיכערע געשטאַלטונג. דאָרט האָט ער געהאַט אַ פאַרגעשמאַק פון זיין שפּעטערדיקן לעבן. אַ טייל פון זיין טאָג האָט ער אַוועקגעגעבן איבער געשעפטליכע ביכער צו פאַר־דינען זיין חיונה, די איבעריקע צייט האָט ער זיך אויסגעלעבט אַלס שאַפנדיקער דיכטער.

דאָס שטעטל גראַבאָוו איז געלעגן אינגאַנצן אַ דריי פיר מייל פון לובלין. דאָרט איז נאָך געשטאַנען דאָס איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטער־טימליכן שלאָס. דאָרט זענען געווען חורבות פון אַלטע אונטער־ערדישע דורכגענג, וואָס האָבן דאָס שטעטל געמאַכט ענליך צו אַ קליין זאַמאָשטש. דאָרט איז געווען רואיק און שטיל. ער האָט אָפט אין פרייע שעה׳ען געקענט זיצן ביים פלאַפלדיקן טייכעלע קאַלי־נאָוווקאַ מיט אַ בוך אַ בליישטיפט און פּאַפּיר און זיך פאַר׳חלום׳ען אין דער אידילישער לאַנדשאַפט. דאָרט האָט ער געקענט טראַכטן, לעזן, שרייבן. זיין יונגע, אויפגעשטורעמטע פאַנטאַזיע האָט ער דאָרט געלאָזט פריי וואַנדערן. דאָס האַרץ האָט זיך באַוועגט מיט לידער, אָבער זיין פּאָעטיש שאַפן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַרבער שטערונג. זינגען, אָבער אויף וועלכער שפּראַך?

שוין פריער האָט אים די שפּראַך פּראָבלעם נישט צורו געלאָזט. די פראַגע איז שטענדיק געווען צי שרייבן אויף זשאַרגאָן צי העברע־איש. איצט, אין גראַבאָוו, איז צוגעקומען די פראַגע: אפשר גאָר אויף פּויליש? די לאַנד־שפּראַך האָט אים געמאַניעט און געצויגן און האָט אַ סך מער צוגעזאָגט ווי זשאַרגאָן אָדער אפילו העברעאיש.

צו דער פאָלקס־שפּראַך, זשאַרגאָן, האָט ער שטענדיק געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג. אויף דער שפּראַך האָבן דאָך גערעדט די אַלע פּשוט׳ע, האַרציקע מענטשן, וועלכע ער האָט פון קינדווייז אויף גע־קענט און ליב געהאַט. דאָס פאָלק־לשון איז אים נאָך נענטער און

טייערער געוואָרן, ווען עס איז אים געקומען אין האַנט אַריין ש. סאָבעל׳ס ביכעלע גראַמען „זיווגים אָדער די וכוחים צום לוסטיקן צייט פאַרטרייבן״, צו וועלכן ליכטענפעלד האָט געשריבן אַ הקדמה. דאָרט האָט זיין שווער זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון אידישער שפּראַד, וואָס דריי מיליאָן אידן רעדן שוין אויף איר פון עטליכע הונדערט יאָר. אָבער דער דראַנג פונם יונגן דיכטער צו זען זיינע לידער געדרוקט, האָט אים שטענדיק אָפּגעשטעלט מיט דער פראַגע: פאַר וועמען שרייבן זשאַרגאָן?

העברעאיש? אין דעם האָט ער שוין איצטער אויך אַ ביסל פאַר־לוירן דעם גלויבן. ווער ווייסט, ווען ער וועט זען זיינע העברעאישע שירים געדרוקט. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען צי ליכטענפעלד האַלט טאַקע אויף אַן אמת פון זיינע שירים. ווען ער האַלט אים פאַר אַ פּאָעט, וואָלט ער דאָך אוודאי געזען אַז זיינע שירים זאָלן באַלד ערגיץ געדרוקט ווערן.

ער וועט אויף קיין פאַל נישט לאָזן קיינעם אונטערדריקן אין אים דאָס פּאָעטישע געפיל. ער וועט זוכן נייע מבינים אויף זיינע לידער, נייע לעזער, נייע פאַרשטייער. עס איז דאָ איין וועג אַרויסצוגיין פון דעם ענגן אידישן קרייז, דאָס איז צו שרייבן אויף אַ שפּראַד, וועלכע דערגרייכט די גוי׳אישע וועלט. לייענענדיק אָפט די פּוילישע, רוסי־שע און דייטשע פּאָעטן, האָט זיך אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָמענט דערוועקט אין אים און האָט אים אויף אַ וויל פעסט געהאַלטן. ער וועט שרייבן פּויליש.

מיטן גאַנצן פלאַם־פייער פון אַ יונגן פּאָעט וואָס האָט גלויבן אין זיינע כחות, האָט ער זיך גענומען שרייבן זיינע פּוילישע לידער אין פאַרשידענע פאָרמען; — לירישע, עפּישע, עלעגישע, אַפּאָריסטישע און אפילו פאַבלען און שפּאָס־לידער. נאָד מער ווי ער האָט געשריבן, האָט ער זיך אַליין פאַרשפּראָכן. ער האָט פאַר זיך אויסגעאַרבעט אַ גאַנצע פּאָעטישע פּראָגראַם פון שאַפן. און דאָס וויכטיגסטע, ער האָט די פּראָגראַם בדעה צו פאַרווירקליכן. ער האָט אין גראַבאָוו גערעדט און געלייענט און געשריבן כמעט אויסשליסליד פּויליש. און ווען ער איז איינמאָל אַוועקגעפאָרן אין דעם דערפל קאַוועַנטשין, איז דאָרט אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון אַ ווייטיק אין מאָגן און אין קאָפּ

און האָט זיך געשראָקן פאַרן טויט, האָט ער אין אַ שטימונג פון בייסיקער סאַטירע אָנגעשריבן אויף פויליש דאָס ליד „צום טויט", אין וועלכן ער האָט זיך געבעטן ביים מלאך המות, אַז ער זאָל נישט קומען צו אים אַזוי פרי אין לעבן, ווייל ער האָט נאָך אַזויפיל אויפצוטאָן אויף דער וועלט.

ער האָט שוין איצט געטראַכט אין טערמינען פון דעם לאַטייניש̇ן שפּריכוואָרט וואָס זאָגט, אַז לאַנג איז די קונסט און קורץ איז אונזער לעבן. און ער האָט נאָך אַזויפיל אַרבעט. ער מוז פריער פאַרענדיקן זיינע לידער, לעגענדעס, סאַטירעס און אָדעס. צום סוף פון דעם טויטן־ליד האָט ער נאָך צוגעשריבן אַ לידל אויף דייטש אין אַקראָסטיך, פון וועלכן די ערשטע אותיות פון די שורות לייענען זיך: לעאָן פערעץ. אויך אין זיין דייטשן לידל, כאָטש שפּאַסיק און חוזק'דיק, רעדט ער פון זיך ווי פון אַ פּאָעט, און פאַרענדיקט מיט פּאַטאָס:

צוויי אונד צוואַנציג יאָרע האַט ער דורכגעטריימט!

אַלע לידער וואָס פּרץ האָט געשריבן אויף פויליש זענען אין זייערע טעמעס אינהאַלטסרייך. זיי זענען שטענדיק אויסגעהאַלטן, קלוג, ליריש, וויציק. היינע'ס איינפלוס איז קלאָר און געטע'ס נאָך קלאָרער. אַ צאָל פון די לידער זענען איבערזעצט ריטמיש געטריי פון געטען. דאָרט איז פאַראַנען עראָטיק, הומאָר, רעאַליזם, סאָציאַלע סאַטירע. אין אַ שפּאַסיקער ערינערונג פון וואַרשע, וואו ער איז אימעצן שולדיק געבליבן אַ ביסל געלט, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד „וועך געדענקט מיך?" געטריי צו דער פאָרם פון באַנוצן חיות אין פאַבלען, האָט ער אָנגעשריבן „די הערן אייזלען", „דער שטאָלץ פון אַ פערד", „דער שפּאַרבער זאָגט מוסר". אין דעם שפּילעוודיקן ליד „ליבע" ברענגט ער אַרויס, אַז כדי אונז דאָס ביטערע לעבן צו פאַרזיסן האָט אונז גאָט געגעבן פריינטשאַפט. דער טייוול האָט אָבער צו דעם צוגעגאָסן אַ טראָפּן ליידנשאַפט, איז דערפון געוואָרן „די הייליקע ליבע".

אַז אַלטער פאָלקס־זינגער באַקלאָגט זיך אויף זיין מזל אין אַן אַנדער ליד. ער קומט צום אויספיר, אַז זיין האַרץ גייט אויס, ווייל די ליבע אין אים איז פאַרשטומט געוואָרן. אויך די עראָטישע לידער ווי „דער זינדיקער עקשן", וועלכער זינדיקט מיט צו שטאַרקער ליבע

צו דער פארהייראטער פרוי עלעאנארע, און דאס ליד „גערדאנקען פון אן ארימען סטודענט" האבן דורכגעטראכטן אינהאלט און יוגנט־ליך פייער. צווישן די געמישטע מאטיוון פון געטען, וואס ער האט איבערזעצט אויף פויליש, געפינט זיך דאס פרעכטיקע דראמאטישע ליד וועגן דער אומגעזעצליכער מוטער, „פארן געריכט", וואס איז מסתמא געווען דער ערשטער סאציאלער מאטיוו אין פרצ׳עס פאעזיע.

אין גראבאוו האט דער טרוימענדיקער יונגער פרץ מיט זיין גאנצן יוגנטליכן ווילן באשלאסן צו ווערן א פוילישער פאעט. אפילו אזא טיף טראדיציאנעל אידיש ליד ווי „אלול" האט ער אנגעשריבן אויף פויליש. דארט דערציילט ער וועגן אידן, וואס זענען זיך צוזאמענגע־קומען אין אן אלטער שול. און ווען דער אלטער רב גיט א קלאפ אין באלעמער, ווייסן די אידן אז דאס איז נישט קיין סיגנאל צו גיין אין מלחמה אדער אוועקצוגיין קיין ארץ ישראל, נאר עס איז ראש חודש אלול. דאס האט דער רב געגעבן א צייכן צו תענית. דא דער־מאנט ער אונז דעם איד, דעם ארעמען ווארעם, וועלכער דארף נאר באדירט ווערן מיט דעם צויבער־שטעקן פון פרייהייט, וואלט ער צוריסן זיינע קייטן און וואלט געווארן א מעכטיקער מענטש. מיט דער אלעגארישער בילדליכקייט פון אידישן לעבן, וואלט געווען פאר אים נאטירליך צו שרייבן דאס ליד אין זיין באליבטן העברעאיש. אבער אויך דאס ליד האט ער געשריבן אויף פויליש. אינגאנצן צוויי קורצע געלעגנהייטס־לידער האט ער אין דעם יאר אנגעשריבן אויף העברעאיש.

דער פוילישער דיכטער לעאן פערעץ האט אין גראבאוו אנגע־שריבן זיין טיפסטע און זעערישע סאטירע „מאטיוו פון משוגעים הויז", אן אייביקע פאליטישע סאטירע איבערן מיליטאריזם. דא האט ער חוזק געמאכט פון דעם וועטגעיעג נאך מאכט צווישן פראנקרייך און דייטשלאנד. די פראנצויזן האבן דערפונדן עפעס א ניי און שוידערליך מלחמה־געווער. די גאנצע וועלט לעבט אין שרעק, ווייל עס איז אזא געווער, וואס קען שיער צושטערן די זון מיט דער לבנה. אייראפע, די וועלט איז עס דאס גרויסע משוגעים הויז. דער פאעט איז אבער א סטאאיקער און ער לאכט פון דעם א סאטיריש געלעב־

טער, ווייל ער איז נישט באאומרואיקט איבער דעם גורל פון דער וועלט.

ער איז געווען טיף פארגלויבט אין דער גרויסער וועלטליכקייט און אין פּאעטישן ווערט פון זיינע פּוילישע לידער. ביז אין אונזערע טעג זענען זיי, מיט זיין האנט געשריבן, אויפגעהיט געווארן פיין געבונדן, מיט גאלדענע פּוילישע אותיות אויפן טאוול: פערזן, י. ל. פּ. 1874, גראבאוו. די פּוילישע גרייזן צו פארדעקן, האט ער מיט באַשיידענער זעלבסט־איראָניע אויפן שער־בלאט אוועקגעשטעלט דאס פּוילישע שפּריכווארט: נישט מיט איין מאל איז קראקע אויפגעבויט געווארן.

אין דעם פארוואָרפענעם ווינקל גראבאוו, האט די אומגעבונג אים געהאָלפן לייכטער אריינצודרינגען אין דער נייער גייסטיקער וועלט. ער איז געווען דערוווייטערט פון א מאָדערנער אידישער סביבה, האט געלעבט אין דער אטמאָספערע פון קליינשטעטלדיקער פּוילישער אינטעליגענץ און פּויליש איז געווען זיין איינציקע אומגאַנג־שפּראַך. דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז ער זאָל זיך פילן ווי אַן אויפגייענדיקער מיצקעוויטש. עס איז געווען אַ יונגער אַפּשניט אין זיין לעבן פון אויסלעבן זיך מיט האַרץ און געדאַנק, אַ צייט פון שאַפן, וואָס ער האָט שטענדיק באַטראַכט פאַר דעם אָנהויב פון זיין דיכטערישן באַרוף. אין זיין גלאַנץ און באַרימטקייט מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער, האָט ער אויף יענע ראָמאַנטישע טעג אין גראַבאָוו צוריקגעקוקט ווי אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאָמענט אין זיין לעבן.

יענער פרעמדער מאָמענט איז ווי אַן אויסטערלישער פויגל גיך פאַרפלויגן פון זיין האַרץ, אַזוי גיך ווי ער האָט פאַרלאָזט גראַבאָוו און דעם לעבהאַפטיקן קרייז פון פּוילישע פריינט, מיט וועלכע ער האָט אַפט פאַרבראַכט. דאָס איז געווען נאַטירליך. עס איז אויך געווען גערעכט פון דער השגחה, ווייל זיין גורל איז געווען צו פאַרבלייבן אידיש און אייגן. יענע צייט האָט אָבער געהאַט אויף אים אַ שטאַרקע ווירקונג. זי האָט באַפעסטיגט זיין גלויבן אין קאָנסעקווענטער דיכטערישער אַרבעטזאַמקייט. די מאָמענטאַלע דערהויבונג פון זיין פאַנטאַזיע האָט זיך ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ נוצליכן דיכטערישן אינסטרומענט.

די פוילישע לידער האט ער אוועקגעשיקט צו ליכטענפעלדן קיין ווארשע. ער האט געהאפט אויף א ידיעה, אז דער שווער האט אין דעם געשריבענעם העפט געפונען עטליכע לידער, וואס ער זאל קאנען לאזן אפדרוקן אין דער איזראעליטא. אבער אנשטאט דעם איז אים אנגעקומען א בריוו, אין וועלכן דער אלטער מאטעמאטיקער האט דעם דיכטער אנגעוויזן גרייזן. געוויסע ווערטער אין די לידער זענען אים נישט געפעלן. דעם אלטן אינדיווידואליסט האט שאקירט דאס ווארט ברודערל. עס איז אים נישט געווען צום הארצן דאס ווארט מלאך און עס איז אים געווען פריקרע צו לייענען דאס ווארט הידרע.

ליכטענפעלד'ס קריטיק האט זיך פרץ נישט גענומען צום הארצן. ער האט זיך פון דעם אלטנס מבינות אויף זיין פויליש אויסגעלאכט און האט די לידער גלייך אוועקגעשיקט צו זיין אייביק געטרייען פעטער יוסף פון זאמאשטש. ער האט נאך צוגעשריבן א ספעציעל באגלייט־ליד אויף פויליש, פול מיט ליבשאפט און אנערקענונג צום פעטער. אין געגראמטע און גוט־געשמידטע פערזן האט ער צום פעטער געשריבן, רעדנדיק צום ליד: גיי מיט מיין ברכה אהיים צו מיין פעטער. ער איז דיין ריכטער און דיין עולם. ער פאדערט נישט צופיל. ער וועט מיר קלאר שרייבן וואס איר, מיינע לידער, מאכט דארט. און ווען עס וועט פאר מיר אויפלייכטן א בעסערע צוקונפט, וועט אויך אייך דאמאלס בעסער זיין. אבער גאט, ווען וועט דאס זיין ?

דער געטרייער פעטער האט די פוילישע לידער אויפגעהיט דאס גאנצע לעבן און האט זיי איבערגעלאזט בירושה זיינע קינדער. ליכ־טענפעלד האט צו פאמעליך, און קיינמאל נישט מיטן גאנצן הארצן, איבערגענומען פון יוסף אלטבערגן די עובדא צו פלעגן און דער־מוטיקן דעם יונגן פאעט.

זיין געפיל פון שרייבן פאר דער גרויסער וועלט האט זיך גיך געענדיקט, ווען ער האט פארלאזט גראבאוו מיט די שיינע, לעב־האפטיקע און אפטמאל פאעטישע טעג.

טז

# דאָס קבר׳ל

די עלטערנ׳ס הויז איז פאַר אים שטענדיק געווען אָפן. ווען ער האָט אָנגעוואוירן די שטעלע אין גראַבאָוו, איז פרץ מיט זיין שרה׳לע צוריק אַ היים געפאָרן קיין זאַמאָשטש.

דאָס צוזאַמענלעבן מיט איר איז אים אָנגעקומען שווער און ביטער. זייערע טעמפּעראַמענטן האָבן זיך אויף קיין פאַל נישט גע־קענט אויסגלייכן. ער איז פון דער נאַטור געווען זאָרגלאָז און זינ־געוודיק, אָפט ראָמאַנטיש געשטימט, און איז געווען גענייגט זיך אַריינצולעבן אין אַ חלום אַזוי ווי אין אַ רעאַליטעט. זי איז געווען גענייגט צו פּראַקטישקייט און האָט אים געוואָלט זען אַ צופרי־דענעם מיט שטרעבונג צו שטענדיקער אַרבעט און אַ בעסערער היים. זיין טאַלענט צום שרייבן איז ביי איר געווען אַ ווייטע און עטוואָס אומגלויבליכע זאַך.

אַלע יאָרן פון זיין יוגנט, ווען ער האָט זי נישט געקאָנט, זענען פאַר אים געשטאַנען אַזוי ווי אַ שטענדיקער פאָרוואורף. ער האָט ביי זיך קיינמאָל נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער פאַרוואָס און ווי אַזוי זי איז פּלוצים אַריינגעקומען אין זיין לעבן און האָט פאַרנומען אַן איבערוועלטנדיקע פּאָזיציע. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט געפינען קיין אורזאַך פאַרוואָס ער זאָל איר אין וואָס עס איז אָפּטרעטן. זיין שאַפונגס־וועלט איז געוואָרן זיין איינציקער אויסוועג און זיין טרייסט אין שווערע מינוטן. אין יענער וועלט האָט ער נישט געוואָלט, אַז זי זאָל ווען עס איז אַריינדרינגען. זי איז אים מיט יעדן טאָג געוואָרן מער צו לאַסט.

וואַרשע האָט אים אַז אַז אויפהער געמאַניעט און געצויגן, ווייל אין זאַמאָשטש איז נישט געווען וואָס צו טון. אָבער צו וואָס און צו וועמען פאָרן אַהין איז נישט געווען. ער איז שוין געווען גרייט אויפסניי צו פּלאַנעווען אַ רייזע קיין וואַרשע ווען ער האָט פון ליכטענפעלד'ן דערהאַלטן אַ בריוו, אַז ער פאָרט אַהיים קיין אַפּט, וואו ער וועט פאַרבלייבן וואוינען אַ שטיקל צייט.

עס איז דעם אַלטן אָנגעקומען אַלץ שווערער צו שיקן געלט פון וואַרשע, און כדי בעסער צונויפצוהאַלטן דעם איידעם מיט דער טאָכטער, האָט ער זייביידן אַרויסגענומען צו וואוינען מיט אים אויף אַ צייט אין אַפּט.

די אַלטע שטאָט אַפּט, וואָס איז נאָך אין צוועלפטן יאָרהונדערט געבויט געוואָרן, איז געווען רייך אין היסטאָרישע זכרונות. דאָס אַלטע וואַרשעווער טויער איז נאָך געווען אַ טייל פון די פעסטונגען אַרום. דאָרט האָבן געוואוינט די גראַפן פּאָטאָצקים, די לובאָמירסקים און עס זיינען נאָך געווען אומפאַרענדערט די אונטערערדישע קברים — היילן פון די שידלאָוויעצקים. די שטאָט האָט איבערגע־לעבט אַ סך שרפות אין פאַרלויף פון די יאָרהונדערטן, אָבער זי האָט איינגעהאַלטן אַ סך פון איר אַלטער שיינקייט. פון דאָרט האָט זיך געצויגן דער טייך לוקאַוואַ מיט זיינע הויכע ברעגן ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין דער ווייסל. אויך דאָס אידישע לעבן איז דאָרט פון לאַנג געווען טיף איינגעפונדעוועט. דאָס גרויסע בית מדרש האָט אַרויסגעגעבן אַ סך וואויל־לערנער און תלמידי חכמים.

אַהין איז פּרץ אָנגעקומען מיט שרה'לען צו לעבן אַ שטיקל צייט מיט די ליכטענפעלדס. אין דער אַלטער אידישער אַטמאָספערע און אין דער נאָענטקייט פונם שווער, האָט פּרץ גיך פאַרגעסן זיינע גוי'־אישע שטימונגען פון גראַבאָוו. דער טיף אידישער שורש האָט זיך ווידער געוועקט אין אים. ער האָט געוואוסט, אַז פאַר די פאָלקס־מענטשן וואָס ער האָט דאָרט געזען, דאַרף מען נאָר שרייבן אידיש. זשאַרגאָן? ניין. ווען ער האָט געשריבן, האָט ער אַלעמאָל אין זינען געהאַט העכערע גייסטיקע אידן, לומדים, און זייער לשון איז העברע־איש. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז פּויליש איז פאַר ביידע עלע־מענטן נישט די ריכטיקע שפּראַך.

פּרץ׳עס פריריקע העברעאישע שירים און זיינע פּוילישע לידער האָבן שוין ליכטענפעלדן איבערצייגט, אַז דער שטראָם פון דיכ־טונג איז זיין יונגן איידעם קאָן נישט אָפּגעשטעלט ווערן. ער האָט געוואוסט, אַז דער יונגערמאַן דערוואַרט פון אים נישט מער קיין גוטע עצות בנוגע זיין שרייבן, נאָר מעשים. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז געקומען די צייט צו העלפן אים אַז דאָס וואָס ער שרייבט זאָל ווערן אָפּגעדרוקט. מיט דעם געדאַנק האָט ער זיך גענומען צו רעדאַגירן, אויסבעסערן, צושרייבן און פאַרפולקאָמען דעם איי־דעמ׳ס לידער. ער האָט דערביי שטאַרק הנאה געהאַט. אין דעם אַלטן מאַטעמאַטיקער האָט זיך ווידער דערוועקט דער משורר און ער האָט אַליין אויך געשריבן שירים.

אין יענער צייט איז ליכטענפעלד געשטאַנען אין אַ ליטעראַ־רישן קאַמף מיט דעם ליב פון העברעאישן זשורנאַליזם, חיים זעליג סלאָנימסקי. אין אַפּט האָט ליכטענפעלד דאַמאָלס געשריבן און גע־פּלאַנט אַליין ארויסצוגעבן זיין ביכל „תוספות להערבון״, וואָס איז געווען אַן ענטפער אויף אַן ענטפער. אַ מיטאַרבעטער פון הצפירה, שווייצער, האָט זיך אָנגענומען סלאָנימסקי׳ס קריוודע און האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשורע „קנאת סופרים״ קעגן ליכטענפעלדן. אויף דעם האָט ער עס איצט אין אַפּט געשריבן אַן ענטפער. דער אַלטער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט און האָט אַזוי פאַרטרויט זיך פאַרן איידעם, אַז פּרץ האָט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ ליד און זיך אָנ־גענומען פאַרן שווער. ער האָט אָנגעשריבן אויף העברעאיש אַ ליד „די פלעדערמויז און די לבנה״. אין דעם ליד ווערט געשילדערט ווי אַ פלעדערמויז צושפּרייט אירע פליגל אין דער פינצטער, אַז אַן אייזל, אַ פערד און אַן אָקס מיינען אַז דאָס איז אַן אָדלער. די פלעדערמויז גלייבט שוין אַליין אַז זי איז אַן אָדלער און זי פּרוּווט פליען אַלץ העכער, אָבער זי איז פאַרבלענדט געוואָרן פון ליכט פון דער לבנה און איז אַראָפּגעפאַלן אין אַ גרוב. איצט מאַכן חוזק פון איר אפילו אָקס און אייזל. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער פלע־דערמויז האָט פּרץ געמיינט סלאָנימסקין. ליכטענפעלד איז געווען אַזוי אַנטציקט פון דעם ליד, אַז ער האָט באַשלאָסן עס אָפּצודרוקן טאַקע אין זיין נייעם ספרל.

דערמוטיקט פון דעם וואס דער שווער האט אים צוגעזאגט, האט זיך פרץ צו אים מער צוגעהערט, האט מער געשריבן, אליין און צוזאמען מיט אים, און האט אין זיין שטייגענדיקער אמביציע אויפס־ניי געארבעט איבער איינער פון זיינע לענגסטע העברעאישע פאַ־עמעס „דאס לעבן פון א אידישן דיכטער".

די פלעדערמויז איז נישט געווען דאס איינציקע ליד וואס ליכ־טענפעלד האט אים צוגעזאגט אפצודרוקן. ווען ער וועט אם ירצה השם קומען קיין ווארשע, וועט ער זיך באמיען אז אויך די אנדערע שירים פרצ'עס זאלן געדרוקט ווערן. ער האט שוין באמת געגלויבט אין זיין איידעמ'ס טאלענט. ער האט אוודאי דערביי געהאט דעם אנגענעמען געדאנק, אז דאס וועט אים דערנענטערן און צובינדן.

ביז דאמאלס האט דער שאפערישער און באגייסטערטער יונגער פרץ נאך קיין איינציקע שורה זיינע נישט געזען אפגעדרוקט. ער האט זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויף דער גרויסער געשעעניש. דער שווער האט אבער נישט פארפעלט צו געבן אים צו פארשטיין אז שרייבן שירים, אפילו די שענסטע, איז פארט נאר א טפל־זאך. דער עיקר איז פרנסה. לערנען, שרייבן, פירן וויכוחים — אוודאי, אבער דאס אלץ איז נאר לנאוה, פון שיינקייט וועגן. וואס מען טאר נישט פארגעסן איז, אז אם אין קמח אין תורה.

דעם שווער'ס הארבע דיבורים האבן געהאט זייער ווירקונג. דערצו איז צוגעקומען א באלעבאטיש פריידיקע געשעעניש ביי דעם יונגן פארפאלק. שרה'לע האט געבוירן א קינד, א זון. יעקב האט מען אים א נאמען געגעבן. א טיפע פרייד האט אנגעפילט דאס הארץ פון יונגן טאטן. ער האט זיך גענומען מיט לב ונפש צו זוכן א פרנסה.

ער איז געווארן מער אמביציעז צו פארדינען זיין אייגן ברויט און האט געזוכט אנשטאט א שטעלע ביי יענעם, בעסער אליין אריינ־צוגיין אין א געשעפט. ער האט זיך באקאנט מיט אן ענערגישן יונגנמאן מיטן נאמען זילבער, וועלכער איז אויך געווען איינגאנצן עטליכע יאר נאך דער חתונה און האט געזוכט א באשעפטיקונג. פרץ און זילבער האבן געשלאסן א שותפות צו עפענען א קליינע ביר ברויעריי נישט ווייט פון צוויזמער. די שותפים האבן געהאט די

אמביציע אויפצובויען א גוט געשעפט, אבער זיי האבן געהאט ווייניק געלט צווישן זיך.

מיט ווייב און קינד און מיט דער האפענונג אויף א מנוחה'דיק לעבן האט זיך פרץ אריבערגעצויגן אין דעם אלטן פוילישן שטעטל צווזמער.

אין איין צייט איז צווזמער, וואס ליגט ביי דער ווייסל, באטראכט געווארן פאר דער שענסטער שטאט אין פוילן, נאך קראקע. פרעכ־טיקע אלטערטימליכע הייזער, פאלאצלעך און קירכן זענען צעווארפן איבער דער שטאט און איינגעטונקען אין גרינס. דעמבעס, בעריאזעס און אקאציעס זענען א לעבעדיקער טייל פון דער אלטערטימליכ־קייט. א קאטוילישער סעמינאר האט דער שטאט צוגעגעבן אן אנ־בליק פון פרומקייט. אויך דאס אידישע לעבן אין צווזמער איז געווען גוט איינגעפונדעוועט פון קדמונים. א חוץ פארגעשריטענע אידן, האט די שטאט פארמאגט א היפשע צאל חסידים.

אזא שטאט איז דעם דיכטער געווען צום הארצן. אין שעה'ען פון אפרו איז די אומגעבונג געווען א גינסטיקע פאר שעפערישע שטימונגען. די קליינע משפחה, די היים, זענען אים געווארן טייער. דאס קליינע הוויז־געזינט, מיט שרה'לען און זיין בכור יעקב, און די דעראינערונג אין דעם שווער'ס קלוגע רייד, האבן אים איצט מער צוגעבונדן צו זיין אידישן שורש. אין דער האפענונג צו זען זיין ערשטן שיר אפגעדרוקט אין דעם שווער'ס ספרל, האט ער אין צוויז־מער געשריבן נאר העברעאיש.

ער האט זיך איינגעארדנט אין א קליינער רידה און האט זיך גיך געפונען אין א קליינעם קרייז פון גוטע פריינט. די זילבערס זענען געווען גוטהארציקע מענטשן און זענען צו די פרץ'עס געווען זייער צוגעלאזן. ארום דעם לעבהאפטיקן און בארעדעוודיקן פרץ איז אויס־געוואקסן א לוסטיקער און פאראינטערעסירטער קרייז. אין יענעם קרייז האט ער זיך ווידער געקענט אויסלעבן ווי אמאל אין זיינע בחור'שע יארן. ווען מען איז זיך צוזאמענגעקומען איז ער געווען פול מיט שטיפעריי, שפאס און פריינטליכקייט און האט געקענט, ווען ער האט געוואלט, פאראינטערעסירן דעם קרייז מיט ערנסטע ענינים.

אין שווערינקייט איז אים געווען אין וועג צו א פולשטענדיק גליקליך לעבן אין צוויזמער. עס איז קיין פרנסה נישט געווען. די ברוּערייַ האט נישט אריינגעבראכט געגוג, אז ביידע שותפים מיט זייערע משפחות זאלן דערפון קאנען לעבן. זייערע מערסטע קונים זענען געווען די אידן פון שטעטל, וואס האבן געטרונקען ביר כמעט נאר שבתים און ימים טובים. די הכנסה, וואס איז קיינמאל נישט געווען גענוג, האט אנגעהויבן גיין בארג אראפ. פרץ האט ווייניקער ווי זילבער געקענט נאכקומען די שטייגנדיקע חובות. פריער האט פרץ געזוכט צו בארגן א סומע געלט צו העלפן אויפהאלטן דאס גע־שעפט. דערנאך זענען אים אלע געלט־קוואלן אויסגעגאנגען. ער האט אפטמאל באדארפט בארגן עטליכע קאפיקעס פאר דער שטוביקער הוצאה. די זילבערס האבן ארויסגעהאלפן מיט וואס זיי האבן גע־קאנט, אבער די ארעמקייט האט זיי פארפלייצט.

אין מיטן דער גרויסער ארעמקייט האט זיך שרה'לע אוועקגעלייגט אין קימפעט און האט אים געבוירן דעם צווייטן זון. מען האט אים א נאמען געגעבן אליעזר, אבער דאס גאנצע לעבן האט זיך צו אים בלויז געהאלטן דער פארפוילישטער נאמען לוציאן. די נויט איז געווען נישט אריבערצוטראגן. דערפאר האבן זיך אלע געזעלשאפט־ליכע פארבינדונגען דערוייטערט. עס איז נישט געווען מער ביי וועמען צו בארגן קאפיקעס. אין שטאט זענען נישט געווען, נישט זיינע און נישט אירע קרובים. זיי זענען געווען שרעקליך איינזאם. און אויב זיין מאס פון צרות און נסיונות, וואס ער איז אויסגע־שטאנען אין צוויזמער, איז נאך נישט פול געווען, איז נאך דערצו דאס עלטסטע קינד געשטארבן. עס איז געווען נויטיק אויפן לויה'לע צו בארגן. אויפן אלטן בית עלמין איז צוגעקומען דאס קליינע זאמדיקע קבר'ל פון יעקב פרץ.

די טראגעדיע אין קליינעם הויז־געזינט האט פרצן איינגאנצן דאס לעבן פארביטערט. די צאנקערייען, פארוואורפן, באשולדיקונגען, הויכע קריגערייען צווישן אים און שרה'לען האבן מער נישט אויפ־געהערט.

דאס לעבן מיט זיין ווייב אין צוויזמער איז אים געווארן אומדער־טרעגליך. דעם איינציגן אויסוועג וואס ער האט געזען איז געווען

אַ גט. דערווײַל האָט ער קײנעם דערפֿון גאָרנישט געזאָגט, נאָר דער געדאַנק האָט געעגבערט.

פֿאַר פּסח האָט ער באַשלאָסן, אַז באַלד נאָך יום טוב וועט ער פֿאַרקויפֿן זײַן חלק שותּפֿות און וועט אַוועקפֿאָרן. אַזוי ווי די ביר־טרינקער פֿון דעם ברײַזל זענען געווען די פּראָסטע אידן און חסידים פֿון שטעטל, האָט מען פֿאַר פּסח געמוזט פֿאַרקויפֿן אין חמץ אַרײַן די ברויז מיט אַלע מכשירים. פּרץ איז אָבער אַרומגעגאַנגען אין טרויער נאָך זײַן בכור, איז געווען פֿאַרזאָרגט און נידערגעשלאָגן און האָט זיך דערמאָנט ווען פֿאַרקויפֿן דעם חמץ ערשט צום ערשטן סדר. ער האָט נישט געוואָלט זײַן קײן גונב דעת הבריות, נישט גע־וואָלט אָפּנאַרן דאָס געוויסן פֿון מענטשן. האָט ער אויסגעגאָסן דעם גאַנצן זאַפּאַס ביר, האָט דורך דעם פֿאַרלוירן דאָס רעשטל קאַפּיטאַל וואָס ער האָט נאָך געקענט אַרויסנעמען, און איז אין בעסטער גוט־פֿרײַנטשאַפֿט מיט די זילבערס אַנטלאָפֿן מיט זײַן ווײַב און קינד פֿון צווזמער.

צוריק קײן זאַמאָשטש איז ער געקומען אָרעם, דערשלאָגן און אַנטוישט. געוואָלט האָט ער באַלד פֿאָרן קײן וואַרשע. אָבער דער גוטער פֿעטער יוסף וואָס האָט אים קײנמאָל נישט געלאָזט פֿאַלן, האָט נאָך איצטער אויך געהאַט פֿאַר אים אַ פּלאַן, וואָס זאָל אים געבן פּרנסה. דער פֿעטער האָט געהאַט אַ שותּף, אײנעם גדליה שפּער, מיט וועמען ער האָט געהאַלטן אַ מיל. האָט דער פֿעטער אָן שום מניעות צוגענומען פּרצן פֿאַר אַ דריטן שותּף. דאָס נײַע שותּפֿות האָט אויך אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע צײַט. דער קאָפּ האָט אים מער נישט געדינט בײַ דער וואָכעדיקער אַרבעט. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומווילן בײַצוקומען די אָרעמקײט, אַן אומרו, וואָס האָט אים געצויגן אַוועק אין דער ווײַט.

די ביטערע צײַט וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין צווזמער, דאָס לעבן פֿון דער האַנט אין מויל אַרײַן, דאָס פֿאַרלירן די פֿרײַנט, די שטענדיקע קריגערײַען מיטן ווײַב, דאָס אַלץ האָט געלאָזט אויף אים אַ צײכן. אָבער פּײַנליכער פֿון אַלץ איז אים פֿאַרבליבן אין זכרון דאָס בערגל ערד מיט דעם ברעטל־מצבה׳לע, וואָס איז דאָרט פֿאַרבליבן נאָך זײַן ערשטן זון.

עס האָט אים געצויגן קיין וואַרשע. די שטאָט האָט אים געלאָקט און גערופן מיט אַלע אירע איינדרוקן, וואָס האָבן זיך אים איַן געדאַנק פאַרפעסטיקט. מער פון אַלץ האָט ער געטראַכט ווי ער וועט ווידער באַגעגענען דעם שווער און אים דריסט זאָגן אין פּנים אַריין אַלץ וואָס ער פילט וועגן זיין טאָכטער ער וועט אים אויפדעקן אַז ער מוז מאַכן אַ סוף, ער קען מיט איר ווייטער נישט לעבן.

אים האָט זיך נישט געגלייבט, אַז ליכטענפעלד זאָל זיין דער איינציקער, וואָס איז גרייט אָפּצודרוקן זיינס אַ ליד. מיט פעסטן גלויבן אין זיינע גייסטיקע כחות האָט ער איבערגעשריבן זיין ליד „השותפות”. די אַלעגאָריע וואָס האָט אָפּגעלאַכט פונם צדיק דעם צבוע'ק, וועלכער האָט געוואָלט ווערן אַ שותּף צו אַ סטאַדע שאָף כדי אָפּצושטעלן אַ מגפה וואָס איז געקומען אויף זיי. ער האָט דאָס ליד ווידער אַמאָל געשליפן און איבערגעשריבן און האָט עס ענדליך אַוועקגעשיקט קיין ווין אין השחר, צו פּרץ סמאָלענסקין.

עס זענען אַריבער עטליכע אומגעדולדיקע וואָכן. איינמאָל אין אַ הייסן זומערטאָג איז אים אָנגעקומען דער השחר און די אויגן האָבן געקוקט אויף זיין ערשטן שיר, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט.

נאָך יאָרן פון פּרוכטבאַרן שרייבן, האָט ער ענדליך פאַר זיך געעפנט אַ טיר אין דער ליטעראַטור.

איצט ווען ער וועט קומען קיין וואַרשע, וועט ער מער נישט זיין אַליין. די משכילים וואָס ער האָט געזען זיצן און שפּאַצירן אין קראַ־שינסקי'ס גאָרטן, וועלן געדענקען זיין נאָמען. שרייבער האָבן געהערט פון אים. עס וועט אים זיין גרינגער צו מאַכן זיך נייע פריינט. ער וועט קענען פאַרדינען זיין ברויט דורך געבן העברעאישע לעקציעס. ער איז אַ העברעאישער פּאָעט. ער וועט מער נישט זיין אָפּהענגיק פון ליכטענפעלדס גוטער מיינונג. סמאָלענסקין אַליין האָט אים אָנער־קענט.

ער האָט נישט געקענט איינזיצן אין זיין געבוירן־שטאָט. צום ווייב האָט ער אַלץ מער פאַרלוירן די געדולד. האָט נאָר געקענט טראַכטן וועגן צושיידן זיך מיט איר. ער האָט געפילט, אַז די צייט וואָס ער גיט איר אַוועק, געהערט נאָר צו זיין גייסטיקער וועלט.

די קינדער? איינס איז אַ קבר'ל אין צוויזמער. דאָס אַנדערע, אליעזר? דאָס קינד וועט ער מוזן פאַרזאָרגן. און די פרוי? זי וועט מסתמא, אַזוי ווי ער, זיין צופרידן זיך צו גט'ן. ער האָט זי מיטן קינד אַריבערגעפירט קיין אַפּט. זאָל זי קודם זיין צווישן די איריקע.

מיט דעם געדאַנק זיך דאָרט איינצואָרדענען, איז ער סוף זומער מיט דער פּאָטשט אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע.

## יז

# העברעאישער לערער

ווען פרץ איז נאָך זיינע טרויעריקע איבערלעבונגען אין צווזמער געקומען קיין ווארשע, אַנטשלאָסן צו פאַרדינען זיין ברויט, האָט ער געזוכט צו לעבן פון לעקציעס. פאַר איינעם וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט אַ ליד אין סמאָלענסקין'ס השחר, איז נישט שווער אָנגעקומען צו ווערן אַ העברעאישער לערער.

דאָס אַריינפאָרן אין ווארשע האָט אים באַשווערט דאָס האַרץ, ווייל ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו באַגעגענען ליכטענפעלדן. ער האָט קוים געקענט קומען צו זיך פון די שווערע קלעפּ, וואָס דאָס לעבן האָט אים אויסגעטיילט. ער האָט געמאַכט אַ חשבון הנפש פון די פינף יאָר זייט ער האָט חתונה געהאַט און ער האָט געהאַט פון דעם אַ ביטערן טעם. כמעט אַ העלפט פון דער צייט האָט ער געלעבט אויף קעסט, דאָס הייסט, אויף יענעמ'ס חשבון. אין דער איבעריקער צייט האָט ער זיך שוין פאַרנומען מיט פאַרשידענע פּרנסות און האָט זיך אַלץ צו גאָרנישט געקענט דערשלאָגן. קיין שלום בית האָט ער נישט געהאַט דאָס ווייב האָט אים באַין אופן נישט פאַרשטאַנען און נישט געהאַט קיין באַגריף פון זיינע בענקשאַפטן און חלומות. דערצו איז ערגיץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל אין פּוילן צוגעקומען דאָס קבר'ל פון זיין בכור. דער טרויער האָט איבערפילט זיין האַרץ.

אויף ליכטענפעלדן האָט ער געלעגט גרויסע האָפענונגען, אַז דאָס מאָל וועט ער זיכער פאַרעפנטליכן זיינע העברעאישע שירים. אין דער אייגענער צייט האָט אים אָבער געפּייניקט דער געדאַנק, אַז ער דאַרף מיט אַלע כוחות זיך באַמיען צו גט'ן זיך מיט שרה'לען. ווי אַזוי

וועט ער קענען איר פּאַטער אָנזאָגן די בשורה וועגן זיין ביטערן באַשלוס.

ער איז יעדן טאָג געקומען צו זיין בוידעם־שטיבל, אָבער וועגן דעם וואָס האָט געפּייניקט זיין האַרץ האָט ער דערווייל געשוויגן. ווען די צייט וועט ווערן רייף דערפאַר, וועט ער עס אים דאַמאָלס זאָגן.

מיט גרויס מי האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן עטליכע לעקציעס אין נגידישע הייזער, וואו ער האָט מיט קליינע אינגלעך געלערנט העברעאיש. די פאַרדינסטן זענען קוים געווען גענוג פאַר זיין אייגע־נער חיונה. עס איז אים נישט געבליבן גענוג, אַז ער זאָל קענען עפּעס שיקן פאַר ווייב און קינד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אָפּט. דאָס האָט געמאַכט אומגעלומפּערט זיינע באַציאונגען מיט ליכטענ־פעלדן.

אין זיין פריִער צייט האָט ער דערווייל געלערנט ביים שווער מאַ־טעמאַטיק, כאָטש ער האָט צו דער וויסנשאַפט געהאַט אַ שוואַכן אינטערעס. אין קאָפּ האָט זיך ביי אים געשפּונען און געוועבט פּאָעזיע. און דער שווער איז דאָך געווען אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס האָט אַליין געוואָלט זיין אַ פּאָעט. פלעגן די צוויי, דער אַלטער מיט דעם יונגן דיכטער, אָפט שמועסן ווי צוויי בעלי חלומות. ליכטענפעלד איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער קענער פון יוריספּרודענץ. קיין אמת'ער אַדוואָקאַט איז ער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט אָבער גרינטליך און מיט פּשט געלערנט געזעץ, אַזוי ווי ער האָט אין זיינע פריִיקע יאָרן געלערנט גמרא. פּרץ'ן האָט מער אינטערעסירט דאָס געזעץ ווי די מאַטעמאַטיק, און ער האָט זיך ערנסט גענומען צום שטודירן.

אין אַ קורצער צייט האָט ער ווידער אָנגעקנופּט די אַלטע וואַרעמע פאַרבינדונגען, וואָס ער האָט אַמאָל געמאַכט אין קראַשינסקי'ס גאָרטן ביי זיין ערשטן באַזוך אין וואַרשע. יעדן פאַרנאַכט האָט ער פאַר־בראַכט אין גאָרטן אַרום דער השכלה־באַנק מיט די אַלטע משכילים ביז מען האָט דערהערט דעם גרעגער, אַז דער גאָרטן ווערט געשלאָסן. דאָרט האָט ער ווידער געהאַט אַ האַרציקע באַגעגעניש מיט סאָקאָלאָוון, מיט דעם ליטוואַק וויינבערג, מיט האַכמאַנען, שטענדיק אַ ביסל פאַר־

יאַכמערט מיטן צילינדער פאַרשאַרצט אויפן שטערן, מיט דעם היינע־קענער שטיין, מיט דעם אייביקן סטודענט האַלפערן און מיט פיל אַנדערע משכּילים און אַפּיקורסים האָט ער זיך איצט באַקענט צום ערשטן מאָל.

דאָס איז געווען די נאָענטסטע גייסטיקע אידישע סביבה, אין וועלכער דער אימפּעטיקער, שטימונגספולער און הויך־באַגאַבטער פּרץ איז איצט אַריינגעקומען אין וואַרשע. מיט דער אויסנאַם פון סאָקאָלאָוון האָט ער זיך קיין נאָענטע חברים פון קראַשינסקי׳ס גאָרטן נישט אָפּגעשפּאָרט. ליכטענפעלד איז אָבער נישט געווען דער איינציקער פּאַר וועמען ער האָט זיך געקענט אויסרעדן. פּאָר חבר׳שאַפט, האָט ער שוין דאָס מאָל אויך געהאַט זיין היימישן חבר יצחקל געליבטער, וואָס איז נאָך זיין ענדיקן גימנאַזיע אין זאַמאָשטש, געקומען קיין וואַרשע שטודירן מעדיצין. ער פלעגט זיך טרעפן מיט זיין קליינעם שוועסטערקינד ישעיה מאַרגוליעס, וואָס איז אויך געווען אַ סטודענט אין וואַרשע. און איינער פון די נייע חברים, צו וועמען ער איז געוואָרן שטאַרק צוגעצויגן, איז געווען דער יונגער שריפטשטעלער ראובן אשר ברוידעס .

וואַרשע האָט אים איצט פאַרכאַפּט מיט איר שיינקייט און לעבעדיגקייט. טאָג טעגליך האָט ער זיך באַקענט מיט דער אַרומיקער, שטאָטישער וועלט.

ער האָט אויסשפּאַצירט וואַרשע אין דער לענג און דער ברייט, פון דער ווייסל ביז טשיסטע, פון פּאַוואָנזעק ביז מאָנקעטאָוו. אומעטום וואו עס האָט געשוויבלט מיט אידיש לעבן, דאָרט איז ער געווען. קיין ווינקל פון דער גרויסער שטאָט איז אים נישט געבליבן פאַרהוילן. די קראָכמאַלנע, די סמאָטשע, די דזשיקע, די שמאָלע מילע, די סטאַווקע, גזשיבאָוו, מאַראַנאָוו, פּאַטשעיאָוו, דער שילעץ. עס זענען אים געפעלן די אידישע נעמען פון גאַסן און פּלעצער — די גרינע גאַס, די לאַנגע גאַס, די אייזן גאַס, דער מקום, דאָס אייזערנע טויער, דער פּלאַץ פון די דריי צלמים, — אומעטום האָבן אים די יונגע פיס נייגעריק געפירט און די אויגאַנעם האָבן געקוקט אויף דעם פאַרפונדעוועטן וואַרשעווער אידישן לעבן.

ער האָט אויסגעקוקט די אידישע הויפן, איז געזעסן אין אידישע טיי־הייזער, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די חסידים־שטיבלעך אויף דער פּאַנסקע, אויף דער וויעלקע, אין דעם גערער, אין ראַדזינער, אין וואָרקער, אין קאָצקער.

אַלץ וואָס איז געווען צו זען פון דרויסנדיקע שיינקייטן, האָט ער נישט פאַרפעלט. די מאַרשאַלקאָווסקע, פון זאַקסישן גאָרטן ביז צום סוף; די יעראָזאָלימסקע אַלייע פון דער ירושלים'ער ראָגאַטקע ביז דער ווייסל, די נייע וועלט, די קראָקעווער פּאַרשטאָט, וואו די פּוילי־שע אינטעליגענץ האָט געוואוינט און שפּאַצירט, דעם אַלטן קעניג־ליכן שלאָס, דעם זיגמונט מאָנומענט, קאָפּערניקן, די אַלייע אויאַז־דאָווסקע, די אַלייע ספּאַצעראָווע, די לאַזשענקעס, דעם טעאַטער פּלאַץ, און מער פון אַלץ די דרויסנדיקע, די נישט־פאַרבאַטענע זייט פון זאַקסישן גאָרטן — דאָס אַלץ איז אים געוואָרן נאָענט און אייגן ווי ער וואָלט דאָ געווען געבוירן און אויפגעוואַקסן.

אויף קראַשינסקי'ס פּלאַץ, אַנטקעגן גאָרטן ביים אָנהויב פון די נאַלעווקעס, איז נאָך געשטאַנען דאָס אַלטע נאַראָדאָווע טעאַטער. דאָרט פלעגן נאָך פון צייט צו צייט פאָרקומען ירידים אויף וואָלענע סחורות. ווינטער־צייט, פאַר די גרויסע באַגעס, פלעגט זיך טומלען אַ מאַרק מיט יום טוב'דיקע זאַכן, שמעקענדיקע סאָסנעלעך פאַר די ווייַנאַכטן, באַגילדטע און באַזילבערטע פּאַפּירלעך, צאַצקעס, קאָ־לירטע ליכטלעך, וואָס מ'האָט אין מתנגד'ישע הייזער געקויפט פאַר חנוכה־ליכטלעך.

די נאַלעווקעס, וואָס האָבן זעקס טעג אַ וואָך גערעשט ווי אַ יריד און אַ בערזע צוזאַמען, זענען שבת געווען שטיל, גלייך דער אָטעם פון דער שטאָט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. מייסטנס האָט מען געזען חסידים מיט סאַמעטענע היטלען און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, און פּראָסטע אידן מיט טוכענע היטלען, גיין מיט די טליתים אונטער די אָרעמס פון די שטיבלעך און שולן. אָפטמאָל האָבן זיי קליינע אינגלעך נאָכגעטראָגן די טליתים און סידורים. געלאָסן און שטיל זענען זיי געגאַנגען אַהיים אין די זייטיקע גאַסן, וואו דינסטמיידלעך אָדער אינגסטע טעכטער האָבן אַהיימגעטראָגן די טשאָלענטער פון בעקער.

דאָס אַלץ איז אין עטליכע וואָכן געוואָרן פּרצעס וואַרשע. דאָס האָט אין אים שטאַרקער אויפגעטריבן דעם חשק צו לעבן. אָבער דער יונגער קאָפּ, אין וועלכן עס האָבן זיך געצויגן בילדער, גע־דאַנקען, לידער, אידעען, מיט קלאָרקייט און שנעלקייט, איז אויך געווען באַלאָדן מיט זאָרג. וואו נעמט מען ברויט פאַר זיך און פאַר ווייב און קינד אין אַפּט.

ער האָט אַזוי איינגעטיילט זיין צייט, אַז ער איז געווען פאַרנומען יעדע שעה אין טאָג. ער האָט געגעבן לעקציעס, געלערנט מאַטעמאַ־טיק, געשריבן שירים, פאַרבראַכט און געשמועסט מיט נייע חברים און האָט זיך געמאַכט צייט צו שטודירן יוריספּרודענץ.

אין פּוילן איז דאַמאָלס איינגעפירט געוואָרן דאָס רוסישע גע־ריכטס־וועזן און נאָך אין זאַמאָשטש האָט אים זיין שוועסטערקינד משה אַלטבערג צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך צולערנען יורי און זאָל פּרוּאוון אָפּגעבן עקזאַמען אויף פּריוואַט אַדוואָקאַט. ווען ער האָט אין וואַרשע געזען אַז דער שווער לעבט פּאַקטיש פון דעם וואָס קליינע סוחרים׳לעך קומען אים פרעגן יורידישע עצות, איז דער חשק אין אים פאַרשטאַרקט געוואָרן און ער האָט זיך גענומען גרייטן צום עקזאַמען אין זיין הײמישן סיעזד. ער האָט מיט לייב און לעבן געשטרעבט צו ווערן אַ פּריוואַט אַדוואָקאַט. ער האָט נאָכאַנאַנד שטודירט דעם נייעם קאָדעקס פון די רוסישע געזעצן. ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַמאָל ביז פאַרטאָג, האָט ער געלערנט אָדער גע־שריבן און איבערגעשריבן זיינע שירים.

דאָס לעבן אין וואַרשע האָט אים געגעבן אַלע לוסטיקע און טרויע־ריקע דערפאַרונגען פון אַן אָרעמען סטודענט, וועלכער דאַרף זיך אַליין דערנערן. הונגער, און פאַרקערט פרייליכע שעה׳ען, זענען געקומען און אַוועק. אין אָוונט פלעגט ער אָפט גיין צום חבר געליב־טער, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קליין צימערל מיט נאָך אַ סטו־דענט, וועלכער האָט געהאַט אַ שיינע כלה און איז געווען שטאַרק פאַרליבט. פּרץ און געליבטער פלעגן באַזינגען זייער ליבע אין לידער. פּרץ האָט געשריבן די ווערטער און געליבטער האָט צו זיי צוגעפּאַסט ניגונים און מען האָט זיי געזונגען. זינגען לידער איז שטענדיק געווען פּרצעס אַ באַליבטער חבר׳שאַפטליכער צייט־פאַר־

טרייב. אפילו אין די עלטערע יאָרן האָט ער ליב געהאַט צו גיין שפּאַצירן בײַנאַכט מיט אַ חברה פרײַנט אין דער אויאַזדאָווער אַלייע און זינגען פאָלקס־לידער האַרמאָניזירט אין אַ שטילן כאָר.

נענטער און אינטימער פון די אַנדערע חברים איז אים געוואָרן ראובן ברוידעס. מיט אים האָט ער געקענט פאַרברענגען לאַנגע שעה'ען אין ליטעראַרישע שמועסן. די ליבשאַפט צו אים האָט אים געגעבן דאָס געפיל, אַז אין אים האָט ער געפונען זײַן ערשטן חבר שריפטשטעלער. ראובן ברוידעס איז געווען יונג ווי ער. אַ דער־פרישנדיקער קאָנטראַסט צום אַלטן ליכטענפעלד, דעם ערשטן שרייַ־בער וואָס ער האָט געקענט. ברוידעס האָט דאַמאָלס אויך געהאַט פאַרעפנטליכט זײַן ערשטע זאַך, אַ דערציילונג אין השחר.

פּרצעס פערזענליכער כשוף האָט אויף ברוידעסן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. ער איז געוואָרן זײַן אָנהענגער און פאַרערער. נישט נאָר האָט ברוידעס גערעדט צו אים ווערטער פון דערמוטיגונג, נאָר ער האָט אויך געשריבן בריוו צו זײַנע פרײַנט אין אַנדערע שטעט וועגן דעם וואונדערבאַרן יונגנמאַן פּרץ, וואָס ער האָט באַ־געגנט אין וואַרשע.

ברוידעסעס פרײַנט, יצחק יואל לינעצקי, האָט צוזאַמען מיט אברהם גאָלדפאַדען אַרויסגעגעבן אין לעמבערג דאָס וואָכנבלאַט „ישראליק", האָט ברוידעס געשריבן לינעצקין אַ באַגייסטערטן בריוו וועגן זײַן באַגעגעניש מיט פּרצן. ער האָט אים באַשריבן ווי אַ וואונדערבאַרן יונגנמאַן און אַ דיכטער מיט אַ פילנדיק האַרץ. ער האָט אים אויפגעמונטערט אָנצושרייבן אַ זאַך פאַרן „ישראליק". ער האָט אים געגעבן אַ אידעע און פּרץ האָט זי אָנגעשריבן אין דער פאָרם פון אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגערופן „אַ בריוו פון פוילישע נקבות". ברוידעס האָט געשריבן, אַז פּרץ האָט אים צוגעזאָגט צו שיקן דאָס ליד לינעצקין. פּרץ האָט אָבער דאַמאָלס קיין איינציקע זאַך נישט פאַרעפנטליכט אין אידיש. נאָך אין דעם אייגענעם יאָר האָט אברהם בער גאָטלאָבער אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „הבוקר אור" און ברוידעס איז דאָרט געוואָרן אַ מיט־רעדאַקטאָר. גלייך האָט ער רעקאָמענדירט זײַן חבר פּרצן צו גאָטלאָבערן. דער אַלטער רעדאַקטאָר האָט אָנגענומען פּרצעס שירים.

שוין פון יענעם טאָג אָן ווען סמאָלענסקין האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד, האָט פּרץ אָנגעהויבן פילן די דערהויבנקייט און די אחריות פון אַ שריפטשטעלער. אינגיכן נאָכדעם איז דערשינען זיין שווער׳ס ביכל „תוספות להערבון״, די קעגן־אַטאַקע אויף סלאָנימסקין. צום סוף פון יענעם ביכעלע איז געווען אָפּגעדרוקט פּרצעס ליד „די פלעדערמויז און די לבנה״, אין וועלכן ער האָט אין שיינע פערזן זיך אָנגענומען זיין שווער׳ס קריוודע.

מיט מער דערמוטיגונג ווי פריער האָט פּרץ איצט נאָכאַנאַנד געשריבן זיינע שירים און עס איז געוואָרן פאַר אים אַ געוויסע דערהויבנקייט צו שיקן זיי אין די רעדאַקציעס. ער האָט געשיקט אי אין השחר אי אין „הבוקר אור״. די גרעסטע האָפענונג אַז ער וועט גיך אָנערקענט ווערן האָט ער אָבער געלעגט אויף זיין גרויסער פּאָעמע „דאָס לעבן פון אַ אידישן דיכטער״, וואָס ליכטענפעלד האָט אים צוגעזאָגט ארויסצוגעבן.

ביי די לעזער פון ליכטענפעלדס ביכעלע, האָט דערווייל פּרץ באַקומען אַ נאָמען פאַר זיין סאַטיריש ליד וועגן דער פלעדערמויז. ער האָט ביי זיך געפילט אַ געוויסן שטאָלץ וואָס ער, אַזאַ יונגערמאַן, איז שוין באַקאַנט געוואָרן ווי סלאָנימסקיס אַ קעגנער.

די זאָרג פון פּרנסה האָט אים אָבער שטענדיק געפּייניקט. עס זענען געווען אַ סך העברעאישע לערער אין וואַרשע און נישט גענוג לעקציעס.

## יח

# דער גט

ער האָט אָנגעהויבן זיך אַליין פֿאַרוואַרפֿן פֿאַרוואָס ער גייט נאָך אַלץ צו ליכטענפֿעלדן. פֿאַרוואָס נאַרט ער אים, ווען זיין אמת'ער ציל איז גאָר אָפּצו'גט'ן זיין טאָכטער און צו שיידן זיך מיט די ליכטענ־פֿעלדס אויף אייביק. ער האָט עפּעס געטראַכט פֿונם פֿאָלקס־ווערטל — וואָס אויס די אויגן איז אויסן האַרץ. וואָס לענגער ער איז געווען אין וואַרשע און די פֿרוי מיטן קינד אין אָפּאַ, אַלץ מער איז אים געוואָרן קלאָר, אַז עס ווערט אים אוממעגליך זיך מיט איר ווידער צו באַגעגענען.

עס האָט אים געטריבן דער באַגער צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ מין דאָפּלט לעבן, אָבער דאָס האָט זיך אים שווער איינגעגעבן.

אין דעם ראַשיקן לעבן אין וואַרשע האָט ער פֿון צייט צו צייט אָפּגענומען אַ גרוס פֿון דער היים. דער פֿרוי אין אָפּאַ האָט ער אַלץ זעלטענער געשריבן. איר קאָרעספּאָנדענץ איז געגאַנגען דורכן פֿאָטער, וועלכער האָט געוואוסט ווי שלעכט עס גייט דעם איידעם אין וואַרשע און ער האָט געמוזט די ביטערע פּיל אַראָפּשלינגען. אויף וויפֿיל ער האָט געקענט האָט ער דער טאָכטער געשריבן וועגן דעם מילדע בריוו. פֿרעג האָט געפֿילט, אַז אַזוי ווי דער שווער איז גוט באַקאַנט מיט זיין לאַגע און ווייס אַז ער קען דער פֿרוי קיין געלט נישט שיקן, באַפֿרייט דאָס אים דערוויילל פֿון אַרויסשרייבן איר איינצלהייטן וועגן זיין לעבן אין וואַרשע.

ער האָט אָבער מיט גרויס פֿאַרגעניגן אָפּגענומען גרוסן פֿון זאַ־מאָשטש. אַמאָל האָט ער באַגעגנט זיין שוועסטערקינד ישעיה

מאַרגאַליעס און געליִיענט אַ בריוו פון דער היים. איז קיין וואַרשע געקומען דער פעטער שמואל ליב לעווין, האָט די מאַמע מיטגעשיקט פון זאַמאָשטש אַ טעפּעלע פּוטער און אַנדערע גוטע זאַכן. אין דער פרי האָט דער גוטער פעטער דאָס אים צוגעשיקט מיט אַ משרת און בייטאָג, ווען דער פעטער איז צו אים אַליין געקומען, איז שוין פון אַלעם גוטן קיין זכר נישט געווען און דער פעטער האָט אָנגענו־מען אַז זיין פּלימעניק איז אַ גרויסער פאַרשווענדער. זיין יוגנט־פריינט שמואל אשכנזי איז אויף עטליכע טעג געקומען קיין וואַרשע, האָט ער אים געבראַכט אַ גרוס פונם פאָטער. דערפאַר האָט פּרץ מיט באַגייסטערונג פאַרגעלייענט פאַר אים זיינע שירים.

דאָס זענען געווען די הייטערע מאָמענטן אין אַ לעבן פון שטענ־דיקער נויט. ער האָט אַלץ אָפטער דערפילט די אינערליכע טרייסט פון פּאָעזיע און עס איז פאַר אים געווען אַן אמת'ע דערהויבונג, ווען סמאָלענסקין האָט אין השחר אָפּגעדרוקט זיין צווייט ליד „חלוקת החכמות". עס דערציילט ווי גאָט טיילט איין זיינע חכמות צו פאַרשידענע מענטשן. איינער קומט אָבער צו שפּעט, ווען אַלע חכמות זענען שוין צוטיילט. דער מענטש וויינט, אַז מען זאָל רחמנות האָבן אויף אים און מען זאָל אים אויך עפּעס געבן, גיט מען אים די חכמה צו זאָגן אויף יעדער זאַך ניין. דער אויספיר פון דעם ליד איז, אַז אַזוי ווי עס האָט אויסגעפעלט חכמה, איז באַשאַפן געוואָרן דער קריטיקער.

זיין גייסט איז דערפרישט געוואָרן ווען גאָטלאָבבער האָט אָנגענ־נומען זיין פּאָעמע „נגניאל" און זי אָפּגעדרוקט אין „הבוקר אור". דאָס ליד איז וועגן דעם מלאך פון פּאָעזיע. ער באַקלאָגט זיך אויפן גורל פונם דיכטער, וועלכער האָט נישט פאַר וועמען צו שרייבן, ווייל דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט קיין העברעאיש. אין אַ חלום זעט ער דעם מלאך פון פּאָעזיע, ביי וועמען אידישע פּאָעטן בעטן, אַז ער זאָל זיי באַשענקען מיט זיינע מתנות. דעם אָרעמען פּאָעט, וועלכער בעטלט מיט זיינע לידער איבער די רייכע הייזער, דעם וויל נגניאל נישט קענען. דער צווייטער דיכטער האָט געלט, ווייל ער שרייבט לידער פאַר געלעגנהייטן. ער ווערט אויך פאַרטריבן. איין דיכטער באַזינגט די ליבע, זאָגט אים נגניאל, אַז איצט איז נישט

קיין צייט צו זינגען פאר אידן פון ליבע, ווען זיי זענען נע ונד. אן אנדער דיכטער שרייבט העברעאיש מיט אלטע מליצות. דער לעצטער קומט א פאעט א קעמפער, וועלכער זעט דאס שלעכטס וואס די קהל׳שע קליאמקעס באגייען קעגן פאלק. אט דער קעמפערישער דיכטער איז עס פרצעס אידעאל.

מיט אזעלכע לידער האט פרץ אנגעהויבן בארימט ווערן. סמא־לענסקין איז ווין, און ברוידעס ארומפארנדיק ,האבן זיין נאמען צו־טראגן מיט הויכע לויב־ווערטער. דער ענטוזיאסטישער ברוידעס האט וועגן פרצן געשריבן א בריוו, וואס ישיבה־בחורים האבן איבער־געשריבן און געלייענט צווישן זיך מיט גרויס באוואונדערונג. פאר זיינע פריינט איז ווין האט סמאלענסקין זיך אויסגעדריקט, אז פרץ איז א דיכטער פון גאטס גנאד. סמאלענסקין האט נישט געקענט פארטראגן גאטלאבערן מיט זיין „הבוקר אור". ער האט אבער צו־געגעבן, אז ווען ער האט דארט געלייענט פרצעס שיר „נגניאל", האט ער גאטלאבערן שטארק מקנא געווען. ער האט געהאלטן, אז דאס איז א וואונדערליך ליד. ער האט פרצן געגליכן צו יהודה ליב גארדאן און געהאלטן, אז „נגניאל" איז א גארדאנישע שאפונג. נאכדעם האט נאך סמאלענסקין אפגעדרוקט פרצעס א סאציאל ליד „לי אומרים", וואס דער דיכטער האט פופצן יאר שפעטער אליין איבערזעצט אין אידיש אונטערן נאמען „מע זאגט!". ער האט זיך אונטערגעשריבן מ. פערל און האט עס אפגעדרוקט אין עפלבערגס אידישן קאלענדאר פון 1892. אין יענער סאציאלער סאטירע גייען די ערשטע שורות:

מע זאגט פאלש איז שכל און חקירה,  
און אויף א האר הענגט דער פרייער געדאנק;  
חכמות וועלן חסידים שוין וויסן פון צפירה,  
און ווייטער אין שטיבל קנייטשן די באנק.

אז אינערליכע פרייד האט זיך פארשפרייט אין אים פון דעם געדאנק, אז דאס איז דער בעסטער פון זיינע ערשטע העברעאישע שירים. אין „הבוקר אור" האט ער אפגעדרוקט א לאנגע באלאדע וועגן קידוש השם, געבויט אויף א געשעעניש פון שנת ת"ח, אז

עפישע פּאָעמע פון טראַגישן אינהאַלט. זיין גרויסע האָפענונג איז אַלץ נאָך געווען צו זען זיין לענגסטע פּאָעמע „דאָס לעבן פון א אידישן דיכטער", אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל. די האָפנונג איז אָבער געווען געמישט מיט ביטערניש. די פאַרווירקליכונג פון דער האָפנונג און די ביטערקייט צו קריגן אַ גט, האָבן זיך ביידע געווענדט אין ליכטענפעלדן.

דער אַלטער האָט איינגעזען, אַז כדי איינצושטעלן בעסערע באַציאונגען צווישן דעם איידעם מיט דער טאָכטער, דאַרף ער בעסער צובינדן דעם איידעם צו זיך. ער האָט דעריבער אוועקגעגעבן דאָס ביכל צום דרוק. עס איז אים נישט גרינג אָנגעקומען. ער האָט דאָס בלויז געקענט באַווייזן מיט שווער אָפּגעשפּאָרט געלט.

פּרצן האָט די אָרעמקייט כסדר געדרייצט און צורודערט. ער האָט אָבער דאָך געוואָלט זען זיין בוך אָפּגעדרוקט. אַ פרייד האָט אים אַ הויב געטון, ווען עס איז פאַר פּסח אָנגעקומען די דערלויבעניש פון דער צענזור דאָס בוך אָפּצודרוקן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פריידיק־טומלדיקע טעג פון אַרבעט אין שריפטגיסער׳ס דרוקעריי אויף די נאַלעווקעס. עס האָט גענומען אַ יאָר ביז ער האָט דערלעבט דעם נחת צו זען זיין קליין ספרל אונטערן טיטל „חיי משורר עברי". קיין נאָמען פון פאַרפאַסער איז אינגאַנצן נישט געווען אָנגעגעבן. אויפן טיטל־בלאַט איז דאָס רוסישע וואָרט זשיזן, געווען חנ׳עוודיק אויסגעלייגט מיט אַ טוויאַרדי זנאַק. דער דראַנג צו זען זיין ערשט ביכל אַרויס פון דרוק, האָט אים געקאָסט אַ סך הארצווייטאָג. ער האָט אָפט געצווייפלט צי עס איז ווערט די מי.

ער האָט געהאַט דאָס ווידער־געפיל, אַז ער איז ביי ליכטענפעלדן אין די הענט. דער אַלטער האָט אַ סך זאַכן אויף אים אַרויפגעצוואונגען אין באַצוג צו זיינע לידער. פיל פון דעם וואָס דער אַלטער האָט אים געלערנט, האָט דער יונגער דיכטער מיט ווידערווילן נישט געוואָלט אָננעמען. ער האָט זיך נאָר צוגעהערט צו אים ווייל ער איז געווען גענויט.

דער שטענדיק באַוועגליכער ליכטענפעלד איז געווען אַז אָנגענומענע פּערזענליכקייט. דער קרייז יונגע שרייבער וואָס האָבן אים

באַגעגנט, האָבן אים ליב געהאַט און זיך געגרן צו אים צוגעהערט. ער איז געווען אַן אמת'ער טיפּ פון דער דאַמאָלסדיקער אידישער באַהעם. עס האָט אַלעמען געוואונדערט אויף דעם באַליבטן יונגן פּרץ, פאַרוואָס ער דערווייטערט זיך און פאַרפרעמדט זיך פון זיין שווער. מען פלעגט אין די שרייבער־קרייזן זאָגן, אַז פון פּרצן וועט אוודאי עפּעס אַרויסקומען, אויב ער וועט זיך נאָר צוהערן צו ליכ־טענפעלדן.

אָבער די יסורים וואָס דער דיכטער האָט געליטן פון דעם אַלטן זעענען געווען נישט בלויז פון דעם, וואָס ער האָט זיין לעבן פאַרבונדן מיט זיין טאָכטער, פון וועלכער ער האָט בלויז געהאַט איין באַגער, זיך צו גט'ן, — נאָר אויך פון דעם, וואָס דער שווער האָט זיך גע־נומען צופיל רעכט אריינצומישן זיך אין זיין אינערליכער פּאָע־טישער וועלט. דער אַלטער האָט דעם יונגן דיכטער'ס לידער אַזויפיל רעדאַקטירט, געמעקט און צוגעשריבן, אַז זיי האָבן פאַר פּרצן אָפּטמאָל אינגאַנצן פאַרלוירן זייער זין און חן. אבי צו דערלעבן צו זען זיין פּאָעמע אָפּגעדרוקט, האָט פּרץ זיין אַרויפגעצוואונגענעם פּאָעטישן לערער אַלץ נאָכגעגעבן.

צוזאַמען מיט דער פּאָעמע זענען געווען געדרוקט צען לידער און פּאָעמעס און אַ הקדמה. נישט פּרץ און נישט ליכטענפעלד האָבן זיך אונטערגעשריבן מיט זייערע פולע נעמען. זיי האָבן זיך בלויז באַנוגנט מיט פאַרשידענע ראשי תיבות אונטער יעדן ליד באַזונדער. בלויז צוויי לידער, אינגאַנצן נישט קיין אונטערגעשריבענע, זענען מסתמא געווען ליכטענפעלדס. די איבעריקע זענען פּרצעס, טייל אַזוי ווי ער האָט זיי געשריבן, און אַנדערע שטאַרק געענדערט דורך דעם מאַטעמאַטיקער און אַרויסגעבער.

די גרויסע פרייד וואָס זיין ערשטע לידער־זאַמלונג האָט געזאָלט דעם יונגן דיכטער פאַרשאַפן, איז נישט פאַרווירקליכט געוואָרן. דער שטאָלץ און די דערהויבנקייט וואָס אַן ערשט בוך לידער ברענגט דעם דיכטער, איז אים פאַרשטערט געוואָרן. ער האָט גע'חלום'ט פון דעם גרויסן רושם, וואָס זיינע לידער וועלן אַרויסרופן אין דעם יונגן קרייז אין קראַשינסקי'ס גאָרטן. די אַנטפּלעקונג פון זיין נשמה אין די שירים, האָט אים געזאָלט דערהויבן אין אַלעמענ'ס אויגן ווי

א דיכטער, וואָס זינגט פון זיינע אייגענע ליידן און זיין אייגענער לעבנס־חכמה.

ער האָט זיך אָבער געפילט פאַרשעמט פון דעם, וואָס ער איז אין די לידער געקומען נישט אַליין, נאָר אין דער באַגלייטונג פון אַן אַלטן מאַן, אַ מדריך פון פריערדיקן דור, וואָס האָט אים אָנגעוויזן און געפירט אויף פּאָעטישע דרכים, וועלכע זענען אים געווען דער־ווידער. וויפל פיין דער יונגער דיכטער האָט געמוזט איבערלעבן, ווען אַ משכיל האָט אים פאַר געלויבט אַ פּאָר סטראָפן, וואָס זענען גראָד געווען נישט זיין, נאָר ליכטענפעלדס.

אוודאי האָט דער פירער און לערער גוט געמיינט. ער וועט דעם איידעם אַרויספירן אין דער ליטעראַרישער וועלט אויפן בעסטן אופן, לויט זיין שכל. ער האָט נישט געמיינט חלילה דעם כבוד צו פאַר־כאַפּן פאַר זיך. פאַרקערט, אונטער זיינע אייגענע שירים האָט ער זיך אַליין גאָר נישט אונטערגעשריבן. בלויז אונטער יענע, אין וועלכע ער האָט דעם איידעם אַרויסגעהאָלפן, האָט ער צוגעשטעלט זיינע ראשי תיבות נעבן אָדער צווישן יענעמ׳ס. ליכטענפעלד איז אַלס פּאָעט געווען באַשיידן, האָט געוואוסט זיין אָרט און נישט פּרעטענ־דירט אויף קיין הויכע דערגרייכונגען.

אין זיין אייגן מאַטעמאַטיש ספר „צפנת פענח", האָט ער אפילו געהאַט אָפּגעדרוקט זיין אייגענעם אַ לאַנגן שיר. אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ טייל פון זיין פּאָלעמיק. פאַר קיין ריינער פּאָעזיע האָט ער זיין אייגענעם שיר נישט געהאַלטן. ער האָט זיך נאָך פאַר דעם לעזער פאַרענטפערט, אַז אַזוי ווי ער אַרגומענטירט אין זיין ביכל, זאָל מען זיין שיר באַטראַכטן ווי בלויז אַ פאַרזעצונג פון זיין אַרגומענט. ער האָט געבעטן מחילה ביי די פּאָעטן פאַר דעם וואָס ער שרייבט לידער. מיט זיין ליד איז ער נישט געקומען צו באַווייזן זיין כח אין פּאָעזיע, נאָר בלויז צו זאָגן דעם אמת אין פערזן. ער האָט ציטירט די חכמה פון די אַלטע גריכישע פּאָעטן, אַז דאָס בעסטע אין אַ ליד איז זיין ליגן. דערפאַר האָט ער געבעטן, אַז קיינער זאָל זיינע פערזן נישט באַטראַכטן פאַר קיין ליד, ווייל ער זאָגט אין זיי נאָר דעם אמת.

פאַר פּרצן איז ליכטענפעלדס באַשיידנקייט געווען אַ קנאַפּע טרייסט. זיין הארץ האָט געפילט, אַז דעם אַלטנס קאָפּ האָט צוגעגעבן זיינע לידער אַ טרוקענע אויסגערעכנטקייט. אים זענען געווען דער־ווידער די קייטן, אין וועלכע עס האָט אים געפּענטעט דעם אַלטנס מליצה. בלויז די פרייהייט פון זיינע אייגענע פליגל האָט געהאַט פאַר אים אַ באַדייטונג. ער האָט געפילט אַ בייזקייט צום שווער, ווייל ער האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם וואָס איז אים געווען צום הייליקסטן. און דער שווער האָט געפילט, אַז ער פאַרדינט נאָר אַ דאַנק דערפאַר.

אין דעם האָט פּרץ געזען נאָך אַ שטאַרקערע אורזאַך פאַרוואָס ער זאָל זיך גט'ן מיט זיין ווייב און זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון דעם ליכטענפעלד שבט. ער האָט באַגערט, אַז דאָס ביכל זאָל בעסער אינגאַנצן נישט געזען ווערן, בעסער זאָל עס פאַרגעסן ווערן.

אויב פּירסום מיינט, אַז אַן אַלטער בעל חשבון דאַרף זיך גריבלען ביי אים אין האַרצן, ווייל ער גאַרנישט האָבן צו טון מיט קיין שריי־בעריי. ער וויל זיך מער נישט דרוקן און ער וועט מער נישט שרייבן.

אַ יאָר האָט ער געלעבט מיט אַט דער ביטערניש אין האַרץ. ער האָט געלעבט נישט נאָר אָפּגעריסן פון ווייב און קינד, נאָר אויך פון שווער, כאָטש ער איז טעגליך פאַרביינגעגאַנגען זיין הויז אויף די נאַלעווקעס. דערווייל האָט ער אין דחקות געלעבט פון זיינע העברעי־אישע לעקציעס און האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען אין סיועז.

דער פאָטער פון דער אומגליקליכער טאָכטער האָט געוואָלט נאָך איינמאָל אויספּרובן דאָס מזל. ער האָט זיך נאָך אַמאָל צוזאַמענ־גערעדט מיט דעם אומצופרידענעם איידעם און זיי האָבן צוזאַמען באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דאָס ביכל אויפסניי, נאָר אינגאַנצן צו ענדערן דאָס שער־בלאַט. אַנשטאָט „חיי משורר עברי” האָבן זיי אויפן שער־בלעטל אָנגעשטעלט „ספּורים בשיר ושירים שונים”. אַלס פאַרפאַסערס זענען אָנגעגעבן געוואָרן — שני בעלי אסופות. דער דרוקער האָט בלויז באַדאַרפט אַראָפּרייסן דאָס אַלטע טיטל־בלאַט און צוקלעפּן דאָס נייע.

דאָס ביסל האָט געהאַט אַ ביסל מער מזל, נאָר צום שידוך האָט עס נישט געהאָלפֿן. עס איז מער צו קיין שלום צווישן פּרצן און זיין ווייב און דעם שווער נישט געקומען.

אַ פֿיינער איר איז ליכטענפֿעלד געווען, נאָר אַ גרויסער אָרעמאַן. ער פֿלעגט שוין זיצן גאַנצע טעג ביי זיך אין בוידעם־שטיבל און שרייבן, אַפֿט אַ הונגעריקער. פּרץ האָט איינמאָל אין אַ חנוכה אָוונט פֿאַרלוירן זיין איינציקע לעקציע. אַ זיידן איז נישט געפֿעלן ווי אַזוי דער לערער האָט דעם אייניקל אויסגעטייטשט חנוכה.

פּרץ אַליין האָט שוין אויך אָנגעהויבן צו הונגערן, אַזוי ווי דער שווער. ער האָט געוואָלט, דער שווער זאָל דאָס וויסן, כּדי ער זאָל איינזען, אַז פֿאַר שׂרה׳לען וועט זיין בעסער ווען זי זאָל איר מאַן אָפּ׳גט׳ן. עס איז געווען באָו מים עד נפֿש און ער האָט געוואָלט, אַז דער אַלטער זאָל וויסן זיין פֿאַרצווייפֿלטע לאַגע. דאָס וועט אים צוגעבן חשק איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּטור צו ווערן פֿון אַזאַ איידעם.

אָן אַן איינציקער לעקציע צו קענען זיך דערנערן, אַ מידער פֿון לערנען און אַן אָפּגעשוואַכטער פֿון הונגער, איז פּרץ נאָך אַ לאַנגן אומגיין אויף די נאַלעווקעס אַריינגעפֿאַלן אין ליכטענפֿעלדס בוידעם־שטיבל, ווען דער אַלטער האָט גראָד געהאַט אַ גאַסט. דאָס יונגע שטורעמדיקע האַרץ האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. מיט אויגן גליענדיקע פֿון הונגער, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— שווער, גיב מיר אַ שטיקל ברויט, אויב דו ווילסט נישט איך זאָל דאָ פֿאַר דיינע אויגן שטאַרבן פֿון הונגער.

שטיל איז דער אַלטער צוגעגאַנגען צום שאַפֿקעלע. האָט אַרויסגענומען אַ לחמא שוואַרץ ברויט און האָט עס אים דערלאַנגט. פּרץ, מיט זיינע אויגן גרעסער ווי געוויינליך, האָט גענומען דאָס ברויט און איז אַרויס. זיינע אייליקע טריט האָבן גיך פֿאַרקלונגען פֿון די טרעפּ אַראָפּ.

דער גאַסט האָט גוט געקענט ליכטענפֿעלדן און געוואוסט, אַז ער וועט שוין יענעם טאָג אַליין נישט עסן. ווען ער האָט געפֿרעגט פֿאַר־וואָס דער איידעם, אַ רירעוודיקער יונגערמאַן, זאָל נישט קענען זיך אַליין פֿאַרדינען זיין ברויט, האָט דער אַלטער אַ נויג געטון מיטן קאָפּ און שטיל געענטפֿערט:

— אַז ער וויל זיך לעבן ווי אַ הפקר־מענטש.

מיט ביטערקייט איז דעם אַלטן קלאָר געוואָרן, אַז כדי נישט אַריינ־צופאַלן אין ליטישע מיילער, וועט ער מוזן מסכים זיין אַז די טאָכטער זאָל אים געבן אַ גט.

דער פּאָעטישער זאָמען פון דעם גרויסן דיכטער איז שוין געווען פאַרפלאַנצט אין די לידער פון יענעם ערשטן ביכל, נישט קוקנדיק אויף ליכטענפעלד'ס מליצה'דיקע צוטשעפּענישן. עס האָט געגליט פון זיי פּאָעטישע רייפקייט. מיט די שטאַרקע עלעמענטן פון לירישקייט, חכמה און דראַמאַטישן אויסדרוק, האָבן זיי דערגרייכט צו זיין די בעסטע עפּישע לידער פון זייער צייט. יעדער מאָטיוו איז דורכ־געטראַכט, יעדע עמאָציע איבערצייגנדיק דורכגעפילט. די טיפע אידישע ערודיציע לייכט און שיינט אין זיי. פון די סאָציאַלע מאָטיוון קלינגט קלאָר אַרויס דאָס ווידער־קול פון דער נייער צייט. דער באַלאַנס צווישן דער דיכטערישער פּערזענלעכקייט און אירע סאָציאַלע פליכטן איז אין דער ריכטיקער מאָס.

די דערשיינונג פון דעם ביכל שירים איז פאַר אים געווען אַ צוריקשטויס פון דער ליטעראַטור. ער האָט דאָס באַטראַכט ווי אַן אָפּשלום פון זיין אויפגאַנג אַלס העברעאישער דיכטער.

פרילינג האָט ער באַקומען דעם גט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך באַפרייט פון צוויי לאַסטן. דער שווער איז פאַר אים געוואָרן נישט ווייניקער לאַסט ווי דאָס ווייב. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער משכילישער באַהעם פון קראַשינסקים גאָרטן, מיט די חברים, מיט וואַרשע. אַ ביסל שפּעטער האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין סיעזד אַלס פּריוואַטער אַדוואָקאַט. האָט אפילו באַקומען בלויז אַ צוויי. נאָר דער געריכטליכער פּאַרזי־צער האָט געהייסן אים אַרויסגעבן אַ פּאַטענט. עפּעס אין דעם יונגנמאַנ'ס באַנעמונג האָט באַוויזן, אַז מען האָט דאָ צו טון מיט אַן אומגעוויינליכן קאָפּ.

אַ פרייער מענטש אַליין, מיט אַ גוטער אויסזיכט אויף זיין נייער פּרנסה, וועלנדיק פאַרגעסן זיין ליטעראַרישע קאַריערע צוזאַמען מיט די ליכטענפעלדס, האָט ער זיך צוריק באַזעצט אין זאַמאָשטש צווישן זיינע אייגענע און היימישע.

## יט

# אויף היימישער ערד

מיט דעם אַהיימקומען אין זיין געבוירן־שטאָט, האָט דער אַדלער צום ערשטן מאָל אין לעבן אָנגעהויבן צו דערפילן זיינע פליגל.

ער איז נישט מער געווען קיין מאַן פון אַ ווייב, פאַר וועמען ער האָט קיינמאָל קיין שום ליבשאַפט נישט געהאָט. עס איז אים מער נישט אָנגעגאַנגען די צווייפלהאַפטע קריטיק פון דעם אַלטפרענקישן שריפטשטעלער, וואָס איז געווען זיין שווער. ער האָט זיך דערפילט פריי פון דעם דראַנג צו שרייבן און אַרויסצושטעלן זיין האַרץ, אַז אַלע זאָלן וויסן וואָס ער לעבט איבער אין די באַהאַלטענע ווינקלען פון דער נשמה. מיטאַמאָל איז ער באַפרייט געוואָרן פון דער פליכט צו גיין איבער די הייזער געבן לעקציעס. ער איז דערהויבן געוואָרן אויף דער לייטער פון פּערזענליכקייט. ער איז אַן אַדוואָקאַט. זיינע ווערטער וועלן הויך אָפּקלינגען אין די געריכטן מיט דעם רוף פאַר גערעכטיקייט. דעם העברעאישן דיכטער, מיט אַלע זיינע פּסעוודאָנימען, האָט ער געלאָזט הינטער זיך אין די אומשולדיקע טעג פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער נייער מענטש האָט באַדאַרפט אַ נייעם, אַ וועלטליכן נאָמען. ער האָט זיך געלאָזט אָפּדרוקן שרייב־פּאַפּיר מיט קאָנווערטן — אַדוואָקאַט פון פרידנס־געריכט לעאָן פּרץ.

לוציאַן, דאָס קינד וואָס האָט געלעבט מיט דער מוטער אין אַפּט, איז פאַרבליבן די לעבעדיקע בריק צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט. צום איינציקן זון איז אים פאַרבליבן אַ טיף און וואַרעם געפיל און ער איז געווען פעסט אַנטשלאָסן מיט דער צייט איבערצונעמען די גאַנצע זאָרג פאַרן קינד.

ער איז שוין איצטער געווען א יונגערמאן מיט א פארגאנגענהייט. האט שוין געהאט די איבערלעבונגען פון ביטערער מי פאר ברויט און פון נשמה־קאמף. עס איז געווען גוט ווידער צו טרעטן אויף דער היימישער ערד פון זאמאשטש, צו באגעגענען די גוט־באקאנטע פנים'ער פון ליבע מענטשן, ווידעראמאל איינצואטעמען די פרישע לופט פון אינזשעניערנעם גארטן און צו פארגייסן דעם קאפ אויפן מארק און אויפסניי צו באוואונדערן דעם שיינעם טורעם.

מיט דער הילף פון אייגענע און נאענטע, האט ער געעפנט א ביורא און ארויסגעהאנגען א שילדל פון אן אדוואקאט. קיין קליענטן זענען אזוי גיך נישט געקומען, כאטש ער האט זיך באמיט און האט אין דער ביורא געהאט די הילף פון זיין אינגערן שוועסטערקינד משה אלטבערג. אבער דאס הארץ האט געקלאפט מיט האפנונג. דא, אין דער היימישער שטאט, וואו עס קען אים יעדער שטיין, וועט ער זיך אוודאי דערשלאגן צו א מעמד. ער דארף נאר געדולד און זיין אויף דער וואך. דערפאר איז ער מיט נחת אריין צוריק אין דער היימישער אטמאספערע און האט אנגעהויבן אין געזעלשאפטליכן לעבן צו שווימען ווי א פיש אין וואסער.

די ערשטע צייט איז זיין הויפט־באגער געווען צוריק צו פאר־בינדן זיך מיט די יוגנט־חברים און אויפסניי אנצוקניפן די אלטע באקאנטשאפטן. פאר דעם זענען, ווי אלעמאל, א גוט מיטל פארשי־דענע שפילערייען. פארנאכט צו פלעגט ער געווינליך האבן פריינט ביי זיך אין הויז צו שפילן שאך. עס פלעגן קומען די צוויי שמואלס, אשכנזי און עליאשבערג, און אמאל דער ליבער פעטער יוסף מיט דעם חנ'עוודיקן שמייכל אין דער ברייטער בארד אריין, וועלכע איז שוין געווען היפש באזילבערט. אפטמאל פלעגט מען זיך צוזאמענ־קומען ביי דר. גליבטער, וועלכער האט אומאפיציעל אנגעהאלטן א מין שאך־קלוב. דארט איז געווען ווארעם און היימליך. קיין גרויס געדולד צום שאך־שפיל האט פרץ דאמאלס נישט געהאט, אבער ער פלעגט אפט ארויסרופן באוואונדערונג מיט א בליציקן איינפאל און אן אומגעוויינליכן גאנג.

ווען דער שאך איז אים דערעסן, האט ער אפט גענומען א פעשל קארטן און זיך אריינגעלאזט מיט דער יונגער חברה אין פרעפעראנס.

אבער אַלצאַיינס וואָס מען האָט געשפּילט, קאָרטן צי שאַך, פּלעגט מען אַלץ זעלטן דערפירן די שפּיל ביז שפּעט אין דער נאַכט. מערסטנ־טיילס איז פּרץ געווען אומגעדולדיק. מען פּלעגט ביי די אָוונטן זיך אַריינלאָזן אין דיסקוסיעס וועגן אַלגעמיינע וויסנשאַפטליכע אָדער געזעלשאַפטליכע פראַגן. אַנדערע אָוונטן פּלעגט ער גיין אין טעאַטער. ווען מישקאָווסקי'ס באַקאַנטע פּוילישע פּראָווינץ־טרופּע איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין אויף גאַסטראָלן, האָט פּרץ געקענט עטליכע נעכט נאָכאַנאַנד גיין זען די פאָרשטעלונגען.

אין דער ביוראָ האָט זיך עס ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַוועגן. די פּראַקטיק האָט זיך אַ ריר געטאָן. דער יונגער אַדוואָקאַט האָט גע־שלאָסן נייע און נוצליכע באַקאַנטשאַפטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַריינברענגען קליענטן. די ערשטע צייטן האָט זיך עס בלויז געהאַנדלט אין יורידישע עצות, אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך אויך אָנ־געהויבן באַווייזן אין געריכט. מיט די געהעריקע פאַרבינדונגען האָט זיך די פּראַקטיק כסדר פאַרבעסערט.

שטיעלרהייט האָט אים וועגן נישט ווען געביסן די איינזאַמקייט. אוודאי האָט ער אין געדאַנק באַרעכטיקט דעם גט פון דער פרוי. ווי האָט ער זיך געקענט לאָזן באַהערשן פון איר? ער האָט עס אפילו באַטראַכט פאַר אַ מזל, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן. אָבער די בענקשאַפט נאָך זיין אייניציק קינד האָט אים אָפט געפּייניקט. פאַר זיך אַליין האָט ער נישט געקענט לייקענען, אַז ער איז איינזאַם. נישט נאָר איז שרה אַרויס פון זיין לעבן, נאָר צוזאַמען מיט איר איז אויך אוועק דאָס דערוווייטערטע לעבן אין וואַרשע מיט זיין נויט, טומל און די ליטעראַרישע חברים.

צווישן זיינע נייע באַקאַנטשאַפטן האָט זיך באַוויזן אַ לובלינער יונגערמאַן, יוסף רובינשטיין, וועלכער האָט געהאַט אַ שטעלע ביי אַ מיליטערישן פּאָדראַדטשיק. פּרץ איז געוואָרן זייער צוגעלאָזן צו אים. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט רובינשטיין אָנגעוואוירן זיין שטעלע און האָט זיך געפונען ווי אויפן גאַס. פּרץ האָט אים אַריינגענומען צו זיך, געגעבן אים אַ בעט און מאַלצייטן ווי אַז איינגענעם ברודער און אים אויסגעהאָלפן איבערצוקומען די שלעכטע צייט. רובינשטיין האָט אים צוגעזאָגט, אַז מיט דער צייט וועט ער אים אָפּדינען און ער

האָט צו אים געטראָגן אַ פֿאַר׳חתמ׳עטע פּריינטשאַפּט אין האַרצן. נאָכדעם ווי ער איז אַפּגעוועזן ביי פּרצן אַ פֿינף וואָכן אויף קעסט, האָט ער באַקומען אַ שטעלע אין לענטשנע, ביי פּופּצן מייל פֿון זאַמאָשטש. ער איז דאָרט געוואָרן אַ שרייבער אין אַ האָלצלאָגער ביי איינעם רינגעלהיים. פּרץ האָט מיט אים קיין פֿאַרבינדונג נישט אָנגעהאַלטן. נאָך אַ שטיקל צייט איז רובינשטיין אין אַ שיינעם פֿרי־מאָרגן אַריינגעפֿאַלן אין זאַמאָשטש. פּרץ האָט שוין געהאַט ווי פֿאַר־געסן אין אים, ווען ער איז אַריינגעקומען אַ צושמייכלטער און מיט אַ גוטער בשורה.

— איך בין געקומען דיך באַלוינען מיט שפע. כ׳וועל דיר געבן אַ ווייב. לאַך נישט, נאָר פֿאָר מיט מיר קיין לענטשנע. דאָרט וועל איך דיר ווייזן אַ מיידל וואָס דו וועסט ליב קריגן. זי איז די טאָכטער פֿון מיין בעל הבית. איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל דיר אָפּ־דינען. וועסט זען, אַז מיט איר וועסטו בקרוב חתונה האָבן.

ער האָט אים אויסגעהערט און געלאַכט. אָבער רובינשטיין האָט גערעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג, אַז פּרץ האָט זיך ערנסט צוגעהערט צו אים און צוגעשטימט צו דעם וואָס דער דאַנקבאַרער רובינשטיין האָט אים פֿאָרגעלעגט.

עס איז געווען אין די הייסע זומער־טעג, ווען אין לענטשנע איז פֿאָרגעקומען אַ יריד און פּרץ׳עס רייכע שוועסטערקינדער, בערנאַרד מרגליות און נאַטאַן קאַרנגאָלד, אַ לעב־יונג און אַ טענצער, זענען געפֿאָרן אויפֿן יריד קויפֿן פֿערד. פּרץ און רובינשטיין זענען מיט דער געלעגנהייט מיטגעפֿאָרן. רובינשטיין האָט געהאַלטן וואָרט און האָט פֿאַר זיין בעל טובה פֿאָרגעשטעלט דעם בעל הבית׳ טעכטערל, נחמה׳לע. זי האָט פֿאָרגעצויגן איר פּוילישן נאָמען, העלענאַ.

די שלאַנקע, געזונטע געשטאַלט פֿון דעם צוואַנציק יעריקן מיידל מיט די פֿאַרביקע באַקן, גרויסע גרויע אויגן און בלאָנדע האָר, האָבן פּרצן פֿאַר׳כשופֿ׳ט. אויך ער האָט אויף איר געמאַכט אַ סימפּאַטישן און טיפֿן איינדרוק. עס איז געווען עפּעס פֿייערדיקס און קוועקזילבערדיקס, וואָס האָט דעם יונגן אַדוואָקאַט צו איר צוגעצויגן. איידער פּרץ איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, צוזאַמען מיט זיינע שוועסטער־קינדער, צוריקגעפֿאָרן פֿון לענטשנע קיין זאַמאָשטש, איז ער געווען

פלאַמענדיק פאַרליבט אין העלענע'ן, האָט זיך באַקענט מיט אירע עלטערן און מיט אַ צאָל פון אירע קרובים, און אַזוי גיך ווי ער איז אַהיימגעקומען האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרליבטע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט איינגעשלאָסן אַלע איינצלהייטן פון זייערע פּלענער צו פּראַווען וואָס גיכער די חתונה.

ער האָט געפילט אַז נאָך זיינע ביטערע דערפאַרונגען מיט דער ערשטער פרוי, איז ער ווערט געווען דעם נחת, וואָס די נייע ליבע האָט אים געבראַכט.

„עס האָט שוין געשלאָגן צוועלף. זאַמאָשטש שלאָפט פאַרזונקען אין שוים פון דער שטילער אויסגעשטערנטער נאַכט. איך נאָר אַליין קאָן נישט שלאָפן. פאַר מיר דיין פאָטאָגראַפיע, דאָס איינציקע הייליקע בילד אין מיין הויז. דאָס איינציקע אינם הארצן ביי מיר.

„ווי דאַנקבאַר איך בין דיר.

„מיין הארץ איז געווען פאַרוועלקט. מיין לעבן, אַ פיינליכער און שרעקליכער חלום. איבער מיין קאָפּ אייביק ווייסע וואָלקנס, תכריכים...

„איך בין פאַרוועלקט געוואָרן אין בליענדיקן עלטער, בין אָפּגעשטאָרבן.

„און איצט? אונטער דעם שטראַל פון דיינע שטערן איז צעגאַנגען דאָס אייז פון מיין הארצן, עס האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַזוי הילכיק, מיט אַזאַ פרייד...

„איך לעב און דו ביזט מיין לעבן"...

און פאַרן ברודער חיים יוסף האָט ער זיך פאַרטרויט, אַז מיטן ערשטן בליק האָט זי באַקומען אומבאַגרעניצטע שליטה איבער זיין אויסגעפּרואוווט הארץ.

די נייע פרייד איז געווען געמישט מיט אַלטע פיינליכע דערינערונגען פון אַ לעבן פון נויט, ליבעלאָזיגקייט און טראַגעדיע. עס האָבן זיך געעפנט אין אים די קוואַלן פון יוגנטליכער פרייד. ווי אַזוי וואָלט ער געוואוסט וואָס עס מיינט צו זיין יונג און פאַרליבט אָן די נייע שטורעמדיקע דערפאַרונגען?

עס איז אים איצט באַשערט געווען איבערצולעבן זעקס חדשים פון שטורעמדיקע, ראָמאַנטישע, פאַרליבטע טעג און נעכט. זיין

לעבן האָט זיך אויסגעפּילט מיט עפּעס, וואָס האָט אים פריער געפעלט. אַזוי ווי דער מעכטיקער שטראָם פון געפילן וואָלט זיך געעפנט אין אים, איז ער געוואָרן ליידנשאַפטליך־גליקליך אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַר אַ לעבעדיקן מענטש אין זיינע בריוו.

אַזוי זענען אַוועק קורצע און לאַנגע און אַמאָל גאַנץ לאַנגע בריוו צו דער טייערער כלה. נישט נאָר האָט ער אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר איר, דערציילט איר פון זיין ליבע און זיין בענקשאַפט, נאָר ער האָט זיך אויך געטיילט מיט איר אין אַלע זיינע טאָג־טעגלעכע דערפאַרונגען, האָט איר אָפט באַשריבן די איינצלהייטן פון די געריכטלעכע פאַלן, אין וועלכע ער איז געווען פאַרוויקלט, האָט פאַר איר באַשריבן ביכער וואָס ער האָט גראָד געלייענט און פאַר איר איבערזעצט פּאָעזיע, וואָס איז אים געפעלן.

ער האָט נישט געקענט געניג אָפט איר אַרויסשרייבן זיין ליבע.

„דו האָסט מיך משוגע געמאַכט. מיר איז אומעטיק, איך בענק...

„די צייט שלעפּט זיך אַזוי. ווען וועלן שוין אָנקומען די יום טובים? ווען וועל איך שוין ווידער דערהערן דעם זיסן מורמל פון דיינע ראָזע ליפּן? דערזען דעם העלן שטראַל פון דיינע קלאָרע אויגן? ווען, אַ ווען?”...

איינמאָל דערציילט ער איר פון אַ דראַמע אין דער פאַמיליע. זיין צאַרטן ברודער חיים יוסף, וועלכער האָט זיך נאָך דער חתונה באַזעצט אין גאַליציע, איז איינגעפאַלן צו מאַכן אַ רייזע קיין רוסלאַנד. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין געהעריקע פּאַפּירן, פּירט מען אים מיטן עטאַפּ קיין זאַמאָשטש און אַלע אין דער משפּחה גייען אַרום מיט צובראָכענע הערצער.

און ווען דער ברודער קומט אַהיים בשלום:

„איך בין איצטער משוגע, פאַר'שכור'ט פון גליק. איך שפּרינג און וויין פון שמחה... אָ, דו ווייסט נישט וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי מיר אין האַרצן, וואָס פאַר אַ קלעמענישן, וואָס פאַר אַ ליידן און וואָס פאַר אַ טאַנטאַלוס־יסורים.

„איך קום צופאָרן היינט ביינאַכט און מיר נישט דיר נישט — אַ דרייפאַכיק גליק וואַרט אויף מיר: איך טרעף דעם ברודער פריי,

די מוטער געזונט און זיי דערלאַנגען מיר צוויי בריוו, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון דיר! פון מיין העלען!"

אַן אַנדערשמאָל שרייבט ער איר באריכות וואָס ער האָט געלייענט וועגן פרויען־אַרבעט. אַמאָל שרייבט ער איר קורצע לידער, טיילמאָל ציטירט ער איר דייטשע פּרזו. אַמאָל שרייבט ער איר אַרויס אַ לאַנגן צעטל מיט שטוב־זאַכן, וואָס ער האָט שוין איינגעקויפט פאַר זייער נייער דירה: קליידער, מעבל, קיך געשיר. און אַלעמאָל, מיט יעדער קלייניקייט, שרייבט ער איר פון זיין טעגליך לעבן. ער שרייבט איר אין רוסיש און אין פּויליש, און כאָטש ער אַנטשולדיגט זיך אָפט פאַר די גרייזן, ווערן די בריוו פונדעסטוועגן געשריבן אין אַ פּליסיקער און ליידנשאַפטליכער שפּראַך, ווי ער וואָלט געזעסן ביי איר צופוסנס און וואָלט איר אַלץ פּערזענליך דערציילט.

אין דער איינענער צייט זענען אָפטמאָל געגאַנגען קורצע בריוו אין העברעאיש צום נייעם שוואָגער, יעקב זילבערמאַן, אַ קאָמיסיאָנער, דער מאַן פון העלענע׳ס עלטערער שוועסטער זאָפיע. די בריוו זענען אַזעלכע נאָענטע, אינטימע, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס גיכער און וואָס טיפער זיך אַריינלעבן אין דער נייער משפחה.

אַזוי האָט ער ענדליך מיט שטורעמדיקע ליבעס־בריוו דערצוויגן ביז זי איז געפאָרן קיין וואַרשע זיך איינקויפן איר אויסשטייער פון טיולן, שפּיצן, פּליטערלעך און שטאָפן און אַ טייערן פּעלץ פאַר הונדערט פופציק רובל, ביז ער האָט איר געקענט שרייבן:

„ס׳נעמט אַ סוף צו אונזער קאָרעספּאָנדענץ, צו אונזערע זאָרגן, פאַרוואורפן. ס׳בלייבט אונז בלויז זיך איבערצובעטן. מאַכן אַ פריילעך פּנים און צו פאַרבעטן איינער דעם אַנדערן אויף אונזערביידנס חתונה!"...

און אין אַן אויסברוך פון באַגייסטערונג האָט ער אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו ניימאַנען, אַ חבר פון הונגעריקע טעג אין וואַרשע:

„איך האָב דיר מורא צו שרייבן... איך האָב מורא פאַר דיין גלעכטער, פאַר דיין ביטערער איראָניע...

„איך נעם זיך אָן מיט מוט, ווייל איך וויל דיר אין איין אָטעם אַלץ אַרויסזאָגן: איך בין פאַרליבט.

„נו וואָס? דו ברעכסט אויס אין אַ געלעכטער? שאָקלסט מיטן קאָפּ? האָסט רחמנות אויף דײַן חבר? טו וואָס דו ווילסט, אָבער איך בין פאַרליבט... פאַרליבט היים ווי אַ שול־אינגל, אויסגע־רעכנט וו אַז עגאָאיסט, ריין ווי פּלאַטאָן. איך בין פאַרליבט און וועל חתונה האָבן...

„נישט קיין מיידל נאָר אַ מלאך...

„דער ציל פון מײַן בריוו: איך האָב דעם כבוד דיך צו פאַרבעטן אויף מײַן חתונה מיט העלענע רינגעלהיים, וואָס דאַרף פאָרקומען אין לענטשנע דעם 14־טן פעברואַר, 1878".

דער אַלטער יהושע מרגליות, דער רײַכער פּעטער און פּאַטריאַרך פון דער משפּחה, האָט געהאַט אַ גוט נעבן זאַמאָשטש, דאָס דערפל טאָזשעמיער. און פּרעצעס שוועסטערקינדער, בערנאַרד און נאַטאַן, האָבן געוואָלט אַז דאָרט זאָל פאָרקומען די חתונה. אָבער דער זיידע פון דער פאַרצווייגטער פאַמיליע איז גראָד אין דער צייט געשטאָרבן און די חתונה איז צוליב דעם פאָרגעקומען אין קראַסניסטאַוו, צוועלף מייל פון זאַמאָשטש.

ווי האָט אים ביי דער חתונה אין קראַסניסטאַוו געמוזט אויפשווימען אין זכרון יענע ערשטע חתונה אין גאַראיעץ, ווען די אַפּטער קאַפּעליע האָט געשפּילט כמעט אַז אַז אויפהער און די אַנגעפּאַרענע משפּחה, די מומעס און די פעטערס, האָבן אַזוי ווי נאָכאַנאַנד געטאַנצט און גע־פרייט זיך וואָס לייבעלע גייט אונטער דער חופּה מיט אַ כלה, וואָס ער האָט קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען. אַלע געסט האָבן זיך דאַמאָלס געפרייט, נאָר נישט ער...

היינט איז די פרייד זיינע, זיינע איינגאַנצן.

כ

# די ערשטע פּרץ שול

א נייער זינגעוודיקער ריטם איז צוגעקומען אין פּרץ׳עס לעבן נאָך דער חתונה מיט העלענען. ווידער צווישן אייגענע, אין דער זאַמאָשטש־ער אַטמאָספערע, האָט ער אין זיך דערפילט אַ נייע זיכערקייט.

דאָס היימישע לעבן מיט העלענען איז געווען אַ נעסט פון ליב־שאַפט. כאָטש קיין קינד איז אין דעם נייעם צוזאַמענלעבן נישט געקומען, האָבן פונדעסטוועגן נישט געפעלט אין הויז קיין קינדישע קולות און די טעגליכע זאָרגן פאַר קליינוואַרג.

אינגיכן נאָך דער חתונה האָט פּרץ אַריבערגענומען פון אַפּט דעם איינציקן זון, לוציאַן, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר פינף. און כדי איר שטיף־זון זאָל האָבן אַ חבר אין שטוב, האָט העלענע אַריבערגעבראַכט פון לענטשנע איר אינגסטן ברודערל, לעאָפּאָלד, וואָס איז געווען אַ פּאָר יאָר עלטער פון אים. אַזוי אַרום איז דאָס פּרץ הויז גלייך געוואָרן אַ לעבעדיקע היים מיט דעם טומל פון קינדער. ווען די אינגלעך זענען אונטערגעוואַקסן זענען זיי געגאַנגען אין גימנאַזיע.

דעם יונגן אַדוואָקאַט׳ס פּראַקטיק האָט זיך ביסלעכווייז צעוואַקסן. דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס אויבנאויפיק האָט ער איבערגע־ריסן מיט דער ליטעראַרישער וועלט, כדי זיך בעסער איינצואָרדנען אין לעבן, האָט ער פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט געלאָזט זיין טאַלענט איינדרימלען און ער האָט אין זיין פרייער צייט נאָכאַנאַנד געשריבן. אַמאָל אידיש, מערסטנס העברעאיש, און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אין דעם וואָס האָט אינגאַנצן באַהערשט זיין נשמה איז נישט געווען קיין איבעררייס.

אינמיטן זיין אַרבעט איבער די געריכטליכע אַקטן, האָט ער גע־קענט צורוקן צו זיך דאָס תנ"כ'ל, איבערזעצן אַ קאַפּיטל אויף אידיש און נתפּעל ווערן פון דער טיפער שיינקייט.

שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער האָט זיך איצטער אין אים אויפ־געוועקט דער חוש פאַר אַ געזעלשאַפטליך לעבן. עס איז אים אָפט דערעסן געוואָרן צו פאַרשווענדן די צייט אין קאָרטן אָדער שאַך שפּיל. ער האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַראינטערעסירט מיט אידישע געזעלשאַפטליכע פראַגן.

מיט די פּעדים פון ליבע איז ער געווען צוגעבונדן צו זיין נייער און גליקליכער היים. אין דער אייגענער צייט האָט ער אָבער אויך גענומען לעזן אַ סך, באַזונדערס וויסנשאַפט, און מער ווי אַלץ וועגן דער פּאָזיטיוויסטישער פילאָזאָפיע פון אויגוסט קאָנט, אַ לערע פון פּאָזיטיוון צוגאַנג צום לעבן און צו די דערשיינונגען אין דער נאַטור, וואָס איז גראָד דאַמאָלס געווען פאַרשפּרייט אין פּוילן. דאָס האָט אין אים געשטאַרקט דעם ווילן צו געזעלשאַפטליכער טעטיג־קייט.

ווי איינע פון זיינע בירגערליכע פליכטן צו דער שטאָט, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פייערלעשער קאָמאַנדע, האָט שטאָלצירט מיט זיין פייער־קאַסקע און האָט עטליכע יאָר נאָכאַנאַנד געטריי אויס־געפירט זיין פייערלעשער דינסט.

די צוואַנציק־יעריקע, לעבן־שפּראַצנדיקע העלענע האָט אים געוואָלט זען יעדע פרייע מינוט אין דער היים, וואָס איז .פאַר איר געווען אַ נעסט פון ליבע. זי האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט זיינע לענגערע באַ־נעגענישן מיט די אַלטע פריינט אין די שעה'ען ווען ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די מעקלערס און די פּויערים און איז געווען פריי פון דער קאַנצעלאַריע. ער האָט אָבער דאָך אָפּגעריסן פרייע צייט און צוזאַמען מיט אַלטע חברים האָט ער עפּעס דורכגערעדט און אויסגעפּלאַנט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גרינדן אַ וועלטליכע שול פאַר קינדער און אויסאַרבעטן קורסן לעקציעס פאַר דערוואַקסענע.

איידער עס איז מעגליך געווען עפּעס צו טון וועגן דעם איז ער קראַנק געוואָרן. אַ שטיקל צייט האָט ער זיך געלאָזט באַהאַנדלען פון

די אַרטיקע דאָקטוירים. ער האָט גענומען אַלע סאָרטן רעצעפּטן וואָס זיי האָבן פאַרשריבן. ווען עס איז אים אַלץ נישט בעסער געוואָרן, איז ער אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע זיך קורירן. די רייזע איז געווען טיילווייז פאַרבונדן מיט געשעפט. אין דער אייגענער צייט האָט ער פאַרבראַכט אַן אַנגענעמע וואָך אין וואַרשעווער געזעלשאַפטליכע קרייזן.

דר. נאַטאַנסאָן האָט אים צוגערעדט באַרואיקט, אַז ער ליידט פון אַ שטאַרקן אָבער נישט כראָנישן מאָגן־קאַטאַר, וועלכער וועט אין עטליכע וואָכן אַריבערגיין. עס איז אָבער מעגליך, האָט דער דר. צוגעגעבן, אַז ער ליידט פון אַ באַנד־וואָורם. צוליב דעם האָט ער אים פאַרבאָטן צו רויכערן און פאַרשריבן אים פאַרשידענע רעצעפּטן. דערווייל האָט ער דורכגעפירט עפּעס אַ געשעפט פאַר דער מיל. איין אָוונט האָט ער פאַרבראַכט אויף אַ באַל מיט די קראַנגאַלדס און די מרגליות'עס. אַן אַנדער אָוונט איז ער געווען אין טעאַטער און אַ דריטן אָוונט האָט ער געשפּילט קאָרטן מיטן שוואָגער יאַנקל זילבער־מאַן און מיט דער דיקער שוועגעריןֿ, וואָס ער האָט גערופן מאַדאַם באַקי. נאָך אַכט טעג קורירן זיך אין וואַרשע איז ער אַהיימגעקומען.

אין אַ גאַר קורצער צייט איז געקומען אַן אומגעווינטשטע געלעגנ־הייט און ער האָט געהאַט מער פרייע צייט זיך אָפּצוגעבן מיט דער געזעלשאַפטליכער אַרבעט, וואָס איז אים געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן.

העלענע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זיך גענויטיקט אין אַן אָפּעֿ־ראַציע אין דער נאָז. זי האָט געליטן פון פּאָליפּן. חוץ דעם האָט זי געהאַט שלעכטע ציין און האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אין אַ צאָנ־דאָקטאָר. צו דעם צוועק איז זי צוגערעדט געפאָרן קיין וואַרשע. פון דאָרט האָט זי געזאָלט פאָרן אין דעם פּוילישן קוראָרט טשעכאָטשינעק. אָבער אין איינעם פון זיינע בריוו, וואָס זענען געווען פול מיט ראָ־מאַנטישע אויסגוסן, האָט פרץ זי אָפּגערעדט פון דעם קוראָרט און זי איז געפאָרן קיין לאַנדעק, הינטער ברעסלוי.

אין די בריוו דאָרט האָט זי אים צווישן אַנדערן פאָרגעוואָרפן, אַז ער פאַרנעמט זיך צופיל מיט דער שול. אָבער אין דער אייגענער צייט ווען עס איז צווישן זיי געגאַנגען אַ לאַנגע און גענויע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דאָקטוירים, געלט און איר אָפּעראַציע, איז פרץ געווען אַריינ־

געטאָן מיט ליב און לעבן, אַ חוץ אין זיין אַרבעט, אויך אין זיין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

אין זיין הארץ האָט זיך דערוועקט די ליבשאַפט צום פאָלק, צו די אָרעמע און נידעריקע שיכטן. ער האָט געהאַלטן, אַז מיט די אַלטע גמרא־קעפּ און מיט דער בורזשואַזיע איז גאָרנישט צו מאַכן. פון זיי איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. די אַרבעטער־מאַסע אָבער איז אַ פעלד צום באַאַרבעטן. דאָס פאָלק איז אומגליקליך אָבער פעאיק. עס פאַרמאָגט אידעאַליזם, אָבער מען האָט דאָס פאָלק פאַרנאַכלע־סיקט.

דער געדאַנק וואָס ער האָט פאַר זיינע פריינט אַנטוויקלט איז געווען, אַז מען דאַרף צו די פאָלקס־מענטשן רעדן אין זייער אייגן לשון, מען דאַרף אויפוועקן זייערע געדאַנקען. מאַטעריאַל איז דאָ אין פאָלק גענוג, נאָר נישט באַאַרבעט. און ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר זיין פריינט שמואל אשכנזי, אַז דערפאַר האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין מאַמע־לשון. גרויסע חלומות זענען אים אויפגעגאַנגען אין געדאַנק, ער וועט שאַפן אַ אידישע ליטעראַטור. ער וועט רעדן און שרייבן צום פאָלק אין זיין שפּראַך.

פּרץ האָט זיך גענומען איינאָרדנען אָוונט קורסן פאַר אַרבעטער. ער האָט געדונגען אַ לאָקאַל, האָט צוזאַמענגעקליבן עטליכע פריוואַ־ליקע לערער, מיט זיך בראש, און האָט אָנגעהויבן צו לערנען מיט די דערוואַקסענע מענטשן שרייבן און רעכנען. יעדן שבת נאָכמיטאָג זענען אין זאַמאָשטש פּלוצים אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאַרלעזונגען. פּרץ אַליין האָט געהאַלטן לעקציעס וועגן אידישער געשיכטע. דער אַלטער משכיל, פייוול געליבטער, האָט מיטן עולם געלערנט פּרק. אשכנזי האָט גענומען אויף זיך צו דערציילן די לעבנס־געשיכטעס פון באַ־וואוסטע תנאים און פון גרויסע אידישע געלערנטע.

די אָוונט קורסן אין מיטן דער וואָך האָבן צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל בעל מלאכות און זייערע לערן־אינגלעך. אפילו אַלטע בעל מלאכות זענען געקומען יעדן אָוונט לערנען שרייבן און רעכנען. צו די פאָר־לעזונגען זענען זיך צונויפגעקומען ביי אַ פופציק מאַן. דאָס איז געווען אַזוי פיל מענטשן, אַז אַלע פענסטער פון גאַס זענען געווען באַלאַגערט. אפילו פון דער חסידישער קלויז זענען געקומען נייגעריקע צוהערער.

זיי האָבן כּלומר'שט געוואָלט הערן דאָס אַפּיקורסות, וואָס פּרץ האָט גע'דרשנ'ט. אין דער אמת'ן אָבער זענען זיי געווען גאָר באַגייסטערט פון די פאָרלעזונגען. ווער עס האָט געקענט, האָט פאַר די צוויי שעה אַן אוונט געצאָלט פּופציק קאָפּיקעס אַ חודש.

ביי די חסידים פון שטאָט איז געוואָרן אַ רעש, פּרץ וועט אָראָפּפירן די אידן פון גלייכן וועג. מען האָט וועגן דעם מודיע געווען די רביים און אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָכעניש. די רביים האָבן געשיקט בריוו צו די זאַמאָשטשער חסידים, אַז מען זאָל עפּעס טון דאָס אָפּצושטעלן, אָבער די בריוו האָבן נישט געהאָלפן. די קורסן און פאָרלעזונגען זענען אָנגעגאַנגען מיט דערפאָלג. האָבן די חסידים געפּרואווט ביי נאַטשאַלסטווע, מען זאָל די פאָרלעזונגען פאַרווערן. אָבער מיט דער היימישער נאַטשאַלסטווע זענען פּרץ און זיינע פריינט געווען באַקאַנט און מען האָט זיי אַלץ נישט געטשעפּעט. די קורסן און פאָרלעזונגען זענען אָנגעגאַנגען.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן זומער. די אַרבעטער האָבן אין דער צייט אַ סך פּראָפּיטירט. די פאָרלעזונגען פון דער פּרץ גרופּע האָבן זיי געעפנט די אויגן. דאָס האָט אָבער לײדער לאַנג נישט געדויערט. די פאַרביסענע קעגנער, די חסידים, האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט וואָס אַמאָל שאַרפערע מיטלען. זיי האָבן געשריבן וועגן דעם צו העכערע רעגירונגס בעאַמטע, האָבן זיך אויך געווענדט צו דער זשאַנדאַרמעריע און האָבן אפילו געלאָזט וויסן, אַז די טעטיגקייט שמעקט מיט סאָציאַליזם.

ביים צאַרישן רעזשים איז דאָס אַלעמאָל געווען אַ זיכער מיטל. די קורסן זענען געשלאָסן געוואָרן. די פאָרלעזונגען האָט מען געמוזט אָפּשטעלן. פּרצעס רעפּוטאַציע איז באַפלעקט געוואָרן אפילו אין פּעטערבורג. מיט עטליכע יאָר שפּעטער האָט דאָס אים געקאָסט זיין ברויט.

זיין גרעסטע אַרבעט אָבער אין יענער צייט האָט פּרץ מיט זיינע שטאָטישע משכּילים קאָנצענטרירט אויף דער שול פאַר קינדער.

דאָס אויפשטעלן די ערשטע פּרץ שול איז צוגעגאַנגען זייער סיס־טעמאַטיש. קודם כּל האָט מען צונויפגעזאַמלט געלט און געדונגען אַ הויז. מען האָט אָנגעשטעלט לערער מיט דעם רעליגיע־לערער פון

דער פּראָגימנאַזיע בראָש. געלערנט מיט די קינדער האָט מען, אַ חוץ דרך ארץ און מוסר, אויך תנ״ך, רעליגיע, פּויליש, רוסיש און רעכנען.

אין געציילטע חדשים האָבן די קינדער געמאַכט אַזאַ גרויסן פּאָר־שריט, אַז דער דירעקטאָר פון דער לובלינער גימנאַזיע האָט אויס־געדריקט זיין אַנערקענונג צו די שול־טוער און האָט איבערגעגעבן פאַר די קינדער אַ מתנה פון זיבעצן רובל אויף לערן־ביכלעך.

די שול פאַר קינדער האָט די חסידים גאָר אַריינגעבראַכט אין אַ ווילדקייט. דער נייער סאָרט חדר איז זיי געווען פעפער אין די אויגן. זיי האָבן גענומען העצן די באַפעלקערונג קעגן דער שול. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז מען שמד׳ט די קינדער און האָבן געדראָט די בעל מלאכות אַפּצונעמען ביי זיי די אַרבעט, אויב זיי וועלן שיקן די קינדער אין דער אַפּיקורסישער שול. מען האָט זיי געסטראַשעט, אַז מען וועט זיי אָפּזאָגן פון די דירות אין אידישע הייזער. דעם קצב׳ם פלייש האָבן די חסידים גע׳אסר׳ט. זיי האָבן גוזר תענית געווען, האָבן צונויפ־גענומען די קינדער צו זאָגן מיט זיי תהלים און האָבן אַרויסגעגעבן אַ חרם אויף די עלטערן.

די חסידים האָבן צונויפגעזאַמלט עטליכע הונדערט רובל צו פאַר־ריכטן די חרוב׳ע תלמוד תורה און האָבן דאָרט אַוועקגעזעצט מלמדים מומחים.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפן. אַ סך פון די אָרעמע עלטערן האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן און האָבן דאָך געשיקט זייערע קינדער אין דעם וואָס איז געווען די ערשטע פּרץ שול. זיי האָבן אין דער שול דאָך איינגעזען אַ תכלית פאַר זייערע קינדער. טייל אָרעמע קינדער האָט מען צעטיילט צווישן גבירים אויף עסן און טרינקען. דאָס האָט די חסידים נאָך מער צעהיצט. זיי האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין דורך אַ נייעם איינפאַל.

אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס האָבן זיי פאַרמאַכט אַלע חסידים־שטיב־לעך און קלויזן און זענען מיט זייערע קינדער אַוועק אין דער גרויסער שול, האָבן זיך צעזעצט אויף פרעמדע ערטער, אַוועקגעשטופּט דעם חזן פון עמוד און אַוועקגעשטעלט זייערם אַ חזן. מען האָט זיך צעזונגען בכוונה אויפן חסידישן שטייגער. פון בית מדרש האָבן זיי

אַרויסגעשטעלט די שטענדערס און צעשטעלט טישן. די חסידישע וואַקכאַנאַליע האָט אָנגעהאַלטן שבת אַ גאַנצן טאָג, ווען זיי האָבן דאָרט געדאַוונט שחרית אויף זייער שטייגער. שבת־צו־נאַכטס האָט מען געטרונקען שנאַפּס צו מלווה מלכּה און געטאַנצט ווי אין אַ קרעטשמע.

ערב ראש השנה האָט צווישן די צדדים אויסגעבראָכן אַ געשלעג. די חסידים האָבן געוואָלט מיט געוואַלט זיך אַריינרייסן אין דער גרויסער שול, זיי האָבן מיט כּוח אַראָפּגענומען די טירן און האָבן אויסגעלאָשן די ליכט. ערשט ווען מען האָט געבראַכט דעם נאַטשאַל־ניק איז שטיל געוואָרן.

די חסידים האָבן געהאַט זייער נקמה פאַר דער קינדער שול.

אין אָנהויב, ווען די שול האָט זיך געעפנט, זענען דאָרט געווען פיר־און־פערציק קינדער. פאַר צוואַנציק האָבן די עלטערן געצאָלט צו צוויי רובל אַ חודש, צוואַנציק זענען געווען אָרעמע קינדער, און פיר האָט נאָך די שול אויסגעהאַלטן מיט עסן, שיכלעך און קליידער, וואָס גוטע פרויען האָבן באַזאָרגט.

די פּראָגראַם פאַר דער נשמה פון דער שול איז געווען גוט פאַר־טראַכט און אויסגעאַרבעט. אַנדערש איז עס געווען מיט דער געלט זייט. אינגיכן איז נישט געווען פאַר די לערערס קיין געהאַלט, פון וועלכן זיי האָבן באַדאַרפט לעבן מיט זייערע פאַמיליעס.

אין דעם געשלעג ערב ראש השנה האָבן זיך באַטייליקט די חסידים פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט די אויפגעבראַכטע בעל מלאכות און עלטערן פון די קינדער. דאָס גרויסע געשלעג איז געווען דער סוף פון דער ערשטער פרץ שול.

די וואָס האָבן פרצן געהאָלפן גרינדן די שול זענען אָפּגעשטאַנען. זיי האָבן אויפגעהערט צו געבן געלט. די לערערס וואָס האָבן געלערנט אומזיסט, האָבן אויפגעהערט קומען. ווען עס זענען געבליבן די לעצטע עלף תלמידים, האָט זיך די שול פאַרמאַכט.

יאָרן נאָכאַנאַנד האָט די שטאָט גערעדט פון יענער שול, ווי נויטיק און נוצליך זי איז געווען. און מען האָט נישט אויפגעהערט צו פאַר־

זיכערן איינער דעם אַנדערן, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר די שול ווידעראַמאָל אויפצובויען.

אַזוי ווי איינער וואָס קומט פון אַ לאַנגן שטויביקן וועג אַ דורשטיקער און כאַפּט זיך צו צו אַ ברונעם, אַזוי האָט פּרץ, נאָך די שטורעמדיקע איבערלעבונגען, זיך ווידער גענומען צו דער פּען און האָט אָנגעשריבן זיינע ערשטע חסידישע דערציילונגען.

אויפסניי האָט ער אַלץ עפּטער געפונען אין דער פּען אַן אַנטרינונג און אַ טרייסט.

## כא

# טעג פון אַנטשלום

ער פלעגט אַפטמאָל אוועקפאָרן אויף עטליכע טעג זיך אָפּצופרישן. מערסטנס קיין לובלין, וואו ער האָט עפּעס איינגעקויפט, אָדער קיין פּלאָצק, וואו לוציאַן איז געגאַנגען אין גימנאַזיע און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אברהם יעקב פּאַפּירנאַ, דעם העברעאישן שריפטשטעלער און רעליגיאָנס־לערער אין דער פּלאָצקער גימנאַזיע. דאָרט איז פּרץ אויך אָפט געקומען צו גאַסט צו זיין אינגערן שוועסטערקינד, משה אַלטבערג, וואָס איז געווען פריער זיין ערשטער סעקרעטאַר אין דער אַדוואָקאַטישער קאַנצעלאַריע.

אויף משה׳ס חתונה אין פּלאָצק האָט זיך פּרץ באַפריינדט מיט פּאַפּירנאַ׳ן. נאָכדעם איז ער עטליכע יאָר געפאָרן צו די אַלטבערגס אַרום שבועות צייט. דאָרט פלעגט ער פאַר פּאַולינע אַלטבערג פאָרלייענען זיינע נייע לידער. פאַר איר האָט ער עס צום ערשטן מאָל פאָרגעלייענט „מאַניש״. פּאַולינע האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דעם יונגן לוציאַן און זי פלעגט מיט איר פרויליכער צאַרטקייט געפינען אַ וועג איינצושטילן סיכסוכים צווישן פּרצן און זיין זון. זי האָט געהאַט אַ מוזיקאַלישע דערציאונג, האָט גוט געשפּילט די פּיאַנאָ, און פּרץ האָט ליב געהאַט צו הערן ווי זי האָט לאַנג געשפּילט שומאַן אָדער בעטהאָווען. אַליין מיט אַ פיין־פילנדיק אויער פאַר מוזיק, האָט ער לייכט פאַרגעדענקט אַ ניגון.

ווען ער איז מיד געוואָרן פון דער קליינשטעטלדיקער אַטמאָספערע אין זאַמאָשטש, האָט ער איינמאָל מיט אַ בענקשאַפטליכן פאַרגעניגן אין די שיינע זומער־טעג זיך אוועקגעלאָזט אויף אַ וואָד קיין וואַרשע.

וואָס פאַר אַ וועלט מיט זכרונות פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט עס זענען פאַר אים אויפגעגאַנגען אין וואַרשע! קראַשינסקי׳ס גאָרטן, די השכלה־באַנק, די שרייבער, באַזונדערס דער יונגער באַגייסטער־טער סאָקאָלאָוו. עס זענען אים אויפגעגאַנגען אין זכרון די צוויי פיינליכע יאָר וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט ווי אַ העברעאישער לערער, ווען ער פלעגט אַמאָל אָפּדרוקן אַ שיר. און ווי טיף ער האָט נאָך געפילט יענע הונגער־טעג מיט ליכטענפעלדן, ווען אַ שטיק טרוקן ברויט פונם שווער איז זיין דאַך־שטיבל איז געווען אַ מאָל־צייט ,ווען ער האָט קלאָר געזען, אַז זיין איינציקער אויסוועג צו אַ בעסער לעבן איז צו קריגן אַ גט.

איצט קומט ער קיין וואַרשע אַז אַנדער מענטש, אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט אין דער פּראָווינץ. מיט דעם שמייכל פון איינעם וואָס עס גייט אים גוט. די אַלטע פריינט האָבן זיך געפרייט מיט אים ווי מיט אַן אָפּגעזוכטער אבידה. נייע באַקאַנטע זענען געפאַנגען גע־וואָרן פון זיין פּערזענליכן כשוף. ער האָט זיך ביי יעדער געלעגנהייט באַקלאָגט אויף דער פּוסטקייט פון לעבן אין זאַמאָשטש און ווען ער איז אָנגעקומען אויף די געציילטע טעג קיין וואַרשע, איז ער געווען גייסטיק אויסגעהונגערט צו שליסן נייע באַקאַנטשאַפטן.

סאָקאָלאָוו, וואָס איז שוין דאַמאָלס געווען אַן אָנגעזעענער מיט־אַרבעטער אין זעליג סלאָנימסקי׳ס „הצפירה" און האָט אַליין אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן זאַמלביכער „האסיף", פלעגט זיך נאָכפרעגן אויף פּרצן און פלעגט אים שטענדיק מינטערן, אַז ער זאָל נישט אויפהערן שרייבן, באַזונדערס העברעאיש. פּרץ האָט אים געהאַט געשיקט אַ לאַנגע דערציילונג פאַר דער צייטונג און איז געווען ברוגז וואָס די רעדאַקציע האָט זיך גענומען געוויסע פרייהייטן און די דערציילונג געקירצט. דערפאַר האָט פּרץ געהאַט מער נייגיר צו גיין אין דער רעדאַקציע פון „כנסת ישראל" צו באַקענען זיך מיט דעם אינטערעסאַנטן רעדאַקטאָר שפ״ר, מיט וועמען ער פלעגט זיך דורכשרייבן. אין זיינע לאַנגע בריוו צו שפ״רן האָט פּרץ מיט באַ־גייסטערונג אויסגעדריקט זיין ליבשאַפט צו העברעאיש און צום געדאַנק פון אויפבוי פאַרן אידישן פאָלק זיין אַלטע, היסטאָרישע היים. כאָטש ער האָט פריער שפ״רן קיינמאָל נישט באַגעגנט, האָט

ער פונדעסטוועגן געפילט ווי ער גייט זיך באַגעגענען מיט אַן אַלטן פריינט.

עס איז געווען אַ שיינער זומערטאָג, ווען פּרץ איז נאָך אַ שפּאַציר איבער די אָפּגעשפּריצטע גאַסן אַרויפגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע.

דאָס איז געווען אַן אָרעמע וואוינונג אויף דזשיקע גאַס אין ראַבע׳ס הויף, וואו שפּ״ר האָט געוואוינט מיט זיין פרוי און פינף קינדער. זיין שרייבטישטעלעריי האָט ער געפירט אין אַ קליין שטיבעלע וואו ער האָט בייטאָג אויפגענומען יעדן וואָס איז געקומען צו אים און וואו ער פלעגט אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

שפּ״ר איז געווען אַ מערקווירדיקע און אַסקעטישע געשטאַלט, וואָס האָט צום גרויסן טייל בסוד געשפּילט גאַר אַ וויכטיקע ראָלע אין געזעלשאַפטליכן אידישן לעבן אין רוסלאַנד. כדי צו פאַרדינען זיין חיונה פאַר דעם גרויסן הויז־געזינט, האָט ער אין פאַרלויף פון יאָרן פרימאָרגנס געאַרבעט אין דער „הצפירה״, וואו ער האָט גע־שריבן פּאָליטיק; די צווייטע העלפט פון טאָג, ביז עלף אין אָוונט, פלעגט ער אַרומלויפן געבן העברעאישע לעקציעס און נאָך האַלבע נאַכט האָט ער געאַרבעט פאַר זיך. מ׳האָט דוכט זיך אַלץ געוואוסט וועגן אים, דאָך איז ער געווען אַ סודות׳דיקער מענטש.

ווען עס האָבן אויסגעבראָכן די ערשטע פּאָגראָמען אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן, האָבן די רוסישע צייטונגען, אויס מורא פאַר דער צענזור, נישט פאַרעפנטליכט קיין זאַך וועגן די געשעענישן. די דרויסנדיקע וועלט איז אָבער געוואָרן אויפגעטרייסלט פון די גע־נויע בריוו וועגן די פּאָגראָמען, וואָס זענען געווען פאַרעפנטליכט אין דער לאָנדאָנער „טאַימז״. בלויז געציילטע מענטשן האָבן געוואוסט פון וואַנען די בריוו האָבן געשטאַמט. צו שפּ״רן פלעגן עס קומען די בריוו דורכגעזאַפּט מיט בלוט און טרערן פון די פּאָגראָמירטע שטעט, און ער האָט עס אָוועקגעשיקט די בריוו קיין לאָנדאָן. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט פראַגן פון אידישער אימיגראַציע. ער איז געווען אַ לאַנגע צייט אַן עם עולם׳ניק, האָט געהאַלטן אַז אידן דאַרפן נאָר אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, איז אָבער אונטער סמאָ־לענסקין׳ס איינפלוס געוואָרן אַן איבערגעגעבענער און קעמפענ־דיקער ציוניסט. ער איז געוואָרן אַ חובב ציון, וואָס האָט אָפּגע־

געבן זיין גאַנצע צייט צו פאַראייניקן די צעוואָרפענע כוחות פון די איינצלנע ליבהאָבער פון דעם ציון געדאַנק. ער פלעגט כסדר שרייבן לאַנגע בריוו צו חובבי ציון פירער און נאָכשיקן טעלעגראַמעס אויסצובעסערן גרייזן. גראָד דאַמאָלס איז געפייערט געוואָרן משה מאָנטעפיאָרע׳ס הונדערטסטער געבורטסטאָג, און שפ״ר און די וואַרשעווער חובבי ציון האָבן ווי אַ סימבאָל פון זייער באַוועגונג אַרויסגעגעבן מאָנטעפיאָרע׳ס בילד אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן מיט אַ ספּעציעלן שיר פון יהודה ליב גאָרדאָן און פאַרשפּרייט עס פאַר אַ קליינעם פּרייז צווישן פאָלק.

פּרץ האָט זיך מיט שפ״רן באַקענט ווען ער איז שוין געווען אויס נאַציאָנאַלער כלל־טוער. עס איז געווען אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי שפ״ר האָט איבער געלעבט אַ גרויסע אויפטרייסלונג. איינמאָל אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס האָבן זשאַנדאַרן ביי אים אין הויז געמאַכט אַ רעוויזיע און מען האָט אים געהייסן קומען צומאָרגנס, שבת בייטאָג, אין צענטן פּאַוויליאָן פון דער פעסטונג אין וואַרשע. דאָס האָט אים אַריינגעוואָרפן אין גרויס שרעק. שבת האָט ער זיך צעזעגנט מיט ווייב און קינדער און איז אַוועק אין דער פעסטונג. דאָרט האָט אים דער קאַפּיטאַן אומגעקערט אַ טייל פון זיינע פּאַפּירן, האָט אים דערציילט אַז מען האָט דערהאַלטן וועגן אים אַ מסירה און האָט אים געהייסן גיין אַ היים. שפ״ר האָט זיך נאָכדעם אָפּגעזאָגט פון זיין שטעל אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון די חובבי ציון, האָט פון פּרנסה וועגן געהאַלטן אַ חדר און איז געוואָרן אַ דרדקי־מלמד.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און פּרץ און שפ״ר זענען געווען פּאַרטיפט אין אַ שטורעמדיקן שמועס וועגן ישוב ארץ ישראל. פּרץ האָט אַליין גערעדט ווי אַ פייערדיקער חובב ציון און האָט ביי שפ״רן געקויפט מאָנטעפיאָרע׳ס בילד. עס זענען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר יונגעלייט, און פּרץ האָט אין אַ לוסטיקער שטימונג זיי אַלעמען איינגעלאַדן אויף מיטאָג אין העקסעלמאַן׳ס רעסטאָראַן, וואו די שרייבער־וועלט פלעגט זיך דאַמאָלס צוזאַמענקומען.

ביים טיש זענען מיט פּרצן געזעסן שפ״ר, ישראל בערנשטיין, אַ טאַלענטפולער שרייבער וואָס האָט געהאַלטן אַז אָפּטייק אין דעם

שטעטל שטשעדרין, שפ"ר'ס אַרויסהעלפער שמואל ליב ציטראָן און אַ זאַמאָשטשער יונגערמאַן, יעבץ.

פּרץ איז גיך געוואָרן דער לעבעדיקער צענטער ביים טיש. ער האָט ענטוזיאַסטיש גערעדט וועגן חיבת ציון, וועגן דער גרויסער צוקונפט פון דעם געדאַנק און וואָס דאָס קען אויפטון פאַרן אידישן פאָלק. דער סקעפּטישער בערנשטיין האָט בלויז געמאַכט אַ ביטערן שפּאַס פון דער זאַך. שפּ"ר האָט געפּרואווט דערמוטיקן דעם יונגן עולם מיט דעם וואָס ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז אידישע גבירים באַציען זיך צו דעם געדאַנק מיט גרויס סימפּאַטיע. בערנשטיין האָט אָבער געגאָסן אויף זיי פּעך און שוועבל — „וואָס טויג אונז זייערע סימ־פּאַטיעס? הלוואי וואָלטן זיי אונז בעסער געגעבן זייער געלט".

ביי אַ גלעזל ביר האָט מען שוין אויפגעהערט רעדן פּאָליטיק און מען איז אַרויף אויף דער העברעאישער ליטעראַטור. שפּ"ר האָט פּרצן און בערנשטיינען אויסגעמוסר'ט פאַרוואָס זיי פאַרנאַכלעסיקן זייער ליטעראַרישע טעטיגקייט. ביים געזעגנען זיך האָט פּרץ אַז אויפגעפרישטער געזאָגט, אַז ער וועט זיך שטאַרקער אומקערן צו זיין איבערגעריסענער ליטעראַרישער אַרבעט. ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט זיך אויף עטליכע טעג אַראָפּגעכאַפּט קיין וואַרשע.

ביי יענער געלעגנהייט האָט פּרץ אין אַ שבת נאָכמיטאָג זיך באַ־וויזן אויף דער בימה אין אַ קלויז אויף די נאַלעווקעס, וואו ער האָט אין אַ שיינעם העברעאיש געדרשנ'ט פאַר אַ גרויסן עולם, אַז עס איז דער חוב פון דער אידישער יוגנט צו לערנען און צו קענען אידישע געשיכטע. דאָרט האָט ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף קענען העברעאיש כדי עס זאָל דעם תנ"ך נישט פאַר־געסן. יעדער איד דאַרף האָבן דעם תנ"ך נישט נאָר ביי זיך אין שטוב, נאָר אויך אין האַרץ און מוח. מיר וועלן אייביק לעבן, און אייביק איז נישט צו באַרעכענען. מען דאַרף קענען די קייט וואָס ציט זיך פון אַברהם אבינו ביז דעם היינטיקן טאָג.

אַזוי האָט ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק פון זיין סימבאָלישער גאָלדענער קייט.

אין אָוונט איז ער ווידער אַוועק אויף דער דזשיקע גאַס צו שפּ"רן. דאָרט איז צווישן די עטליכע באַזוכער געווען אַ נייער גאַסט, אַברהם

גאָלדפאַדען. אַלע אויגן זענען אָבער געווען געווענדט אויף פּרצן, ווען ער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין גייסטיקער עלנדקייט אין זאַמאָשטש. דאָרט איז ער אַפּגעריסן פון דער ליטעראַטור, פון שרייבער און האָט נישט מיט וועמען אַ ערנסט וואָרט אַרויסצורעדן. וואָלט אים אײ־מעצער געוועקט צו טעטיגקייט און דערמוטיקט, וואָלט ער מער גע־שריבן און געשיקט זאַכן אין די רעדאַקציעס. קיין געדאַנקען און קיין טעמעס פעלן אים נישט.

ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זיינע דערפאַרונגען ווען ער האָט געגרינדעט די ערשטע אידישע שול. דאָ האָט ער אויפגע־פלאַמט און מיט אינערליכער פיין גענומען רעדן וועגן דער משונה׳־דיק ווילדער אידישער קינדער־דערציאונג אין פוילן. ער האָט פאַר דער קליינער גרופּע צוהערער געשילדערט אַ שאַרף און קלאָר בילד פון דעם באַדויערליכן אידישן לעבן. די מאַנסלייט זענען אומוויסנ־דיק, פאַנאַטיש, אַבערגלויביש. די פרויען, כלומר׳שט, ווערן גע־בילדעט, לערנען פרעמדע שפּראַכן און קריגן פיינט דעם טאַטן מיט דער מאַמען. ער האָט דערציילט ווי ער האָט געזען טעכטער פון די שענסטע אידישע היימען פירן ראָמאַנסן מיט אולאַנער אָפיצירן און האַסן דאָס אייגענע פאָלק ווי דעם טויט. ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד וועגן דעם און האָט עס איבערגעגעבן פאַרן „כנסת ישראל“.

גאָלדפאַדען איז געווען באַהערשט פון זיינע אייגענע טרויעריקע רעיונות. אימעצער האָט אים אויפגעפאָדערט פאַרצולייענען זיין באַ־קאַנטע פּאָעמע „דער שטיין פון הארצן“.

פּרצן איז דאָס ליד פאַרגעקומען פּרימיטיוו, אָבער ער האָט גאָלד־פאַדענס אויסגעדריקט זיין אָנערקענונג פאַר דעם קינסטלערישן אופן ווי ער האָט עס פאַרגעטראָגן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גע־שפּרעך וועגן אידיש טעאַטער.

דאָס ניי־געשאַפענע אידישע טעאַטער האָט שוין געהאַט הינטער זיך צען יאָר פון לוסטיקער עקזיסטענץ איבער די שטעט און שטעט־לעך פון רוסלאַנד און מזרח אייראָפּע. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס געשאַפענע איז פאַר׳משפט פאַרגעסן צו ווערן, ווייל עס איז שוין געווען דריי יאָר ווי אידיש טעאַטער אין רוסלאַנד איז פאַרבאָטן געוואָרן.

פרץ האָט אַטאַקירט דאָס טעאַטער, גאָלדפאַדען האָט עס פאַר־טיידיקט. מיט זיין פינקלענדיקן שמייכל אין די אויגן, האָט פּרץ גאָלדפאַדענען קאָמפּלימענטירט:

— ווען איך וואָלט געהאַט אייער טאַלענט, וואָלט איך נישט פאַרשווענדט מיין צייט אויף אַ „שמענדריק" און „די צוויי קוני לעמעלס". זיי זענען נישט קיין אמת'ע באַשעפענישן פון אידישן לעבן, נאָר קאַריקאַטורן. איך וואָלט מיינע דראַמעס אָדער קאָמע־דיעס געבויט אויף פיל וויכטיקערע און אמת'ערע זייטן פון אידישן לעבן.

מיט פייער און אמת'ן ליידנשאַפטליכן אינטערעס אין דעם וועגן וואָס ער האָט געריידט, האָט פרץ זיך אויפסניי צעצינדן וועגן דער סיסטעמלאָזער און אומדערטרעגליכער קינדער־דערציאונג אין פוילן. זיין התלהבות האָט אפילו אָנגעצונדן דעם פלעגמאַטישן שפּ"רן. אין זיין פלאַמיקער שפּראַך, האָט פרץ אויפגעוואָרפן אַ רייע בילדער וועלכע וואָלטן, לויט זיין מיינונג, באַדאַרפט אין דראַמאַטישער פאָרם פאַרגעשטעלט ווערן אויף דער אידישער בינע. ער האָט גאַרנישט צוריק געהאַלטן. ער האָט פאַר דראַמאַטישע טעמעס און כאַראַקטערן אָנגעוואָרפן אַ טייל פון יענע, וואָס האָבן אים שפּעטער געמאַכט גרויס און באַרימט אין דער ליטעראַטור.

דער יונגער שאַפער פון אידישן טעאַטער איז געווען געוואוינט צו הערן שאַרפע קריטיק פון דער אינטעליגענץ. אין פרצן אָבער האָט ער דערפילט אַ טיפע גליענטדיקע אויפריכטיקייט און אַ שטאַנדפונקט, מיט וועלכן ער וואָלט געקענט איינשטימען. גאָלדפאַדען האָט מיט פרצן דעבאַטירט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. ער האָט אָפּ־געוואָרפן די טענות און האָט פאַרטיידיקט זיינע טעאַטער־שטיק מיט די קאָמישע העלדן. ער האָט אָנגעוויזן אויף זייער טעאַטראַלישקייט. דער יונגער פאָטער פון אידישן טעאַטער האָט געהאַט פאַר זיין קינד צוויי מאָסן. אין דער נשמה האָט עס אים געצויגן צו שאַפן היסטאָרישע שפּילן מיט מוזיק און לייכטע ניגונים, ווי „שולמית", „בר כוכבא", „עקידת יצחק" און ענליכע פאָלקסטימליך געשיכט־ליכע אָפּערעטן. אָבער ביי די פאָרשטעלונגען אין די פרוכטבאַרע ערשטע צען יאָר, האָט ער צוגעזען אַז דער עולם איז צו זיינע בעסע־

רע זאכן געבליבן גלייכגילטיק און האט זיך בלויז אַמוזירט ביי די קאָמישע שטיק, אין וועלכע די ניי־אויפגעקומענע שוישפּילער האָבן געקענט פּולבלוטיק אַרויסווייזן זייער טאַלענט צום זינגען און טאַנצן. און ער האָט מיט פּשטות דערקלערט:

— דערפאַר האָב איך געשאַפן אַזעלכע בינעשטיק ווי „די כשוף־מאַכערין", „קבצנזאָן און הונגערמאַן" און „ני בע ני מע ני קיקע־ריקי". אָן די שטיקער וואָלטן מיר ביז היינטיקן טאָג קיין אידיש טעאַטער נישט געהאַט. און איך ווייס נישט וואָס איז ערגער: גאָר־נישט האָבן צי האָבן עפּעס, וואָס מען זאָל קענען אויסבעסערן און פאַרפולקאָמען. איך האָב אויסגעטראָטן דעם וועג. זאָלן קומען אַנ־דערע און שאַפן בעסערס.

יעדער פון זיי האָט איינגעזען די גערעכטיגקייט פון צווייטנס טענות. אָבער ביידע זענען זיי געווען גאַנץ און פעסט און האָבן נישט געקענט אָננעמען איינער דעם אַנדערנ'ס וועג. גאָלדפאַדענ'ס וועג פון פּאָלקסטימליכער אונטערהאַלטונג איז שוין געווען אויסגע־טראָטן און אויף דעם וועג איז ער געגאַנגען ביז צום סוף פון זיינע טעג. פּרץ האָט געזען טיפע, מאָדערנע, קינסטלערישע מעגליכקייטן אין טעאַטער און האָט געשטרעבט צו קענען פאַרשפּרייטן זיינע אידעען וועגן קונסט אויף אַ דערהויבענער אידישער בינע.

אַ דערפרישטער פון די עטליכע זומערטעג צווישן שרייבער, קינסט־לער און שטרעבער צו אַ נייער אידישער קולטור, און אַ פעסט־אַנטשלאָסענער נישט אַרויסצולאָזן די פען פון האַנט און אָנצוגיין מיט גלויבן אין זיין שעפערישער אַרבעט, איז פּרץ אַהיימגעפאָרן קיין זאַמאָשטש אָנצוגיין מיט זיין טאָג־טעגליכער רוטין אין דער אַדוואָקאַטישער קאַנצעלאַריע און אין די קליינע געריכטן.

ווי אַ באַפרייאונג פון דער שטענדיקער שפּאַנונג, האָט אים, קלאָרער ווי אַלעמאָל, געלויכטן זיין שעפערישע פּען.

# כב

## דער אדוואָקאַט

דאָס דורכמאַכן דעם עקזאַמען און דאָס אַרויסקריגן דעם פּאַטענט צו פּראַקטיצירן געזעץ איז געווען דער וויכטיקסטער שריט אינם לעבן פונם דיכטער צו ווערן אויס בטלן און מלמד און זיך אַ קער טאָן אין דער ריכטונג פון ווערן אַ מענטש מיט ברייטערע אינטערעסן.

דער אדוואָקאַט לעאָן פּרץ איז געווען אַ נייער מענטש.

די קנאַפּע פּראַקטיק אין דער ערשטער צייט האָט אים געגעבן מער פרייע שעה'ען צו אָריענטירן זיך אין זאַכן וואָס האָבן אים אינטערעסירט. דער פרייער פויגל האָט דערווייל געקענט אויספילן זיין צייט מיט לייענען ביכער וואָס ער האָט נאָר געקענט קריגן, צו גיין זען פאָרשטעלונגען ווען זיי זענען געבראַכט געוואָרן קיין זאַמאָשטש, און דערהויפּט האָט ער הנאה געהאָט פון דעם וואָס ער האָט געקענט רעדן אַ סך מיט מענטשן, דאָס הייסט מיט די באַקאַנטע יונגעלייט און מיט די בעל הבית'ישע פיינע אידן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעסן פאַרן כלל. עס האָט זיך דערוויטערס פון אים דער חשק צו זיין פאַרקאַכט אין ליטעראַרישע ענינים ווי ער איז געווען אין וואַרשע. עס איז אָבער אויפגעגאַנגען אין אים אַ טיפער אינטערעס צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די אַרבעטער און אָרעמעלייט אין שטאָט, און באַזונדערס צו שאַפן מעגליכקייטן פאַר אַנטוויקלונג און וועלטליכקייט פאַר אידישע קינדער.

די אדוואָקאַטישע קאַנצעלאַריע איז אין אַנהויב געווען אַ קליינער ענין. די אייביקע מעקלערס, וואָס זענען שטענדיק די ערשטע אין די דערפער און שטעטלעך אויסצוגעפינען ווער ווען עס איז

גרייט צו קלאגן, האבן נאך דערוויל נישט געהאט קיין צוטרוי אין דעם נייעם אדוואקאט, וועמען זיי האבן געדענקט פון בית מדרש. האט ער דערוויל נאך געמוזט זוכן אנדערע פארדינסטן. דער ברודער, חיים יוסף, איז געווען א בוכהאלטער ביי בעריש מרגליות, וועלכער האט געהאט צוויי מילן, א גרויסע און א קליינע, האט ער די קלענערע אפגעדונגען פאר לעאנען. דאס האט אים עטליכע יאר אריינגעבראכט א זייטיקע פרנסה, כאטש ער האט קיין באגריף נישט געהאט פון דער ארבעט אין מיל. דער שותף האט זיך מיט דעם אפגעגעבן.

אן אנדער געשעפטליכע טראנסאקציע, וואס ער האט געמאכט באלד אין אנהויב פון זיין אדוואקאטישער פראקטיק, האט אים אנגעלערנט אז ער זאל מער אין לעבן אזעלכע געשעפטן נישט מאכן. ביי א איד פון זאמאשטשער נײשטאט האט ער אפגעקויפט א וועקסל אויף פיר־און־צוואנציק רובל פאר האלב געלט. ווען ער האט זיך איבערצייגט אז דער בעל חוב איז זייער ארעם, האט ער נישט געוואלט זיין קיין אכזר צו געווינען אין געריכט און האט איינגעטיילט דעם חוב אויף ראטעס, איין רובל א חודש. ער האט אויסגעפונען, אז אפילו דאס איז געווען דעם ארימאן צו שווער. ווען עס איז אוועק מער ווי א האלב יאר און ער האט אויפן חוב קיין גראשן נישט באקומען, איז ער געווארן אין כעס און ער איז אין א פרייטאג צוגעפארן אין א דראשקע מיטן קאמארניק זיך נוקם זיין. אבער אין דער ארעמער שטוב, אויף אן אלטן סאפקעלע, איז געלעגן א קראנק מיידעלע איבערגעדעקט מיט שמאטעס. אזוי ווי א שולדיקער האט ער אראפגעלאזט דעם קאפ. אפילו ביים קאמארניק אין די אויגן האט ער דערזען טרערן. ווען די בעל הבית׳טע פון שטוב איז אריינגעקומען, האט זי גענומען וויינען און שרייען. די מאנערס זענען גלייך ארויס, און דער יונגער אדוואקאט האט זיך אפגעלערנט א מוסר השכל: קויף נישט קיין וועקסלען פאר קיין שום געלט.

מעקלערס האבן אנגעהויבן מאכן פראבעס מיט דעם נייעם אדוואקאט און עס האבן זיך אנגעהויבן צו באווייזן פויערים קליענטן אין דער פריץ קאנצעלאריע. אלץ עפטער האט מען אנגעהויבן זען

פּרצן מיט די מעקלערס און מיט די פּויערים אויפן מאַרק, וואו דער אַדוואָקאַט האָט אָנגענומען די ענינים פאַרן געריכט. זיין אינגערער שוועסטערקינד משה אַלטבערג, וואָס איז געווען איינער פון די וואָס האָבן אים צוגערעדט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט ביי דער קאָלעגיע פון פרידנס-געריכטן, פלעגט איבערזעצן די נאָטאַריעלע אַקטן פון פּויליש אויף רוסיש און האָט אָפּגעהיט די טערמינען פון די ענינים. פּרץ אַליין האָט פאַרן ענין פון איבערשרייבן און איבערזעצן קיין געדולד נישט געהאַט און צו פּינקטלעכקייט האָט ער זיך צוגעוואוינט ערשט אין די שפּעטערע יאָרן.

ער איז געווען גוטהאַרציק און פריינגעביק מיט זיין צייט. האָט זיך זעלטן געקענט אונטערוואַרפן דיסציפּלין, איז געווען לייכט-זיניק און זאָרגלאָז און האָט זיך אין קאַנצעלאַריע נאָכאַנאַנד פאַר-לאָזט אויף משה'ן.

נאָך דער חתונה מיט העלענען האָט ער שוין געהאַט אַ גוט איינ-געפונדעוועטע פּראַקטיק. די פּרץ קאַנצעלאַריע איז געווען אַ גייענ-דיק געשעפט. פּויערים און אַנדערע קליענטן זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס. עס האָבן אין פאַרשידענע צייטן געאַרבעט ביי אים אַ צענדליק סעקרעטאַרן. צווישן זיי זענען, אַ חוץ משה עפּשטיין; שמחה שיפּמאַן און דער יונגער סאָבעל, אַ זון פון דעם הומאָריסט און משלים-שרייבער זלמן סאָבעל. פּרץ אַליין פלעגט צום גרעסטן טייל זיך אָפּגעבן מיטן קאָדעקס, וואו ער האָט געוועהנליך אויפגעזוכט דעם געהעריקן פּאַראַגראַף און זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט זיין אַרבעט. באַאַרבעטן דעם פאַל פלעגט שוין אַ סעקרעטאַר.

די זיסע היים, אינגאַנצן אַ פּאָר מינוט גאַנג פון זיין קאַנצעלאַריע, איז פאַר אים געווען אַ שטענדיקער קוואַל פון נחת. דאָס יונגע, שיינע ווייב, וואָס איז געווען פול מיט ליבשאַפט; דער שיין און קלוג וואַקסענדיקער זון, לוציאַן, וואָס האָט זיך געלערנט אין גימנאַ-זיע, און העלענעס ברודערל, לעאָפּאָלד, וואָס העלענע האָט אָפּט גע-בראַכט פאַר לוצי'ס חבר'שאַפט, דאָס האָט אים פאַרשאַפט פרייד און געשטאַרקט זיין ווילן.

ווען זיין פּראַקטיק איז געשטיגן זענען די קליענטן צוערשט גע-וואַקסן אין צאָל. די פּויערים האָבן כסדר געהאַט ווענן וואָס זיך צו

לאָדן אין געריכט. עס פֿלעגט זיך האַנדלען װעגן ירושות, װעגן טײלן פֿאַרמעגנס, אַמאָל װעגן קרימינעלע פֿאַלן. אַ פֿאַרהײראַטע פֿרױ האָט אָנגעקלאָגט אַ מאַן אין פֿאַרשפּרײטן רכילות װעגן איר. דער יונגער באַרעדעװדיקער אַדװאָקאַט האָט באַהערשט אַלע באַװײַזן און אײנ־צלהײטן אין דעם פֿאַל, האָט מוטיק און מיט אײַזערנער לאָגיק פֿאַרטײדיקט זײַן קליענט, ביז דער ריכטער האָט דעם באַשולדיקטן פֿאַר'משפּט אויף דרײַ װאָכן געפֿענגעניש פֿאַר רכילות.

פֿרײַ האָט אָנגעהױבן אַלץ זעלטענער אָננעמען ענינים דירעקט פֿון די פּויערים. מערסטנס זענען זײ געקומען צו אים דורך די מעקלערס און די בעלי עגלות, װאָס האָבן זיך אַרומגעדרײט אויפֿן מאַרק צװישן די פּויערים. ער האָט געװאוסט װי צו באַגײן זיך מיט די אָנטרײַבער, האָט געקענט שמועסן מיט זײ און זײ האָבן טאַקע געקוקט אויף אים װי אויפֿן בעסטן אַדװאָקאַט אין שטאָט.

מיט דער צײַט האָט ער נישט נאָר באַקומען אויך בעסערע קליענטן, נאָר אַפֿילו די אָרדינאַציע פֿון גראַף זאַמאָיסקי, װעלכער האָט געהאַט צענדליקער גיטער אַרום זאַמאָשטש, האָט איבערגעגעבן אירע ענינים צו דעם גלענצנדן יונגן אַדװאָקאַט. אײנמאָל האָט מען אים דאָרט איבער געגעבן דרײסיק ענינים מיטאַמאָל צום דערלײדיקן.

זײַן דערפֿאָלג האָט זיך גענומען טײלװײַז פֿון דעם, װאָס זײַנע פֿאַר־טײדיקונגען האָבן שטענדיק געמאַכט אַ טיפֿן אײַנדרוק אויף די ריכ־טער פֿון סיעזד און פֿון די אַרומיקע פּראָװינציעלע געריכטן. זײַן פּראַקטיק האָט זיך אויסגעשפּרײט. ער האָט כסדר באַדאַרפֿט אַרויס־פֿאָרן אויפֿצונעמען געריכטליכע ענינים אין קאָמאַרעװ, גראַבאָװעץ, אַלט־זאַמאָשטש, זשדאַנאָװ, רובעשױװ, װאָזשוטשין, טאָמאַשעװ. נאָכאַנאַנד האָבן די ריכטער אײַנגעזען די גערעכטיקײט פֿון זײַנע טענות, אַלצאײנס צי ער האָט פֿאַרטראָטן דעם אָנקלעגער צי דעם אָנגעקלאָגטן. ער האָט אַפֿילו אײנמאָל געמוזט נאָכגעבן דעם פֿאָרזי־צער פֿון צוזאַמענפֿאָר־געריכט און דינען עטליכע טעג אַלס איבער־זעצער. צװישן די אַדװאָקאַטן איז שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ געװאַל־דיקע קאָנקורענץ. מען האָט זיך געריסן איבער די קליענטן אַזױ װי חדר־אינגלעך. די פּאָליצײ האָט כסדר געהאַלטן אַז אױג אויף די מעקלערס צי זײ נאַרן נישט אָפּ די פּויערים. ביז דער פֿאָרזיצענדער

ריכטער האָט איינמאָל צונויפגערופן אַלע אַדוואָקאַטן און פאַרבאָטן זיי אָנצונעמען געריכטליכע פאַלן דורך די זאַמאָשטשער מעקלערס. ער האָט זיי אפילו געמאַכט אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם. נישט אויספירן די דעקלאַראַציע האָט געמיינט פאַרלירן דעם פּאַטענט. פּרץ האָט אָבער פון דעם נישט געליטן, ווייל ער איז באַליבט געוואָרן ביי די פּויערים און ער פלעגט שוין דאַמאָלס קריגן זיינע קליענטן אָן די מעקלערס, וועלכע האָבן מער נישט געטאָרט אַריינקומען אין געריכט.

אַזוי האָט זיך אין דער אומגעגנט פון זאַמאָשטש פאַרשפּרייט דער נאָמען לעאָן פּרץ ווי אַ לעגענדע. מען האָט אים נאָך געדענקט אַלס עלוי מיט אַ פּייערדיקן קאָפּ, ווען ער איז שוין באַקאַנט געוואָרן אַלס גלענצענדער אַדוואָקאַט. מען פלעגט איבערדערציילן אין זיין נאָמען, אַז די גרויסע הצלחה וואָס ער האָט אַפּט אַלס אַדוואָקאַט, האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין לומדות און אַז מיט אַ סברא געווינט ער פון צייט צו צייט אַ שווערן פּראָצעס.

עס האָט געטראָפן אַז ער האָט מיטאַמאָל געהאַט אַ שיעור קליענטן. און אַמאָל האָט זיך געמאַכט פאַרקערט און עס איז אין דער פּראַקטיק געווען גאָר שטיל. דאָס וואָזשוטשינער געריכט, וואָס איז פאַר אים געווען דאָס וויכטיגסטע, האָט אַמאָל נישט געאַרבעט, ווייל די גמינע־ריכטער זענען נישט געווען באַשטעטיקט און ווייל די פּויערים זענען געווען צופיל פאַרנומען מיט זייער תבואה צו קענען טראַכטן פון פּראָצעסן. אַזוי אַרום האָט ער אַמאָל געהאַט נאָרמאַלע און אַמאָל שלעכטע חדשים. אין אַלגעמיין אָבער האָט ער געהאַט אַ באַדייטנדיקע פּראַקטיק. זיין נאָמען איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ביי די קליענטן ווי ביי די ריכטער און ער האָט געלעבט אַ יאָר צען אין באַקוועמליכקייט און צופרידנקייט.

אַזוי וואָלט ער מעגליך אָפּגעלעבט זיין לעבן ווי אַ דערפאָלגרייכער פּראָווינצער אַדוואָקאַט, ווען עס וואָלטן זיך נישט אָנגעזאַמלט די פּינצטערע כמאַרעס, וואָס האָבן מיטאַמאָל געקראַכט איבער זיין קאָפּ, ווי אַ דונער פון הימל.

מיט אַן אויפגעלעבטן אינטערעס האָט ער אָנגעהויבן זיך ווידער אָפּגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיגקייט און צוליב דעם האָט ער ביס־

לעכוויז פארנאכלעסיקט זיין אדוואקאטישע פּראקטיק. ער האט אלץ עפּטער געלאזט פארטרוילעכע ענינים הענגען אין דער לופט נישט דערליידיקט.

עס זענען אויפגעשוואומען קליינשטעטלדיקע אינטריגעס פון קאנ־קורענטן, קעגנער און שונאים. די אנדערע אדוואקאטן וואס האבן זיך מתקנא געווען אין זיין דערפאלג, עטליכע אידן און א פּאליאק, האבן געפונען דעם אלטן, באקוועמסטן וועג ווי פּטור צו ווערן פון א שארפן און דערפאלגרייכן קאנקורענט, מסירה.

די חסידים האבן געהאלפן די קאנקורענטן כדי צו באפרייען זא־מאשטש פון א שטארקן אפיקורס, וואס האט אין שטאט פארשפרייט וועלטליכע אויפקלערונג. מען האט אים גע׳מסר׳ט, אז ער איז א סא־ציאליסט און אז ער פארפּוילישט די שטאט, ווייל ער רעדט פּויליש דארט וואו מען דארף רעדן רוסיש.

ער האט געקעמפט מיט אלע זיינע כוחות קעגן די מסירות, אבער ער איז געווען איינער אליין. צום סוף האט זיך אים נישט איינגעגעבן צו ראטעווען זיין פרנסה. די קאנקורענטן און די חסידים האבן ארויפגעשאטן די לעצטע לאפעטע ערד אויף זיין קאריערע.

אומדערוואַרט האט דאס געריכט ביי אים צוגענומען דאס רעכט צו פּראקטיצירן אלס אדוואקאט.

אויב פּרץ איז אין הארצן געווען צופרידן פון דער געשעעניש, וועלכע האט אים געפירט צו א ניי לעבן, האט ער דאס קיינעם נישט פאר־טרויט. געערדט און געהאנדלט האט ער ווי איינער וואס געפינט זיך ביים ברעג פון פארצווייפלונג און זוכט מיט אלע מעגליכע מיטלען זיך צו ראטעווען. ער האט געוואוסט, אז די מסירות זענען געקומען פון זיינע נישט־פארגינער. ער האט זיך אבער געפילט הילפלאז, ווייל ער האט נישט געקענט באווייזן אז ער איז נישט קיין סאציאליסט, אז ער איז נישט קיין שונא פון דער רעגירונג און פון דער פּראוואַ־סלאוויע און אז ער פארטיידיקט נישט קיין רעוואלוציאנערן.

א באפעל פון יוסטיץ מיניסטער איז אנגעקומען, אז לעאן פּרץ זאל פארבאטן ווערן אויפצוטרעטן אין געריכט ווי אן אדוואקאט.

ער האָט געווײנט אַז זײַן פּרנסה, זײַן גאַנצער לעבנס־אַנלעגן איז געבראָכן געוואָרן אין איין אויגנבליק.

נישט גרינגער האָט די גזירה געטראָפן זײַנע נאָנטע און קרובים. די פרוי האָט באַהאַלטן פון מאַן אירע טרערן. אין דער משפּחה האָט מען אים באַוואָרפן מיט עצות. מען האָט אים געראָטן צו עפענען עפּעס אַ געשעפט. טייל האָבן אים גע׳עצה׳ט צו זוכן אַ פּאָסטן. אַנדערע זענען באַשטאַנען, אַז ער מוז דורכאויס פאָרן קיין פּעטערבורג און קעמפן צוריק צו קריגן זײַן פּאַטענט. אָבער קיינער האָט פאַר אים נישט געהאַט גרייט קיין פּאָסטן און קיין מענטש האָט אים נישט אָנגעוויזן וואו צו נעמען געלט אויף דער רייזע אָדער אָנצוהויבן אַ געשעפט.

מער ווי אַלץ האָט אים געפּייניקט, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן אויף אים דעם ביטערן גזר אַז אַז אויספאָרשונג. ער האָט נישט געהאַט קיין מעגליכקייט צו רעכטפערטיקן זיך. מען האָט אפילו נישט אָנגעפרעגט וועגן אים פריער ביים פּאָרזיצער פון זאַמאָשטשער געריכט, וועלכער איז גראָד געווען מיטן גאַנצן הארצן געניגט אַרויסצוראַטעווען אים פון דער נויט. ער האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ קלאַפּ מיט אַן אייזן. אין זײַן פאַרצווייפלונג האָט ער זיך געפילט ווי איינגעשלונגען פון די שונאים.

אַ פּאָסטן האָט ער געזוכט. ער איז אויך געפאָרן קיין וואַרשע מיט דער האָפנונג צו דערגיין דעם קוואַל פון די מסירות. דער ברודער, חיים יוסף, האָט אים נישט געגעבן קיין רו. אין וואַרשע האָט ער זיך אָבער קיין זאַך נישט דערוואוסט. אומעטום האָט מען אים געענטפערט אַז מען ווייסט פון גאָרנישט. ער האָט געטראַכט, מעגליך אַז די מסירה איז נישט געגאַנגען דורך וואַרשע. ער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט עטליכע טעג, האָט גע׳פּטר׳ט אַ ביסל געלט און איז געקומען צוריק אַהיים.

אין זאַמאָשטש האָט אים דער זשאַנדאַרם פאַרזיכערט, אַז נישט ער איז קעגן אים, נאָר דער פּראָקוראָר. דער ווידער האָט אים אַרויסגעוויזן גרויס פריינטשאַפט און האָט אים געשוואוירן, אַז ער האָט וועגן אים קיין וואָרט נישט געשריבן. וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט עפּעס צו דערגיין, איז די מסירה אַלץ פאַרבליבן אַ פינסטערער סוד.

טייל פון די ריכטער האָבן עס נישט געקענט לייכט אָראָפּשלינגען. אַזוי גרויס איז געווען דער אינטערעס אין פּרצן, אַז דער פאָרזיצער פון קרייז־געריכט האָט געשיקט צו אים אַ סעקרעטאַר אָנצופרעגן אין נאָמען פון פאָרזיצער צי איז אים שוין עפּעס באַוואוסט, צי האָט ער אַ האָפענונג. אָבער צו טון עפּעס פאַר אים האָט דער פאָרזיצער אַליין מורא געהאַט. ער האָט אים אַפילו שפּעטער פאַרטרויט, אַז ער שרעקט זיך פאַרן מיניסטער. פּרץ האָט געוואוסט דעם אמת. דער גוטער ריכ־טער האָט זיך געשעמט איינצושטעלן זיך פאַר אַ אידן. נאָך אין וואַר־שע האָט מען אים קלאָר געמאַכט, אַז עס איז אַ שאַנד פאַר אַ אידן זיך איינצושטעלן.

ער איז געווען פאַרזאָרגט און צוטומלט, ווען אינמיטן פון דעם אַלעמען איז אים אָנגעקומען אַ בריוו וואָס האָט אים געבראַכט עפּעס, וואָס האָט אים אויסגעוויזן מער ווי בלויז אַ גוטע בשורה. זיין געמיט האָט זיך אַ הויב געטון פון אַן אומבאַקאַנטער פרייד. אַ שטימונג פון עפּעס אַן אויסוועג, פון אַן אומקלאָרער אָבער ליכטיקער צוקונפט האָט פאַר אים אַ בלענד געטאָן.

דער בריוו איז געווען פון אַן אַלטן פריינט, משה עפּשטיין, וועמען ער האָט אין די לערער־יאָרן אַמאָל באַגעגנט אין וואַרשע. געשריבן האָט ער פון באַרדיטשעוו, וואו ער איז, דוכט זיך, געווען אַ זעצער. ער האָט אים מודיע געווען, אַז איינער אַ שרייבער, וואָס רופט זיך שלום עליכם, גרייט זיך אַרויסצוגעבן אַ יאַרבוך אין זשאַרגאָן. דאָס האָט פּרצן נאָך מער צורודערט. ער האָט גענומען איבערקוקן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן און איז פּלוצים געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָט געשליפן און געפיילט.

דער ברודער חיים יוסף האָט אים נישט געלאָזט רוען און ער האָט זיך באַלד ווידער געמוזט לאָזן אין וועג אַריין. ער איז געפאָרן קיין פּעטערבורג צו באַמיען זיך ביי די וואָס האָבן די מאַכט, כאָטש ער האָט געהאַט די איבערצייגונג, אַז די מאַכט איז בלויז אויף צו טון שלעכטס און נישט קיין גוטס.

ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז ער פאָרט קיין פּעטערבורג אומ־זיסט, אַז ער וועט צוריק קומען אין אַן ערגערן צושטאַנד ווי ער פאָרט

אהיז. אבער דער ברודער האט פינאנסירט זיין רייזע. ער האט גע־וואוסט, אז ער וועט פארלירן צייט און געלט און אז ער וועט כסדר זיין אין געפאר ארויסגעשיקט צו ווערן, ווייל ער האט נישט קיין וואוין־רעכט. אבער ער האט ווידער גענומען דאס רייזע־קעסטל און איז געפארן קיין פעטערבורג.

ער האט דערגרייכט צו זען דעם יוסטיץ־מיניסטער מאנאסעין. ער האט פאר אים אויסגעלעגט זיין בקשה. האט אפעלירט צו אים מיט זיין גאנצער יוגנטליכער קראפט. דער ענטפער איז געווען קורץ און ענדגילטיק:

— דאס איז גארנישט, וועט זיין מיט איין פעאיקן אידישן אד־וואקאט ווייניקער אין רוסלאנד.

# כג

## זשאַרגאָן

כוואַליעס פֿון אַ גרויסער און טיפֿער בענקשאַפֿט זענען דורכגעגאַנגען אין אים. דער בריוו פֿון באַרדיטשעוו איז אים געווען אַן אָנזאָג, אַז ער שטייט אויף דער הויכער שוועל פֿון אַ געהיימער טיר.

די רייזעס קיין וואַרשע און קיין פּעטערבורג מיט זייערע אַרויסגעוואָרפֿענע באַמיאונגען זיך צוריק צו שטעלן אויף די פֿיס, האָבן אים אויסגעשעפּט. ער איז אַהיימגעקומען אַנטוישט און פֿאַרביטערט. גערן וואָלט ער אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט, אַז די פֿריינט זאָלן נישט פֿאַרשווענדן אויף אים זייער רחמנות און די שונאים זאָלן אים נישט שטעכן מיט זייערע בליקן.

וואוהין לויפֿט מען? איז ער דערווייל, באין ברירה, פֿאַרבליבן אין זאַמאָשטש. די פּרנסה אויסגעטרוקנט ווי אַ סאַזשעלקע פֿון זומערהיץ. דאָס אַרומפֿאָרן האָט אויפֿגעגעסן זיין אייגן געלט און טיילווייז זיין ברודער׳ס. אַ ביסל הכנסה איז געווען פֿון זיין שותּפֿות אין דער מיל, אָבער אויף איין צאָן. מער ווי אַלץ האָט אים געדריקט די חרפּה פֿאַר זיין ירידה. דאָס יונגע ווייב האָט אַלץ געשטיקט אין זיך. אַנטלויפֿן איז נישט געווען וואוהין און די טעג האָבן זיך געצויגן האָפֿנונגסלאָז.

פֿינליך איז אים געווען צו טראַכטן וועגן דער לאַגע פֿון דעם איינציקן יונגן זון, וועלכער האָט געלערנט אין פּלאָצק און געלעבט דאָרט אויף קעסט. וועגן דעם האָט פּרץ אין לאַנגע בריוו אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פֿאַר משה אַלטבערג. נישט נאָר האָט ער זיך געקלאָגט פֿאַר אים, אַז ער איז אַ צובראָכענער מענטש אין דער פּרנסה, נאָר ער האָט זיך מיט תּחנונים געבעטן ביי אים צו ווייזן דעם בריוו

פּאַפּירנאַ'ן און צו פאַרזיכערן אים, אַז ער וועט אים אָפּשיקן דאָס געלט וואָס ער איז אים שולדיק פאַר אויפהאַלטן לוציאַנען. דעם זון האָט ער געשריבן, אַז ער זאָל זען שטעלן זיך אויף אייגענע פיס, ווייל יעדער גראָשן פון טאַטנ'ס טייסטער איז פון איצטער אַן אַ צדקה־גראָשן. ער איז געוואָרן סענסיטיווער אין די באַציאונגען צום זון. עס האָט אים ווי געטון וואָס דאָס אינגל האָט צו אים אַ שטיקל צייט נישט געשריבן. ער האָט מיט ביטערקייט געפרעגט ביי משה'ן, אפשר קען ער אים פאַרענטפערן דעם רעטעניש פאַרוואָס לוציאַן שרייבט נישט צו אים און ער האָט מיט פאַרביטערונג געפרעגט: האָט מען אויך אים גע'מסר'ט אויף מיר?

אין זיין פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ כאַראַקטערלאָזער מענטש אַן טעמפּעראַמענט און אַן ווילן. אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן צו פילן דעם דרוק פון געלט און האָט נאָכאַנאַנד געבעטן ביי משה'ן אַ חשבון און פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים דעם חוב באַצאָלן. געשריבן האָט ער אין העברעאיש און האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער טוט דאָס ווייל דער אינהאַלט פון בריוו איז אַזאַ ביטערער און ער וויל נישט אַז פּאָולינע זאָל פאַרשטיין.

זיינע לידער אין אידיש האָבן אים אין די שווערע טעג גענומען לייכטן ווי אַ ליכט אין דער פינצטערניש. אמת, עס האָט אים נאָכאַנאַנד פאַרפאָלגט דער גייסט פונם פעטער יוסף, וועלכער האָט אים שטענדיג אָנגעזאָגט אַז שרייבן דאַרף ער נאָר העברעאיש. אין דער נויט אָבער האָט זשאַרגאָן פאַר אים פּלוצים אויפגעלויכטן מיט אַ דאָפּלט ליכט. ער האָט אין דעם געזען אַ שפּראַך־מיטל, וואָס קען אים ברענגען אין דירעקטער באַרירונג מיטן פאָלק און גלייכצייטיק, אפשר? אַ נייער קוואַל פון פרנסה.

אין די ליידיקע טעג האָט ער איצט אַלץ מער געאַרבעט אויף זיינע לידער און דערציילונגען אין אידיש.

ער האָט גענומען עפּשטיין'ס עצה און האָט אוועקגעשריבן אַ בריוו צו דעם זשאַרגאָנישן שרייבער שלום עליכם. אין זיין דראַבנעם און קלאָרן כתב האָט ער אויסגעדריקט זיינע מחשבות וועגן אידיש אין דעם בריוו אויף העברעאיש. ער האָט אָנגעוויזן ווי אַנדערש אידיש ווערט גערעדט אין פאַרשידענע געגנטן, ווי אין פּוילן באַרגט די

שפּראַך געוויסע באַגריפן פון פּויליש און אויסדרוקן פון דייטש, און אין אַנדערע געגנטן באַרגט אידיש ווערטער פון רוסיש. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם אונטערשיד פון אַקצענטן אין דער אידישער אויס־שפּראַך, ווי עס ווערן אין לידער אָפּטמאָל פאַרלוירן קלאַנג און האַר־מאָניע. דאָס איז די פּאַסיקע צייט, האָט ער געהאַלטן, צו דערנענטערן די הערצער און צו שאַפן אַ געמיינזאַם אָרט אין דער ליטעראַטור, וואו די אידיש־פּוילישע און די אידיש־רוסישע אויסשפּראַכן זאָלן צוזאַמען קומען צום אויסדרוק, כדי צו דערוועקן די הערצער פון יעדן איינעם צו פאַרשטיין דעם ברודער.

וועגן זיין שרייבן האָט ער זיך אין דעם בריוו אויסגעדריקט, אַז ער שרייבט צוליב זיך, צוליב זיין אייגענער הנאה. און ער ווייסט, אַז ער, שלום עליכם, שטרעבט צו שרייבן צוליב דעם עולם וואָס רעדט זשאַר־גאָן פון זשאַרגאָנעז־לאַנד. ער האָט דערפאַר געהאַט ספיקות צי ער זאָל אים עפּעס שיקן, אָבער ער האָט ענדליך אויפגעגעבן אַלע ספיקות און געשיקט שלום עליכם'ען זיין פּאָעמע „מאָניש" און געבעטן, אַז אויב די זאַך געפעלט אים נישט, זאָל ער זי אים צוריק שיקן.

אין דער געדריקטער צייט איז דאָס געווען פאַר אים אַ גרויסע דערהויבונג. ער איז דערהויבט געוואָרן פון דער שטימונג פון שאַפן און פון דעם געדאַנק, אַז ער וועט אינגיכן זען זיינע זאַכן געדרוקט. עס האָט אים אויך באַגייסטערט צו וויסן אַז דאָרט, אין רוסלאַנד, שעמען זיך נישט די אידן צו רעדן זשאַרגאָן ווי די אידן אין פּוילן. ער האָט פאַרטרויט שלום עליכם'ען, אַז ער האָט נאָך אויף זשאַרגאָן קיין זאַך נישט געדרוקט און דאָס וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער פאַרברענט.

דערזעענדיק פאַר זיך מיט אַמאָל אַ פעלד פאַר ליטעראַרישער אַרבעט, האָט ער אָנגעוויזן שלום עליכם'ען, אַז עס איז די פּאַסיקע צייט צו געבן פאַרן פאָלק ביכער פון וויסנשאַפט. ער פילט זיך אַליין גרייט צו צושטעלן ווערק פון פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע און פיזיק. ער נויטיקט זיך בלויז אין געוויסע ביכער.

מיט זיין פולן צוטרויען האָט ער שלום עליכם'ען געגעבן די דער־לויבעניש צו מאַכן וועלכע ענדערונגען אין זיינע זאַכן ער וועט גע־

פינען פאַר נויטיק. ער האָט אים אפילו צוגעזאָגט צו העלפן פאַרקויפן א ביסל ביכער.

זיין געהויבענע שטימונג איז אָבער מיט אַמאָל געזונקען, ווען עס איז אים אָנגעקומען דער ערשטער נומער פון דער אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק, וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט „מאָניש” מיט דעם רעדאַקטאָר'ס ענדערונגען.

דאָס האָט אים שטאַרק אָנגעצונדן, אָבער קיין צו גרויסע טענות האָט ער באַשלאָסן וועגן דעם נישט צו מאַכן. עס זענען אָנגעקומען א צאָל בריוו, אין וועלכע מען האָט אים שטאַרק געלויבט פאַר דער פּאָעמע. איינער פון די באַגייסטערטע בריוו איז געווען פון יעקב דינעזאָן. דער נאָמען האָט אים געקלונגען באַקאַנט, און ער האָט זיך אָנגעפרעגט ביי אים צי איז ער דאָס דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים”. דאָס איז געווען א גורל'דיקער צופאַל וואָס האָט זיי פאַר־בונדן. דאַמאָלס איז עס געשלאָסן געוואָרן די אויסערגעוויינליכע פריינטשאַפט, וואָס האָט געדויערט ביז פּרצעס לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

נאָך אין פּריריקן ווינטער, ווען שלום עליכם איז געקומען קיין וואַרשע אויפזוכן שרייבער פאַר זיינע זאַמלביכער, איז ער מיט דוד פרישמאַנען געקומען צו דינעזאָנען אין זיין אַלקערל און האָט איז א ביכעלע זיך אַריינגעשריבן די נעמען פון רעקאָמענדירטע שרייבער. דאָרט האָט ער עס צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען פון א טאַלאַנטפולן יונגן העברעאישן שרייבער, פּרץ, וועלכער שרייבט אויך זשאַרגאָן.

נאָכדעם ווי ער האָט געזען זיין ערשטע פּאָעמע אין דעם פאָלקס־לשון אָפּגעדרוקט, איז פּרץ געוואָרן באַגייסטערט פאַר זשאַרגאָן און האָט געשריבן שלום עליכם'ען, אַז ער קוקט נישט אויף דער שפּראַך ווי אויף א צווייטער כלי נאָך העברעאיש, און נישט ווי אויף א פאַרמיטלונג וואָס גייט אַריבער. עס איז אין אים אויפגעגאַנגען דער באַגער, אַז זשאַרגאָן זאָל ווערן א שפּראַך, וואָס מען דאַרף פאַרמערן אירע אוצרות, אַז דער שרייבער זאָל נישט דאַרפן זאָגן: מיר איז ענג דאָס אָרט. עס האָט אין אים אויפגעפלאַקערט דער באַגער צו באַרייכערן און דערהויבן אידיש.

ער איז גיך געשטאַנען אין אַ ברייוו־אויסטויש מיט דינעזאָנען, וועלכער האָט שוין געלייענט יעדע שורה וואָס פּרץ האָט אָנגעשריבן. אינגיכן, ווען פּרץ איז ווידער אויף עטליכע טעג געפֿאָרן קיין וואַרשע אויסצושפּירן צי ער וועט זיך קענען דאָרט איינאָרדענען, האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט. פּרץ האָט אין זיין נייעם פֿריינט געפֿונען אַ יונגנמאַן מיט אַ יאָר פֿיר יינגער פֿון אים, וועלכער האָט אויף אים איבערגעלאָזט אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק.

דינעזאָן איז שוין געווען אַ באַקאַנטער מחבר. נישט לאַנג פֿריער איז ער געקומען זיך באַזעצן אין וואַרשע ביי זיין שוועסטער, וועלכע האָט געהאַט אַ געשעפֿט פֿון קינסטלעכע פֿעדערן פֿאַר פֿרויען־היט. ביי איר האָט ער פֿאַרנומען אַ קליין אַלקערל אויף נאַלעווקעס 19.

די צוויי יונגע שרייבער זענען געוואָרן מיט לייב און לעבן צוגעלאָזן איינער צום אַנדערן. זיי זענען געשוואומען אין ים פֿון געמיינשאַפֿטלעכע גייסטיקע אינטערעסן. מען האָט גערעדט נישט נאָר וועגן פּאָעזיע און אַנדערע שריפֿטן אויף זשאַרגאָן, נאָר מען איז גלייך אויך מיטגעריסן געוואָרן און מען האָט גערעדט וועגן פּלענער פֿון אַרויסגעבן פֿאַרשידענע זאַמל־שריפֿטן אין דער צוקונפֿט. דער כשוף איז געווען אַ געגנזייטיקער, און ווען פּרץ איז פֿון דינעזאָנען אַוועק מיט דעם יונגנמאַן וואָס האָט אים געבראַכט אַהין, האָט ער מיט ליבשאַפֿט געזאָגט: איך האָב שוין לאַנג נישט געזען אַזוינע טיפֿע בלאָע אויגן. דאָס איז די מידת הרחמים אַליין.

זיין נייער פֿריינט האָט זיך גלייך גענומען איינשטעלן פֿאַר אים. נאָך די טענות וואָס פּרץ האָט געהאַט צו שלום עליכם׳ען פֿאַר די ענדערונגען אין „מאָניש״, האָט שוין דער באַרדיטשעווער רעדאַקטאָר נישט געוואָלט דרוקן זיין צווייטע פּאָעמע „וואו נעם איך אַ העלד״. פֿאַרן צווייטן יאָר אָבער, האָט ער שוין באַקומען צוגעשיקט פֿון דינעזאָנען עטליכע דערציילונגען פֿון פּרצן. און גרויס איז געווען אַלעמענ׳ס פֿרייד, ווען אין צווייטן באַנד פֿון דער פֿאָלקס־ביבליאָטעק זענען געווען אָפּגעדרוקט פּרצעס דריי קורצע דערציילונגען.

דאָס האָט דעם דיכטער געגעבן אַ נייע כוואַליע פֿון דערהויבונג. אין דער צייט אָבער ווען זיינע באַציאונגען מיט שלום עליכם׳ען זענען אַלץ פֿאַרבליבן אָפּגעפֿרעמדט און דערווייטערט, האָט זיך אַלץ שטאַר־

קער אויסגעשמידט די געגנזייטיקע פריינטשאפט מיט דינעזאָנען, וועל־
כער האָט אָנגעהויבן ממש צו פאַרהייליקן אַלץ וואָס זיין נײַ־געפונע־
נער חבר האָט געשריבן. ער האָט געוואוסט, אַז די חבר׳שאַפטליכע
ליבשאַפט פון פרצן צו אים איז נישט ווייניקער שטאַרק ווי זיין אייג־
גענע. פרץ האָט אים צוגעשיקט אַלץ פון זיין געבענטשטער פעדער
און דינעזאָן האָט פון דעם געהאַט נחת.

אין דער פרנסה איז פרצן וואָס אַמאָל געוואָרן ענגער. וואָס צו טון
אין זאַמאָשטש איז מער נישט געבליבן ווי נאָר זיצן און שרייבן, אָבער
עס איז געווען ווייניק וואו דאָס אָנגעשריבענע צו לאָזן דרוקן.

די שווערע לאַגע פון זיין פריינט אין זאַמאָשטש, האָט דינעזאָנען
געדריקט גלייך ער אַליין וואָלט געווען אַז אַן אויסוועג. אַזוי טיף איז
געווען זיין ליבשאַפט צום נײַעם חבר, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס
ער איז שוין געווען אַ שרייבער מיט אַ רעפּוטאַציע, האָט ער איינ־
מאָל באַשלאָסן צו ווערן זיין חבר׳ס פאַרלעגער. אַזוי ווי פרץ האָט
אים צוגעשיקט אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט זיין פאַרערער
צוזאַמענגעשטעלט אַ ביכעלע פון דריי דערציילונגען און האָט דאָס
אַוועקגעגעבן אין אַ דרוקערײַ צום זעצן. פאַר פּסח, ווען פרץ האָט זיך
אַריבערגעצויגן קיין ווארשע און איז איינגעשטאַנען ביי זיינעם אַ
קרוב, אַדוואָקאַט פירשטענבערג, אויף דזשיקע 4, האָט דינעזאָן אים
אַריינגעשיקט אַ מתנה די גאַנצע אויפלאַגע פון זיין ערשטן ווערק
אין בוך פאָרם. דער טיטל פון דעם קליינעם ביכל איז געווען:
בעקענטע בילדער פאַן לעאָן פרץ. דאָרט איז געווען געדרוקט דער
משולח, וואָס הייסט נשמה און דער משוגענער בטלן.

פאַר אַלע וואָס זענען מיט דער קליינער אויסגאַבע געווען פאַרבונדן,
איז עס געווען אַ יום טוב׳דיקע געשעעניש. פרץ האָט זיין ערשט ווערק
געווידמעט צום כבוד פון דעם העברעאישן שרייבער אברהם יעקב
פּאַפּירנאָ, וועמען ער איז נאָך מסתמא שולדיק געווען אַ ביסל געלט
פאַר אויסהאַלטן און לערנען זיין זון. דינעזאָן האָט מיט גרוים דער־
הויבנקייט אָנגעשריבן פאַר דעם ביכל אַ פאָררעדע:

אייניקע ווערטער פונם הערויסגעבער. דאָרט האָט ער מיט גרוים
פּאַטאָס געשריבן:

דער צוועק פון דער אויסגאַבע איז דעם לעזענדען פובליקום צו געבן ביליגע ערצעהלונגען פון אונזער יודישען לעבען, אין אונזער יודישען לשון, יעדער זאָל זיי קענען קויפען, לעזען און פערשטעהן.

מיט שטאָלץ און מיט אויפקלערונג האָט ער געלאָזט וויסן:

מיר הייבען אָן מיט די נאָוועלען און בילדער פון אונזערען קאָלעגע, העררן י. ל. פרץ. הערר פרץ שרייבט נישט צו חנפ'ענען דעם גראָבען געשמאַק פון דער נידריגער קלאַסע לעזער, פערקעהרט, ער וויל איס פערפייגערען און אויסבעסערען.

ער האָט געבעטען צוטרוי ביי די געערטע לעזער, וועלכע זענען נאָך נישט געוואוינט אין אַ קליין זשאַרגאָניש ביכל עפּעס רעכטס צו געפינען. אויב דער עולם וועט קויפן די „גראָשן ביבליאָטעק", האָט דינעזאָן זיי פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט אונזער אָרעמע זשאַרגאָן ליטע־ראַטור רייכער מאַכן מיט הונדערטער אַזעלכע ערצעהלונגען.

פרץ האָט אַלץ באַדאַרפט זוכן פרנסה. די פרוי האָט ער נאָך דער־וויל געהאַט אין זאַמאָשטש, דעם זון אין פּלאָצק, און אַליין האָט ער זיך געוואַלגערט אויף דער דזשיקע גאַס און געזוכט אַ אָנהאַלט אין לעבן.

איינס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער איז איצט אַ שריפטשטעלער אויפן וועג צו ווערן באַקאַנט אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט, וואו אידן רעדן די פאָלקס־שפּראַך.

# כד

## אַ רייזע אין דער אומשטערבלעכקייט

די נויט און די אומצופרידנקייט האָבן אים געדריקט. ביי פּירש־טענבערגן האָט ער בלויז געקענט טון די אַרבעט, וואָס ביי זיך אין זאַמאָשטש האָט ער זי איבערגעגעבן צו אַ סעקרעטאַר. אַ ביסל שפּע־טער, ווען דער גוטער אַדוואָקאַט האָט אויסגעפונען, אַז ער קען זיך אויף דעם זאַמאָשטשער געהילף פאַרלאָזן, האָט ער אים איבערגעגע־בן פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון אויספאָרשונגען און אויך די באַאַרבעטונג פון געריכטלעכע ענינים. אַליין צו ווערן אַן אַדוואָקאַט אין וואַרשע, האָט פּרץ אַפילו נישט געקענט חלום'ען. דאָ זענען געווען אַזעלכע באַרימטע פּריוואַט־אַדוואָקאַטן ווי איטשעלע ראָזענבלאַט, יוסף ראָזענטאַל, ש. אַדעלבערג. ער איז געווען באַוועלטיקט פון אַ געפיל פון חרפּה, וואָס ער האָט נישט געקענט שיקן קיין געלט צו זיין ווייב און האָט דערווייל גאַרנישט געקענט איינצאָלן אויף זיינע חובות.

דאָך האָט ער זיך געפילט דערפרישט און דערהויבן אין דער מער וויניקער ליטעראַרישער אַטמאָספערע אין וואַרשע. ער האָט זיך אויפסניי באַקענט מיט דער שטאָט. אויף לאַנגע שפּאַצירן האָט ער זי ווידער אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט אָפט־מאָל ווי פאַר'גנב'עט געכאַפּט אַ פּלינקן שפּאַציר אין קראַשינסקי'ס גאָרטן צו זען צי ער קען דאָרט געפינען די אַמאָליקע פּנימ'ער אויף דער השכלה־באַנק. און כאָטש ליכטענפעלד איז שוין עטלעכע יאָר געווען טויט און ווי אינגאַנצן פאַרגעסן, האָט אָבער פּרץ, פאַרביי־גייענדיק דאָס הויז מיט דעם בוידעם־שטיבל אויף די נאַלעווקעס, געטראַכט וועגן דעם ביסל גוטס, וואָס ער האָט פון אים גע'ירשנ'ט.

דורך אים האָט ער סוף כּל סוף געזען זיינע ערשטע שירים געדרוקט, און נאָך אַלעמען האָט ער אים געהאַט צו פאַרדאַנקען וואָס ער האָט זיך גענומען לערנען דעם קאָדעקס און האָט אויסגעהאַלטן דעם עק־זאַמען אויף אַדוואָקאַט.

זיין ערשט ביכל מיט די דריי דערציילונגען: דער משולח, וואָס הייסט נשמה, דער משוגענער בטלן, האָט אים מער ווי אַלץ געגעבן אַ געפיל, אַז ער איז טאַקע געוואָרן אַ שריפטשטעלער. די איינציקע צרה איז געווען, וואָס מען האָט דערוויל פון דעם נישט געקענט ציען קיין פּרנסה. דאָך איז אים דינעזאָן געווען אַ טרייסט פאַרן האַרץ. צוליב אים האָט ער איצטער עפּעס אַרויסגעלאָזט פיל מער חשק געשריבן. ער איז געווען צייטיק און פול אָנגעלאָדן מיט די איבערלעבונגען און באַאָבאַכטונגען פון היימישן שטעטל. ער האָט שוין געהאַט טיף אין זיך איינגעזאַפּט די אידישע פאָלקסטימליכקייט, חכמה און לעבנס־שטייגער. עס האָבן אים נאָכאַנאַנד אויפגעבליט אין זכרון די בולט׳ע געשטאַלטן פון אַלערליי אידן און באַזונדערס פון צאַרטע פרויען.

ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט די סאַמע טיפענישן פון היימישן לעבן. ער האָט געקענט די גאַס, די געוועלבער, די הייזער, אַלע פריי־דיקע און טרויעריקע דערשיינונגען. ער האָט געקענט דעם אידישן בעל מלאכה, דעם הענדלער, זייערע ווייבער און קינדער. דאָס אַלץ האָט איצט געלעבט אין אים ווי צייטיקע עפּל, וואָס זענען גרייט אַראָפּ־צופאַלן פון בוים.

אין דער צייט האָט ער זיך אויך באַמיט צו ווערן טעטיק אין גע־זעלשאַפטליכן לעבן. ער איז גלייך געוואָרן אַ טיכטיקער טוער אין דער חברה „שפה ברורה״, פאַר וועלכער ער האָט פיר אַ זייגער יעדן שבת געהאַלטן פאָרלעזונגען אין גאָלדפלום׳ שול אויף נאַלעווקעס 41 ביי מוראַנאָוו. פון דער חברה איז ניימאַנאָוויטש, דער באַקאַנטער שריי־בער הנ״ץ, געווען דער פאָרזיצער, און פרץ איז אינגיכן געוואָרן דער סעקרעטאַר.

זיינע רעפעראַטן האָט ער געהאַלטן אויף העברעאיש און האָט גע־רעדט וועגן די פאַרשידענע געשעענישן און פּראָבלעמען פון טאָג. האָט ער אַמאָל גערעדט וועגן השכלה, האָט ער די פראַגע אַרומגערעדט פון אַלע זייטן און זי גרינטליך אויסגעשעפּט. האָט ער גערעדט וועגן

ארץ ישראל, זענען די מיטגלידער פון דער חברה געוואָרן אויף אים אויפגעבראַכט און אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז צו פריידענקעריש. און איז זיין טעמע געווען די העברעאישע ליטעראַטור און דאָס אידי־שע פאָלק, האָבן די סטודענטן אויסגעשטעלט מויל און אויערן. וואָס זיין טעמע איז אָבער געווען, האָט זיין יונגער ענטוזיאַסטישער עולם פון סטודענטן און גימנאַזיסטן סיי ווי שטענדיק באַוואונדערט זיין שיינעם געטאַקטן העברעאיש, זיין פייערדיקן שטייגער רעדן און זיינע בליציקע באַלייכטונגען. איז דורך אַ צופאַל געקומען אַ צו קליינער עולם, האָט ער זיך געקענט איינעקשנ׳ען און איינגאַנצן נישט האַלטן זיין רעפעראַט.

איז פאַרגעקומען אַן אוונט פאַר די סטודענטקעס וואָס האָבן זיך געלערנט העברעאיש, האָט פּרץ דאַמאָלס געהאַלטן זיין רעדע אין פּויליש און האָט גערעדט פאַר קאָסמאָפּאָליטיזם און געגן חיבת ציון. נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט זיינע קעגנער, האָט ער זיך אוועק־געלאָזט טאַנצן מיט די מיידלעך.

צווישן די סטודענטן אין שול איז געווען איינער אַ נידעריקער מיט באַוועגליכע שוואַרצע אויגן און מיט אַ שטילן באַשיידענעם אַרט רעדן. ער איז איין שבת פאַרנאַכט פאַרבליבן אַ ביסל שפּעטער און האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם לעקטאַר. מעדיציין האָט דער יונגער־מאַן שטודירט. זיין נאָמען איז געווען גרשון לעווין און ער איז געווען אַ לובלינער. צווישן די צוויי האָט זיך פאַרקנופּט אַ פריינטשאַפט, וואָס איז מיט די יאָרן געוואָרן אינטימער און איבערגעגעבענער. אינגיכן האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען און האָבן אָפט פאַרבראַכט לוסטיקע אָוונטן אין די אויפגייענדיקע נאַציאָנאַל־אידישע געזעלשאַפטליכע קרייזן. דאָרט האָט ער געשלאָסן פיל נייע באַקאַנטשאַפטן, וואָס האָבן אים געגעבן צעשטרייאונג, פאַרווייַלונג, גייסטיקן אינטערעס און האָבן אים געהאָלפן דערגרייכן בעסערע מעגליכקייטן אין דער גרויסער שטאָט.

פאַר זיינע שווערע טעג פון מאַטעריעלער אַנטווישונג האָט ער געזוכט אַ קאָמפּענסאַציע אין די פרייע שעה׳ען פון אָוונט. אין אַ קורצער צייט, האָט ער וויניקסטנס געזעלשאַפטליך דערגרייכט צו זיין דער מאַגנעטישער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט אין דער איינ־

טעליגענטער, ניי־אידישער געזעלשאַפט. דאָס איז געווען אויף די צויבערליכע שבת־צו־נאַכטסן ביי דר. שלמה מינץ, אויף טוואַרדע 20.

יענע גייסטרייכע, לעבהאַפטיקע און דערהויבענע אָוונטן זענען געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון די אידישע סאַלאָנען אין בערלין פון אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער, ווען די כישוף׳דיקע באַהערשערין אין דער הויכער אידישער געזעלשאַפט איז געווען רחל וואַרנהאַגען, מיט איר אָפּענער היים פאַר משה מענדעלסאָן, שלעגעל, טיעק, ווילהעלם פאָן הומבאָלדט און אַנדערע גרויסע גייסטער פון דער עפּאָכע.

אויך ביים דר. מינץ איז געווען אַן אויפגייענדיקע געזעלשאַפט פון קלוגן וואָרט, פון בליציקן שמועס, פון קינסטלערישן אויסדרוק, פון לוסטיקע טענץ, שפּעטע מאָלצייטן און אינטימע און האַרציקע פריינט־שאַפטן, וואָס האָבן אָפט פאַרבונדן מענטשן אויפן לעבן לאַנג.

דאָרט האָט מען געהערט געזאַנג, מוזיק, גוטמוטיקן שפּאַס און געפּילפּולע געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור און קונסט. די געסט זענען צווישן אַנדערע געווען נחום סאָקאָלאָוו, דר. שמואל שענהאַק, דר. לעבענסבוים, דר. פרענקעל, יוזעף שפּאַק, אַ לוסטיקער טענצער, די פרויען פון די דאָקטוירים, אַ פרוי שמידעבערג, וועלכע פלעגט שפּילן קלאַסישע מוזיק אויף דער פּיאַנאָ, אַ פּאָר משכילים פון וואַרשע. פלאַצק און זאַמאָשטש, עטליכע סטודענטן און סטודענטקעס, מערסטנס פון אויסלענדישע אוניווערסיטעטן, און צווישן זיי אַלעמען האָבן געשיינט פּרץ און דינעזאָן. אַלע צוזאַמען האָבן מיט זיך פאַרגע־שטעלט די ערשטע סאַלאָן־אָוונטן פון דער אידישער אינטעליגענץ אין וואַרשע.

די גאַנצע געזעלשאַפט האָט גערעדט פּויליש, נאָר ווען אימעצער האָט אַריינגעוואָרפן אַ אידיש וואָרט, האָט מען עס אָנגענומען גוט־מוטיק. אַמאָל האָט מען זיך געקענט דערלויבן צו דערציילן אַ וויץ אין אידיש, פון וועלכן דער עולם האָט האַרציק געלאַכט, באַזונדערס ווען סאָקאָלאָוו האָט דעם שפּאַס דערציילט.

אָפטמאָל איז אַזאַ אָוונט פאָרגעקומען ביי יאַנקל קאָרנגאָלד, וועמען פּרץ האָט געקענט פון זאַמאָשטש. מיט דער צייט האָבן די אָוונטן זיך פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע הייזער.

פרץ האט אין יענער געזעלשאפט גיך פארנומען דעם אויבנאן. מיט זיין רייצנדיקער פערזענליכקייט, מיט זיין שארפזין און בליצארטיקן וויץ, איז ער געווארן די אקס ארום וועלכער עס האבן זיך געדרייט די געשפרעכן. ער האט צוגעצויגן מענטשן צו זיך, כאטש ער איז געווען א מייסטער אפצולאכן פון מענטשן און זאכן. מען האט אים גוטמוטיק אנגענומען און קיינער האט אויף אים קיין פאראיבל נישט געהאט. אלצאיינס וואס פאר א געזעלשאפטליכע פראגע מען האט נישט באהאנדלט, איז פרץ געווען קלאר אין איר און האט מיט גרוים לעבהאפטיגקייט אנטייל גענומען אין דער דיסקוסיע, געוויינליך מיט אן אריגינעלער מיינונג. דערביי איז שטענדיק געווען קלאר און לויטער זיין עניוות. ער האט זיך געהאלטן איינפאך, האט קיינעם נישט אנגעווארפן זיין מיינונג און זיינע לאכנדיקע אויגן האבן געוויזן, אז עס איז נישט געווען אין אים קיין גאוה.

אויך ביים שפעטן מאלצייט האט פרץ געבליצט מיט זיין שארפזין און טעמפעראמענט. ער איז געווען אומעטום, אין אלע ווינקלען און ביי אלע גרופן. ער איז געווען דארט וואו נחום סאקאלאוו האט פארויכערט א ציגאר און האט ווי א געניטער דיפלאמאט אנטפלעקט סודות פון וועלט־פאליטיק פאר א קרייזל נייגעריקע וואס האבן אים ארומגערינגלט. ער האט זיך א ווייל צוגעקוקט ווי דער לאכנדיקער דר. לעבענסבוים מיט דעם שווייגנדיקן דר. שענהאק האבן זיך פארטיפט אין א שאך־שפיל. ער האט מיטגעלאכט ווען דר. פרענקל האט דערציילט קאמישע עפיזאדן פון זיין פראקטיק אין דער חברה און אלע ארום האבן זיך געהאלטן ביי די זייטן לאכנדיק. און ווען די סטודענטן האבן גענומען טאנצן צו דער פרוי שמידבערג׳ס פיאנאקלאנגען און יעקב דינעזאן האט זיך שטילערהייט אפגעזעגנט איז פרץ פארבליבן און האט מיט פיל לעבנסלוסטיקן חשק דורכגעטאנצט א וואלץ.

שפעטער, ווען ער האט זיך מיט א סטודענט פארטיפט אין א געשפרעך וועגן ליטעראטור און דער פרייליכער יוזעף שפאק האט אנגעהויבן זאמלען פארן פאר א קאנטרעדאנס, האט פרץ מיטגעטאנצט כדי אז עלטערע פרייליין זאל זיך נישט פילן באליידיקט.

יענע סאַלאָן־אָוונטן האָבן אים געגעבן אַ מער זיכערע שטעלונג אין דער געזעלשאַפּט, וועלכע ער האָט שפּעטער, מיט דינעזאָנ׳ס הילף, געוואוסט ווי אויסצונוצן פאַר זיינע ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו קומען צו אַזאַ אָוונט. ער איז שטענדיק געווען פריש און באַגייסטערט און האָט הויך און קלאָר געלאָזט וויסן ווי ער שטייט אין יעדער פראַגע. אַזוי איז ער ביי אַלעמען געוואָרן אַ צענטער פון אינטערעס.

געדריקט האָט אים וואָס ער האָט נישט פאַרדינט גענוג. ווען ער זאָל נאָר קענען אַ ביסל פּטור ווערן פון די חובות! פירשטענבערג האָט אים געגעבן גענוג אַרבעט, אָבער נישט גענוג באַלוינונג. די פּען האָט אים נאָך דערוויל גאָרנישט אַריינגעבראַכט. ער איז כסדר געווען געצוואונגען צו זוכן נייע פאַרדינסטן.

עפּעס האָט אים פּלוצים אויפגעלויכטן, ווען ער האָט זיך דערוואוסט אַז יאַן בלאָך, אַ באַקאַנטער פילאַנטראָפּ, האָט אָרגאַניזירט אַ סטאַטיסטישע עקספּעדיציע אויסצופאָרשן דאָס לעבן פון די אידן אין די פּוילישע שטעטלעך. פּרץ האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַראינטערעסירט.

בלאָך איז געווען אַ ביישפּילהאַפטער אויסדרוק גלייכצייטיק פון אידישער גרויסקייט און פון אידישער צושפּאָלטנקייט אין גלות. ער איז געווען אַ מערקווירדיק דינאַמישע פיגור וואָס האָט אין זיין צייט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין אַלגעמיינעם לעבן פון רוסלאַנד און באַזונדערס אין אידישן לעבן. בלאָך איז געווען אַ געבוירענער אין ראַדאָם. דער פאָטער האָט געשטאַמט פון לאָמזשע און איז געווען אַ פאַרבער ביי טליתים. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר זעכצן, איז בלאָך געקומען קיין וואַרשע, וואו ער האָט געענדיגט אַ טעכנישע שול און האָט געאַרבעט אין אַ באַנק. שפּעטער איז ער מיט דער פּראָטעקציע פון אַ גענעראַל טיסענהאַוז אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט זיך דאָרט גע׳שמד׳ט און האָט זיין נאָמען יאַן גאָטליב בלאָך פאַררוסישט אויף איוואַן סטאַניסלאַוואָוויטש בליאָך. אין זיין גרינטליכער אַסימילאַציע, האָט ער אויף דייטש זיך גערופן יאָהאַן און אויף פראַנצויזיש זשאַן דע בלאָש.

נאָכדעם ווי בלאָך האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוועסטער פֿון דעם וואַרשעווער באַנקיר קראָנענבערג, האָבן די צוויי שוואָגערס געשלאָסן רעגירונגס קאָנטראַקטן צו בויען אייזנבאַנען אין רוסלאַנד. בלאָך איז געוואָרן נישט נאָר אַ רייכער מענטש, נאָר אויך איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע עקאָנאָמיקער אין רוסלאַנד און האָט פֿאַרעפֿנטליכט אַ רייע וואָגיקע ביכער וועגן אייזנבאַנען און אַנדערע העכסט וויכטיקע ווערק פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין פֿיל בענדער. זיינע ווערק האָבן אים פֿערזענליך דערהויבן, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע איןווירטשאַפֿטליכן לעבן פֿון רוסלאַנד, זענען איבערזעצט געוואָרן אין פֿראַנצויזיש, ענגליש, דייטש און פּויליש און האָבן אים געבראַכט גרויסע אויסצייכנונגען. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער פֿאַרעפֿנטליכט אַ ווערק אין רוסיש „די צוקונפֿטיקע מלחמה”, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט. דאָס ווערק האָט באַגייסטערט צאַר ניקאָלאַי ארויסצוגעבן זיין באַרימטע פֿרידנס־דעקלאַראַציע, וועלכע האָט ביים סוף פֿון פֿאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט געפֿירט צו דער קאָנפֿערענץ אין האַג. טראָץ דעם וואָס ער איז געווען גע׳שמד׳ט, האָט בלאָך נאָך די ערשטע פּאָג־ראָמען אין רוסלאַנד צוגעשטעלט דער רעגירונג אַ גרויסע עקאָנאָ־מישע סטאַטיסטיק צו פֿאַרטיידיגן די רוסישע אידן. ער האָט אויך ארויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין דער כלל־אַרבעט פֿון באַראָן דע הירש. ער האָט אפֿילו געטראַכט וועגן שיקן זיינעם אַ פֿאַרטרע־טער קיין אַרגענטינע. נישט קוקנדיק אויף זיין שמד איז בלאָך אויך דאָס גאַנצע לעבן פֿאַרבליבן אַ געטרייער איד. די צוואה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט זיין קריסטליכער משפּחה, הויבט זיך אָן מיט די ווער־טער: „מיין גאַנץ לעבן בין איך געווען אַ איד און איך שטאַרב ווי אַ איד”.

אין דער צייט ווען פּרץ האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע, איז באַ־קאַנט געוואָרן אַז בלאָך זוכט צו באַווייזן דער צאַרישער רעגירונג, אַז די אידישע פֿאָלקס־מאַסן זענען אַ נוצליכער עלעמענט, אַז זייער רעכט־לאָזיגקייט איז נישט באַרעכטיקט און זייער לאַגע דאַרף פֿאַרלייכטערט ווערן. ער איז פֿאַר דעם צוועק געקומען צו פֿאָרן פֿון פּעטערבורג, וואו ער האָט דאַמאָלס געוואוינט, האָט צוזאַמענגערופֿן כלל־טוער און פֿאַר־געלעגט אַן אויספֿאָרשונג וועגן די אידן אין פּוילן, זייער מאַטעריעלן

און גייסטיקן מצב, זייערע באַשעפטיגונגען, מלאכות און פּרנסות. ער האָט געגעבן דערפאַר אַלע נויטיקע מיטלען, האָט געעפנט ביי זיך אין הויז אַ שטענדיקע ביוראָ, האָט אַנגעשטעלט סעקרעטאַרן און באַאַמטע און האָט אָרגאַניזירט דעם גאַנצן אַרבעטס־פּלאַן. ער האָט געשאַפן אַן עקספּעדיציע, וואָס זאָל זיך אַרויסלאָזן איבער די אידישע שטעטלעך אויסצופאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן. די עקספּעדיציע האָט געעפנט איר צענטראַלע ביוראָ אין וואַרשע, אויף ראָג מאַרשאַלקאָווסקע און קרולעווסקע גאַס. גלייכצייטיק איז אַ צאָל יונגעלייט אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער פּראָווינץ צו מאַכן פּער־זענליכע אונטערזוכונגען און צו שיקן באַריכטן.

נחום סאָקאָלאָוו, דאַמאָלס רעדאַקטאָר פון הצפירה, האָט גענומען אויף זיך די אויספאָרשונג פון ערד־אַרבעט ביי די פּוילישע אידן. אויך אַנדערע אידישע שרייבער און אַ צאָל סטודענטן זענען געווען באַ־שעפטיקט ביי די אויספאָרשונגען. אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון דעם פּריוואַט־אַדוואָקאַט און פאָלקלאָריסט ש. אַדעלבערג, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין ווערק וועגן פּוילישע שפּריכווער־טער, איז פּרץ אַנגעשטעלט געוואָרן אין דער עקספּעדיציע.

צוערשט האָט פּרץ געאַרבעט אין דער וואַרשעווער ביוראָ, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע סטודענטן אויסצוסאָרטירן די אַריינ־געשיקטע פראַגע־בויגנס. נאָך עטליכע חדשים האָט פּרץ מיטגענומען זיין זון לוציאַן און דעם סטודענט גרשון לעווין און האָט זיך אַרויס־געלאָזט אין די שטעטלעך אַליין אויספרעגן די אידישע באַפעלקערונג און פּערזענליך מאַכן אויספאָרשונגען ווי אידן לעבן. די ענטפערס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע, געוויינליך מיט פּערזענליכע צושריפטן פון די אויספאָרשער. פּרצעס צושריפטן האָבן שטענדיק אַרויסגערופן שטורעמדיקע רייד, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דער וואַרשעווער ביוראָ. מען איז געווען שטאַרק מיט אים אָדער נאָך שטאַרקער געגן אים.

איינעם אַזאַ אַרויספאָר האָט פּרץ געמאַכט צוזאַמען מיט סאָקאָלאָוון. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט מיט דער אַרבעט. סאָקאָלאָוו האָט גענומען אויף זיך רבנים, חסידים, משכילים און בית מדרש בחורים. פּרץ איז געווען דער ספּעציאַליסט אויף ענינים פון ער און זי, מאַן

און ווייב, אויף די פירונגען פון די פאָלקס־מאַסן און אויף געריכט־ליכע אָנגעלעגנהייטן, ווייל ער איז דאָך פריער געווען אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט. אַפּיציעל האָבן זיי פאַר בלאָכן באַדאַרפט געפינען די אידישע פּויערים, די לעצטע אידישע קאָלאָניסטן אין פּוילן, צו באַווייזן אַז אידן פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. אין דער אמת'ן אָבער האָבן די צוויי יונגע חברים שרייבער אַרומגעוואַנדערט איבער דעם אידישן וועלטל, האָבן אָפּגעפרישט זייערע זכרונות פון די קינדעריאָרן און האָבן זיך פאַרטיפט אין נייע איינדרוקן פון אידישן לעבן.

אויף יענער פאָרשונגס־רייזע פלעגט דער דיכטער פּרץ אָפּטמאָל ווערן אויפגעצאָרנט פון דעם וואָס ער האָט אין אידישן פאָלקס־לעבן געזען און געהערט. דאָס טיפערע און גרעסערע געפיל פון פיין פאַרן ברייטן פאָלק האָט אין אים אויפגעוואַכט. דער צאָרן האָט אָפטמאָל אויפגע־פלאַקערט, איז אָבער אויך גיך און הילפלאָז פאַרלאָשן געוואָרן. אַזוי האָט ער געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, ווי אַ מין אידישער דאָן קיכאָט.

אין זיין קורצער פעלערינע און מיט די געדיכטע וואָנצעס איבער די דיקע ליפּן, האָט ער אויסגעזען אַ ביסל ווי דער פילאָזאָף ניטשע און אַ ביסל ווי גאָגאָל'ס העלד טאַראַס בולבאַ. מיט זיין אויסזען פלעגט ער אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די אידן אין די שטעטלעך. אידן האָבן נישט געקענט פאַרשטיין אַזאַ בגד ווי די פעלערינע. אַזוי ווי דאָס האָט נישט קיין אַרבל, האָט עס אויסגעזען, אַז דער מענטש טראָגט בלויז אַ משא, איז דערפאַר געווען אַ קשיא צי מען מעג דאָס טראָגן אום שבת. די פּראָווינצער אידן האָבן יעדנפאַלס זיך געשראָקן פאַר דעם אויסגעפּוצטן אידישן פּריץ, פאַר דעם מענטש אין דער פעלערינע.

פּרץ איז אָבער ליב געווען זיין אַרבעט. ער האָט שוין פאַר דעם גע'חלומ'ט צו באַקענען זיך מיט דעם אידישן לעבן אין דער פּראָווינץ, מיט די אָרעמע שטיבלעך, וואו די אידישע בעל מלאכות וואוינען. ער האָט הנאה געהאַט כאָטש מען האָט אויף אַלע זייטן געקוקט אויף אים מיט חשד. מיט זיין גאַנצן פרעמדן אויסזען האָבן די אידן זיך צוגעוואוינט צו אים און זענען מיט אים געוואָרן

היימישער, ווייל כאָטש ער האָט אויסגעזען פּויליש, האָט ער פונ־דעסטוועגן גערעדט מיט זיי אידיש.

אויף דער רייזע האָט ער טיף איינגעזאַפּט אין זיך דאָס טראַגישע און דאָס דערהויבנסטע פון אידישן לעבן. און נאָכדעם ווי ער איז צוריק געקומען קיין וואַרשע און האָט אָפּט מיט פּיין דערציילט וועגן דער טראַגישער אָרעמקייט, פלעגט ער טיף גערירט צוגעבן, אַז ער האָט געפונען שיינע נשמות, גרויסע נשמות.

דער גרויסער און טראַגישער איד איוואַן בלאָך, האָט מיט זיין סטאַטיסטישער עקספּעדיציע נישט דערגרייכט פאַר זיינע ברידער אידן די הילף וואָס ער האָט פאַר זיי געזוכט ביי דער צאַרישער הערשאַפט, אָבער אומגערנווייליק האָט ער גליקליכערווייז געהאָלפן אַרויסברענגען די קינסטלערישע נשמה פון פּרצן.

ווען די עקספּעדיציע איז געווען פאַרענדיקט און פּרץ איז געווען צוריק אין וואַרשע, האָט ער אָנגעשריבן זיינע „בילדער פון אַ פּראָ־ווינץ רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט".

אין ליכט פון דעם וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ, איז דאָס געווען זיין רייזע אין דער אומשטערבליכקייט.

# III

# כה

## ניין ביז דריי

דער פֿרילינג אין וואַרשע האָט אים דערהויבן און געוועקט צו שעפּערישקייט. עס זענען געווען די אַפּריל און מאַי טעג, ווען אויף די פֿריש באַשפּריצטע גאַסן באַווייזן זיך די זיצנדיקע בלומען־פֿאַרקויפֿערינס מיט זייערע קוישלעך פֿיאַלקן, נאַרציסן און נעלקן.

ער האָט געשלאָסן נייע באַקאַנטשאַפֿטן און האָט זיך בעסער איינגעגלידערט אין געזעלשאַפֿטליכן לעבן. דאָך האָט ער נאָך אַלץ געוווינט אויף דזשיקע 4, וואו ער האָט שוין אפילו געהאַט מיט זיך זיין יונגן זון, די פֿרוי אָבער האָט ער נאָך אַלץ נישט געקענט אַריבערברענגען קיין וואַרשע. גלייך נאָך פּסח, ווען עס איז באַשטימט געוואָרן אַז ער וועט אַרויספֿאָרן פֿאַר דער עקספּעדיציע אויף דער פּראָווינץ, האָט ער געדונגען אַ זומער־וואוינונג אין יוזעפֿינע, הינטער מאַנקעטאָוו, וואוהין ער איז נאָך דער פּראָווינץ־רייזע געקומען מיט לוציאַנען.

אין פֿרייער צייט האָט ער אַ סך געשריבן און האָט זיך אָפּט אַריינגעכאַפּט אין שאַפּיראָ׳ס בוכהאַנדלונג, וואו עס זענען שטענדיק אָנגעגאַנגען היציקע שמועסן וועגן ליטעראַרישע ענינים. דער הויפּט־העלד און אַטאַריטעט אין דעם שאַפּיראָ קרייז איז ביז דעמאָלט געווען דוד פֿרישמאַן, אויף וועמען מען האָט שוין געקוקט ווי אויף אַ שטרענגן קריטיקער. זיינע מיינונגען האָט זיך קיינער נישט אונטערגענומען צו ווידערשפּרעכן. פֿאַר זיין מויל מיטן דייטשמערישן אידיש, פֿאַר זיין שאַרפֿער פּען האָט מען זיך געשראָקן. מען האָט זיך צוריקגעהאַלטן פֿון דעבאַטירן מיט אים.

פּרץ האָט זיך אין יענע טעג באַוויזן אין שאַפּיראָ׳ס בוכהאַנדלונג, וואו ער האָט פּלוצים געווירקט אויפן קרייז מיט דער קראַפט פון אויפרייס־שטאָף. ער איז דאָרט גלייך געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער. נישט נאָר האָט ער געהאַט דעם מוט צו פאַרפירן דעבאַטעס מיט פרישמאַנען, נאָר ער פלעגט אָפּטמאָל אויסדריקן אַ פאַרקערטע מיינונג. מיט לאָגיק, מיט טעמפּעראַמענט, אָפט מיט שאַרפן וויץ און מיט בייסיקן סאַרקאַזם האָט ער באַקעמפט פרישמאַנס מיינונגען. דאָס זענען איינגנטליך געווען פרישמאַנס אייגענע פאַרשפּיצטע וואָפן, אָבער ביי פּרצן זענען זיי געווען שאַרפער און בליציקער. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָ שטייען זיך אַנטקעגן צוויי שאַרפע מוחות אין אַן אייביקן קאַמף.

אין דער צייט ווען ער האָט געוואונען אַלץ מער נייע אַנהענגער אין שאַפּיראָס בוכהאַנדלונג, האָט פּרץ געזוכט צו באַרעכטיקן און צו פאַרדינען זיין נייע רעפּוטאַציע פון אַ ליטעראַרישן פירער. ער האָט כסדר געזוכט תכלית און דערגרייכונגען. אַ חוץ די שבת׳דיקע רעדעס אין שול פאַר דער חברה „שפה ברורה”, האָט ער צוזאַמען מיט די־נעזאַנען געלערנט אָרעמע קינדער העברעאיש. ער האָט זיך אַלץ טיפער אַריינגעלעבט אין זיין הויפּט־אידעע צו פאַרשפּרייטן בילדונג און קולטור צווישן די אידישע פאָלקסמאַסן. ער האָט איינגעזען די וויכ־טיגקייט פון קומען אָפט אין די קרייזן פון דער אַסימילירטער אידי־שער אינטעליגענץ, פאַר וועמען ער פלעגט פאַנאַנדערוויקלען זיינע פּלענער ווי צו פאַרשפּרייטן פאָלקס־בילדונג.

ווען ער איז געווען צוזאַמען מיט דינעזאָנען האָט ער געבויט שלעס־סער אין דער לופטן פאַר אַ נייער אידישער ליטעראַטור. אין זייערע חבר׳שאַפטליכע געשפּרעכן זענען אויפגעקומען אַלערליי פּראַקטישע פּלענער צו שאַפן זשורנאַלן, זאַמלביכער, פאַרלאַגן, וואָס זענען סוף כל סוף אויסגעקומען פאַנטאַסטיש. אָבער זיי זענען ביידע געווען פינאַנציעל מאַכטלאָז עפּעס אויפצוטאָן.

פּרצעס פּראַקטישער אידעאַליזם האָט אים אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז דער איינציקער אויסוועג צו פאַרווירקליכן זיינע פּלענער איז צוזאַמען צו ברענגען זיינע געפּלאַנטע אויפטואונגען מיט דער וועלטליכער פּראַקטישקייט פון דער אַסימילירטער אינטעליגענץ.

ער האָט נישט פאַרגעסן דאָס ביטערע געפיל וואָס עס האָט אים געגעבן שלום עליכם, ווען ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו מאַכן ענדערונגען אין זיין ערשט־געדרוקטער פּאָעמע „מאַניש״. דער וועג ווי זיך אויסצוהיטן פון אַ רעדאַקטאָרס פּען און קומען צום לעזער מיטן אָריגינעלן וואָרט, איז אַליין צו זיין דער אַרויסגעבער פון אייגע־נעם ווערק. דאָס האָט ער גוט נאָכגעטראַכט און באַשלאָסן אַזוי צו האַנדלען.

אין לאַנגע שמועסן מיט דינעזאָנען, האָט ער אויסגעפּלאַנט מיט אַלע מעגליכקייטן אַליין אַרויסצוגעבן זאַמלביכער. איידער ער האָט נאָך געוואוסט ווי אַזוי ער וועט זיין פּלאַן פינאַנציעל צוזאַמענבררענגען, האָט ער אינטענסיוו געשריבן און איבערזעצט און צוזאַמענגעקליבן מאַטעריאַל ביי שרייבער. מיט אַ בליק אויף דער צוקונפט האָט ער געפּיילט און געשליפן נייע קורצע דערציילונגען און באַארבעט אַר־טיקלען פון פּאָפּולערער וויסנשאַפט.

אויף די לוסטיקע געזעלשאַפטליכע אָוונטן ביי דר. מינץ, ביי יאַנקל קאַרנגאָלד און אין אַנדערע הייזער, האָט פּרץ אינמיטן פון זיין טאַנצן און לוסטיקן פאַרברענגען צווישן דער פּויליש רעדנדיקער אינטע־ליגענץ פּאָפּולער געמאַכט זיין געדאַנק וועגן דער נויטווענדיגקייט פון בילדונג פאַר די פאָלקסמאַסן. ער האָט געוואוסט, אַז דער געדאַנק וועט איבערגעווינען די אידן פון משה׳ס גלויבן איינצושטימען צו זאַמלביכער אין זשאַרגאָן.

אין דער אייגענער צייט האָט אים אומאויפהערליך געעגבערט דער געדאַנק וועגן פּרנסה. ער האָט געהאַט אַ ברייטע, פרייגעביקע נאַטור, אָבער ווי האָט ער געקענט זיך פאַרגינען צו זיין פרייגעביק, ווען ער האָט נישט פאַרדינט און איז נישט געווען איינגעאָרדנט.

נאָך ווען ער האָט געוואוינט אין דעם קליינעם צימערל אויף דער דזשיקע גאַס, האָט ער זיך שוין באַליבט געמאַכט מיט זיין גאַסט־פריינטליכקייט. סטודענטן זענען ביי אים טיילמאָל איבערגעשלאָפן. ער איז שטענדיק געווען אַקטיוו און קוועקזילבערדיק. ווי ווייניק ער האָט פאַרדינט, האָט ער זעלטן אַרויסגעוויזן זאָרג פאַרן מאָרגן. ער איז שטענדיק געווען לעבנסלוסטיק און לאַכנדיק. איז קיינמאָל נישט געווען געלטגייציק און האָט נישט געפירט קיין חשבונות. אין

זיין קליין שטיבל פלעגן זיך צוזאַמענקומען יונגעלייט, וואָס האָבן געדורשט נאָך זיין מיינונג. ער האָט ליב געהאַט מענטשן, וואָס זענען דורכפאַרנדיק וואַרשע, געקומען אים זען. וואָס ער האָט פאַרמאָגט, עסן, קליידער, דאָס האָט מען געקאָנט ביי אים נעמען.

איצט, ווען ער האָט שוין געהאַט זיין פרוי און זון אויף דער זומער־וואוינונג ביי וואַרשע, איז עס געוואָרן אַ דרינגליכע נויטווענדיגקייט צו האָבן אַ וואַסער עס איז שטענדיק פאַרדינסט.

זיינע פריינט האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאָרגן וועגן אים און איינמאָל, ביי איינעם פון די געזעלשאַפטליכע דאָנערשטאָגס איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז מען דאַרף זען פאַר פרצן קריגן אַ שטעלע אין דער גמינע, אָדער ווי מען האָט עס אַ ביסל חוזק'דיק גערופן אויף אידיש, אין קהל־שטיבל. ביים אַדוואָקאַט קליינערמאַן אין הויז, וואו פרץ האָט פאָרגעלייענט איינע פון זיינע נייע דערציילונגען, איז באַשטימט געוואָרן ווער עס זאָל זיך וועגן דעם באַמיען. עס זענען געווען מיינונגען, אַז די גמינע נויטיקט זיך גאָר אין אַזאַ מענטש ווי פרץ. די אַטמאָספערע איז דאָרט צו שטייף פאַר דער איינפאַכער וואַרשע־ווער באַפעלקערונג. אַ מענטש ווי פרץ, וועלכער איז אַזוי באַקאַנט מיט דעם אידישן לעבן, וואָלט אַריינגעבראַכט אַ היימישן טאָן און אַ נענטערע באַציאונג צו די מענטשן וואָס ווענדן זיך טאָג־טעגליך אין דער גמינע.

דורכצוברעכן די אַסימילאַטאָרישע וואַנט און אויסצואווירקן אַ שטעלע פאַר פרצן האָבן גענומען אויף זיך נחום סאָקאָלאָוו און יאַנקל קאָרנגאָלד. זיי זענען אַוועק צו קאָרנגאָלד'ס עלטערן ברודער, ליבער קאָרנגאָלד, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ צאָל הייזער און איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער אין דער גמינע פאַרוואַל־טונג. ליבער קאָרנגאָלד האָט גערעדט פויליש מיט אַ געדיכטן אידישן אַקצענט, איז אָבער געווען אַ גרויסער פאַטריאָט פון וואַרשע און דאָס ערשטע האָט ער געפרעגט צי דער פרץ איז אַ וואַרשעווער. ווען ער האָט דערהערט, אַז ער קומט פון דער פראָווינץ, האָט ער אפילו נישט געוואָלט הערן פון אים. ווען מען האָט אָבער אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים מאַמע־לשון, האָט ער זיך ביסלעכווייז געלאָזט איבער־ציינגן און האָט איינגעשטימט צו רעקאָמענדירן פרצן פאַר אַן אמט.

אַרויסגעהאָלפֿן אין דעם האָט אויך דער הויפּט־סעקרעטאַר פֿון דער גמינע, גראָסגליק. סוף דעצעמבער האָט פּרץ אָנגעשריבן אַן אָפֿיציעלע רוסישע אַפּליקאַציע און אין טאָג פֿון ניי־יאָר איז ער שוין געווען אויף דער שטעלע, אויף וועלכער ער איז פֿאַרבליבן די לעצטע פֿינף־און־צוואַנציק יאָר פֿון זיין לעבן. זיינע קאַנצעלאַריע שטונדן זענען געווען ניין ביז דריי.

דער אמת אויף וועלכן ער איז אָנגעקומען האָט געטראָגן די ניש־טיקע באַצייכנונג ראַכמיסטער, איינער וואָס פֿירט חשבונות, און דאָס גרויסאַרטיקע געהאַלט איז באַשטאַנען פֿון פֿינף הונדערט און פֿערציק רובל אַ יאָר. ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אין די לעצטע יאָרן אין זאַמאָשטש האָט ער פֿון זיין אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק פֿאַרלעבט דריי טויזנט רובל אַ יאָר, קען מען זיך שאַפֿן אַ בילד ווי דריקנדיק דאָס קלעגליכע געהאַלט האָט געווירקט אויף דער קליינער פֿאַמיליע. עס זענען שפּעטער אַוועק יאָרן ביז ער האָט פֿון צייט צו צייט באַ־קומען אַ העכערונג אין געהאַלט.

שוין אין הערבסט, לאַנג נאָך איידער ער איז געווען באַזאָרגט מיט דער שטעלע, האָט ער געזוכט אַ שטענדיקע וואוינונג. זיין פֿרוי, אין דער באַגלייטונג פֿון דינעזאָנען און דעם לובלינער סטודענט גרשון לעוויז, האָבן נאָך לאַנגן זוכן געפֿונען אַ פּאַסיקע דירה אויף צעגלאַנע איינס. אַרום מיטן אָקטאָבער האָבן די פּרצעס זיך אַריינגעקליבן אַהין. דאָס איז געווען אַ וואוינונג פֿון דריי צימערן מיט אַ קיך און זי איז איינגעאָרדנט געוואָרן מיט איינפֿאַכער מעבל. אָבער די איינפֿאַכע, נישט־גרויסע וואוינונג איז אינגיכן געוואָרן אַ צענטער פֿאַר דער אידישער ליטעראַטור. די פּרץ געשטאַלט האָט יעדן שרייבער גע־צויגן אַהין.

אַלץ וואָס האָט אים איצטער געפֿעלט צו זיין גליק איז געווען די פֿאַרווירקליכונג פֿון זיין חלום אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך. אויך צו דעם האָבן די אַסימילאַטאָרישע קרייזן זיך גיך געלאָזט איבעררעדן. צוגעשטימט צו פּרצעס פּלאַן האָבן זיי טיילווייז דורך אַ טעות, וואָס זיי האָבן נישט קלאָר פֿאַרשטאַנען פּרצעס צוועק. זיי האָבן געקוקט אויפֿן זשאַרגאָן ווי אַ מיטל צו ברענגען בילדונג צו דער אָרעמער מאַסע. זיי האָבן אין זינען געהאַט דורך דעם זשאַרגאָן צו ברענגען

דער אידיש־רעדנדיקער באפעלקערונג די בעסטע איבערזעצונגען פון פויליש. זיי איז נישט אויפגעגאנגען דער געדאנק, אז פרץ איז זיין קינסטלערישער אמביציע, טראגט אין זיך א הייליק פייער פאר דער שפראך וואס זיי האבן באטראכט בלויז פאר א זשארגאן.

אזוי גיך ווי עס איז פרצן קלאר געווארן, אז די פארפוילישטע אידישע אינטעליגענץ וועט פאר אים מעגליך מאכן ארויסצוגעבן זיינע זאמלביכער, האט ער באשטימט ארויסצוגעבן צוויי אזעלכע זאמלונגען דאס ערשטע יאר און איז גליך צוגעטראטן צוזאמען צו שטעלן דעם ערשטן באנד. ער האט גוט געדענקט שלום עליכם'ס „יידישע פאלקס ביבליאטעק" און האט געגלייבט, אז עס איז א פארבעסערנוג פון דעם נאמען ווען ער וועט זיינע זאמלביכער אנרופן „יידישע ביבליאטעק".

מיט זיין ערשטן באנד האט דער אמביציעזער רעדאקטאר געמאכט א שארפע קאנצעסיע צו דער אסימילאציע. ער האט אינם לייט־ארטיקל צוגעגעבן, אז די שפראך, דער זשארגאן, איז דא נישט וויכטיק, נאר דער אינהאלט. די שפראך וועט מען דערנאך קענען אוועקווארפן.

אנדערש אבער האבן געקוקט אויף דעם פרצעס געציילטע ערשטע לעזער. זיי האבן די שפראך גלייך מיט ליבשאפט אויפגענומען ווי מאמע־לשון. פרץ האט אויפגעכאפט די רעפליק פון די לעזער, האט פארווארפן דעם אויסגערעכנטן צוועק פון זיינע אסימילירטע ארויס־העלפער און האט זיך געווארעמט מיט דעם געדאנק, אז אידן ווילן אידיש. ער האט אין זיך געגערט דעם ווילן נישט צו העלפן אסימילירן די אידן, נאר געבן זיי דעם טעם פון אן איירא־פעאיזירטער ליטע־ראטור.

די מאסע האט זיין ווארט און זיין אויפטו מיט הארציגקייט אויפ־גענומען. זיינע ארויסהעלפער זענען געווען אנטוישט, ווייל זיי האבן נישט געזען קיין אסימילירנדיקע רעזולטאטן. זיי האבן באשלאסן, אז עס לוינט זיך נישט ווייטער אנצוגיין מיט דעם. די איינע פראבע וואס זיי האבן געמאכט, האט זיי אויסגעזען גענוג.

אבער אין פרצן האט זיך שוין צעפלאקערט דער פלאם פון שריפט־שטעלער און רעדאקטאר. ער איז שוין געווען פעסט אנטשלאסן נישט

צו לאָזן די זאַך פֿאַלן. האָט ער זיי נישט געגוג נאָכגעגעבן, די וואָס האָבן געזוכט צו בילדן דאָס פֿאָלק, צו מאַכן קלוג די נאַראָנים, צו פֿאַרוואַנדלען די פֿאַנאַטיקער אין געבילדעטע מענטשן און צו מאַכן פֿון ליידיק־גייער און לופֿט־שלינגער אָרנטליכע מענטשן און נוצליכע אַרבעטער? געגוג.

איינעם ביי איינעם האָט ער זיי צוריקגעבראַכט צום געדאַנק, אַז די „יידישע ביבליאָטעק" מוז ווייטער דערשיינען. ער האָט דאָך צו־געזאָגט די לעזער צוויי זאַמלביכער אַ יאָר. ווי קען ער זיי גלייך נאָך דעם ערשטן זאַמלבוך אַנטוישן?

אין אַ שבועות אָוונט איז ביים אַדוואָקאַט יוסף קירשראָט זיך צוזאַמען געקומען די סמעטענע פֿון יענער אַסימילירטער אינטעלי־גענץ צו באַטראַכטן פּלענער ווי אַזוי די „יידישע ביבליאָטעק" זאָל קענען ווייטער דערשיינען. מען האָט נאָך שטאַרק געקעמפֿט קעגן דעם זשאַרגאָן, אָבער פּרץ האָט שוין אויך געהאַט שטאַרקע פֿאַר־טיידיקער, וואָס האָבן פֿאַר אים געהאַלטן אייזן און שטאָל. איינער פֿון די שאַרפֿסטע קעגנער איז געווען סטאַניסלאַוו קראַמשטיק, וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע נאַטור־וויסנשאַפֿטליכע שריפֿטן אין פּויליש. אַ צווייטער פֿאַרביסענער קעגנער איז געווען דער פֿירער פֿון די אידן פֿון משה רבינו׳ס גלויבן, דר. העגריק נוסבוים. עס האָבן אויך געקעמפֿט קעגן אים דער סעקרעטאַר פֿון דער גמינע לעאָן גראָסגליק און דער באַנקיר וואַוועלבערג פֿון פּעטערבורג. פּרצעס בעסטע פֿאַרטיידיקער זענען געווען קירשראָט אַליין, נחום סאָקאָלאָוו און אברהם פּאָדלישעווסקי.

דער קאַמף איז געווען אַ נישט־גלייכער און גאָר גיך האָט זיך פּרץ פֿון דעם אַסימילירטן קרייז אינגאַנצן באַפֿרייט. ווי אַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר האָט ער זיך געמוזט שטעלן אויף אייגענע פֿיס. העכער פֿון אַלע רייד און אַרגומענטן האָבן גערעדט דעם מייסטער׳ס וואונדערליכע קורצע דערציילונגען, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין די ערשטע צוויי זאַמלביכער. באַזונדערס האָט זיך זיין קינסטלערישע רעפּוטאַציע אַ הויב געטון נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער צווייטער באַנד, וואו עס זענען געווען אָפּגעדרוקט די „רייזע בילדער". די דערציילונגען האָבן מיטאַמאָל טיף איינגעדרונגען אין פֿאָלק, באַ־

זונדערס דערפאר, ווייל אין זיי האט זיך באוויזן פרץ דער ליידנ־שאפטליכער פראטאגאניסט פון דער ליידנדיקער אידישער פרוי.

זיינע דערציילונגען האבן מיטאמאל פארכאפט די פארגאפטע לעזער מיט זייער טיפן און רייכן רעאליזם, וואס האט נאכאנאנד די בילדער און געדאנקען דערהויבן צו א סימבאל. אזוי ארום האט ער גלייך אריבערגעיאגט דעם אורשפרינגליכן ציל צו ברענגען בילדונג. די נעגאטיווע אויסדרוקן וועגן זשארגאן זענען גיך פארגעסן געווארן. געדענקט האט מען די ליכטיקע בילדער אין דעם קינסטלערישן שפיגל.

אין די קרייזן וואו עס איז גיך געוואקסן די ליבשאפט צו פרצן, האט מען גערעדט, אז יענע ביטערע ווערטער וועגן זשארגאן זענען געשריבן געווארן אויפן פארלאנג פון פראפעסאר דיקשטיין, וועלכער האט זיך אנטזאגט אנצונעמען פרצעס ערשטן לייט־ארטיקל, וואס האט אויס־געדריקט די ליבשאפט צו אידיש. מיט ליידנשאפטליכער דערהויבונג און אין א ביבלישער שפראך האט פרץ גערופן די אינטעליגענץ צוריק צום פאלק.

ארויסצוגעבן דאס דריטע זאמלבוך מיט אייגענע כוחות, האט זיך פרץ אויפסניי פארשולדיקט ביז איבער די אויערן. א חוץ זיינע קליינע קונסטווערק, האט ער אויך פיל פון די ארטיקלען געשריבן אליין. א ביסל האבן אים ארויסגעהאלפן אנדערע און מערסטנס, ווי ער האט זיך אויסגעדריקט : פינסקי, פינסקי און פינסקי. ווייטער האט ער נישט געקענט אנגיין. ער האט די אויסגאבע געמוזט אפשטעלן.

געטריי און אינטענסיוו האט ער געארבעט אויף זיין אמט אין דער גמינע. ער איז אויך ווייטער געווען געזעלשאפטליך טעטיק און האט אפט פארטראטן די גמינע אפיציעל.

דער מערקווירדיקער כאלערע קאמיטעט האט אים אנגעשטעלט אלס סעקרעטאר. דער קאמיטעט האט אייגנטליך געהאט אזעלכע אומ־שולדיקע אויפגאבן ווי צו פארטיילן אומזיסט עסן פאר ארעמעלייט און צו פארזארגן אפדאכלאזע מיט א נאכטלעגער. דער קאמיטעט איז אויפגעקומען, ווען עס האט זיך צווישן דער באפעלקערונג פאר־שפרייט א פאניק, אז עס וועט אינגיכן אויסברעכן א כאלערע. מען איז אבער אפגעקומען מיט אומזיסטער שרעק.

פאַר דעם כאָלערע קאָמיטעט האָט פּרץ אָנגעשריבן אַ פּאָפּולער ביכל, וואָס דער קאָמיטעט האָט ארויסגעגעבן: „ווער עס וויל נישט, שטאַרבט נישט אויף כאָלערע".

אין דער צייט האָט ער שוין געהאַט גרופּירט אַרום זיך אַ קרייז יידישע סטודענטן מיט אידעאַליסטישע פּלענער צו פאַרשפּרייטן צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג ביכלעך וואָס זאָלן זיי לערנען די פאַר־שידענע פאַכן און מלאכות. די מערסטע פון די סטודענטן האָבן גע־קענט העלפן אין דער אַרבעט, אָבער זיי זענען געווען אָרעם צו העלפן פינאַנציעל אין דער אונטערנעמונג.

אַ באַזאָרגטער מיט אַ שטעלע און מיט אַ וואוינונג, וועלכע איז גלייכצייטיק געווען די רעדאַקציע און די אַדמיניסטראַציע פון זיינע אויסגאַבן, האָט פּרץ מיט זיין לעבנסלוסטיגקייט זיך אַליין בעסער אריינגעלעבט אין געזעלשאַפטליכן לעבן. ער איז געוואָרן אַ שטענדי־קער באַזוכער ביי די סימפאָנישע קאָנצערטן אין שווייצער טאָל, וואו די געמישטע אידישע אינטעליגענץ פלעגט זיך באַגעגנען יעדע וואָך. דאָרט האָט זיך זיין אויער איינגעוואוינט צו דער קלאַסישער מוזיק. ער האָט געקענט נאָכברומען מאָצאַרט, בעטהאָווען, וואַגנער.

נאָך די קאָנצערטן איז מען געווייגליך אין דראָשקעס און טראַמ־ווייען אַוועקגעפאָרן אויף די נאַלעווקעס צו העקסעלמאַנען, וואו דער באַרימטער מאָריץ האָט באַדינט די אידישע ליטעראַטור ביים עסן און וואו מען האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט געגעסן גענדזנס, פאַר־טרונקען מיט וויין און גערעדט ליטעראַטור.

# כו

# טיפער אין פאָלק

מידת הרחמים, דאָס הייסט דינעזאָן, איז אוועק פון װאַרשע און האָט זיך אויף עטליכע יאָר באַזעצט אין קיעװ. פּרצן איז אויסגעגאַנגען דאָס האַרץ נאָך אים. אין זיינע בריוו האָט ער אויסגעגאָסן דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן אומעט. ער איז שוין מיד פון בענקען נאָך אים.

נישט נאָר איז אים געפאַלן שווער דאָס לעבן און די אַרבעט אין דער גמינע, וואָס ער האָט פיל מאָל געוואָלט אויפגעבן, נאָר אפילו אין דער היים אויף צעגלאַנע גאַס איז אים אַ מרה שחורה באַפאַלן, ווען ער האָט געזען אויף דער ערד ליגן די הונדערטער עקזעמפּלאַרן פון זיין „יידישער ביבליאָטעק" און נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געדרירט אַן איינציק בוך. בלויז זיין ביכעלע „בעקענטע בילדער" איז שוין געווען אויספאַרקויפט.

ער האָט געקוקט אויף זיינע זאַמלביכער ווי אויף אַן אמת איירעפּעאישער אויסגאַבע און עס איז אים געווען פיינליך צו זען נישט נאָר ווי זי ליגט ביי אים אין שטוב, נאָר ווי די קריטיק האָט זיך אויף די זאַמלונגען אַרויפגעוואָרפן. שלום עליכם האָט זיי אַראָפּגעריסן אין קול מבשר. דאָס האָט אים ווי געטון, ווייל אים האָט ער געהאַלטן פאַר אַ טאַלענטפולן שרייבער. ער האָט בלויז מיט ווייטיק געפרעגט: פאַרוואָס קריכט ער אין אַ בלאָטע? אין רוסישן „וואָסכאָד", אויפגאַנג, האָט שמעון דובנאָוו, אונטער דעם פּסעוודאָנים קריטיקוס, פּרצעס אַרבעט אַראָפּגעריסן. דאָס האָט אים געדריקט. די ליטעראַטור איז דאָך געווען פאַר אים דער איינציקער מקום מקלט, וואו ער האָט זיך געפילט ווי אַן אַפּטריניקער וואָס נאָר דאָרט קאָן ער זיך ראַטעווען.

דאָס שרייבן איז פאַר אים געווען דער בעכער וויין, מיט וועלכן ער האָט זיך געקענט פאַר'שכור'ן און אַלץ פאַרגעסן. ער האָט נאָכאַנאַנד געהאַט דאָס טרייבנדיקע, שעפערישע געפיל, אַז ער מוז שרייבן, דרוקן און אַרויסגעבן.

אין דער צייט ווען עס איז געווען שווער אָדער אוממעגליך אַרויס־צוגעבן איינעם פון די גרויסע זאַמלביכער, האָט ער ביי די געברידער שולדבערג געלאָזט אָפּדרוקן אַ קליין ביכעלע ווי אַ בענטשערל „פּאָ־עזיע". די עטליכע פּאָעמעס, אָנגעהויבן מיט "כסא שלמה", זענען אַרויסגעקומען אין די פרילינג־טעג, פאַר פסח, און עס איז פאַר אים געווען אַ דערפרישונג.

עס איז אויך געווען אַ סך וואָס האָט אים באַדריקט מיט זאָרג. מיט דעם קלעגליכן געהאַלט האָט ער שטענדיק באַדאַרפט דאגה'ן וואו ער וועט נעמען דירה־געלט. דער זון איז געווען אַ סטודענט און ער האָט באַדאַרפט שכר לימוד. אַ ביסל שפּעטער האָט שולדבערג, דער דרו־קער פון דער ביבליאָטעק, נאָך געמאָנט אַ חוב. אַזוי ווי אַ שטראָף פון הימל איז אים די דרוקעריי אָפּגעברענט געוואָרן. די אויסגאַבן האָט מען באַדאַרפט אַנאַנסירן, אַנדערש האָט זיך דער פאַרקויף איינגאַנצן אָפּגעשטעלט. האָט ער דערפאַר אומזיסט געשריבן פאַר דער הצפירה, כדי אָפּצוצאָלן פאַר די אַנאָנסן. דאָס איינגענע איז ער געווען וויליק צו טאָן פאַרן המליץ.

פון ברודער האָט ער געהערט נישט קיין גוטע נייעס. זיין געשעפט האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין און ער איז געזעסן מיט זיין ווייב און קינדער צווישן צוויי פייערן, צווישן לובלין און לעווערטאָוו, וואָס זענען געווען פול מיט די קרבנות פון דער כאָלערע.

אויף העברעאיש עפּעס אַרויסצוגעבן האָט זיך אים דערוויל נאָך אַלץ לייכטער איינגעגעבן ווי אויף אידיש. איז געקומען פון ליפּנע אַ יונגערמאַן, ש. ב. שוואַרצבערג, און האָט אים אַרויסגעגעבן אַ קליינע אָבער קעמפערישע זאַמלונג „החץ", די פייל. און ווען די העברעער האָבן אים דערפאַר פון אַלע זייטן אַטאַקירט, האָט אים דער איינענער פאַרלעגער אַרויסגעגעבן אַ לירישע זאַמלונג פון ליבע־לידער „העוגב", די האַרף.

עס האָט אים פּלוצים אויסגעזען, אַז עס הערשט אַ שרעקליכע שטיל־קייט און פאַרגליווערטקייט אין אידישן לעבן. אַלץ פליסט ווי אַ שטיל וואַסערל מיט אַ ביסל גרינעם שימל פון אויבן. און די העברעאישע שרייבער זידן פון צאָרן, וואָס פּרץ איז פּלוצים געקומען מיט זיין זשאַרגאָן.

נישט נאָר איז ער געווען אַנטוישט און אָרעם, נאָר ער האָט זיך פּלוצים אויך דערפילט אַלט און קראַנק. ער האָט מיט פיין געקוקט אין שפּיגל און געלייענט די פיזיאָנאָמיע פון זיין פּנים, אַז ער איז פאַרעלטערט. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די קנייטשן אויפן שטערן, האָט באַדויערט וואָס די אויגן זענען אים קאַליע געוואָרן און די האָר האָבן אָנגעהויבן צו ווערן גרוי.

אַ גאַנצן זומער און אָנהויב ווינטער האָט ער געקרענקט. ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט איז ער אַ שטיקל צייט אַרומ־געגאַנגען מיט אַ שטעקן און האָט זיך אַלץ אויסגעמאָלן אַ טרויעריק בילד, אַז ער וועט זיך מוזן צוריקלעגן, כדי שוין מער נישט אויפ־צושטיין. אין דעם איז געווען אַ גרויסע דאָזע איבערטריבענער זעלבסט־רחמנות.

זיין גאַנצער פּעסימיזם איז געווען אַ פאַרבייגייענדיקער. די היים אויף דער צעגלאַנע האָט אַלץ געהאַט אַן אָפענע טיר. צווישן פיר און זעקס איז נאָכאַנאַנד געקומען אַ פּנים חדשות. פריינט זענען געקור־מען בייטאָג און אין די אָוונטן. די גאַסטפריינטליכקייט פונם הויז האָט זיך אַלץ מער צעוואַרעמט און זיך איינגעשטעלט וואָס אַמאָל טיפער אין די הערצער פון די וואָס זענען געקומען אהין.

שבת האָט זיך די טיר נשט פאַרמאַכט. פון גאַנץ פרי איז געווען איינער אַריין, אַן אַנדערער אַרויס. די ערשטע צייטן זענען געקומען פאַרשידענע משכילים פון פּלאָצק און פון זאַמאָשטש. מען האָט דאָרט געזען די שרייבער פרענק און פרייד, שלמה גראָסגליק פון דער גמינע. אין אַ קורצער צייט האָט זיך די היים ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן ליטעראַרישן סאַלאָן.

פּרץ איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אָדער געלעגן אין שלאָפ־ראָק, ווען אין הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט שריפטשטעלער, קינסטלער, כלל־טוער. גאַנץ אָפט זענען געקומען געסט פון אַנדערע שטעט. אַמאָל

א שרייבער, אַז אַנדערשמאָל אַ קאָמפּאָזיטאָר אָדער אפילו אַ גאַסט אַ חזן, וואָס האָט געקענט זינגען פאָלקסלידער. צווישן די געסט זענען שוין דאַמאָלס געווען דר. קלויזנער, דוד פּינסקי, בעל מחשבות דר. משורר פון אידישן שפּיטאָל, מיט די יאָרן זענען כסדר געקומען אַנדערע און אינגערע. מען האָט גערעדט וועגן אַלערליי ליטעראַרישע און קינסטלערישע נייעסן, נישט נאָר אין דער אידישער, נאָר אויך אין דער אייראָפּעאישער וועלט. שרייבער, אָדער פּרץ אַליין, פלעגן פאָרלעזן זייערע נייע ווערק און אויסהערן קריטישע מיינונגען.

פרוי פּרץ האָט צוגעגעבן פיל וואַרעמקייט צו דער היימישער אַטמאָספערע. זי פלעגט זיצן ביים טיש און נאָכאַנאַנד מכבד זיין מיט גוטער קאַווע. אָפט פלעגט זי פון גוטן טאַבאַק מאַכן פּאַפּיראָסן פאַרן מאַן און פאַר די געסט.

און ווען די צייט פון בין השמשות איז אָנגעקומען, איז שטיל געוואָרן איידער מען האָט אַ ליכט אָנגעצונדן און מען האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זינגען איינס נאָכן אַנדערן פאָלקסלידער — פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא, אונדזער רבי'ניו, מאַיר'קע מיין זון, ביז פּרץ אַליין האָט גענומען עצבות'דיק ציען זיין ליבלינגס־ליד:

אלף איז אַן אָדלער, וואָס ער טוט נאָר שוועבן,
אַ שאָטן פון אַ פליגל איז דאָס גאַנצע לעבן.
בית איז אַ הויז, וואו מען טוט נאָר עסן,
אַז מען רופט צום משפּט מוז מען אַלץ פאַרגעסן.

די צייט איז געווען רייף פאַר אַזאַ אידישן ליטעראַרישן סאַלאָן. ביי נחום סאָקאָלאָוון פלעגט מען פאַרברענגען זיינע באַרימטע מאָנטיקס. דאָס זענען געווען געזעלשאַפטליכע אָוונטן פאַר דיסקוסיע, מערסטנס אין פּויליש, איבער פאַרשידענע פראַגן פון טאָג. זיין ציל איז געווען צוזאַמען צו ברענגען נאַציאָנאַלע אידן מיט אַסימילאַטאָרן פון משה'ס גלויבן און צו פאַראייניגן צוויי פיינטליכע ריכטונגען. דאָרט זענען געקומען וואַזשנע בעלי בתים, וואָס האָבן גערעדט געלאַסן און פלעגמאַטיש. ערשט ווען דער סאָרט מענטשן האָבן אויפגעהערט קומען, האָט סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן איינצולאַדן אינגערע מענטשן מיט טעמפעראַמענט, ציוניסטן און אפילו סאָציאַליסטן.

דעם ערשטן ווינטער פלעגט פּרץ שטענדיק קומען אויף סאַקאַלאָווס מאַנטיקס און ער האָט אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין די טרוקענע דיסקוסיעס. ער איז אָבער איינמאָל אַנטלאָפן אינמיטן אַזאַ אָוונט און האָט מער נישט געוואָלט קומען אַהין. עס איז געווען נאָכדעם ווי דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאַדירט סאָקאָלאָוום אַ רעדע. פּרץ איז מיט דער רעדע נישט געווען איינשטימיק, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די התלהבות פון עולם און איז אַוועק.

דאַמאָלס האָט פּרץ איינגעפירט ביי זיך זיינע אייגענע פרייטיק־צו־נאַכטסן, וואו ליטעראַרישע שמועסן און פאַרלעזונגען פון אייגענע ווערק האָבן צום גרעסטן טייל אויסגעפילט די אָוונטן. ביי איינעם פון זיי האָט אין יענער צייט זיך באַוויזן אַן אַנדער יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, וועמען פּרץ האָט פאַר זיינע געסט מיט ליבשאַפט גערופן אונזער בייראַן. דעם נייעם גאַסט מיט די אָפענע, ליכטיקע אויגן, האָט פּרץ פאַר די געסט פאַרגעשטעלט ווי יהואש שלמה בלומגאַרטן.

מיט אַ ציטער אין זיין קול און מיט פּאַטעטישער אינטאָנאַציע האָט דער יונגער יהואש פאַרגעלייענט צוויי לידער: מזמור שיר ליום השבת און אַ קירצער ליד, בית שני. פּרץ איז גאָר אַנטציקט געווען פון די ערשטע לידער וואָס יהואש האָט ביי אים פאַרגעלייענט. ער האָט די לידער גלייך אָנגענומען פאַר זיין קומענדיקן זאַמלבוך, האָט אין זיי עפּעס געענדערט און צוגעלעגט און האָט זיי אָפּגעדרוקט. אַ וואַרעמע, טיף חבר'שאַפטליכע באַציאונג האָט זיך איינגעשטעלט צווישןביידן. אין דעם אייגענעם זאַמלבוך האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן לידער פון נאָך אַ יונגן אומבאַקאַנטן דיכטער, אברהם רייזען. ביי אַן אַנדער פרייטיק־צו־נאַכטס איז אַ נייער גאַסט געווען אַן איידעלער יונגערמאַן מיט דעם אויסזען פון אַ ישיבה־בחור און מיט דעם דייטש־פּוילישן נאָמען פראַנץ קורסקי.

זוכנדיק פאַר זיינע אויסגאַבן דעם בעסטן מאַטעריאַל וואָס ער האָט נאָר געקענט קריגן, האָט פּרץ אָוועקגעשריבן אַ העפליכן בריוו צו אחד העם, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט באַרימט געמאַכט מיט זיין עסעי „לא זה הדרך", און האָט ביי אים געבעטן אַן אַרטיקל וועגן דעם דאַמאָלס לעצטנס פאַרשטאָרבענעם לעאָן פּינסקער. אין

די העברעאישע קרייזן האָט מען אָבער דאַמאָלס געהאַט אַ בייז האַרץ אויף פּרצן פאַר זיין קעגנערשאַפט צו חיבת ציון, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין זיין זאַמלונג „החץ". קיין אַרטיקל פון אחד העם'ען איז נישט אָנגעקומען.

אָבער אַפילו אָן דער הילף פון די באַרימטע שרייבער פון זיין צייט איז פּרצן באַשערט געווען, אַז זיינע ווערק און זיין פּערזענליכקייט זאָלן אַריינדרינגען אַלץ טיפער אין פאָלק. דער יוגנטליכער און ענערגישער דוד פּינסקי האָט פאַר אים נישט נאָר אָרגאַניזירט און דערמוטיקט די סטודענטן, וועלכע האָבן פאַר אים געשריבן און איבערזעצט וויסנשאַפטליכע אָפּהאַנדלונגען און האָט אַליין פאַר אים נאָכאַנאַנד געשריבן, נאָר עס איז אים אויך באַשערט געווען אַריינצופירן פּרצן צום ערשטן מאָל אין דער נייער סודות'פולער אַרבעטער באַוועגונג.

פּינסקיס עלטערן, וועלכע זענען געווען קרבנות פון גירוש מאָסקווע, האָבן זיך שוין אין דער צייט געהאַט באַזעצט אין וואַרשע. און אין אַ ווינטער אָוונט, האָט דער צוועקפולער דוד פּינסקי אויף אַ געהיימניספולן אופן געפירט פּרצן דורך דער לעש און קאַרמעליצקע צו אַן אַרבעטער פאַרזאַמלונג אין דער פינצטערער וואוינונג פון זיינע עלטערן אויף פּאַוויע גאַס נומער זעקס.

מיט אַ סודות'דיקן ציטער איז פּרץ דורכגעזעסן די געהיימע פאַרזאַמלונג פון עטליכע און צוואַנציק אַרבעטער אין דער וואוינונג פון זיין פריינט. דאָרט זענען געווען פּוילישע אידן און ליטוואַקעס. ער האָט יעדן חבר'יש געדריקט די האַנט און נישט וויסנדיק אויף וועלכער שפּראַך מיט זיי צו רעדן, האָט ער גערעדט פּויליש. די אַרבעטער האָבן אים אַרויסגענומען פון דער פאַרלעגנהייט, ווען זיי האָבן איינער נאָכן אַנדערן אים דערציילט אַז זיי האָבן זיך געקוויקט מיט זיין באַנטשע שוויַיג און זיין שטריימל.

מאַנטליאַק, אַ מעטאַל־אַרבעטער, האָט אויף זיך גענומען די ראָלע פּרצן אויפצוקלערן. די אַרבעטער ווייסן שוין איצטער, האָט ער געזאָגט, אַז זיי שטייען פאַר אַ קלאַסן־קאַמף און עס איז איצטער די פליכט פון די שרייבער דעם קאַמף צו שילדערן. צוויי אַנדערע אַרבעטער האָבן די פראַגע אויפגענומען און האָבן אַרומגערעדט וועגן

דעם וואָס עס דאַרפֿן טון די שרייבער, וואָס ווילן העלפֿן די אַרבעטער. פּרץ איז געווען אַנטציקט פֿון דעם ווי שיין די אַרבעטער האָבן גערעדט אידיש. ער האָט זיך געפֿילט איבערגליקליך פֿון דעם געדאַנק, אַז זיינע שריפֿטן האָבן אַ חלק אין דעם. ער האָט נישט געקענט איינשטימען מיט דעם געדאַנק, אַז מען קען דעם שרייבער געבן אַ וועלכן עס איז געבאָט וואָס צו שרייבן. ער האָט צוגעגעבן אַז וואָס מען קען יאָ פֿון די שרייבער פֿאַרלאַנגען איז גערעכטיגקייט, רחמנות, מאָראַל. די דריי יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך די וועלט. די אַנוועזנדיקע זענען נישט געווען צופֿרידן זיי האָבן דערוואַרט נישט בלויז קלוגע רייד, נאָר קאַמף. ער האָט דאָס געפֿילט און ער איז אַוועק פֿון זיין ערשטער אַרבעטער פֿאַרזאַמלונג אַן אַנטוישטער, פֿילנדיק אַז ער האָט זיי נישט געגעבן דאָס וואָס זיי האָבן פֿון אים דערוואַרט.

צומאָרגנס האָבן טייל אַרבעטער זיך געקלאָגט, אַז ער שרייבט בעסער ווי ער רעדט און זאָל ער בעסער ווייטער שרייבן. פּרץ אַליין האָט געהאַט אַ געפֿיל, אַז ער האָט זיין עקזאַמען ביי די אַרבעטער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך געקלאָגט אַז אויב זיי זענען פֿון אים אַנטוישט, איז ער אָבער פֿון זיי אויך אַנטוישט, ווייל זיי האָבן נישט אַלץ באַגריפֿן וואָס ער האָט זיי געזאָגט און ער האָט אויסגעדריקט די האָפֿנונג, אַז זיי וועלן ווייטער לייענען זיינע שריפֿטן.

יענע ערשטע אַרבעטער פֿאַרזאַמלונג האָט פֿאַר פּרצן געעפֿנט אַ ניי טויער. אַ ביסל שפּעטער איז ער אויך געגאַנגען צו אַן אַנדער געהיימער פֿאַרזאַמלונג אין אַ וואוינונג אויף דער טוואַרדע גאַס. די אַרבעטער און די פֿיל סטודענטן, וואָס האָבן די דירה אַנגעפֿילט, זענען געקומען לטובת די יום טוב בלעטלעך. פּרץ האָט פֿאַרגעלייענט באַנטשע שוויַיג. ער האָט געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק, אָבער עס האָט אויסגעבראָכן אַ סומאַטאָכע, ווען אַ סטודענט האָט אַ געשריי געטון: פּלאַגיאַט! ער האָט אויף רוסיש אויסגעשריען די באַשולדיגונג, אַז פּרץ האָט זיין טעמע גענומען פֿון קאָראָלענקאָ'ס דערציילונג „סאָן מאַקאַראַ", מאַקאַר'ס חלום. אויף דעם סטודענט'ס רוסיש, האָט פּרץ געענטפֿערט אין פּויליש און אין אַ פּשרה האָט פּרץ גערעדט אידיש. די ענליכקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין צופֿעליקע, וואָס קענען טרעפֿן ביי צוויי שריפֿטשטעלער, וועלכע

האבןביידע געשאפן מיט דעם מאטיוו פון רחמנות פאר דעם באַ־דריקטן און באליידיקטן.

אין אַן אויפשוואונג פון ליטעראטור טעטיגקייט, האט פרץ דאמאלס אַ סך געשריבן און ארויסגעגעבן, כאָטש זיינע מיטלען זענען שטענ־דיק געווען זייער באגרעניצט. ער האט געפלאנט דעם דריטן באנד פון זיין ביבליאָטעק און האט געגרינדעט אַ פארלאג פון זיינע אויס־גאבעס. פינסקי האט אים אויפסניי צוזאמען געפירט מיט ספעקטאָרן, מיט וועמען פרץ איז שוין פריער געווען באקאנט. ספעקטאָר איז אריינגעפירט געווארן ווי אַ שותף און ביישטייערער צו די יום טוב בלעטלעך.

פרץ, פינסקי און ספעקטאָר זענען לאַנגע שעה׳ען געזעסן איבער זייערע גלעזלעך טיי אין קאטיק׳ס גארקיד אויף די נאלעווקעס און האבן געשלאסן אַ שותפות ארויסצוגעבן די יום טוב בלעטלעך און אַ זאמלבוך. אָבער באלד איז ספעקטאָר געקומען אין קאטיק׳ס מיט אַ שפּאָגל נייער געשיכטע, אַז דער פארלעגער העשל עפּלבערג, וועלכער האט דאמאלס ארויסגעגעבן קאלענדארן, וויל ארויסגעבן אַ בלעטל אויף יעדן יום טוב. פרץ האט געזען אין דעם אַ גוטן וועג צו באַ־קעמפן די צענזור, ווייל אויף די יום טוב בלעטלעך וועט דער צענזאָר קוקן מילדער ווי אויף זיינע אנדערע אויסגאבן. ספעקטאָר האט פאר דער גרופּע גערעדט מיט עפּלבערגן און דער קאלענדאר פארלעגער האט געזאָגט: גיט זיך ארויס די יום טוב בלעטלעך אויב איר ווילט!

פרץ האט אויפגעלויכטן. ספעקטאָר אָבער האט זיך לאַנג מיט פרצעס יום טוב בלעטלעך נישט געהאלטן. ער איז שוין געווען אַ באַ־רימטער רעדאקטאָר און ארויסגעבער פון הויזפריינד. ער איז גע־שטאנען מער אויפן צד פון שלום עליכם און דוד פרישמאַן, וועלכער האט מיט זיין גאליקער פּען פרצן פארביטערט זיינע טעג. דער סאַ־טיריקער האט ארויסגעלאזט צוויי זאמלונגען פאראדיעס. איינע האט ער אָנגערופן „לאקשן" און די צווייטע „אַ פלוי פון תשעה באב". דאָרט האט ער אויף אַלע אופנים חוזק געמאכט פון אַלעם שענסטן וואס פרץ האט פארעפנטליכט אין די יום טוב בלעטלעך.

אין אַ הייסן זומער־טאָג איז צו ספעקטאָרן געקומען צופאָרן פון בעסאראביע זיין שיינע אכצן־יעריקע שוועגערין האדל קויפמאן. מיט

אירע פרייע, אויפריכטיקע מיינונגען האָט זי פּלוצים געווירקט אַזוי ווי אויפריים־שטאָף אין דעם קרייז. זי האָט דערקלערט, אַז זי האַלט מער פון פּרצן ווי פון איר שוואָגער ספּעקטאָר. און ווי דאָס וואָלט נאָך געווען ווייניק, האָט זי אויסגעבאָרגט אירע הונדערט און פופציק רובל ארויסצוגעבן פּרצעס יום טוב בלעטלעך און דאָס זאַמלבוך ליטעראַטור און לעבן.

די באַציאונגען אין דער קליינער גרופּע האָבן זיך גיך געענדיקט אויף אַן אופן, פון וועלכן יעדער האָט עפּעס געוואונען. ספּעקטאָר האָט באַלד געמאַכט שבת פאַר זיך און האָט אַרויסגעגעבן אייגענע בלעטלעך.

האָדל קויפמאַן האָט נישט געהאַט וואָס צו באַדויערן איר געלט, וואָס זי האָט אויסגעבאָרגט דער אידישער ליטעראַטור. זי האָט געפונען אַ חתן און איז געוואָרן מאַדאַם פּינסקי. דאָס יונגע פאַרליבטע פּאָר־פאָלק האָט פאַרלאָזט וואַרשע אויף שטענדיק און זענען אַוועקגעפאָרן קיין בערלין, פון וואַנען זיי האָבן שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

די יום טוב בלעטלעך צו פאַרדאַנקען, האָט פּרץ איינגיכן געהערט פון בנימין פייגענבוים אין ניו יאָרק. ער איז געווען מיט פּרצן באַקאַנט פון וואַרשע און האָט אים איינגעלאַדן צו שרייבן אין דער ארבייטער צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם קאַהאַן. דאָרט האָט פּרץ אין פאַרלויף פון עטליכע יאָר פאַרעפנטליכט אַ גרויסע צאָל פון זיינע מייסטערהאַפטע דערציילונגען און לידער אונטער דעם נאָמען פּלאַי. קאַהאַן איז געוואָרן זיינער אַ גרויסער פאַרערער און האָט געשריבן און גערעדט וועגן אים מיט גרויס באַגייסטערונג.

יענע עטליכע פּרוכטבאַרע יאָרן אין פּרצעס שאַפונגס־לעבן האָבן אים דערהויבן העכער אין זיין באַדייטונג פאַר דער ליטעראַטור און האָבן זיינע ווערק אַריינגעבראַכט אַלץ טיפער אין פאָלק.

## כז

# פאַר אַ ניי אידיש לעבן

אַ נייער שטייגער אין אידישן לעבן איז געוואָרן זיין חלום.

מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז עס מוז געשאַפן ווערן נייע פאָרמען פאַר אַלעם וואָס איז ריין אידיש, איז פּרץ געשטאַנען אין צענטער פון אַ קאַמף, וואָס האָט געפירט צו דער דערוואַכונג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט זיך אָפטמאָל אויסגעשטעלט צו די פאַר־שידנסטע געפאַרן, ווען ער האָט קעמפנדיג אנטייל גענומען אין אונ־טערערדישע באַראַטונגען. שטורם און דראַנג זענען אין אים געווען ברויזנדיקע עמאָציעס. עס איז געווען זיין פלאַמיקער זאָג, אַז שטיל און רואיק איז נאָר אויפן בית עולם. רירעוודיק, אומרואיק און שע־פעריש, איז ער שטענדיק געווען פאַרגלויבט אין טעטיגקייט.

לעבנדיק אויסערליך אין קנאַפּער אָבער בעל הבית׳ישער באַקוועמ־ליכקייט, איז ער אַליין מער געוואָרן אַ טייל פון דער געהיימער אַרבע־טער באַוועגונג, פאַר וועלכער ער איז גרייט געווען צו ברענגען קרבנות אַזוי ווי די אַרבעטער אַליין.

צווישן די וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון אַלטן אידישן לעבן און האָבן נישט געהאַט קיין פאָרם פאַר דעם נייעם, איז ער געווען דער זוכער פון אַ פאָלקס־רענעסאַנס און פון אַ נייער אידישער פאָרם. אין יענע אויפגאַנגס־יאָרן פון אויפרודערישע באַוועגונגען, — חיבת ציון, סאָציאַליזם, עמיגראַציע, האָט ער געזוכט און אַרויסגעהויבן דעם נייעם פאָלקס־שטייגער. דער אַקצענט איז געווען אויף נאַציאָ־נאַלער אויפלעבונג, איבערוואַנדערונג, פאָלקסטימליכקייט. עס איז געווען אַ נייע ליכטיקע, צוגעבונדענע באַציאונג צו אַלץ וואָס איז היימיש אידיש.

קיין געזעלשאַפטליכע פראַגע אין אידישן לעבן איז אים נישט פרעמד געבליבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעפרעמדט אינגאַנצן פונם חיבת ציון געדאַנק. נאָר ווען ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז נישט דער איינציקער ענטפער אויף דער אידישער פּראָבלעם, האָט ער זיך גרינטליך און טיפער פאַראינטערעסירט מיט דער אויפגייענדיקער אַרבעטער באַוועגונג אין אייראָפּע. זי איז געוואָרן אַ טייל פון זיין גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט אויך פאַר זיין פאָלק. מיט פרייד האָט ער אָנגעוויזן ווי דער אייראָפּעאישער פיליסטער הויבט אָן זיך שרעקן פאַר דעם נייעם סאָציאַל־אויפגעקלערטן אַרבעטער.

מען האָט אים אַלץ אָפטער געזען ביי געהיימע צוזאַמענקומען אין פינצטערע, אָרעמע וואוינונגען, וואו עס זענען פאָרגעקומען שטורמישע דעבאַטעס אַרום דער פראַגע פון אידישער עמיגראַציע.

דער ים פון אויסוואַנדערונג האָט אים אַרומגעכאַפּט און צוזאַמען מיט די פאָלקס־מאַסן, האָט ער זיך דערפילט אַ געטראָגענער אויף די כוואַליעס פון דער גרויסער אויסוואַנדערונג. אין אַמעריקע האָט ער געהאַט פריינט, פאַרבינדונגען, אָבער דער אָפּשיין פון דאָרטיקן אידישן לעבן האָט אים נישט פאַרלאָקט. אויפגעוואַכט האָט אין אים אַ טיפער אינטערעס פאַר דעם כּשוף פון אַ אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. אַהין האָט אים געלאָקט די רויע, אומבאַקאַנטע ערד פון אַ אידיש לעבן.

ער האָט דערגרייכט אַ מאָמענט פון ערנסטער באַטראַכטונג אויסצוואַנדערן קיין אַרגענטינע און זיך דאָרט באַזעצן. דער פּלאַן איז געווען אויסגעאַרבעט צוזאַמען מיט דינעזאָנען, אָבער ער איז נישט פאַרווירקליכט געוואָרן.

עס זענען אויפגעקומען אין אידישן לעבן די טעג פון גרויסן אויפשוואונג פון פאַרשידענע באַוועגונגען, און ער האָט אין יעדער פון זיי געגענישטערט און געזוכט דעם מאָראַלישן יסוד.

אין יענער צייט האָט נאָך געריצט דער האָניק־חודש פון ציוניזם, און ווי אַ שאַרפער קאָנטראַסט איז געשטאַנען די פראַגע פון אויסוואַנדערן קיין אַרגענטינע. פאַראיינצלטע זענען פון דאָ און דאָרט אַוועק קיין אָדעס, פון וואַנען מען איז מיט אַ רוסישער שיף אַריבער

דעם שווארצן ים און אנגעקומען צו די ברעגן פון ארץ ישראל. אין דער טיפעניש פון די מאסן אבער, האבן זיך אפגעריסן שטיקער פון אידישן לעבן און האבן זיך אוועקגעלאזט אויף אנדערע ים׳ען, קיין ניו יארק, קיין בוענאס איירעס.

דאס נאך פארוואָרפענע לאנד אין ווייטן דרום פון אמעריקע האט פרצ׳ן געפעטצט. די ערשטע גרופע רוסישע אידן איז דאמאלס אנגעקומען אהין. ער האט מיט טיפער נייגעריגקייט נאכגעפאלגט די איינוואנדערונג און קאלאניזאציע פון די באראן הירש קאלאניעס. ער האט געאטעמט מיט דער האפנונג, אז פאר טויזנטער ארעמע אידישע וואנדערער קאן ארגענטינע מיינען די באפרייאונג פון דחקות און א פריי לעבן אויף אייגענער ערד. עטליכע מאל האט ער געשריבן וועגן דעם.

ער האט געשפילט מיט דעם געדאנק פון אויסוואנדערונג און אלץ אפטער האט ער מיט דינעזאנען גערעדט און געפלאנט אויסצוואנדערן קיין ארגענטינע. פריער פון אלץ האט ער געפלאנט אנצושרייבן א בוך וועגן דעם ווייטן לאנד. דער פלאן איז אבער ווייטער פון פאפיר נישט געקומען. קיין בוך וועגן ארגענטינע האט ער קיינמאל נישט אנגעשריבן. ער האט אבער פארעפנטליכט א קליינע בראשור „ארגענטינע” אין וועלכער ער האט באשריבן א שרעקליכע רייזע צו יענעם לאנד, האט דערציילט וועגן ווילדע חיות און מאסקיטעס, אז די רעגירונג האלט זיך נאך אין ענטוויקלען און ער האט צוגעגעבן א קאלירטע מאפע. די כוואליעס פון אויסוואנדערונג האבן אים אבער נישט פארשלונגען.

זיין אומצופרידנקייט מיט דער שטעל אין דער גמינע האט פרצ׳ן דערפירט בלויז צום חשק אויסצוואנדערן. אין איינעם פון זיינע לאנגע שמועסן מיט דינעזאנען, האט ער פאנאנדערגעוויקלט די שוועריגקייטן אונטער וועלכע ער לעבט און האט ארויפגעבראכט דעם געדאנק צו עמיגרירן. דינעזאן האט איינגעשטימט צו פארן מיט אים און פרץ האט גענומען אויף זיך דעם פלאן צו פארווירקליכן.

ביידע האבן געהאט ליטעראַרישע און געזעלשאפטליכע פלענער פאר ארגענטינע. פרץ האט זיך געזען אין דער ראל פון א שריפטשטעלער און ארויסגעבער אין נייעם לאנד. ער האט לייכטער אפגעאטעמט

פֿון געדאַנק, אַז ער וועט ענדליך פּטור ווערן פֿון זיין דערעסליכער אַרבעט אין דער קהילה און ער האָט געהאַט גוטע האָפֿנונגען אויף הילף אויסצואַוואַנדערן. ער איז געווען איבערציינגט, אַז געזעלשאַפֿטליכע טוער וועלן אַזעלכע צוויי שרייבער באַזאָרגן מיט רייזע־בילעטן קיין בוענאָס איירעס און אַז מען וועט זיי מיטגעבן אַ פֿולשטענדיקע דרוקעריי, כדי זיי זאָלן דאָרט קענען אַרויסגעבן ביכער און אויב מעגליך, אַ צייטונג. אַזאַ טעטיגקייט האָט ער געהאַלטן פֿאַר זיין פֿליכט כדי צו קענען באַשיצן די אָרעמע אימיגראַנטן, וועלכע זענען אָפֿט פֿאַרפֿירט געוואָרן פֿון אַלערליי וואַוויליונגען און טונקעלע פֿאַרשוינען, וואָס האָבן געוואָרפֿן אַ שוואַרצן שאָטן אויפֿן אידישן לעבן אין דעם ווייטן לאַנד אַרגענטינע. די צוויי שריפֿשטעלער האָבן באַשלאָסן, אַז דעם פּלאַן מוז מען פֿאָרברענגען פֿאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפֿט אָדער פֿאַר די מענטשן וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו באַראָן הירש.

ביי דער אידישער באַפֿעלקערונג האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פֿיל שרעק אַרום דער אויסוואַנדערונג קיין אַרגענטינע, אַז עס איז נויטיק געוואָרן דעם ענין אויפֿצוקלערן. פּרץ האָט באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו דוד פֿיינבערג, אַ באַאַמטער וואָס האָט אָנגעהאַלטן די פֿאַרבינדונג צווישן דעם קאָמיטעט אין פּעטערבורג און דעם הויפּט־ראַט פֿון דער יק"א אין פּאַריז. פֿיינבערג איז געווען ביי באַראָן הירש'ן אַ פֿאַרטרויליכער מענטש. דורך אים האָט פּרץ געהאָפֿט צו פֿאַרווירקליכן זיין פּלאַן צו פֿאַרלאָזן פּוילן אויף שטענדיק און אויסוואַנדערן מיט דינעזאָנען קיין דרום אַמעריקע.

די ביטערע אַנטוישונג איז געקומען גיכער ווי ער האָט דערוואַרט. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פֿילאַנטראָפּישן צוגאַנג, וואָס האָט אויך געשמעקט מיט אַסימילאַציע דאָס איז פֿאַר אים געווען אַ פֿאַרזעצונג פֿון דער אַטמאָספֿערע אין דער גמינע. חוץ דעם האָט ער אין באַראָן הירש'ס אויפֿפֿאַסונג פֿון אידישן לעבן איינגעזען די אייגענע דערווידערדיקע פֿילאַנטראָפּיע, וואָס ער האָט געזען אין ראָטשילד'ס פּלענער פֿאַר ארץ ישראל.

זיין אייגענע אויפֿפֿאַסונג פֿון דער עמיגראַציע איז געווען, אַז צום אידישן וואַנדערער דאַרף מען צוגיין מיט פּראַקטישער הילף און מען

טאָר פון אים נישט פאָדערן קיין מסירת נפש. נאָכדעם ווי מען באַ־
זעצט אים אויפן לאַנד, דאַרף מען אים ווייטער מיט אַלע מעגליכקייטן
אַרויסהעלפן.

אויפן גרונט פון אַט די איבערצייגונגען, האָט פּרץ פאַרלאַנגט,
אַז אויב ער און דינעזאָן זענען גרייט אויסצוואַנדערן, דאַרף מען
זיי פאַרזאָרגן מיט דרוקמאַשינען און מיט אַלעם אַנדערן וואָס איז
נויטיק פאַר זייער אויסוואַנדערונג, כדי זיי זאָלן דאָרט קענען גרינדן
אַ פאַרלאַג. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז נישט נאָר גוטע ווירטשאַפט
נאָר אויך אויסגעצייכנטע פּאָליטיק. ווייל אויב מען וויל, אַז אַ פרעמדע
רעגירונג זאָל די אימיגראַנטן גוט אויפנעמען, טאָר מען נישט קומען
מיט קיין ליידיקע הענט.

אין דער צייט ווען די צענטראַלע פראַגע אין אידישן לעבן איז
געווען ארץ ישראל אָדער אַרגענטינע, האָט פּרץ שטאַרקער זיך אָנ־
געקנופּט אין דעם לעבן פון די פאָלקס־מאַסן, ווי ער האָט זיי געזען
אין לייד און פרייד אין וואַרשע. ער האָט פון זיי געשעפּט באַגייסטע־
רונג פאַר זיינע באַגייסטערטע דערציילונגען.

נאָך עטליכע יאָר פון פּרוכטבאַרער ליטעראַרישער טעטיגקייט איז
געקומען אַ שטילשטאַנד. ער איז געווען אַנטוישט און דערשלאָגן.

מיט פאַרביטערונג האָט ער געשריבן דינעזאָנען קיין קיעוו, אַז ער
פאַרקויפט זיינע ביכער איינציגווייז און ער עסט אויף דאָס געלט.
ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געזוכט גוטע אַגענטן, וואָס זאָלן
העלפן פאַרשפּרייטן זיינע אויסגאַבעס אומעטום וואו אידן וואוינען.

דאָס האַרץ איז אים געווען אָנגעפּילט מיט טרויער, ווען ער האָט
צוגעזען ווי קריטיקער האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע שאַפונגען
מיט טענות, ווי מען האָט אים געזידלט, אַראָפּגעריסן און חוזק גע־
מאַכט פון זיינע יום טוב בלעטלעך, אין וועלכע ער האָט אַריינגע־
לעגט אַזויפיל גייסט, מי און געלט פון דער אייגענער קעשענע. מער
ווי אַלץ איז אים געוואָרן פּייניך, ווען נאָכדעם ווי ער איז געווען
געצוואונגען אָפּצושטעלן זיינע בלעטלעך, איז אַ לאַנגע צייט נישט
געווען אין רוסלאַנד קיין איינציקע אויסגאַבע פון דעם מין.

א טרייסט און א דערמוטיגונג אין דער צייט איז פאר אים געווען אמעריקע. דארט האט ער געקענט זיינע זאכן פארעפנטליכן אין דער „ארבעטער צייטונג" און אין דער „צוקונפט", וואו טראצדעם וואס ער האט געשריבן אונטער דעם נאמען פלא"י, יצחק אריה לייבוש פרץ אויף צוריקוועגס, האט זיין נאמען פונדעסטוועגן זיך גיך פארשפרייט ווי דער סימבאל פון אלעם, וואס איז דאס שענסטע און בעסטע אין דער אידישער ליטעראטור.

קומענדיק דאמאלס אין אלץ א נענטערער בארירונג מיט די פאלקס־מאסן, האט אין אים דערוואכט א טיפער אינטערעס פאר דעם אידישן פאלקלאר.

פאלקסלידער און די פארשונג פון פאלקסטימליכקייט זענען דעמאלט געווען אין אויפשטייג אין פוילן ווי אין אלע לענדער פון אייראפע. פרץ איז געווארן א געפאנגענער אין דעם כשוף'דיקן נעץ פון פאלק־לאר.

אזוי ווי יעדעס אידיש אינגל איז ער געווען אנגעזאפט פון די יונגע יארן מיט אידישע פאלקסלידער און פאלקס־מעשיות. דערצו האט ער געהאט א צאל יונגע פריינט, וועלכע האבן מיט באגייסטערונג געארבעט אין דער פאטריאטישער פארשונג פון פוילישן פאלקלאר און זענען אין זייער ארבעט דערגאנגען צו א ליבשאפט אויך פאר די אידישע פאלקס־שאפונגען.

מיט טיפן אינטערעס האט פרץ געלייענט יעדן נייעם נומער פון „וויסלא", א זשורנאל פאר פוילישן פאלקלאר, וואס עס האט אויס־געהאלטן איגנאץ בערנשטיין, דער גרויסער זאמלער פון אידישע שפריכווערטער. אין דער שריפט האט פרץ זיך באקענט מיט דעם ענין פאלקלאר און איז אליין געווארן אן ענטוזיאסטישער זאמלער פון פאלקסלידער. ער איז געווארן באהאונט מיט דער ארבעט פון די ערשטע פאלקלאריסטן אין פוילן, ווי אסקאר קאלבערג, יאן קאר־לאוויטש און שמואל אדאלבערג, וועלכער האט דער ערשטער אנגע־וויזן אויף דער וויכטיגקייט פון אידישן פאלקלאר.

אט די נייע פארטיפונג זיינע האט געפירט צו שטימונגספולע שבתים ביי פרצ'ן. דארט פלעגט מען אין בין השמשות זינגען פאלקס־לידער, וואס האבן אויסגעשפרייט א נייע חשיבות און דערהויבונג

פֿאַר דער אידישער פֿאָלקסטימלעכקייט. ביי פּרץ'ן איז שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן די יונגע באַגייסטערטע פֿאָלקלאָריסטן פֿון דער „ווּיסלאַ" — הענריק לעוו, יצחק לייב אָרנשטיין, רעגינאַ ליליענטאַל. טייל פֿון זיי האָבן איבערזעצט פּרץ'ס דערציילונגען אויף פּויליש, אַנדערע האָבן אויך געשריבן פֿאַר זיינע אויסגאַבעס.

פֿאָלקלאָר איז דערהויבן געוואָרן צו אַ חשוב'ער ווייסנשאַפֿט. ביי אַן אויסשטעלונג אין וואַרשע איז שוין אויך געווען אַ ווינקל פֿאַר אַ אידישער קאָלעקציע. דער ווינער פֿאָלקלאָריסט פֿרידריך קרויס, רעדאַקטאָר פֿון דעם דייטשן פֿאָלקלאָר זשורנאַל „אַם אורקוועל", האָט דערמוטיקט אידישע זאַמלער. עס האָט נישט לאַנג גענומען און פּרץ האָט אים צוגעשיקט אַ קליינע זאַמלונג פֿון אידישע פֿאָלקס־לידער, וואָס איז געווען די פּרוכט פֿון די צוזאַמענקומען ביי אים אין שטוב יעדן שבת.

צווישן די זעקס אָפּגעדרוקטע לידער פֿון פּרץ'עס זאַמלונג איז געווען דאָס ליד „שימעלע", אַ קלאָגליד נאָך אַ געפֿאַלענעם אידישן סאָלדאַט אין דער מלחמה אין קרים אין 1855, ווען די אידן האָבן צום ערשטן מאָל פֿאַרגאָסן זייער בלוט פֿאַרן צאַר, און האָבן אין דעם זכות, מיט דריי יאָר שפּעטער, געבעטן אָפּצושאַפֿן די אידישע גזירות.

צווישן פֿאָלקלאָריסטן האָט פּרץ'עס קליינע זאַמלונג געמאַכט אַן איינדרוק און ער האָט מיט מער חשק ווייטער געזאַמלט פֿאָלקסלידער. ער האָט זיך אָפֿטמאָל דורכגערעדט וועגן דעם ענין מיט אַ יונגן, ענ־טוזיאַסטישן זייגערמאַכער יהודה לייב כהן, וועלכער איז געוואָרן אַ שטענדיקער אַריינגייער ביי פּרצן אין שטוב און איז געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿאַרזינגער פֿון פֿאָלקסלידער ביז דער צייט ווען ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

זיין ליבשאַפֿט צו די פֿאָלקס־שאַפֿונגען האָט פּרצן געמאַכט אָפֿט־מאָל גיין אין די וואַרשעווער טאַנצהייזער, וואו עס פֿלעגן זיך צו־זאַמענקומען יונגעלייט און מיידלעך וואָס האָבן געלערנט אין דער אידישער האַנטווערקער שול, אויך נייטאָרינס וואָס האָבן אין די אָוונטן געלערנט אין דער שול פֿון פֿייע ראַקאָווסקאַ אויף דער קו־פּיעצקע גאַס.

פון זיינע פליסיקע זאַמלונגען האָט פרץ אָפּגעקליבן צוויי־און־פערציק פאָלקסלידער און האָט אויף דעם ביכעלע אַרויסגענומען אַ דערלויבעניש פון דער צענזור זיי אָפּצודרוקן.

ער האָט אָבער די פאָלקסלידער קיינמאָל נישט אָפּגעדרוקט, ווייל פאַר די וואָס האָבן אים געהאָלפן אַרויסגעבן די יום טוב בלעטלעך, איז דער אידישער פאָלקלאָר געווען אַ פרעמדע זאַך. ווען דער אידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור־היסטאָריקער לעאָ ווינער האָט באַזוכט פרצן, האָט ער ביי אים אויסגעבאָרגט זיין זאַמלונג פון פאָלקסלידער, וועלכע ער האָט טיילווייז אויסגענוצט, אָבער קיינמאָל נישט אומגעקערט.

פרצ׳עס טיפער אינטערעס פאַר דעם אידישן פאָלקס־שאַפן האָט אָנגעהאַלטן ביז צום סוף פון זיינע טעג, ווען ער האָט די פאָלקס־מאָטיוון אַריינגעוועבט אין זיינע קינדער־לידער.

מיט דעם האָט ער געהאָלפן צו דעם גרויסן אויפשוואונג פון אַ פאָלקסטימליכן אידישן לעבנס־שטייגער.

## כח

# אַרעסטאַנט

מיט אַן אומהיימליכן ציטער אין דער נשמה האָט ער זיך דערנענ־טערט צו די אַרבעטער־מאַסן ביי געהיימע פאַרזאַמלונגען. עס האָט אים געצויגן צו זיי, אָבער עס איז אויך געווען פאַר וואָס זיך צו שרעקן.

נאָך איינער אַ געהיימער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, שבת נאָכט, אין דער וואוינונג פון די דריי שוועסטער ברוזעל, אויף קופּיעצקע גאַס, האָט זיך שוין פּרץ נישט איין שבת־צו־נאַכטס אַריינגעשלייכט אַהין, וואו ער האָט מיט שטראַלנדיקע בליקן און פלאַמיקע ווערטער באַ־גייסטערט צו טאַטן די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אין דער ריי לויט פאַכן. אַנהויבנדיק מיט די קאַסטן־מאַכער און סטאָליארעס, זענען אין די אַנדערע שבת־צו־נאַכטסן געקומען יונג און אַלט פון אַנדערע פאַכן.

אויף דער גאַס האָט מען אַלעמאָל אַרויסגעשטעלט אַ טאָפּלטע וואַך אויפן פאַל, אַז ווען געהיים־אַגענטן זאָלן פאַקן די פאַרזאַמלונג, זאָל פּרץ נישט אַריינפאַלן.

דאָס זענען געווען די יאָרן ווען די שטימונג פון רעוואָלוציע איז מיט יעדן יאָר געוואָרן הייסער און געשפּאַנטער אין וואַרשע. אין די אָרעמע גאַסן פון דער שטאָט האָט געהערשט אַן אַטמאָספערע פון אויפרודערונג.

עס האָבן צו אַלעמען דערגרייכט די פּיין און דערנידערונג וואָס מען האָט געמוזט אויסשטיין, ווען מען איז אַריינגעפאַלן צו די זשאַנ־דאַרן. אין יענער געהיימער דירה פלעגן פון צייט צו צייט אויך אויפ־

טרעטן אַנדערע אידישע שרייבער, ווי מרדכי ספּעקטאָר, דוד פּינסקי. אָבער פאַרזיכטיקער ווי אַלעמען האָט מען אָפּגעהיט פּרצן.

מיט דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע איז פּרץ שוין געקומען אין באַרירונג ווען ער האָט נאָך געוואוינט אין זאַמאָשטש און איז געווען אַ פאַרנומענער פּריוואַט אַדוואָקאַט. דעמאָלט איז ער אָבער געווען אַ פּערסאָנאַ גראַטאַ. אין די געריכטליכע קרייזן איז ער געווען אַן אָנגענומענער מענטש, פאַר וועמענ׳ס פעאיגקייטן מען האָט געהאַט רעספּעקט. דעם ביטערן טעם פון זיין אַן אַרעסטאַנט האָט ער ערשט דערפילט אין וואַרשע.

נאָך אין דער צייט ווען ער האָט אַרויסגעגעבן די יום טוב בלעטלעך, האָט שוין די צאַרישע מאַכט געהאַלטן אַן אויג אויף אַלץ וואָס ער האָט געטון. נישט אַנדערש נאָר עס זענען געווען מסירות אויף אים, אַז ער האַלט זיך נאָענט צו די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אורזאַכן אים צו פאַרדעכטיקן האָט די פּאָליציי געהאַט גענוג. און די זשאַנ־דאַרמעריע האָט געבושעוועט און געהאַלטן די באַפעלקערונג אין שרעק. זשאַנדאַרן פלעגן אין מיטן דער נאַכט באַפאַלן הייזער און מאַכן שטרענגע דורכזוכונגען.

אין איינער אַזאַ נאַכט אין פרילינג זענען זשאַנדאַרן באַפאַלן פּרצ׳עס היים, האָבן דאָרט געמאַכט אַ גרינטליכע רעוויזיע, געניש־טערט, דורכגעמישט און איבער־געקערט אַלע ביכער, מאַנוסקריפּטן און פּאַפּירן פון פּרצן און זיין זון. נאָכדעם איז צום אָבער־פּאָליציי־מייסטער אַוועק אַן אָפיציעלער באַריכט, אַז עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַזאַ רעוויזיע ביי דעם אידישן שרייבער לייבאַ פּרץ און ביי זיין זון, לייזער, אַ סטודענט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

צום גליק האָט מען אויף אים קיין ממשות׳דיקע פּאָליטישע חטאים נישט געפונען. דעמאָלט איז פּרץ אָפּגעקומען מיט דער שרעק אין דער נאַכט און מען האָט אים נישט איינגעזעצט.

דעם ערשטן טעם פון אַ צאַרישער טורמע האָט פּרץ דערפילט, ווען מען האָט אים אומשולדיקערווייז אַרעסטירט פאַר אַז עניין וואָס האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער רעוואָלוציע. מען האָט אים איינגעזעצט אויף עטליכע וואָכן.

אידישע סוחרים האבן אין יענער צייט אפטמאל זיך געלאדן מיט די רוסישע אייזנבאנען איבער פראכט, וואס איז פארלוירן געגאנגען אדער באשעדיקט געווארן אין וועג. ווען די געשעפטסלייט האבן נישט געוואלט אליין זיין פארמישט אין די פראצעסן מיט די באנען, פלעגן זיי פארקויפן די פראכטן צו אנדערע. איינער פון די דירעקטארן פון דער גמינע, אליין אן אדוואקאט, האט אויך געהאט אזעלכע פראכטן. ער האט אבער נישט געוואלט מען זאל זיך דערוויסן, אז די פראכטן פאר וועלכע ער האט געמאנט געלט געהערן טאקע צו אים, האט ער געבעטן פרצן, אז ער זאל זיי אונטערשרייבן. דער קלוגער פרץ האט אין איינעם פון זיינע נאאיווע מאמענטן די פאפירן אונטערגעשריבן. די רעגירונג האט זיך מיטאמאל געכאפט, אז עס גייט ערגיץ אן א שווינדל מיט די פראכטן. זי האט פון פעטערבורג אראפגעשיקט קיין ווארשע א ספעציעלן אויספארשער, ביעלאוועצאוו, צו אונטערזוכן די אנגעלעגנהייט. א צאל פארדעכטיקע אין דעם שווינדל זענען ארעסטירט געווארן. צווישן זיי איז געווען פרץ.

אזוי גיך ווי זיינע פריינט האבן זיך דערוואוסט, אז מען האט פרצן איינגעזעצט, זענען צוויי פון זיי, דער סוחר אברהם פאדלישעווסקי און דר. גרשון לעווין, אין מיטן דער נאכט אוועק צום אויפזעער פון דער תפיסה, געראד דעם דאקטאר׳ס א פאציענט, און האבן ביי אים וויינגסטנס גע׳פועל׳ט, אז מען זאל פרצן אריבערפירן אין אן אנדער קאמער און מען זאל אים בעסער באהאנדלען.

עס זענען פארביי טעג און וואכן און עס איז מיט קיין שתדלנות נישט געלונגען פרצן צו באפרייען. דער אויספארשער פון פעטערבורג איז געווען פאר׳עקשנ׳ט. נאך לאנגע באמיאונגען האט ער ענדליך איינגעשטימט אויסצוהערן דריי וויכטיקע עקספערטן און עדות. ער האט אויפגענומען סאקאלאוון, פאדלישעווסקין און דעם אדוואקאט קליינערמאן. די דריי איבערגעגעבענע פריינט האבן אויפגעוויזן, אז פרץ האט אין זיין לעבן נישט געפירט קיין האנדל מיט אייזנבאנען. זיי האבן פאר דעם הויכן באאמטן געשילדערט פרצעס אידעלן כאראקטער אלס דיכטער און אלס נאאיוון, גוטהארציקן מענטש, וועלכער האט אין א שוואכן מאמענט, וועלנדיק אימעצן א טובה טאן, די פאפירן אונטערגעשריבן. ווען ער האט זיי אויסגעהערט, האט ביע-

לאָווצאָוו נישט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן איבער דער זאַך. ווי האָט אַזאַ שריפטשטעלער ווי פּרץ געקאָנט זיין אַזוי נאַאיוו און אונטער־שרייבן פּאַפּירן, מיט וועלכע ער האָט קיין שום פאַרבינדונג נישט געהאַט. די דריי פריינט האָבן דאַך מיט זייערע טענות געווירקט און נאָך עטליכע וואָכן אין תפיסה, האָט ביעלאָווצאָוו אים באַפרייט.

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס ער האָט פאַרזוכט דעם האַרבן טעם פון אַ רוסישער טורמע.

זיין אמת׳ע באַקאַנטשאַפט מיט אַ רוסישער טורמע האָט פּרץ געמאַכט מיט עטליכע יאָר שפּעטער. און דאָס איז געווען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון זיין פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

זייט פּינסקי האָט אים אַריינגעפירט אין די אַרבעטער קרייזן, האָט פּרץ זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון אַנטיילנעמען אין אַ געהיימען צוזאַמענקום. ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די סטרייקס אין איינ־צלנע וואַרשטאַטן און אידישע אַרבעטער האָבן געהונגערט, זענען די פירער געווען געצוואונגען צו צוטראַכטן פאַרשידענע מיטלען ווי דעם הונגער צו לינדערן.

עס איז געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן פאַר אַ גרויסער אונטערנעמונג, ביי וועלכער פּרץ זאָל אויפטרעטן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ געפעלשטע שמחה, אַ תנאים. די אַרבעטער האָבן געדונגען אַ גרויסן חתונה־זאַל אויף דער פּאַוועז גאַס, אין שכנות מיט דער פּאַוויאַק טורמע. די כלה האָט געזאָלט זיין איינע פון די דריי ברוזעל שוועסטער, ליבע, און דער חתן — דער אַגיטאַטאָר מענדל רובינשטיין, וואָס איז געגאַנגען אונטערן נאָמען מיכלזאָן. אויף אַזעלכע תנאים האָט די פּאָליציי אַרויסגעגעבן אַ דערלויבעניש.

פּרץ און ספּעקטאָר זענען איינגעלאַדן געוואָרן אויפצוטרעטן. דאָס האָט ליבט געמאַכט אויסצופאַרקויפן די בילעטן. עטליכע וואָכן פאַר דעם אָוונט זענען צוויי מיידלעך געקומען פּרצן איינלאַדן. זיי האָבן אים דערציילט וועגן דער ביטערער לאַגע פון די סטרייקער. דערצו האָט מען באַדאַרפט הילף פאַר אַ פאַמיליע וואָס פאָרט קיין אַמעריקע. ער האָט איינגעשטימט צו קומען עפּעס פאַרלייענען. ווען די מיידלעך

זענען געקומען צו ספּעקטאָרן און אים איבערגעגעבן, אַז פּרץ האָט שוין אָנגענומען, האָט ער אויך צוגעשטימט צו קומען לייענען.

אין דעם הייסן שבת־צו־נאַכטס אין יולי, ווען די געסט זענען זיך צונויפגעקומען, איז די סאַליע גאָר גיך געווען געפּאַקט, די טישן זענען געווען געדעקט ווי פאַר אַן אמת'ער שמחה, ארום דעם בופעט מיט שפּייז האָבן זיך געפּאַרעט די דריי איבערגעגעבענע שוועסטער קאַסאָוויטש, און די תנאים־קאָמעדיע פאַר דער פּאָליציי איז געווען פולקאָם צוזאַמענגעשטעלט. אַ סך מענטשן האָבן געמוזט אַוועקגיין ווייל עס איז קיין פּלאַץ נישט געווען. אין דעם געדרענגעניש זענען געווען אויסבאַהאַלטן עטליכע געהיים־אַגענטן, וואָס האָבן בלויז געקענט פאַרדעכטיגן, אָבער האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס הינטער דער קאָמעדיע איז פאָרגעקומען.

מען האָט דעם עולם איינגעשטילט און דער חתן האָט געלייענט אַ רעפעראַט. עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט מיט געזאַנג און דעק־לאַמאַציע. נאָכדעם האָט דער באַגייסטערטער עולם מיט שטורעם אויפ־גענומען די געסט שריפטשטעלער. די יונגע, רייזען, אַש און נאָמבערג זענען אויך געווען געסט ביי די תנאים. צום וואָרט האָט מען אויפ־גערופן נאָך ספּעקטאָרן און פּרצן. ספּעקטאָר האָט פאָרגעלייענט זיין „סטרייק פון קבצנים", וואָס האָט ווי שטענדיק שטאַרק אויסגענומען מיט דעם ביזאַרן הומאָר. פּרץ האָט מיט שטורעמדיקן בייפאַל פאַר־געלייענט זיין אַרבעטער דערציילונג „וועבער־ליבע" און ווי אַ צוגאָב, זיין הומאָריסטישן „בעזים".

כדי צו זיין באַשיצט פון אַ פּאָליצייאישן איבערפאַל, זענען די שריפטשטעלער גלייך נאָך דעם פאָרלייענען אַוועק. אָבער די באַהאַל־טענע אויגן פון די געהיים־אַגענטן האָבן שוין געזען ווער עס האָט דאָ אַנטייל גענומען.

דער אָוונט איז לאַנג פאַרבליבן אין געדעכעניש פון די באַלמע־לאָכעס אין וואַרשע.

די פּאָליציי האָט באַקומען אַ רעפּאָרט אַז די תנאים זענען, ווי עס האָט אויסגעזען, קיין תנאים נישט געווען. פּרצן און ספּעקטאָרן האָבן געהיימע לייט אויף וועלאָציפּעדן אַ גאַנצע וואָך נאָכשפּיאָנירט. סוף וואָך האָט די פּאָליציי ביי ביידן אין די הייזער געמאַכט איבער־

פאַלן אין מיטן דער נאַכט. איינס און צוויי האָט מען ספּעקטאַרן איינ־געזעצט אין ציטאַדעל. ביי פּרצן אין שטוב האָט מען בלויז אַרעסטירט זיין זון, לוציאַן.

ווען די זשאַנדאַרמעריע אין ציטאַדעל האָט גענומען ספּעקטאַרן אויפן פאַרהער און ער האָט מודה געווען אַז פּרץ האָט אויך אַנטייל גענומען אין דעם אָוונט, האָט מען אים צוזאַמענגעבראַכט מיט — לוציאַנען. די זשאַנדאַרן זענען געווען געפּלעפט. ווער האָט זיך גע־קענט ריכטן, אַז דער רעוואָלוציאָנער איז נישט דער אינגערער נאָר גאָר דער עלטערער פּרץ. דעם זון האָט מען גלייך באַפרייט און דעם פאָטער אַרעסטירט און איינגעזעצט.

זענען שוין אי פּרץ אי ספּעקטאָר געזעסן אין צענטן פּאַוויליאָן, נאָר איינער האָט פון אַנדערן נישט געוואוסט.

דער צענטער פּאַוויליאָן אין דער וואַרשעווער פעסטונג איז געווען אַרומגעוועבט מיט אַלערליי פינסטערע און שרעקליכע לעגענדעס און פּרצן איז באַשערט געווען איצט די שרעקן אַליין דורכצולעבן. ער האָט געמוזט דורכגיין די חרפּה און דערנידערונג פון אַלע אַרעס־טאַנטן. געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט און מען האָט אַלץ ביי אים צוגענומען — די פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך, דאָס האַלז־טיכל, דאָס קליינגעלט, אַלץ.

די לעצטע זומער־טעג, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער פעסטונג, זענען אים פאַרביי אין אַנגסטן און אין זאָרג מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגן. דורך דעם לאָך אין דער טיר, האָט ער כסדר געזען די צוויי ביסטרע אויגן פונם זשאַנדאַר, וואָס איז געגאַנגען אַהין און אַהער און האָט כסדר געכאַפּט אַ בליק אַריין. די טעג זענען אַוועק אין פיינלעכע דאגות.

די נעכט אָבער, מיט די ערשטע אָסיען־ווינטן, האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביגקייט. נישטאָ קיין גרעסערע שטראָף ווי צו זיין אַליין, האָט ער געטראַכט. זעקס אין דער פרי איז שוין אַ שטומער וועכטער אַריינ־געקומען ריינקן. יעדעס מאָל ווען עמעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין טיר, האָט זיך עס אָפּגערופן ביי אים אין האַרץ — אפשר ברענגט מען ספּעקטאָרן.

מען האָט אים גענומען אין קאַנצעלאַריע אויפֿן דאָפּראָס און אויס־געפֿרעגט אַלץ וועגן דעם אָוונט פֿון די תנאים. ווער זענען די פּירער, ווי הייסן זיי. ער האָט אויף אַלעמען געענטפֿערט אַזוי גוט ווי ער האָט געקענט און האָט זיך דערוואוסט, אַז מ׳האָט שוין לאַנג געהאַלטן אַן אויג אויף אים.

די פֿעסטונג איז געלעגן האַרט ביי דער ווייסל. אין די טעג האָט ער ווי עס איז געלינדערט די שווערע לאַנגווייל, פֿרואוונדיק לייענען טייל פֿון די אַלטע רוסישע ביכער וואָס מ׳האָט אַרויסגעגעבן צו אַרעסטאַנטן פֿון דער פֿעסטונג ביבליאָטעק. אָבער אין די נעכט איז ער געלעגן מיט אָפֿענע אויגן, וואַך. ער האָט אויף קיין פֿאַל נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. אין די אַסיענדיקע נעכט, ווען די ווינטן האָבן געפּייפֿט, האָט ער זיך איינגעהערט ווי דער טייך האָט זיך געהויבן און געראַוושט. פֿאַרן הויכן פֿענצטער מיט די גראַטעס איז געווען אַ באַן־בריק, איבער וועלכער עס האָט פֿון צייט צו צייט פֿאַרבייגעקראַכט אַ צוג מיט אַ לאַנגן פֿייף ביז אין דער ווייטקייט. טיילמאָל אָבער איז אָנגעקומען אַ שטילקייט, אַז מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט. די אימה איז געוואָרן נאָך טיפֿער אין אַ שטילער לבנה־נאַכט.

אַזוי זענען אַוועק עטליכע וואָכן. אין אַ פֿראָסטיקן פֿרימאָרגן, ווען דער קלאָרער שניי איז הויך געלעגן אויפֿן הויף פֿון דער פֿעסטונג, האָט מען פּרצן צוזאַמענגעפֿירט מיט ספּעקטאָרן און זיי געלאָזט פֿאַרבלייבן צוזאַמען אין איין קאַמער.

אַ נייע נשמה איז אַריין אין אים ווען ער האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ פֿריינט, מיט וועמען צו רעדן. זיי זענען ביידע געווען איבערגעפּילט מיט זאָרג און באַהאַלטענע שרעק. זיי האָבן לאַנג און פֿיל גערעדט און געלאַכט ביז דער זשאַנדאַר האָט זיי פֿאַרבאָטן צו לאַכן אַזוי הויך. פּרץ האָט גאָר נישט געקענט איינהאַלטן זיין געלעכטער און פֿון צייט צו צייט האָט ער איבערגע׳חזר׳ט:

— אַ מעשה נוראָ, מען זאָל נעמען צוויי מענטשן און זיי פֿאַר־שליסן אין איין צימער.

ווען זייער ערשטע איבערוועלטונג פֿון פֿרייד האָט זיך אויסגע־שעפּט, האָט פּרץ אין אַ שטילערן מאָמענט פֿאַרטרויט ספּעקטאָרן, אַז ער איז קראַנק, אַז פֿון נישט שלאָפֿן אין די נעכט איז ער שיער פֿון

זינען אראפ. ער האט אלץ גערעכנט, ווער ווייסט וואסער געפערליכע שטראף מען וועט אים צוטיילן. מסתמא זענען נאך פארשריבן קעגן אים אלטע חטאים פון זאמאשטש. און מיט ביטערן הומאר האט ער צוגעגעבן:

— מיר זענען צוויי געפערליכע ארעסטאנטן.

אין דער נייער קאמער איז ער גוט דורכגעשלאפן די ערשטע נאכט, איז אויפגעשטאנען א דערפרישטער און האט אונטערגעטאנצט פאר שמחה. ער איז געווארן א נייער מענטש. נאך עטליכע טעג פון דער־ווארעמען זיך מיט א פריינט, האט ער גענומען אויסארבעטן א פראַ־גראם פון טעטיגקייט פאר די לאנגע טעג און אוונטן. אין דער פרי וועט מען שרייבן, נאכמיטאג רעדן, אין אוונט לעזן און פארן שלאף אויך א ביסל רעדן. אבער עס זענען אוועק לאנגע טעג און מ׳האט נאר גערעדט און געזארגט וועגן ווער ווייסט וואסער שווערער שטראף.

אויך די אסיענדיקע לאנגע נעכט זענען אוועק אין רעדן. מ׳האט זיך דערציילט זכרונות פון די קינדער־יארן און מען איז אריבער צו איינצלהייטן פון דער לעבנס־געשיכטע. אזוי זענען ווידער אוועק לאנגע טעג און נעכט. סוף כל סוף האט מען זיך אין די פרימארגנס דאך גענומען צו שרייבן.

אין קאנטראסט צו דער הארטער פיזישער מאכט, וואס איז געווען פארקערפערט אין די זשאנדארן וועלכע ער האט געזען אין די קאַ־רידארן און אויפן הויף פון דער פעסטונג, איז אין זיין גדאנק העכער געשטיגן די הויכע גייסטיגקייט און דער איידעלער כח פון חסידות. די הארטע קאלטע גוי׳אישקייט האט אים ארומגערינגלט, אבער די אידישקייט האט געזונגען אין אים.

דארט, אין צענטן פאוויליאן, האט זיך ביי אים אין קאפ גענומען שפינען די הויכע דערהויבענע מאראל פונם נעמיראָווער, וואס פלעגט סליחות־צייט יעדן פרימארגן פארשווינדן. אויף וועמען חסידים האבן געגלויבט, אז פאר זיינע מעשים טובים פליט ער אין הימל ארייַן, און דער טרוקענער ליטוואק האט שוין צוגעגעבן: אויב נישט נאך העכער.

אין דער הארטער תפיסה האט זיך אין אים טיפער צעווארעמט די ליבשאפט און באוואונדערונג פאר חסידות. פאר זיין חבר־ארעס־

טאַנט האָט ער דאָ אפילו אָפן געזאָגט, אַז ער איז מקנא בערדי־טשעווסקין ווייל ער איז איינגעטונקען אין חסידות.

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט ער יעדן פרימאָרגן אימפּעטיק און באַגייסטערט געשריבן אויף דער נאַרע. און ווען „אויב נישט נאָך העכער" איז געווען אָנגעשריבן און אויסגעפּיילט, האָט ווי אַן אָפּגעשפּיגלט ליכט פון דער זון, צעפלאַקערט זיך אין אים דער תורה־קאַמף צווישן בריסקער רב און ביאַלער רבי'ן. און עס איז געבוירן געוואָרן „צווישן צוויי בערג", דער גייסטיקער קאַמף פאַרן פּראָסטן פאָלק.

באַפרייט און אויסגעלעבט זיך פון דעם געדאַנק, וואָס איז געווען פאַר אים אַ פאַרגיטיגונג פאַר זיין אייגענעם קאַמף פאַר די מאַסן, איז ער ווידער געוואָרן טיף אומרואיק און האָט מער קיין חשק נישט געהאַט עפּעס צו שאַפן אין די קיילעכדיקע, פאַרשווינדנדיקע ווענט פון דער תפיסה.

אויך ספּעקטאָר האָט געשריבן. נאָכדעם האָט מען ווידער לאַנגע טעג און וואָכן געגעבן פּלענער ארויסצוגעבן ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן. מ'האָט אויסגעפּלאַנט אַ פאַרלאַג פאַר קינדער־ליטעראַטור. און בויענדיק שלעסער אין דער לופטן, האָט מען אויסגעפּלאַנט צו בויען אַ אידיש טעאַטער אויף נייע יסודות.

די אַלע שיינע חלומות זענען גיך צערינען, ווען די אָסיען־ווינטן האָבן נאָך געמען העכער פייפן.

נאָך עטליכע פיינליכע חדשים אין צענטן פּאַוויליאָן, האָט מען פּרץ און ספּעקטאָרן באַפרייט. די באַשולדיגונגען קעגן זיי זענען געווען אויפגעבלאָזן פון די זשאַנדאַרן. עס איז אין זיי קיין ממשות נישט געווען.

ווען ער איז אַהיימגעקומען איז זיין געזונט געווען שטאַרק אונטערגעגראָבן. עס האָט אים לאַנג גענומען ביז ער איז געקומען צוריק צו זיך אין זיין נעסט אויף צעגלאַנע איינס.

אַהיימקומענדיק האָט ער אויף זיין שרייב־טיש ביים פענצטער געפונען אַ גרויסע מתנה, וואָס האָט זיין האַרץ דערוואַרעמט. דאָרט זענען געלעגן די ערשטע דריי קליינע בענדער פון זיינע העברעאישע

כתבים, וואָס בן־אביגדור האָט נאָרוואָס אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „תושיה". זיינע ערשטע געזאַמלטע שריפטן.

אַ טיפע פרייד האָט זיך אין אים אויסגעשפרייט, ווען ער האָט געבלעטערט דעם ערשטן באַנד. זיינע אויגן האָבן פאַרשלונגען דאָס דערהויבענע פאָרוואָרט פון יוסף קלויזנער, אַ יונגער באַגייסטערטער סטודענט פון אוניווערסיטעט אין היידלבערג. אויף אַ צענדליג געדיכטע זייטלעך, האָט ער געשילדערט די פּאָעטישע שאַפונגען פון פּרצן, האָט אים פאַרגליכן מיט די גרעסטע, אים צוגעשריבן די העכסטע קינסטלערישע מעלות און אים אָנגערופן דער זינגער פון די פאַרשטויסענע. אַרויסקומענדיק פון תפיסה, האָט ער מיט די פאַרשטויסענע זיך געפילט נאָענט און אייגן.

ער האָט די ביכער געצערטלט אין די הענט ווי טויבן. זיי האָבן געוואָרעמט די נשמה נאָכן פראָסט אין דער פעסטונג.

# כט

## יובילאַר

דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד האָבן זיך געצויגן די פייער־ליכקייטן. אין אַ טיפערן זין, האָבן זיי קיינמאָל נישט אויפגעהערט. עס איז געווען נישט בלויז דער יום טוב פון זיין שאַפן, נאָר אויך די דערהויבונג פון אידיש צו איר אייביקער מדרגה.

מידת הרחמים, דאָס הייסט דינעזאָן, איז מיט אַ דערהויבן האַרץ און אין זיין שבת'דיקן קאָסטיום אויסגעפּוצט אין דעם זוניקן פרי־מאָרגן געגאַנגען צו דער גמינע. נישט צו פּרצן נאָר צוליב אים.

גייענדיק פון דער מילע גאַס איבער דער דזשיקע צווישן דעם גע־דיכטן אידישן עולם, האָבן אים צענדליקער מענטשן אָפּגעשטעלט און באַגריסט ווי דעם בעל שמחה. זיינע קעשענעס זענען געווען געפּאַקט מיט טעלעגראַמעס, וואָס זענען אויף זיין אַדרעס געקומען פון אַלע עקן רוסלאַנד און אויסלאַנד. אויסדרוקן פון וואַרעמסטער ליבשאַפט און טיפסטער אַכטונג צו פּרצן. אין האַנט האָט ער גע־טראָגן אַ קליין שווער פּעקל, וואָס ער האָט געדריקט צום האַרצן ווי אַן אוצר.

עס איז געווען אַ וואונדערליך יום טוב'דיקער טאָג. דער הימל ליכטיק בלאָ, דאָס וועטער לינד. די פּיאַלקן און נאַרציסן זענען שוין געווען אויספּאַרקויפט אויף די וואַרשעווער גאַסן. די בלומען־פּאַר־קויפערינס האָבן שוין פון די טראָטואַרן אויסגעשטרעקט לעווקאָניעס. עס איז געווען ל"ג בעומר און דער ערשטער טאָג פון פּרצ'עס יובילעי.

אַלע צוואַנציק מיטגלידער פונם יובילעי קאָמיטעט, צווישן זיי מיכאל בערגסאָן, פּרעזידענט פון דער גמינע, י. ל. גראָסליק דער

סעקרעטאַר, נחום סאָקאָלאָוו, בעל מחשבות, דינעזאָן, אברהם פּאָד־ליִשעווסקי, דר. מינץ, קאַסירער פון דער יובילעאום אויסגאַבע, דר. משורר, דער אַדוואָקאַט קירשראָט־פּראַווניצקי, האָבן צען אין דער פרי זיך פאַרזאַמלט אין דער גמינע און זענען פון דאָרט אַוועק צו פּרצן אים ווינטשן גליק צום פופציקסטן געבורטסטאָג און פינף־און־צוואַנציקסטן יובילעי פון זיין ליטעראַרישן שאַפן.

אויף צעגלאַנע איינס איז די פּרץ שטוב געווען רייכפאַרביק פאַר־פּוצט מיט בלומען. דאָרט האָט זיך פייערליך אָפּגעשפּילט דער יום טוב, וואָס האָט קלאָר און ליכטיק אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער אידישער וועלט.

דאָרט איז געווען פּאָרטראַטן אַ געמיש פון די פאַרשידנסטע שיכטן אין אידישן לעבן. דער פּרעזעס בערגסאָן, וועלכער האָט דעם יובילאַר באַגריסט אין נאָמען פון דער געמיינדע, האָט מיט די אַנדערע מיט־גלידער פון דער פאַרוואַלטונג פאַרטראָטן די עקסטרעמע אידישע אַסימילאַציע, די פּאָליאַקן פון משה רבינו'ס גלויבן.

קיין שאַרפע ליניעס האָבן נאָך דאַמאָלס די פּאָלקס־באַוועגונגען נישט פאַנאַנדערגעטיילט און די ציוניסטן, נאַציאָנאַליסטן און אַנ־דערע איסטן זענען געווען גלייך פאַרטראָטן. אַלע האָבן געוואָלט פאַר־רעכענען פּרצן אַלס זייערן. אָבער אין דער אמת'ן האָט ער קיינמאָל אין לעבן צו קיין איינער פון די פּאַרטייען נישט געהערט. ליכטיקע האָפענונגען פאַר זיין פּאָלק, דאָס איז געווען זיין אידעאַל.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער ערשטער יום טוב פון דער אי־דישער ליטעראַטור. אויפן הינטערגרונט פון רויטע רויזן און אַנדערע בוקעטן, האָט העלענע מיט איר רואיקן און ליבליכן שמייכל אויפ־גענומען געסט. דער בעל יובל איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ לייכטנדיק פּנים, אַ שווייגנדיקער.

אויף דער געזעלשאַפטליכער וואָג האָבן אַריבערגעוואויגן די אַסי־מילאַנטן, די וואָס האָבן אים רעספּעקטירט ווי דעם דיכטער פון קליינע מענטשעלעך. זייער אומגאַנגס־שפּראַך ביי דער פייערונג איז געווען פּויליש. נחום סאָקאָלאָוו איז אויפגערופן געוואָרן צו האַלטן די באַ־גריסונגס־רעדע. אידיש אָדער העברעאיש, איז ביי אים אין האַרצן

געווען די פראגע. נאר כדי צו זיין פארשטענדליך פאר אלעמען, הויפטזעכליך פאר די גמינע דאזארעם, די געלט־אריסטאקראטיע, האט ער גערעדט פויליש. דער נאענטסטער יונגט־פריינט האט ארומגע־רעדט פרצעס פארדינסטן אין דער העברעאישער און אין דער אידישער ליטעראטור, די גרויסע נוצן וואס ער האט געבראכט פארן נישט־גע־בילדעטן עולם מיט זיין שרייבן אין פראסט אידיש. פרץ איז אן עכטער פוילישער איד, האט ער מיט שטאלץ אונטערגעשטראכן, אויפן פוי־לישן באדן געבוירן געווארן און היינט איז ער דער שטאלץ פון גאנצן אידנטום, ווייט אריבער די גרעניצן פון פוילן און ליטע. און ער איז געקומען צום אויספיר:

„אונזער בעל יובל איז א לעבעדיקער גייסט. ער איז פלינק, אימ־פולסיוו און פארמאגט אן איינגעבוירענעם חוש פאר קונסט און אינס־פיראציע. ער איז הארציק און האט א פערזענליכע באציאונג צו זיינע געשילדערטע העלדן. זיין שארפע באאבאכטונגס־קראפט איז זייער אן איידעלע. זיין פארם איז אייגנארטיק. ער רעכנט זיך נישט מיט די פאדערונגען פון באנאלע פארמען. ער זוכט נישט צו זיין דורכאויס פארשטענדליך. זיין שוואונג איז ווייט אריבער די באגריפן פון דעם דורכשניטליכן מענטש. דאס איז אמת נישט נאר וועגן דעם דיכטער נאר אויך וועגן דעם מענטשן, לעאן פרץ".

סאקאלאוו האט גערעדט לאנג און טיף און פרץ האט אים שוויינג־דיק אנגעקוקט מיט אן אויסדרוק: מיינט מען טאקע מיך?

איצט האט דינעזאן פון זיין זייט אויפגעבונדן און אים צוגעטראגן דאס פעקל. דאס זענען געווען צוויי בענדער מיט גאלדשניט. איינער איז געווען דער ערשטער עקזעמפלאר פון פרצעס געזאמלטע שריפטן. דער צווייטער איז געווען א באנד אזוי ווי דער ערשטער, נאר מיט לעדיקע בלעטער, נישט באשריבן און געדרוקט, א חוץ אויף די ערשטע זעקס זייטלעך. דארט האט דינעזאן אנגעשריבן זיין פער־זענליכע אפשאצונג פון דעם יובילאר, זיין לעבנס־חבר. דאס האט זיך פארענדיקט מיט א גאלדענער אויפשריפט:

„שרייב און שרייב פון דעם יובל ביז צום טאג פון קומענדיקן יובל פאר דיין אייגענער און פאר אונדזער טובה וועגן, אמן".

דער פּראַכט־באַנד איז געווען מיט זילבערנער באַצירונג, אַ מאָנאָ־גראַם פון יל״פּ, אַרומגענומען מיט אַ קראַנץ און אונטן צוויי פעדערס איבערגעלעגטע מיט אַ שלייף.

אַ שטראַל פון גליק האָט אַ שיין געטאָן פון זיינע ליכטיקע אויגן. דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען זיינע געזאַמלטע ווערק אויף אידיש. ביז דאַמאָלס זענען זיי געווען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַר־שידענע אויסגאַבעס. ווען דינעזאָן האָט אים באַלד מיט אַ יאָר פריער געלאָזט וויסן, אַז צו זיין פינפאונצוואַנציקסטן יובל וויל ער צונויפ־קלייבן זיינע ווערק אין איין באַנד, האָט פּרץ קוים גלויבנדיק געזאָגט:

— וואָלט איך כאָטש אָליין וויסן ווי צו זוכן מיינע אַלערליי שרייבערייען, וואָלט איך אפשר דיר געקאָנט אין דיין גוטן ווילן צוהעלפן. צום באַדויערן האָט זיך מיר קיינמאָל פריער אַזוינס נישט גע׳חלומ׳ט. איך האָב צעזייעט און צעשפּרייט מיינע זאַכן אויף זיבן ימ׳ען.

אָבער דינעזאָן האָט אומדערמידליך אַלץ געזאַמלט. האָט אַ יאָר נאָכאַנאַנד געזוכט אין פאַרגעסענע אידישע זאַמלביכער, האָט גע־בלעטערט אין זשורנאַלן און צייטונגען מיט אָפּגעבליאַקעטע אותיות. האָט צוזאַמענגעלעגט שורה צו שורה, בלעטל צו בלעטל, האָט געפירט געשעפטן מיט זעצערס, דרוקערס און איינבינדערס. ביי פאַרשידענע מענטשן אויסגעליען די נויטיקע פאַר טויזנט רובל און האָט אָפּגע־דרוקט דעם אוצר ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ ליטעראַרישן יובל.

איצט האָט ער דערלעבט דעם גרויסן מאָמענט, ווען ער האָט גע־קאָנט איבערגעבן פּרצן אין האַנט אַריין דעם טייערן באַנד, וואָס איז מיט אַזויפיל מי אָנגעקומען אַרויסצוגעבן. אפילו דער טיפער בעל מחשבות האָט אין זיין באַגייסטערטער אָפּשאַצונג אַרויסגעהויבן דעם פּשוטן פאַקט, אַז מענטשן פון פאַרשידענע קלאַסן, רוסישע און פּוילישע אידן, ליטעראַטן, דאָקטוירים, סוחרים און אַנדערע האָבן זיך פאַראייניקט אַרויסצוגעבן צו פּרצעס יובילעי זיינע ווערק.

אַ טרער פון פרייד האָט געפינקלט אין זיין אויג ווען ער האָט דעם באַנד גענומען אין האַנט אַריין.

— מיין ברודער יעקב! — האָט ער מיט גערירטער פרייד אויסגעשריען. — דו האָסט מיר מיט דיין מתנה דאָס גליק פון מיין לעבן צוגעטראָגן. ווען און מיט וואָס וועל איך דיר אָפּדאַנקען?

קיינמאָל פאַר דעם און קיינמאָל נאָכדעם האָט דינעזאָן קיין טרער אין פּרצעס אויג נישט געזען.

דער קאָמיטעט האָט אים געבראַכט אַ גאָלדענע פּען און אַ זילבערנעם טינטער מיט העברעאישע און פּוילישע אויפשריפטן. איבער די ווערטער זענען געלעגן פינף זילבערנע ביכלעך.

די געסט זענען געווען אין אַ געהויבענער שטימונג ווען מען האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר און עס האָבן זיך אַריינגעלאָזט צוויי געהיימע יונגע פּאַרשוינען.

דאָס זענען געווען אָרעם־געקליידטע אַרבעטער. זיי האָבן שטיל גערעדט צו פּרצן און געבעטן אים אַריינצוגיין מיט זיי אין אַן אַנדער שטוב. פּרץ האָט איבערגעבעטן דעם קאָמיטעט און איז מיט די צוויי יונגעלייט אַריין אין צווייטן צימער.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פּנים באַלויכטן פון באַגייסטערונג און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אַלט בוך. די אַרבעטער זענען שטיל אַוועק און פּרץ האָט אויסגערופן:

— איר ווייסט ווער דאָס איז געווען? אַ דעלעגאַציע פון בונד. זיי האָבן מיר געשיקט אַן אָפיציעלע באַגריסונג מיט אָט דער מתנה.

די פּויליש־רעדנדיקע געסט זענען געוואָרן בלייך פון שרעק און האָבן געקוקט אויף דער טיר. אין דעם וואָרט בונד האָבן זיי דערשמעקט סיביר און תליה. דינעזאָן האָט זיי מיט אַ שטילער טאָט באַרואיקט.

די אָפיציעלע באַגריסונג מיטן שטעמפּל פון בונד האָט ער מיט באַוואָרעניש אַרויסגענומען פון פּרצעס האַנט און האָט זי פאַרברענט ביים ברענענדיקן ליכט אויפן טיש. די אַכראַנע טאָר דאָס נישט געפינען ביי פּרצן. דאָס אַש פון דעם האָט ער פאַרזיכטיק אויף אַ פּאַפּירל צוזאַמענגעקליבן און עס אַריינגעוואָרפן אין אַש־טעצעלע. דאָס בוך, אַן עקזעמפּלאַר פון זיין „יידישע ביבליאָטעק", האָט פּרץ באַהאַלטן טיף צווישן זיינע טייערסטע מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט

הייליק געהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן. דאָס בוך, פּאַרפּעטסט, אויסגע־שמירט און צעריסן פון אויסגעלעזנקייט, האָט געשטאַמט פון צענטן פּאַווילִיאָן, וואו עס איז אין געהיים איבערגעגאַנגען פון איין פּאָלי־טישן אַרעסטאַנט צום צווייטן. פיל איינצעלנע אותיות זענען דאָרט געווען אונטערגעשטראָכן מיט בליישטיפט און האָבן צוזאַמענגע־שטעלט מיטטיילונגען פון איין אַרעסטאַנט צום אַנדערן.

נאָך דער געזעגעניש האָט פּרץ מיט פינף יאָר שפּעטער געקענט מיט טיפער ערליכקייט שרייבן: איך געהער נישט צו קיין פּאַרטיי, נאָר אַמנאָענטסטן שטייט מיר דער בונד. און מיט מער יאָרן שפּעטער האָט ער געקענט אין זיין נייער אידישקייט זאָגן: איך האָב מיין סאָ־ציאַליזם געפונען אין דער ביבעל ביי די נביאים.

דינעזאָן האָט מיט זיין שמייכל פון פרייד פאַרגעלייענט טעלע־גראַמעס, צווישן זיי פון מענדעלען, שלום עליכמען און פרוגן. נאָכ־דעם איז געקומען אַ באַגריסונג פון די אידישע סטודענטן אין דער שווייץ. קומענדיק פון איבער דער גרעניץ, האָט זי אַנטהאַלטן דייטש־מעריזמען ווי האַכגעשעצטער, ערנסטע ווינשע, היים געליבטעס פון פילען פאַרהאַסטעס פאָלק, אָבער זי האָט אויסגעדריקט טיפע באַ־וואונדערונג פאַר זיין טאַלענט און האָט זיך פאַרענדיקט מיט גע־הויבענע געפילן.

„פון טיפסטען הערצען ווינטשען מיר אייך איר זאָלט דערלעבען אייער פּופּציקיאַריגען ליטעראַרישען יובילעאום און צו יענער צייט זאָלען אייערע אידעאַלען פון אידישען גליק, וויפיעל עס איז מעגליך עררייכט ווערדען, די גליקליכע צייטען וואָס איר ווינטש אייער פאָלק זאָלען איינטרעטען, איר זאָלט עס זעהן און זיך פרייען".

אונטערגעשריבן האָבן זיך — די קאָמיסיאָן: יודינאַ, ח. י. בלומ־שטיין און שמואל ראָזענפעלד.

דער ליכטיקער ל"ג בעומר פרימאָרגן איז געווען דער אָנהויב פון די יובילעי פייערונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן דריי מעת לעת און האָבן אויסגעשפּרייט פרייד און אַ דויערנדיק ליכט אויף דער וועלט פון אידיש.

ווען די מיטגלידער פון יובל קאָמיטעט זענען זיך צעגאַנגען, העלענע האָט געבראַכט דעם טיש אין אָרדנונג און דינעזאָן האָט זיך געזעצט ביים קליינעם טישעלע מאַכן פּאַפּיראָסן, איז דער בעל יובל אַלץ פאַרבליבן אין זיין שטילער פייערליכער שטימונג.

ל"ג בעומר, זיין געבורטסטאָג, איז פאַר אים אַלעמאָל געווען אַ טאָג פון נאָכדענקליכקייט.

אויך דעם טאָג איז ער באַלד אין דער פרי אַוועק פון הויז. אָבער נישט אויף זיין געוויינליכן מאָרגן־שפּאַציר אין זאַקסישן גאָרטן. ער איז אַוועק אויף די נאַלעווקעס צו זען ווי די געפּאַקטע אָמניבוסעס האָבן אַוועקגעפירט אָרעמע אידישע קינדער צו פאַרברענגען אַ ביסל אויפן לאַנד. ווי אַלעמאָל האָט ער מיט פּיין אין האַרץ געקוקט אויף די אָרעמע אידישע קינדער און געטראַכט אין אַ געמיש פון ליב־שאַפט און פּיין:

— פאָרט קינדערלעך, פאָרט, איך ווינטש אייך... אָבער פריער זאָגט מיר קינדערלעך, וואָס פון אייך וועט אַרויס, וועל איך אייך זאָגן וואָס איך ווינטש אייך. ווייזט מיר נאָר ווער פון אייך עס וועט האַנד־לען מיטן געוויסן און מיט דער גערעכטיגקייט, מיט פרעמדן שוויים און בלוט און זיך באַנוצן מיט דער מי און טרערן פון זיינע נאָענטע, ווער עס וועט בויען זיין הויז אויף יענעמס חורבה, דעם וועל איך אָן רחמנות אַרויסשלעפּן פון דער בויך און וואַרפן אונטער די רע־דער. נאָר זאָגט מיר, ווער פון אייך וועט אַרויסוואַקסן אַן ערליכער אַרבעטער, אַ מענטש מיט אַ שטאָלצן שטערן, פרייע אויגן, אַ קלאָרן מוח און אַ ברייט אָפן האַרץ, אָ, זאָגט מיר ווער, וועל איך אים אַראָפּ־נעמען פון דער בויך, וועל אים אויסקושן יעדן אבר און אים מיט־נעמען מיט מיר אין וואַלד אַריין. דאָרט אין פרישן גרינעם וואַלד וועלן מיר זיך זעצן אונטער אַן אַלטן קלוגן בוים מיט פאַרשפּרייטע צווייגן, מיט מיליאָנען פרישע גרינע בלעטער, דאָרט וועלן מיר זיך זעצן אין דעם שטילן אָרט, וואו מען הערט נישט די עם הארצים שרייען, די אָקסן בלעקען און די הינט בילן. דאָרט וועל איך אים פאַרטייטשן וואָס פרילינג באַטייט, וואָס פריש לעבן הייסט...

די ל"ג בעומר שטימונג האָט ווי אַ ליכטיקער וואָלקן געהאָנגען איבער אים לאַנג נאָך דעם ווי די געסט זענען שוין געווען אַוועק.

פרי אין אָוונט זענען אינטימע און נאָענטע פריינט זיך ווידער צוזאַמען געקומען אין הויז אויף אַ גלעזל טיי. אַ פינף זעקס יונגע, צווישן זיי די אומצעטיילבאַרע אַש, נאָמבערג און רייזען, זענען אָנ־געקומען מיט אַ פריילעכן באַגייסטערטן געדודער און האָבן פאַר דעם בעל יובל אויסגעוויקלט פון זייד־פּאַפּיר אַ מתנה, אַ גילדענע פעדער. ער האָט אויפגעלויכטן און געהאַלדזט דאָס יונגוואַרג.

סאָקאָלאָוו האָט זיך געפילט אומבאַקוועם פאַר זיין לאַנגער רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויף פּויליש. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ ניי העב־רעאיש זאַמלבוך „ספר השנה", וואָס ער האָט רעדאַגירט, און האָט עס אוועקגעלעגט אויף פּרצעס שרייבטיש. ווען די געסט זענען געווען פאַר־זאַמלט, האָט ער פון טיש גענומען דעם פרישן באַנד פּרצעס גע־זאַמלטע שריפטן און האָט מיט אַ סך געפיל און האַרץ פון דאָרט פאַרגעלייענט עטלעכע דערציילונגען און לידער. זיין לייענען, מיט אַ סך קינסטלערישן אויסדרוק, האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. פּרץ האָט אים די לאַנגע פּוילישע רעדע פון דער פרי מוחל געווען.

די געהויבענע רייד וועגן דעם בעל יובל און די יום טוב'דיקע שטימונג האָבן זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ווען די חברותא, מיט פּרצן בראש, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ נאַכט־שפּאַציר.

דער ערשטער טאָג איז אַריבער אינטים, האַרצליך, אין ליוב און ליבשאַפט צווישן נאָענטע און אייגענע. אויף צומאָרגנס איז פאַרגע־שטאַנען די גרויסע עפנטלעכע פייערונג.

דעם גאַנצן צווייטן טאָג האָבן זיך מער באַגריסער און אָנווינטשער געצויגן צו דער צעגלאַנע גאַס. די טיר האָט זיך אַ גאַנצן טאָג נישט צוגעמאַכט. סטאַשע, די דינסט, איז נאָכאַנאַנד געווען פאַרנומען מיט דערלאַנגען און אַראָפּנעמען פון טיש. פאַרנאַכט האָט מען זיך גע־נומען גרייטן צו גיין צום באַנקעט.

אין זאַל „נאָוואָטע", אַ סאַליע פאַר אידישע חתונות אויף מוראַ־נאָוו, זענען ביז צען אַ זייגער אין אָוונט נאָכאַנאַנד אָנגעקומען פרישע געסט. אַ פאַרערער פון דעם בעל יובל, דער אַדוואָקאַט ישראל יאַסי־נאָווסקי, ערשטער נשיא פון די חובבי ציון אין וואַרשע, האָט פאַר־בעטן אַ גרויסע צאָל פריינט און נאָכפאָלגער צו דער שמחה. ווען די

געסט זענען געווען פארזאמלט, האט מען אין ערשטן צימער אפגעווארט דעם ערן־גאסט מיט זיין פרוי, וואו מען האט זיי אויפגענומען מיט בוקעטן און אפלאז.

לאנגע טישן זענען געווען געדעקט אין צוויי זאלן. אויף דער אויבן־אן וואנט איז דעם בעל יובל׳ס בילד געווען ארומגערינגלט מיט בלומען. אונטן איז פון ווייסע נעלקן געווען אויסגעלעגט 25. ווען מען האט זיך גענומען אויסזעצן, האט אימעצער געגעבן א הויב אין דער לופט די פרץ יובילעי אויסגאבע און עס האט אויסגעבראכן דער ערשטער שטורעם פון בייפאל.

דער געדרוקטער עס־צעטל אויף די טישן האט אויסגערעכנט די מאכלים, וואס האבן געטראגן אלע פרצעס פסעוודאנימען. און גלייך ווי מען האט אנגעהויבן דערלאנגען צום טיש, האט דער ערשטער באגריסער, גראסגליק, געגעבן אן אפשאצונג אין פויליש. קיינעם איז נישט פארגעקומען ווילד אדער אומפאסיק וואס מען רעדט דא פויליש. די שמחה באשיינען האט מען געמענט אויף יעדער שפראך. און נאכדעם ווי דער יונגער שריפטשטעלער ליפמאן לעווין האט אפגעלייענט א באגריסונג פון דער יוגנט און אברהם רייזען האט פארגעלייענט זיין ספעציעל ליד לכבוד דעם יובילאר, האט ש. ל. גארדאן ארויסגערופן באוואונדערונג ווען ער האט צום ערשטן מאל עפנטליך גערעדט העברעאיש מיט דעם ספרד׳ישן אקצענט. נאכדעם האט ספעקטאר, ווידער אין אידיש, ארויסגעבראכט, אז פרצעס גרעסטע פארדינסט איז וואס ער שרייבט פון און פארן פאלק. ער האט אויפגעהויבן זיין גלעזל צו טרינקען לחיים פאר דעם בן יחיד צווישן די פוילישע אידן.

דער פיל־שפראכיקער סאקאלאוו האט ביי דער גרויסער פייערונג אויסגעקליבן אידיש. אויף א וויציקן אופן, אונטער הארציקן געלעכטער, האט ער אפגעענטפערט ספעקטארן, אז פרץ איז נישט קיין בן יחיד אין פוילן. אין זיין אייגענעם זאמאשטש האבן שוין פאר אים געשריבן אידיש דר. עטינגער און אייכנבוים. דער העברעער סאקאלאוו האט הויך אויפגעהויבן די פאן פון אידיש און האט אוסגערופן, אז פרץ שרייבט נישט נאר פאר פוילישע נאר אויך פאר ליטווישע, וואלינער, פאדאליער און אוקרייאינער אידן. נאכדעם האט ער מיט

א הויכער אָפּשאַצונג אָװעקגעשטעלט דעם בעל יובל אין דער העברע־אישער ליטעראַטור און דער זאַל האָט געהילכט פון די בראַוואָ פּאַטשערייען. נאָך אים האָט גערעדט דער יונגער דר. סירקין און האָט עדות געזאָגט, אַז פּרץ איז אַ קינסטלער און געהערט צו יעדן.

ווייטער האָבן צוגעטראָגן זייער ליבע און דאַנק — אש און נאָמ־בערג און דער סטודענט יצחק גרינבוים, ווידער אין פּויליש, און דר. עטינגער, אַן אייניקל פון דעם שריפטשטעלער. מושקאַטבלאַט האָט זיך אומגעקערט צו העברעאיש.

ווידער איז אויפגעשטאַנען דער אומדערמידליכער סאָקאָלאָוו און האָט מיט פּאַטאָס פּאָרגעלייענט פּרצעס ליד: „טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט". דאָס אייגענע ליד האָט ארויסגערופן גרויס באַוואונדערונג, ווען דער כאָר פון דער שול עדת ישורון האָט עס פאָרגעזונגען אין דער קאָמפּאָזיציע פון פּעקאר.

די גראַטולאַציעס, אַדרעסן, באַגריסונגען און בריוו האָבן גאָר קיין סוף נישט גענומען. עס האָבן באַגריסט די וואַרשעווער אידישע זעצער, די ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור אין קיעוו, די לערער פון לאָדזש, די אָדעסער חברה אידישע פּריקאַזטשיקעס, די ראַדאָמער יוגנט, רעדאַקציעס פון זשורנאַלן און צייטונגען — וואַס־כאָד, בודושטשנאָסט, המליץ, ניו יאָרקער אבענדבלאַט. מען האָט גע־לייענט אַן אַ שיר טעלעגראַמעס — ביאַליק, ראַבניצקי, מענדעלע, שלום עליכם, פרוג, הרכבי, דר. קאַצענעלסאָן, ראובן בריינין, נח ראָזענבלום, זלאַטאָפּאָלסקי, קלמנסאָן, צייטלין, צוקערמאַן, שולמאַן, פּיל אַנדערע, — מ'האָט געלייענט בריוו פון שמעון בערנפעלד, א. ש. פרידבערג, אברהם יעקב פּאַפּירנאַ, מרדכי בן הלל הכהן, דר. גרשון לעווין, אשר ברוידעס, ראַבינער דר. אייזענשטאַדט פון ראָסטאָוו, ראַבינער דר. סקאָמאָראָװסקי פון זשיטאָמיר, ה. פּעװזנער פון שאַר־לאָטנבורג, — מען האָט אויסגעוויקלט גרויסאַרטיקע מתנות, — אַ גאָלדענע פעדער פון דער אידישער יוגנט מיט דער אויפשריפט: יצחק לייבוש פּרץ, דעם ליכט פאַרשפּרייטער אין פינצטערע צייטן, פון פאַרערער און נאָכפאָלגער; זיינע העברעאישע ווערק אין אַ ווייסן זיידענעם איינבאַנד פון פאַרלאַג תושיה, אַ ליד פון שלום עליכמען, פרידבערג'ס ווערק „זכרונות לבית דוד", — די רינגען אין דער קייט

פון אַנערקענונג, כבוד און באַוואונדערונג זענען געווען ווי אַן אַ סוף.

פּלוצים ווי פון זיך אַליין איז געקומען אַ מאָמענט פון עקסטאַז. קיינער האָט פריער נישט באַמערקט ווי צוויי יונגעלייט, אַ שוואַרץ־האָריקער און אַ בלאָנדער, אַש און נאָמבערג, האָבן זיך געשטעלט הינטער פּרצן און האָבן אים אַ הויב געטאָן אין דער לופטן איבער זייערע קעפּ. דער אַפּלאָז איז געוואָרן אַן אַ גרעניץ. אַזוי האָבן זיי אים אַרומגעטראָגן איבער׳ן זאַל, געזונגען „אונדזער רבי׳ניו" און דער עולם מיט זיי. דינעזאָן האָט דאָס צוגעזען מיט טיפער איבער־לעבונג און טרערן פון פרייד זענען אים גערונען איבערן פּנים.

עס איז שוין געווען וויסער טאָג ווען דער יובילאַר האָט אין גע־ציילטע האַרציקע ווערטער באַדאַנקט די וואָס זענען געקומען און אַלע וואָס האָבן נישט געקענט קומען.

די לאַסט־וועגענער אויף די נאַלעווקעס האָבן שוין גערודערט און אויסגעלאָדן סחורות פאַר די הורטאָוונע געשעפטן, ווען די געסט ביים גרויסן יום טוב פון אידיש האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס.

אויפן שרייבטיש ביים פענסטער אויף דער צעגלאַנע גאַס האָט שוין געלויכטן די מאַי־זון ווען פּרץ און העלענע זענען אַריינגעקומען אין שטוב. אומטערזינגענדיג, האָט ער אויפן טיש דערזען דעם נייעם „ספר השנה" וואָס סאָקאָלאָוו האָט מיט אַן אָוונט פריער גע־בראַכט. ער האָט גענומען בלעטערן.

ער האָט אויפגעהערט אונטערזינגען, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף זיין נאָמען און ער האָט גענומען לייענען ווי עס האָט וועגן אים מיט באַגייסטערונג געשריבן בערדיטשעווסקי. דער יונגער קריטיקער האָט גערעדט וועגן אים מיט עקסטאַז. ער האָט אָנגערופן זיינע דער־ציילונגען דער שיר השירים און די שענסטע קרוין אין אונדזער נייער ליטעראַטור. איין דערציילונג האָט ער אָנגערופן וואונדערבאַר, אַ צווייטע דערהויבן, אַנדערע זענען טייערע דימענטן, די האָט נישט צו זיך קיין גלייכן און ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערס פון „צווישן צוויי בערג". אַט דער באַגייסטערטער אויסגוס פון לויב, האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט די גליענדיקע ווערטער:

— מאַכט אַ וואָרע פאַר דעם דאָזיקן דיכטער אויך נאָך זיין יובילעי!

ל

# דאָס האַרץ

זיינע קורצע מייסטערווערק זענען שוין געווען אויסגעהאַמערט און זיין נאָמען איז שוין געווען אַ פינקלענדיקער אבן טוב אין דער אי־דישער וועלט. פון די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון אידישע געטאָס האָבן זיך צו זיין טיר געצויגן יונגע מענטשן, וואָס האָבן דערפילט אין זיך דעם צווינגענדיקן דראַנג פון שעפערישקייט. זיין וואָרט האָבן זיי אָנגענומען ווי אַ געבאָט.

דאָס האָט אויף אים אַרויפגעלעגט פליכטן. נאָענטע מענטשן האָבן נאָך דעם יובילעי איינגעזען, אַז ער נעמט זיך פיל ערנסטער און לעגט אויף זיך מער חשיבות ווי פריער. ער האָט נאָכאַנאַנד געשריבן און איבערגעשריבן אין יעדער פרייער שעה. ער האָט געשריבן אי העברעאיש אי אידיש. ער האָט כסדר געדרוקט זיינע זאַכן אין „יוד" און אין ניו יאָרקער „אבענדבלאַט", אין הצפירה, הדור, אחיאסף און הויפּטזאַכליך אין הצופה. ער האָט געשריבן די פאָלקסטימליכע געשיכטן, האָט געשליפן די סימבאָליש־פּאָעטישע דראַמעס און האָט דערפילט אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט צו זיין געזעלשאַפטליך טעטיק מער ווי שטענדיק.

די אָנשטרענגונג איז פאַר אים געווען צו גרויס. ער איז ווי שטענ־דיק געווען לוסטיק, שפּעריש און גוט אויפגעלעגט. די געזאַמלטע ווערק האָבן אין אים פאַרשטאַרקט דעם באַגער צו זיין טעטיק און צו פאַרווירקליכן זיינע חלומות פאַר דעם אויפבוי פון אַ קולטור אויף אידיש. נאָר זיין געזונט איז געווען אונטערגעגראָבן. דר. גע־ליבטער, זיין יוגנט־חבר, האָט אים אַמאָל נאָך אין זאַמאָשטש אין שפּאַס געזאָגט, אַז די פּאָעזיע גיט אים אַ קראַנק האַרץ.

דאָקטורים האָבן אים לאַנג געזאָגט, אַז זיין האַרץ איז שוואַך. ער האָט אָבער דאָס אומרואיקע נערוועזע לעבן נישט אויפגעגעבן. פאַר־טאָג האָט ער שוין געאַרבעט. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געווען אויף די פיס.

א יאָר נאָך דער יובילעי פייערונג איז ער אוועקגעפאַלן מיט א שווערער האַרץ־אַטאַקע. די דאָקטוירים איז שווער אָנגעקומען צו באַ־ווייזן אים, אַז זיין לאַגע איז ערנסט. זיין הומאָר האָט אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. אין דער געגנוואַרט פון די דאָקטוירים האָט ער גע־שטיפט, האָט אָפּגעלאַכט פון זיי און פון דער מעדיצין.

ער איז געווען אין אַן ערנסטער לאַגע. אין א פרילינגדיקן פרי־מאָרגן זענען אין זיין הויז זיך צוזאַמען געקומען פיר דאָקטוירים אויף א קאָנסיליום. די ספּעציאַליסטן האָבן זיך לאַנג בעראָטן. הע־לענע איז געשטאַנען א פּאַרטרויערטע ביי זיין בעט, ווען ער האָט אופגעהויבן די אויגן צו איר און מיט א שוואַך קול געזאָגט:

— העלענע, זיי רואיק. אויב איך האָב געהאַט דעם כח אויסצו־האַלטן אַזש פון פיר דאָקטוירים, וועל איך שוין לאַנג לעבן.

אין די וואָכן וואָס ער איז געלעגן אין בעט האָט ער, צווישן אַנדערע פּלענער, אויך אויסגעאַרבעט א פּלאַן ווי אויף שטענדיק פּטור צו ווערן פון דער גמינע. ער האָט אַלע זיינע יאָרן געזוכט די געלעגנהייט. איצט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז די ריכטיקע צייט. מען וועט אים גלויבן, אַז פון דער אַרבעט אין דער גמינע איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן האַרץ און קיינער וועט נישט באַשטיין, אַז ער זאָל צוריקגיין צום קהל־שטיבל.

ווען עס איז אים בעסער געוואָרן און ער האָט שוין געקאָנט אַרומ־גיין, האָבן די דאָקטוירים זיך ווידער בעראָטן און באַשלאָסן אים צו שיקן קיין מאַריענבאַד. דאָס האָט האַרמאָנירט מיט זיין פּלאַן. ער האָט אָנגעשריבן א ביטע צו דער פאַרוואַלטונג פון דער גמינע און האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם. אַזוי ווי ער איז איצטער זייער קראַנק און ער פילט זיך מער נישט פעאיק צוריק צו קומען צו דער אַרבעט, רעזיגנירט ער דערפאַר פון זיין אַמט. און אַזוי ווי ער פאַר־לאָזט זיין שטעל אויף שטענדיק, פילט ער אַז ער איז באַרעכטיקט צו א געוויסער סומע, וועלכע ער וואָלט אייגנטליך גאַרנישט פאַר־

לאנגט, נאָר אַזוי ווי די דאָקטוירים שיקן אים אַוועק זיך קורירן, נויטיקט ער זיך אין דעם געלט כדי צו קענען אַרויספֿאָרן קיין מאַריענ־באַד.

כדי עס זאָל אויסזען זיכער אַז ער האָט די צושטימונג פֿון די דאָקטוירים, האָט ער געווירקט אויף דר. מינצן, אַז ער זאָל די ביטע אַרויפֿטראָגן צום סעקרעטאַר פֿון דער גמינע, גראָסגליקן. דער סעקרעטאַר, כאָטש אַליין אַ געוועזענער חסיד און אַן עלוי, האָט פֿאַרטראָטן די עקסטרעמע אַסימילאַנטן אין דער פֿאַרוואַלטונג. פּרץ, מיט זיין וועלטליכקייט אויף אידיש, איז אים אַלעמאָל געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז. גראָסגליק האָט זיך פֿון דר. מינצן לאַנג נישט געלאָזט בעטן און האָט פּרצעס רעזיגנאַציע אָנגענומען.

אַזוי גיך ווי זיינע נאָענטע פֿריינט האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, האָבן זיי געמאַכט אַ טרעוואָגע. אַז פּרצעס וויסן איז אַברהם פּאָדלישעווסקי אַוועק צו זיגמונד פֿרומקין, אַ מיטגליד פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט פּרצן. צוזאַמען זענען זיי אַרויפֿגעלאָפֿן צו גראָסגליקן און געפֿאָדערט ער זאָל זיי אָפּגעבן די רעזיגנאַציע. גראָסגליק האָט זיי געפּרוּווט איבערצייגן, אַז די זאַך איז פֿאַרפֿאַלן ווייל דער ענין איז שוין פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל בוך. פּרצעס פֿריינט זענען אָבער פֿריער נישט אַוועק ביז זיי האָבן געהאַט דעם רעזיגנאַציע בריוו אין האַנט.

דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס פּרץ האָט געמאַכט אַן ערנסטע פּראָבע צו אַנטלויפֿן פֿון דער גמינע, גלייך ער וואָלט דאָרט געווען אַ פֿאַראורטיילטער אין אַ תּפֿיסה. ווען ער איז אָנגעקומען צו באַזעצן זיך, האָט ער די שטעלע געמוזט אָננעמען כדי צו קענען ווי עס איז דורכלעבן. אַפּילו שפּעטער, ווען ער האָט פֿאַרדינט אַ ביסל פֿון דער ליטעראַטור, האָט ער זיך אַלץ פֿון דער גמינע נישט געקאָנט אַרויסרייסן. ער האָט זיך אָבער כסדר אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק פּטור צו ווערן פֿון דעם בית הקברות אמת. איינמאָל איז ער אַוועק צו עטליכע פֿריינט און האָט פֿאַר יעדן באַזונדער אויסגעגאָסן זיין האַרץ, אַז לענגער קען ער נישט אויסהאַלטן, ער מוז אַוועק פֿון דער גמינע. יעדער פֿון זיי האָט אים אָפּגערעדט און ער איז פֿאַרבליבן, כאָטש אַן אומצופֿרידענער.

אזוי איז זיין פרישע רעזיגנאַציע אויך געווען אַ דורכפאַל און ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין מאַריענבאַד, האָט ער מיטגענומען די פאַרזיכערונג, אַז די אייביקע שטעלע אין קהל־שטיבל וואַרט אויף אים.

די איינציקע רייזעס וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון יאָרן אונטער־גענומען, זענען געווען די קורצע זומער וואַקאַציעס פון דער גמינע. דאַמאָלס פלעגט ער בלויז פאָרן אַ קורצן שטח פון ווארשע אויף אַ געדונגענער זומער־וואוינונג אין מעדזעשין, מילאַנואָוועק, רודי גור־זאַוווסקע אָדער קוזמיר. איצט אָבער איז ער געפאָרן קיין אויסלאַנד. עס איז צום ערשטן מאָל וואָס אַז אמת׳ער רייזע־פיבער האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווען ער איז מיט זיין פרוי אָפּגעפאָרן פון ווינער וואַקזאַל.

אין מאַריענבאַד האָט ער זיך איינגעאָרדנט אין דעם קליינעם האָטעל סאַנסוסי און האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דעם אַלטן שטעטל אין די בערג. אויפן וועג האָט ער אָנגעטראָפן דעם יונגן העברעאישן שרייבער זילבערבוש און האָט זיך דערוואוסט, אַז נישט ווייט פון דעם האָטעל געפינט זיך דאָס קאַפע־הויז „מאָסקאָווע". וואו עס קומען זיך צוזאַמען אידישע שרייבער. נאָך דעם אייגענעם אָוונט האָט פּרץ זיך דאָרט באַגעגנט מיט מרדכי לייב גאָרדאָן פון ראָסטאָוו, הלל זלאַטאָפּאָלסקי פון קיעוו, לייבוש דאַווידזאָן פון ווארשע, און ראובן בריינין, וועמען ער האָט נישט געוואָלט באַגע־גענען, ווייל בריינין האָט אים עטליכע מאָל אַטאַקירט אין העברעאישע זשורנאַלן, וואו ער האָט געשריבן אַז ער פאַרשטייט אים נישט. אָבער ווען בריינין איז אַריינגעקומען, איז ער פּרצן געפאַלן אויפן האַלדז און אים געגעבן קושן.

נאָך אַן אָוונט פון אינטערעסאַנטע שמועסן אין אַ וואַרעמער אַט־מאָספערע, איז פּרץ אַוועק צופרידן וואָס ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אַ גרופּע פריינט. עטליכע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ העברעאישע אסיפה אין קאַפע „מיראַמאָנט". יענעם אָוונט האָט בריינין זיך צע־זונגען מיט לויב־געזאַנגען וועגן פּרצן אַלס מאָדערנעם שריפטשטע־לער. פּרץ האָט גערעדט וועגן יהודה לייב גאָרדאָן און האָט אים הויך דערהויבן אַלס אַן עפּישן דיכטער.

די פּאָר וואָכן וואָס ער איז דאָרט פאַרבליבן האָט פּרץ פאַרבראַכט מערסטנס מיט די וואַרשעווער, באַזונדערס מיט דעם גביר דאַוויד־זאָן. ער האָט געטרונקען דאָס מינעראַל־וואַסער, האָט גענומען די בלאָטע־בעדער און אונטער העלענע׳ס ליבשאַפטליכער אויפזיכט איז ער געקומען צו זיך, ווי די דאָקטוירים האָבן דערוואַרט.

מאַריענבאַד איז נישט נאָר געוואָרן די ערשטע פון זיינע רייזעס אין די בעדער, נאָר מיט איר האָבן זיך אָנגעהויבן אַ רייע רייזעס אין שטעט פון פּוילן, רוסלאַנד און אויסלאַנד, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן זיין נאָמען, זיינע ווערק און דעם איינפלוס פון זיין פערזענליכקייט.

ווען ער איז נאָך עטליכע וואָכן צוריק געקומען פון דעם קוראָרט אין טשעכיע, איז ער געווען אַ נייער מענטש, געזונט און פריש און האָט אינגיכן אַזוי ווי פאַרגעסן, אַז ער איז נישט לאַנג צוריק געווען זייער אַ קראַנקער מענטש. אין פאַרלויף פון עטליכע יאָרן נאָך דעם איז ער יעדן זומער געפאָרן קיין אויסלאַנד אויף אָפּרו און אָפּענדערונג.

די רייזע קיין מאַריענבאַד האָט אַריינגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע ענדערונג אין זיין לעבן. זי האָט פאַר אים ברייטער געעפנט דאָס פענסטער צו דער דרויסנדיקער וועלט.

מיט גרויס פלייסיקייט האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיינע פאַר־שידענע אַרבעטן, אָבער מער פון אַלץ האָט ער אָפּטער אָנגענומען אויפצוטרעטן אויף לעקציעס און פאַרלעזונגען אין שטעט און אָפּטמאָל אין שטעטלעך פון פּוילן און רוסלאַנד. וואָס מער זיינע ווערק זענען פאַרשפּרייט געוואָרן און מען האָט אים געלייענט אין פאַרשידענע אויסגאַבן, אַלץ מער האָבן די פאָלקס־מאַסן באַגערט אים צו זען און צו האָבן אים אַלס גאַסט.

ער איז איצטער געווען אין אַ באַקוועמערער לאַגע אָפּטער אוועק־צופאָרן פון וואַרשע אויף אַ פּאָר טעג אָדער אַ פּאָר וואָכן. נישט אַרויספאָרנדיק קיינמאָל אויף אַן אָפיציעלער טור, האָט ער פונדעסט־וועגן מערערע מאָל אויפגעטראָטן אין לאָדזש, ראַדאָם, שעדלעץ, ווילנע, קיעוו, מינסק, זשיטאָמיר, באַרדיטשעוו, קראָקע, לעמבערג,

אַנדערע שטעט און שטעטלעך, און האָט אָנגעשפּאַרט אין פּעטער־בורג און אַדעס.

זיין אָנקומען אין די אידישע שטעט פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יום טוב, וואָס מ'האָט ווי אין ווילנע, אָנגערופן די פּרץ־טעג. זיינע גייסטרייכע שמועסן, זיין בליציקער, אַפאָריסטישער אַרט רעדן וועגן העכערע באַגריפן פון לעבן און קולטור אויף אידיש, דער לעבנס־געטרייער אופן פון פאַרטראָגן זיינע לידער און דערציילונגען, האָבן טיף באַוועגט און דערהויבן די צוהערער. אויף אַלע באַן־סטאַנציעס האָט מען אים באַגעגנט און באַגלייט מיט בלומען.

דאָס זענען געווען גלאָררייכע יאָרן אינם קולטור לעבן פון די אי־דישע מאַסן. דאָרט וואו פּרץ האָט באַטראַכטן די טריבונע, פון דאָרט האָט אַראָפּגעגליט דאָס אידישע וואָרט מיט זיין העכסטער שיינקייט. עס איז נישט געווען נויטיק פאַר אים אַראָפּצורעדן צו די מאַסן כדי צו געווינען זייערע הערצער. ער האָט גערעדט ארויף, ארויף. אַלצ־איינס צו וועלכן געדאַנקען־גאַנג זיי האָבן געהערט, אפילו ווען זיי האָבן נישט אינגאַנצן קלאָר פאַרשטאַנען זיין אַנטוויקלטן געדאַנק, האָבן זיי אים דאָך אָנטקעגן געטראָגן זייערע הערצער, ווייל זיי האָבן פון זיינע קינסטלערישע ווערק און זיינע שיינענדיקע רייד געוואוסט, אַז ער צילט הויך צו אַ נאַציאָנאַל קולטור־לעבן אויף אידיש.

די אַרויספאָרן האָבן אים אָפט אויף אַ פּאָר ליכטיקע טעג אָפּגעריסן פון דערעסליכער רוטין אין דער גמינע און זענען פאַר אים געווען אַ דערפרישונג, אָפטמאָל אַ דערהויבונג. אוונטן אין קלענערע שטעט פלעגן אַריבער אָן באַזונדערע אינצידענטן. אָבער אין גרעסערע שטעט, באַזונדערס וואו עס האָבן זיך געפונען שריפטשטעלער, האָבן זיי אים פאַרשאַפט אַ סך פרייד מיט זייערע טיפערע אָפּשאַצונגען.

אין די נעענטערע שטעט אין פּוילן, באַזונדערס אין לאָדזש, איז ער געווען אַן אָפטער גאַסט. אַהין איז ער געקומען געזן צוליב דעם דראַמאַטישן קרייז, פון וועלכן ער האָט געהאָפט צו זען אַן אויפ־פירונג פון זיינער אַ דראַמע, און צוליב דעם יונגן קרייז מאַלער, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען יאַנקל אַדלער. פון לאָדזש איז ער אַוועק מיט אַ גע'כתיבה'טן אַדרעס פון די אַרבעטער.

אין מינסק האָט ער איינמאָל פאַרבראַכט געדענקליכע צוויי טעג אויף דער איינלאַדונג פונם גביר לאַזאַר וויגאָדסקי, גרינדער פון פאַר־לאַג קולטור. דער זאַל „פּאַריז״ איז געווען געפּאַקט. די יוגנט האָט אים געמאַכט אַ גרויסע אָוואַציע, געשריען האָך! און הידד! ווען ער האָט פאַר זיי פאָרגעטראָגן „מאַניש״ און „באַנטשע שווייג״. צווישן די געסט ביי זיין באַנקעט זענען געווען די שריפטשטעלער אברהם רייזען, דר. ברוצקוס און א. ווייטער. אַ גרויסער עולם האָט אים באַגלייט צו דער באַן מיט בוקעטן.

אין דער שטילער גרינער שטאָט זשיטאָמיר, וואו מענדעלע האָט אַ צייט געוואוינט און פון וואַנען עס איז אַרויסגעקומען גאָלדפאַדען, דער פאָטער פון אידישן טעאַטער, האָט ער הנאה געהאַט פון די אַלטע משכּילים. פון קיעוו האָט ער אהיימגעבראַכט אַ סופר׳יש גע־שריבענעם פּאַרמעט, וואָס איז געווען צום טייל פאַרפּאַסט פון דוד בערגעלסאָן און איז געווען אַדרעסירט: פון קיעווער און דעמיעווקער יוגנט צו אונדזער ליבסטן עלטסטן און תמיד יונגן יצחק לייבוש פּרץ.

די שטאָט באַרדיטשעוו, וואו עס האָט אים געלאַנגווײַלט די אויפ־נאַם פונם קאַזיאָנעם ראַבינער אין צילינדער, איז אים פונדעסטוועגן געבליבן אומפאַרגעסליך. ער האָט אַן אָפּגעפּליקטן אידישן איזוואָזטשיק געגעבן דריי רובל, ער זאָל אים פירן צו ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער׳ס קלויז. פון דאָרט זענען אים פאַרבליבן אין זכרון די יאָרצייט־ליכטלעך וואָס האָבן דערברענט אויפן עמוד, די פּוסטקייט און דער שטויב וואָס איז אויף אַלעמען געלעגן, און פונם פּאָרטראָג אָוונט האָט ער גע־דענקט דעם אַלטן טויבן זעצער, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל דעם פּאָרטראָג איבערגעריסן מיט אויסרופן: גאָלדענע ווערטער! אמת ווי דער טאָג! און ביי דער באַן — ווידער מיידלעך מיט בלומען, זינגענדיק זיין ליד „די דריי נייטאָרינס״ ביז דער וואַרשעווער צוג איז אָוועק.

רייך האָט זיך צעשפּילט זיין פאַנטאַזיע פאַר אַ אידישער קולטור טעטיגקייט, ווען ער איז אין אַ סוף זומער וואָך געקומען קיין באָ־ברויסק. אהין איז ער געקומען מיט דינעזאָנען און מיט קלעצקינען פון ווילנע און איז געווען דער גאַסט פון דעם פּלאַקערדיקן מענדל עלקין. דאָרט האָט ער ביי זיין פּאָרטראָג געהאַט אַ ציוניסט, וואָס האָט געהאַט צו אים אַ טענה הלמאי ער האָט פאַרלאָזט די באַלעבאַטטע

העברעאיש און האָט זיך גענומען צו דער דינסטמויד אידיש. דאָרט איז אויך געווען נח׳קע דער בונדיסט, וואָס האָט אין נאָמען פון אידישע אַרבעטער גערדאַנקט אים פאַר זיינע ווערק אין אידיש. און וואָסערע גראַנדיעזע פּלענער ער האָט עס דאָרט געבויט! ער וועט נעמען אורלויב פון דער גמינע אויף אַ יאָר, וועט מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט, באַזוכן אַלע גרעסערע שטעט אין אייראָפּע, פריער רוס־לאַנד, דערנאָך דייטשלאַנד, עסטרייך, פראַנקרייך, האָלאַנד, פון דאָרט קיין אַמעריקע. אומעטום וועקן און פאַרשפּרייטן דאָס וואָרט פון דער נייער אידישער קולטור.

גרויס התלהבות האָט אַרויסגערופן זיינער אַ באַזוך אין ווילנע. כדי צו זיין באַשיצט פון דער פּאָליציי, האָט אים געמוזט ברענגען אהין אַ רעליגיעזע גרופּע „תורה תמימה". דאָס זענען געווען דריי געהויבענע ווינטער־טעג אין ירושלים דליטא. שבת איז געווען אַ יום טוב נאַכט אין זאַל פילהאַרמאָניע, וווּ ער האָט גערעדט פונם אויפ־גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור און האָט פאָרגעטראָגן „דאָס שטריימל". נאָכדעם איז געקומען אַ באַנקעט פול מיט פרייד אין זאַל „אימפּעריאַל". זונטאָג האָט ער באַזוכט די אידישע אַנשטאַלטן, שולן, וואו ער האָט פאַר די קינדער פאָרגעלייענט זיין מעשה׳לע „שרה בת טובים". אין אָוונט האָט ער נישט פאַרפעלט צו זיין אין דער שול פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער. נאָכדעם אַ צווייטער באַנקעט אין הויז פון בן ציון כ״ץ, רעדאַקטאָר פון „הזמן". דאָרט אין דער פעסטונג פון העברעאיש האָט ער אַנטוויקלט דעם געדאַנק וועגן די צוויי עלע־מענטן, וואָס האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון אידיש. די אידישע פרוי און דאָס חסידות. פאַר דער אידישער פרוי איז קיינמאָל נישט געווען קיין זשאַרגאָן, פאַר איר איז די שפּראַך תמיד געווען אידיש! און ווען ער איז אָפּגעפאָרן פון ווילנע, האָט מען אים מיטגעגעבן לזכר אַ פאַרמעט מיט דעם צוויי־שפּראַכיקן נוסח: מיט כבוד און ליבע, בכבוד ואהבה, און מיט די אונטערשריפטן פון אַ דריי צענדליק אידישע און העברעאישע שרייבער, צווישן זיי בער־קאָוויטש, באָראָכאָוו, איינהאָרן, בערגעלסאָן, פינעס, קרני און ש. ל. ציטראָן. איבערגעלאָזט האָט ער זיי די אומפאַרגעסלעכע פּרץ־טעג.

אין אַ וואָך צייט האָט ער איינגענומען די פעסטונג אַדעס.

די דרום רוסישע שטאָט ביים שווארצן ים איז געווען די קאַפּיטאַליע פון די העברעאישע און אידיש־רוסישע שרייבער און אַ דאַנק דעם וואָס מענדעלע האָט דאָרט געלעבט, איז אַדעם באַטראַכט געוואָרן ווי דער צענטער פון דער אידישער ליטעראַטור.

אַזוי איז געווען ביז פּרץ האָט שיינענדיק אויפגעלויכטן אין וואַרשע. דאַמאָלס איז אין דער ליטעראַרישער אַטמאָספערע אויפגעגאַנגען אַ פאַרוואונדערונג. איינער האָט דעם אַנדערן געפרעגט — וואו איז די העגעמאָניע, וואַרשע צי אַדעס?

עס איז דערפאַר געווען אַן אַנטשיידנדיקער און ענדגילטיקער שריט, ווען פּרץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער רייזע וואָס האָט געדויערט צוויי מעת לעת צום ווייטן דרום, כדי צו שפּאַצירן אויפן לאַנזשעראָן, זען דעם שוואַרצן ים און צו באַגעגענען פּנים אל פּנים די אידי־שע וואָרט־ריזן פון זיין צייט. זיין נסיעה האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ געשעעניש, ביי וועלכער גייסטיקע הערשאַפט איז אַן אַ שום אַפּמאַך טראַנספּערירט געוואָרן.

ספּאָנטאַן האָט אַ קאָמיטעט אַראַנזשירט פאַר אים אַ באַנקעט אין אַ אידישן רעסטאָראַן, און כדי צו זיין כשר ביי דער פּאָליציי האָט מען איינגעלאַדן בלויז שרייבער, אַרום 40 אין צאָל. פאַר דער אידי־שער ליטעראַטור איז דאָס געווען אין בעסטן זין אַ היסטאָרישער באַנקעט.

אין אַ שפּעטער שעה האָט מען נאָך אַלץ דעם באַנקעט נישט גע־קאָנט אָנהויבן ווייל עס האָט געפעלט דער ליב פון דער חברותא, מענדעלע. האָט מען געשיקט נאָך אים זיין ליבלינג, ביאַליקן. אויב ער איז נאָר נישט לא עליכם׳דיק, מוז ער ברענגען דעם זיידען.

ווען דער שניי־ווייסער, ציכטיקער זיידע איז געקומען און האָט פאַרנומען זיין אָרט צווישן אחד העם׳ען און דר. יוסף קלויזנער׳ן, האָט ער פאַר דער גרויסער געלעגנהייט געפונען אין זיין האַרצן דאָס ריכטיקע געפיל, וואָס ער האָט מיט וואונדערליכער פּשטות אַרויס־געבראַכט.

„איך בין צופרידן צו זען אין אַדעס מיין אייניקל, וואָס האַלט ביים איבערשטייגן אַלע אבות און אַ פּשיטא שוין די בנים. פּרצן דאַרף מען לערנען, ווייל ס׳איז אי פּשט, אי דרוש, אי רמז. אָבער

אזוי ווי איך זיץ דאָ צווישן תורה און חכמה, וועלן שוין דיביידע זיך ספּראַוועז מיט פּרצן".

און ער האָט איבערגעגעבן צו פירן דעם אָוונט אחד העמ'ען.

דער טיפער דענקער אין העברעאיש האָט דאָ גערעדט אין רוסיש.

„אין אונדזער ליטעראַטור האָט אַלעמאָל געהערשט דאָס שטרעבן צו אַ אידעאַל, וואָס זאָל דינען דעם פאָלק. דער פּרינציפּ פון שיינקייט לשם שיינקייט און ענליכע ציללאָזע תורות האָבן כמעט נישט געהאַט קיין אָרט צווישן אידישע שרייבער. אַ שרייבער מוז האָבן אַ גאָט אין וועלכן ער גלויבט. פּרץ האָט אַלעמאָל ערליך געדינט זיין גאָט. אויב מיר קענען נישט זאָגן אַזוי ווי רות, אַז זיין גאָט איז אונדזער גאָט, קענען מיר אָבער אויפריכטיק זאָגן: דיין פאָלק איז מיין פאָלק. זיין פאָלק איז אונדזער אַלעמענ'ס פאָלק. מיר האָבן איין ציל, צו דער־הויבן אונדזער פאָלק. דעם ערליכן טאַלענט פון פּרצן שאַצן מיר אָפּ, באַזונדערס אין אונדזער צייט, ווען פּרינציפּלאָזיקייט איז געוואָרן כמעט ווי אַ פּרינציפּ.

„דער אָוונט לכבוד אונדזער גאַסט פּרץ האָט פאַראייניקט אַלע שרייבער אין אויסדרוק פון אַכטונג צו דעם טאַלענט מיט אַ וועלט־אַנשויאונג, מיט איבערצייגונגען, מיט ערליכער באַציאונג צו ליטע־ראַטור, צום אידישן וואָרט".

אַ גרויסער גייסט האָט אָפּגעצאָלט זיין צינז צו אַ גרויסן קינסטלער.

אין טיפער פאַרערונג האָט דר. יוסף קלויזנער אַרויסגעבראַכט, אַז ער געפינט אין פּרצעס ווערק אייביקע יוגנט. ער זוכט צו פאַראייניקן דאָס אַלטע און דאָס נייע אין איין לאָגל. פּרץ איז פריש און קרעפטיק. זיין טאַלענט טראָגט רייפע פרוכטן. זיי האָבן אין זיך עפּעס זייער ממשות'דיקס, וואָס מאַכט אונדז פאַרטיפן זיך אין דער אידישער נשמה. אין אונדזער ליטעראַטור זענען איצט דאָ צוויי שטראָמען, אָדעס און וואַרשע. אָדעס איז סטאַטיק, וואַרשע איז דינאַמיק. פּרץ איז דער סינטעז פון ביידע שטראָמען.

דאָס האָט באַדאַרפט זיין געזנוג. אָדעס האָט קאַפּיטולירט צו וואַרשע. אָבער דער אָוונט איז געגאַנגען ווייטער און איינער נאָכן אַנדערן האָבן אַריינגעפּאַסט קאָסטבאַרע שטיינער אין דער קרוין

פאַר פּרצן. איינער האָט אים אַנערקענט פאַר דינען דער אידייע פון באַנייאונג אין אידישן לעבן, אַ צווייטער האָט באַצייכנט זיינע ווערק ווי אַ דערפרישנדיק געטראַנק, וואָס לעבט אויף דעם גייסט.

דערנאָך האָט אויפגעהויבן זיין קול דער באַגייסטערטער חיים נחמן ביאַליק, האָט אויפגעשטורעמט אַלעמען מיט זיין ריטמישן העברעאיש און האָט הויך דערהויבן פּרצעס שאַפונגען. ער האָט אָנגעוויזן אויף זייערע עטישע און מענטשליכע ווערטן, אויף דעם טיפן ליריזם אין די ווערק, וואָס באַרירן די איידלסטע סטרונעס אין דער מענטשליכער נשמה. ער געפינט אין זיי אַ פונק פון גאָטהייט. פּרצעס חסידישע מעשיות פירן אונדז אַריין אין צויבערלאַנד פון נאָך העכער און העכער. דאָס וואָס ער שאַפט דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה. אַלע וויבראַציעס פון דער אידישער נשמה שפּיגלען זיך אָפּ ביי פּרצן.

עס האָט שוין געשפּראָצט אויף טאָג ווען דער זיגרייכער גאַסט האָט אין עטליכע ווערטער באַדאַנקט די חברים פאַר זייער אויסער־געוויינליכן קבלת פּנים, פאַר דער פרייד וואָס ער האָט געפונען אויפן זוניקן, ליכטיקן ים און צווישן די שרייבער.

די נסיעה קיין אָדעס איז געווען אַ פרייד פאַר זיין האַרץ.

## לא

# געוואָלט זיין אין אַמעריקע

פון זיין זומער־וואוינונג אין מילאַנואוועק האָט פּרץ געשריבן צו דינעזאָנען: „איך האָב געוואָלט זיין אין אַמעריקע", — און מיט געפיל און גרינטליכקייט האָט ער זיין נאָענטסטן חבר ארויסגעזאָגט פאַרוואָס ער האָט געוואָלט מאַכן די נסיעה איבערן ים.

ער האָט געהאַט אַ טיפן לעבנס־אינטערעס צו קומען קיין אַמעריקע, וואו ער איז מיט טויזנט פעדים פון פריינטשאַפט געווען אַנגעקנופּט. ער האָט פאַר דער ליטעראַטור געהאַט אַ באַליבטן פּלאַן, וואָס ער האָט גע'חלומ'ט דורכצופירן. צו פאַרבינדן ניו יאָרק, לאָנדאָן און וואַרשע דורך אַ קינסטלעריש־ליטעראַרישן פאַרלאַג פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט, פאַר אַלע גערנוויליקע און נישט גערנוויליקע געטאָס, אַז די אידישע שרייבער זאָלן אויפהערן צו זיין אידיש־פּוילישע, אידיש־רוסישע, אידיש־רומעניש, אידיש־גאַליציאַנע און אַנדערלענדישע שרייבער. דער פאַרלאַג זאָל זיין אומפּאַרטייאיש און געווידמעט נאָר צו ליטעראַטור און קונסט. זיין געדאַנק איז געווען פעסטצושטעלן אַז די דריי שטעט זאָלן ווערן די הויפּט־צענטערן, וואו די אויסגאַבן זאָלן רעדאַגירט און געדרוקט ווערן.

ביי זיין גאַנצער סימפּאַטיע צו די ראַדיקאַלע קרייזן, האָט ער פאַרטרויט זיין חבר יעקב, שעמט ער זיך נישט מיט כלל ישראל אַרבעט. ער האָט אָבער קיינעם נישט געוואָלט פאַרטרויען די פאַרווירקליכונג פון זיין חלום, האָט זיך נישט געוואָלט איבערגעבן צו דער אָדער יענער פּאַרטיי אָדער צו אַ וועלכן עס איז ליטעראַרישן קלייזל. אויף קיין אייגענע הוצאות פאַרן האָט ער נישט געקענט, האָט ער דערפאַר גערעכנט אויף פאַרדינסטן פון אַרויסטרעטונגען.

ער האָט צוגעגעבן אַז די ליטעראַרישע אַטמאָספּערע אין אַמעריקע איז אים נישט באַקאַנט. און ווען דער יונגער ענערגישער אַש האָט ביי אים געמאָנט אַז ער זאָל פאָרן און האָט פאָרגעשלאָגן מיטצופאָרן, האָט ער אַשן דערלויבט צו שרייבן בריוו קיין אַמעריקע אין זיין נאָמען.

איבער דער אונטערשריפט — פאַר י. ל. פּרץ, שלום אַש, — האָט דער אינגערער קאָלעגע פּאַרטרויט דר. זשיטלאָווסקין, אַז פּרץ און ער האָבן באַשטימט צו קומען סוף זומער אויף עטליכע חדשים קיין ניו יאָרק. ער האָט געשריבן אַז דער ציל פון דער רייזע איז צו פאַר־אינטערעסירן די אידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע מיט דער אידי־שער ליטעראַטור און צו זאַמלען אַ סומע געלט פאַר דעם פאַרלאַג. פאַר דעם צוועק וועלן זיי אַרומפאָרן איבער אַמעריקע געבן פאָרלע־זונגען. זיי פאַרלאָזן זיך אויף די דאָרטיקע גוטע פריינט, ווייל די זאַך איז פעסט באַשלאָסן און אויף ראש השנה אָדער סוכות זעט מען זיך אין ניו יאָרק.

ווען די צייט פון פאָרן איז געקומען, איז אַש געפאָרן אַליין. פאַר דינעזאָנען האָט פּרץ פאַרטרויט זיין זאָרג, אַז אין פאַרבינדונג מיט זיין רייזע קענען זיך מאַכן אינטריגעס, „וועל איך בעסער נישט פאָרן". און ער האָט פאַרענדיקט „אמבעסטן וואָלט געווען, אויב עס וועט האַלטן ביי פאָרן, אַז דו זאָלסט מיטפאָרן. פריינט אין אַמעריקע וועלן דיר נישט פעלן".

די כוואַליעס פון דער אידישער עמיגראַציע האָבן אין פאַרלויף פון זיין לעבן כסדר אַרויסגעשטראָמט פון מזרח אייראָפּע. נאָך אין די טעג פון זיינע יום טוב בלעטלעך, האָט ער געזוכט אָפּצושפּיגלען די פאָלקס־אויסוואַנדערונג אין זיין דערציילונג „קיין אַמעריקע", וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר גוט גענוג אָוועקצושטעלן זיין נאָמען אויף איר. אין דעם וואַסערפירער מיט דער דינסטמויד, וועלכע רעדן בלויז וועגן אַמעריקע כדי צו שליסן אַ שידוך און פאַרבלייבן נאָך זייער חתונה אין פוילן, האָט פּרץ אַן צווייפל אויסגעדרוקט איי־גענע שטימונג און איבערלעבונג צו פאַרבלייבן אין פוילן „לעבן ווי אבות אבותינו"... ווייל וואָס איז אים אַמעריקע, וואָס איז אים דאָס לעבן דאָרט? „דאָרט איז עפּעס אַנדערש, אַלע גלייכע פּריצים.

דבורה, די שוואַרצע דבורה, די פּאַסקודניצע וואָס איז געלם געוואָרן מיטן וואַיענע שניידערל, שרייבט אויך אַז דאָרט זענען אַלע גלייך. דאָס הייסט אַ לעבן! דאָ האָט ער געכאַפּט די עמיגראַנטן אויף יענער זייט ים, נישט נאָר אײדער זיי האָבן אויסגעוואַנדערט, נאָר אײדער נאָך זיי האָבן באַשלאָסן אויסצוּוואַנדערן.

יאָרן שפּעטער האָט ער ערנסטער און טיפער פּאָרטרעט אַ יונגן שרייבער, אַז ער האָט שטאַרק געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל ער פּלאַנט אָנצושרייבן אַ גרויסן ראָמאַן, וואָס די האַנדלונג פון זיין צווייטן טייל האָט געזאָלט פּאַרקומען אין דער נייער וועלט.

תלמידים, פריינט און פּאַרערער האָט ער דאָרט געהאַט אַ שיינע צאָל. אַ סך פון זיי האָבן אין פריִעריקע יאָרן דורכגעוואַנדערט זיין היים אויף דער ציגל גאַס אײדער זיי זענען אַוועק קיין אַמעריקע. דאָרט איז געווען זיין אַמאָליקער שותף אינם ברייזל, זילבער, צו וועמען ער האָט מיט טיפער אויפריכטיגקייט געשריבן: „עס פעלן מיר שוין נישט קיין קאָפּיקעס נאָר רובלס. אָבער איך בין גרוי געוואָרן, חושך געוואָרן. די אויגן ווערן קאַליע, דער הומאָר איז נישט וואָס אַמאָל. מיט איין וואָרט, איך גיי באַרג אַראָפּ. איך אַרבעט אָבער אַ סך".

דאָרט זענען געווען שריפטשטעלער וואָס האָבן אים טיף פאַרערט, ווי יהואש, וועמען ער האָט אַפּט פאַר זיינע געסט פאָרגעשטעלט אַלס „אונדזער בייראָן" און וועמענ'ס „מזמור שיר ליום השבת" עס האָט צום ערשטן מאָל אַזוי הערליך פון זיין אייגן מויל אָפּגעקלינגען אין דער פּרץ שטוב. יהואשן איז פאַרבליבן טייער אין זכרון די התפעלות פון פּרצן, וועלכער האָט אים שפּעטער קיין ניו יאָרק געשריבן: „אויב דו וועסט מיר נישט שיקן דיינע לידער, וועט אין דער „ביבליאָטעק" קיין לידער אינגאַנצן נישט זיין". יהואש האָט אים געשעצט ווי דאָס געוויסן פון דער אידישער ליטעראַטור און האָט שפּעטער מיט ליבשאַפט אים נאָכגעזאָגט דעם שבח: אַלע אידישע שריפטשטעלער זענען אים אַ זין פּרצעס תלמידים.

אין אַמעריקע האָט ער אויך געהאַט אַז איבערגעגעבענעם פאַרערער און באַוואונדערער אין אב. קאַהאַנען, וועלכער האָט דאָרט דער ערשטער זיינע זאַכן געדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג". קאַהאַן איז אַזוי געווען באַגייסטערט פאַר אים, אַז ער האָט אַ פּאָר פון זיינע

זאכן אויף ענגליש איבערגעזעצט און האט זיי פארגעלייענט פאר אמעריקאנער שרייבער. ער האט זיינע מעשה'לעך באצייכנט ווי אמת'ע פערל, וואס וואלטן געלויכטן אין דער ליטעראטור קרוין פון יעדן שרייבער. הלל ראגאף האט וועגן אים אפגעדרוקט אן ענגלישע אפ־האנדלונג „דער געניוס פון פרצן".

משה קאטץ האט אים פיל געלויבט מיט באגייסטערונג און גע־רעדט וועגן דעם אידישן נשמה־חן וואס שטראלט פון זיינע דער־ציילונגען. יואל ענטין האט מיט זיין פען און מיט זיין דראמאטישער גרופע פארשפרייט דעם נאמען פרץ און זיין דערהויבן ווארט, ווייל ער איז מער פון אלעמען פאלקסטימליך, ווארעם און ראמאנטיש.

לעאנטיעוו האט וועגן אים געשריבן: „עס איז דא נאר איין פרץ ביי אידן".

דעם יונגן וולאדעק האט ער ליב באקומען אין ווארשע און האט אים קיין ניו יארק אדרעסירט א פאסטקארטל מיט א ליריש ליד פון א וואלקן.

ער האט געהאט איבערגעגעבענע און איינפלוסרייכע פריינט אין פינסקין און ווינטשעווסקין, וועלכע האבן זיין נאמען און זיין לויב פארשפרייט איבערן לאנד. דארט איז געווען זיין באוואונדערער יעקב מילך, וואס האט שטאלצירט מיט ברענגען די ערשטע פרץ זאכן צו קאהאנען.

מאריס ראזענפעלד האט אים געמוזט זיין א פריינט, נאכדעם ווי ער האט פאר אים אויפגעטראטן אין קראקע און אין לעמבערג.

אין ניו יארק איז געווען דער אינטערנאציאנאלער אידישער פארלאג, וואס האט געזוכט ארויסצוגעבן זיינע ווערק.

עס האבן דערגרייכט צו אים פריידיקע גרוסן פון די גרויסע פאלקס־אינסטיטוציעס, ארבעטער רינג און אידיש־נאציאנאלער ארבעטער פארבאנד. ווען חיים ליבערמאן האט אים געשריבן, אז פאר די פאלקס־שולן ווערט געגרינדעט א קינדער פארלאג און דאס ערשטע ביכעלע וועט ארויסגעגעבן ווערן „דער דין תורה מיטן ווינט", האט פרץ אין הארציקער פרייד געענטפערט דעם פארבאנד:

„דעם שענסטן טאָג פון מיין לעבן האָב איך אייך צו פאַרדאַנקען. דעם שענסטן און גליקליכסטן. דער בריוו איז אויך דער שענסטער וואָס אַ מענטש קען פון דער אידישער וועלט באַקומען.

„זאָלט איר און די קינדער אייערע ווערן געטרייסט ווי איר האָט מיך געטרייסט צום נייעם יאָר. און ווען איר מיר פון צייט צו צייט שרייבן וועגן דעם גאַנג פון אייער היילינקסטער אַרבעט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין אָן אַ שיעור".

אויב מעגליך, האָט ער געבעטן, זאָל מען דעם בריוו פאַר די קינדער פאַרלייענען.

אוודאי האָט ער געהאַט חשק צו קומען אהין. האָט ער געקענט צווייפלען, אַז ער וועט צווישן די אידישע אַרבעטער געפינען פריינט, וואָס זייער אַרבעט איז אים נאָענט און טייער?

נישט נאָר צווישן די ריין אידישע נאָר אויך צווישן די אידיש־ענגלישע קרייזן איז געווען פאַרפלאַנצט אַ טיפע פריינטשאַפט און פאַרערונג צו פרצן. ווען די אידישע פאַרלאַגס געזעלשאַפט אין פילאַ־דעלפיע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פרצעס אַ בוך דערציילונגען און בילדער אין ענגליש, האָט געפייערט איר 25־יעריקן יובילעי, האָט דער ניו יאָרקער דר. סעמועל שולמאַן, רעדנדיק וועגן פרצן, אָנגע־וויזן אַז אידיש איז אַ לעבעדיקע שפּראַך פאַר אַ סך פון אונדזער פאָלק. כדי צו ווייזן דער וועלט, אַז אידיש האָט אויך אַ ליטעראַטור, האָט דער פאַרלאַג פרצעס זאַמלונג אַרויסגעגעבן. דער געלערנטער האָט אָנגעוויזן, אַז וואָס זאַנגוויל איז צווישן די ענגלישע שרייבער פון געטאָ, דאָס איז פרץ צווישן די אידישע. ער שטייט אַליין. אַ מייסטער וואָס וואָלט אין יעדער שפּראַך אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ קינסטלער. ער גיט אונדז אַ וואונדערליך בילד פון דעם אידישן לעבן מיט אַלע זיינע צרות און פריידן.

צום פאָרזיצער פון דער פאַרלאַגס געזעלשאַפט'ס קאָמיטעט, דר. סיירוס אַדלער, האָט פרץ געשריבן:

„דאָ אין רוסלאַנד זענען מיר געוואוינט צו הערן וועגן אידישע קולטור אינטערעסן, וואָס ווערן געבוירן איין טאָג און שטאַרבן אַפּ

דעם צווייטן. בייזע ווינטן שטורמען דאָ, און אונדזער כח פוןווידער־שטאַנד איז אַ שוואַכער.

„ווי מיר זענען אייך מקנא, אונדזערע פרייע ברידער אין אַ פריי לאַנד! אַ פּערטל יאָרהונדערט איז גענוג צו באַפעסטיקן די האָפנונגען אויף אַ לאַנג, לאַנג לעבן...

„זאָל אייער אַרבעט דויערן לאַנג, לאַנג און זיין פּרוכטבאַר, אַ כבוד פאַר אייך און פאַר דעם אידישן פאָלק".

אויך אין אידישן טעאַטער אין ניו יאָרק האָט ער שוין געהאַט אָנגעקנופּטע פאַרבינדונגען. אין בערלין האָט ער זיך באַגעגנט מיט יעקב אַדלערן. אויפן דעמאָלטדיקן טעאַטער־שטייגער האָט דער נשר הגדול ביי אים באַשטעלט אַ דראַמע אין פיר אַקטן, געשלאָסן אַן אָפּמאַך און אים איבערגעלאָזט הונדערט דאָלער האַנטגעלט.

אַן אַנדערשמאָל האָבן אים בערטא קאַליש און איר מאַן, שפּאַכנער, אויפגעזוכט אין אַ קוראָרט, באַשטעלט ביי אים אַ דראַמע און, ווידער ווי עס האָט זיך געפירט, געגעבן אים האַנטגעלט אַ הונדערטער. פאַר אים איז דאָס געווען אַ מטמון גאָלד. און ער האָט נאָך געקענט האָפן אויף ליטעראַרישן האָנאָראַר פאַר דרוקן די דראַמע. דאָס מאָל האָט ער בלויז באַדאַרפט פאַרפאַרטיקן אַ געענדיקטע דראַמע, דעם „נסיון". בערטא קאַליש האָט זי אַהיימגעבראַכט קיין ניו יאָרק. פּינסקי האָט געזאָלט האָבן די ליטעראַרישע אויפזיכט איבער דער אויפפירונג. ער האָט די דראַמע קריטיקירט, האָט פרץ צוגעשיקט די נייעסטע ווערסיע, וואָס ער האָט גערופן „די גאָלדענע קייט". נאָכדעם האָט ער באַקומען נאָך מער פאַרפלאָנטערטע דערפאַרונגען אין אידישן טעאַטער.

נעענטער פון אַלעמען אין אַמעריקע זענען אים געווען ווינטשעווסקי און פּינסקי. אויף זייער פריינטשאַפט וואָלט ער געקענט בויען ווי אויף אַ שטאָלענער בריק, ווען ער זאָל נאָר באַשליסן צו קומען קיין אַמעריקע.

ווינטשעווסקי'ס פריינטשאַפט צו פרצן האָט געהאַט אַ פאַטעטישן אָנהויב, ווען ער האָט נאָך אין לאָנדאָן זייענדיק איבערגעלייענט אין דער ניו יאָרקער „אַרבייטער צייטונג" און איז אַנטציקט געוואָרן פון פרצעס „ער שפּילט פאַרן טייוועל". אַ פאַר יאָר שפּעטער, שוין אין

ניו יאָרק, האָט ווינטשעווסקי געליִיִענט אין דער זעלבער ציַיטונג פּרצעס אַ ליד „אויסגעשטאָרבן" און האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ ליד „זײַ לעבן נאָך". צוויי דיכטער האָבן דערפילט זייער פּאָעטישע נאָענטקייט און זייער פּריינטשאַפט איז געווען פּאַר'חתמ'עט.

פּינסקי האָט פּרצן נאָכאַנאַנד אַרויסגעוויזן דעם דרך ארץ פּאַר אַן עלטערן קאָלעגע און די פּאַרערונג פון אַ געטרײַען תלמיד. ער האָט שטענדיק אינערליך טײַער געהאַלטן די דרײַ שטורעמדיקע יונגע יאָרן, אין וועלכע ער האָט מיט פּרצן צוזאַמענגעאַרבעט אויף די יום טוב בלעטלעך. עס איז געווען וואָס צו באַהאַלטן ווי אַן אייביקן אוצר אין הארצן.

מער ווי אַלע וואָלטן אים מיט אָפּענע אָרעמס באַגעגנט זײַנע לעזער. ווען ער וואָלט זיך נאָר אַנטשלאָסן צו קומען קיין אַמעריקע. ער איז געווען דער באַליבטסטער און בכבוד'יקסטער שרײַבער אין „אבענד-בלאַט" און אין דער „צוקונפט".

אין טאָג פון דער יובילעי פּייערונג אין וואַרשע איז אויף דער פראָנט-זײַט פון „אבענדבלאַט" אין ניו יאָרק געווען אַ וואַרעמע נאָטיץ, וואָס האָט אָנגעזאָגט די לעזער אַז אין זייער נאָמען ווערט אָפּגעשיקט צו פּרצן אַ באַגריסונג דורך קעיבעל. שבת האָט פּינסקי אָפּגעדרוקט אַ לאַנגע און באַגײַסטערטע אָפּשאַצונג פון פּרצן און זײַן ווערק. דעם יובילעי האָט ער אָנגערופן — דער גרויסער און דער ווירקליך אמת'ער יום טוב פון דער אידישער ליטעראַטור און פון דער זשאַרגאָנישער בפרט.

מיט אויפריכטיקער געזעלשאַפטליכער אחריות און טיפן מיטגעפיל האָט פּינסקי איבערגעגעבן ווי דינעזאָן קלאָגט זיך פאַר אים אין אַ בריוו, אַז די העברעאיסטן זוכן צו שטערן דעם פּרץ יום טוב.

„וואָס ווייסט איר, שרײַבט מיר דינעזאָן, פון די אינטריגעס, די יעזואיטישע מיטלען, וואָס ווערן באַנוצט דעם יובילעאום צו שטערן. נישט ווייל פּרץ האָט אַנדערע באַשטרעבונגען אין זײַן ליטעראַרישער טעטיגקייט, נאָר ווייל ער שרײַבט זשאַרגאָן. אַלע העברעער אין וואַרשע, אָדעס, קיעוו און פּעטערבורג האָבן באַשלאָסן אַ מאַרש קעגן זשאַרגאָן. עס פליען בריוו און דער עולם שלאָפט נישט פּרצן זײַן יובילעאום צו פאַרשטערן".

דינעזאָן האָט אויך נישט געזשאַלעוועט קיין ביטערע שטראָף־רייד וועגן די אידישע שרייבער אַליין, די פּעז־קאַלעגן.

„די זשאַרגאַניסטן אַליין קוקן אויך נישט אויף זייער ליטעראַטור פון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. זיי האָבן נישט קיין גאַנצע ציל־באַוואוסטע ליטעראַטור. דאָס שרייבן איינצלנע פּערזאָנען, יעדער פאַר זיך".

דינעזאָן האָט ווי מיט אַ טיפן אויסגעשריי פּינסקין פּאָרטרויט:

„פּאַרצווייפלט וועגן רוסלאַנד און די רוסישע חברים, ווענדן זיך די אייניקע פריינט פון פּרצן און פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור צו אַמעריקע.

„וואָס קלערט איר, וואָס טראַכט איר, וואָס טוט איר דאָרטן אין אַמעריקע, און וואָס קען מען פון אייער אַמעריקע האָפן וועגן אונדזער יום טוב?"

אין „אבענדבלאַט" האָט מען געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען אַריבער צו פירן דעם פּרץ יום טוב אין אַמעריקע. די „דריי חופּות" האָט זיך געדרוקט אין דער צייטונג אין פּאָרזעצונגען. מען האָט איבערגעדרוקט פון „יוד" אַלץ וועגן דעם פּרץ יובילעי, בעל מחשבות'עס לאַנגע און באַגייסטערטע אַפּשאַצונג, שלום אַש'ס ליריי־שע ווידמונג צו פּרצעס געבוירנטאָג און אפילו דעם באַריכט פון די פייערונגען אין וואַרשע.

נעמענדיק אין אַכט די האַרציקע באַציאונג אין דעם זין פון דינע־זאָנ'ס הילפס־רוף, האָט מען געמעגט גלויבן, אַז סוף כל סוף וועט פּרץ קומען קיין אַמעריקע.

האָט בלויז געפעלט דער אָנשטויס, די איינלאַדונג? איז דאָס מיט דער צייט אויך געקומען.

פריינט אין ניו יאָרק, אָנגעפירט פון ווינטשעווסקין, וועלכער האָט דער ערשטער אָפּגעדרוקט „די גאָלדענע קייט" אין דער „צוקונפט", האָבן נישט גערוט. מען האָט זיך מיט פריידן באַמיט אַריבערצוברענגען אים קיין אַמעריקע. עס איז אָבער אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די פאַר־וואַלטונג פון דער גמינע וועט אים דערלויבן צו זיין אָפּוועזנדיק העכסטנס בלויז זעקס וואָכן. די ים־רייזע אַליין וואָלט פאַרנומען אַ

העלפט פון דער צייט. האט מען באשלאסן די רייזע אפצולייגן. מען האט געהאפט מיט דער צייט אים איינגאנצן צו באפרייען פון דער גמינע, צו ברענגען אים אהער אויף עטליכע חדשים, געבן אים א מעגליכקייט צו באזוכן יעדע שטאט און שטעטל אין אמעריקע, וואו עס געפינען זיך אידן. אין די יארן ווען די געדיכטע אימיגראנטן מאסן האבן זיינע נייע זאכן געלייענט אין די צייטונגען, איז זיין נאמען אומעטום ארויסגערעדט געווארן מיט ערפארכט און ליב־שאפט.

די סאמע נאענטע פריינט האבן געהאט פאר אים גראנדיעזע פלענער. זיי האבן גע'חלומ'ט ווענן האבן פרצן דא פאר א שטענדיקן בירגער אין דער נייער וועלט. דא, אין די געדיכטענישן פון דער אידישער איינוואנדערונג, האבן זיי גע'חלומ'ט, וועט פרץ שאפן אין א לעבע־דיקער סביבה פון א מאסע וואס איז דורשטיק נאך זייןווארט און ער וועט דא אויסלעבן זיינע יארן אין כבוד ביז א טיפן עלטער.

מען האט זיך אפט געקוויקט מיט גוטע גרוסן פון אים, אז ער איז פיזיש געזונט און מונטער אין גוף און אין גייסט. יענע וועמען ער איז טייער געווען האבן געהאט א רעכט צו האפן, אז עס וועט נעמען נאך א יאר און נאך א יאר און פרץ וועט זיין אן אמעריקאנער.

זייערע חלומות זענען צערינען געווארן ווען עס איז אנגעקומען די ערשטע וועלט־מלחמה. די נאענטע האבן זיך נאך אלץ קענן אלע שוועריגקייטן באמיט, אבער די בלוט־פארגיסונג האט געדויערט און עס איז געווארן אוממעגליך.

זיין טיפער באגער צו מאכן די נסיעה קיין אמעריקע האט זיך אין אים א לאנגע צייט נישט איינגעשטילט. ער האט אלץ גערעדט ווענן זיין אין אמעריקע, אז אנדערשמאל האט ער זיך אויסגעדריקט, אז ער האט גערעכנט זיך ארויסצוכאפן קיין אמעריקע, און אלעמאל ווענן זיין אלטן פראיעקט איינצושטעלן א פארלאג.

פון שלאס וואלדפרידן אין מאריענבאד קלאגט ער זיך אין גוטן מוט פאר דינעזאנען, אז גערופן האט מען אים קיין ניו יארק, געצויגן האט עס אים קיין ארץ ישראל, געזאלט האט ער מאכן א רייזע איבערן ים, און אויף דער עצה פון דר. מינץ, זיצט ער גאר אין מאריענבאד, טרינקט וואסער און נעמט בעדער.

פאַרוואָס ער איז קיינמאָל נישט פאַרבייגעפאָרן די סטאַטוע פון פרייהייט, וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגיין.

אין דער טיפעניש פון דער נשמה האָט געקענט ביי אים שטענדיק גליען דער באַגער צו פאַרבלייבן אין פוילן און לעבן אַזוי ווי אבות אבותינו.

# לב

## באַרג אַרויף מיט אידיש

דאָס גאַנצע לעבן איז ער געווען אַ פריער אויפשטייער. פאַרטאָג איז ער שוין געווען אויף די פיס, האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש, איז אַ ווייל אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, האָט זיך ווידער אַוועק־געזעצט, ביז ער האָט געהאַט עטליכע בלעטלעך באַשריבן מיט זיין מערקווירדיק דראָבנינקער האַנטשריפט.

אין די שפּעטע יאָרן איז אים געפאַלן שווער דאָס זעצן זיך צום שרייב־טיש. ער האָט פאַרגעצויגן אַרומצוגיין איבער דער שטוב בנעימות'דיק אָדער שטיין אַנגעשפּאַרט ביים אויוון און צו האָבן פאַר זיך אַ לעבעדיקן מענטשן, וועמען צו דערציילן דעם כשוף וואָס ליגט אין אַ פאָלקסטימליכער געשיכטע. ער האָט בעסער באַהערשט די דערציילונג, ווען ער האָט געהערט פון זיין אייגן מויל דאָס לעבעדיקע וואָרט. אַזוי האָט ער אין די פולע יאָרן געוועבט דעם רייכפאַרביקן טעפּיך פון די צויבערליכע שאַפונגען, וואָס ער האָט אומגעקערט דעם פאָלק.

עס זענען אים אַנטקייגן געקומען די רייפסטע יאָרן אין זיין לעבן, ווען דער שייער איז שוין געווען פול און די זון האָט גענידערט אין מערב. דער כאַראַקטער פון זיין לעבן און זיין שאַפונג איז געוואָרן קלאָר ווי קרישטאָל. זיינע ווערק האָבן דערגרייכט די אידישע פאָלקס־שטוב און האָבן אַריינגעבראַכט דעם זיסן ריח פון שבת, אַזוי ווי חלה אין דער וואָכן אין אַן אָרעם הויז. זיינע תלמידים, יעדער מיט דער פרייד פון שעפערישקייט אַנגעצונדן אין זיין בלוט, האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט און זענען אומעטום געווען די עדות, אַז דער גרויסער טאָג פון אידיש איז דאָ.

אין אַ שיינעם פרילינג טאָג איז אים פון אַמעריקע אָנגעקומען אַ בריוו, וואָס האָט אים דערפרייט און דערשטוינט. דער בריוו האָט אייגנטליך גערעדט מיט דער אומפּערזענליכער קאַלטקייט פון אַ צירקולאַר.

די אידישע שפּראַך האָט אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר געמאַכט אַ גרויסן פאָרשריט. איר ליטעראַטור האָט דערגרייכט אַ הויכע מדרגה, אידישע צייטונגען צעגייען זיך אין די הונדערטער־טויזנטער טעגליך און וועכנטליך, אידישע פּאָעטן שרייבן לידער וואָס דאָס פאָלק זינגט זיי, מעשיות וואָס דאָס פאָלק לייענט זיי, פּיעסן וואָס דאָס פאָלק לויפט זיי זען אין טעאַטער. אָבער יעדער שרייבט נאָך מיט אַן אַנדער אויס־לייגעכץ, עס איז נאָך קיין אידישע אָרטאָגראַפיע נישט באַשאַפן גע־וואָרן. מען שעמט זיך נאָך אַלץ מיט אידיש און מען דאַרף מאַכן אַ סוף צו דעם.

צו דעם איז געווען בייגעלייגט אַ פערזענליכער בריוו. דער אָפּי־ציעלער טאָן האָט זיך געענדערט און האָט אָנגענומען די וואַרעמקייט פון אַ פאַרבעטונג.

אויב איר האָט די אייגענע מיינונג ווי די וואָס מיר האָבן פאַר אייך אַנטוויקלט, בעטן מיר אייך איר זאָלט קומען צו דער קאָנ־פערענץ, וואָס מיר רופן צונויף פאַר דער אידישער שפּראַך אין טשער־נאָוויץ... אויב איר זענט איינשטימיק מיט דער זאַך, בעטן מיר אייך, איר זאָלט אונדז דערלויבן צו שטעלן אייער נאָמען אויף דעם דאָזיקן אויפרוף. מיט גרוים דרך ארץ האָבן זיך אונטערגעשריבן ד"ר. נתן בירנבוים, יעקב גאָרדין, א. מ. יעוואַלענקאָ, דוד פּינסקי, ד"ר. חיים זשיטלאָווסקי.

פרץ האָט דעם געמיינזאַמען בריוו לאַנג באַטראַכט, האָט געוואויגן די מעגליכע באַדייטונג פון דעם געדאַנק, האָט זיך נאָכדעם לאַנג באַראָטן מיט דינעזאָנען און האָט אָפּגעשיקט אַ טיילוויז ווידער־וויליקן ענטפער.

מיר זענען נאַטירליך זייער פאַראינטערעסירט אין דער קאָנפער־רענץ אָבער אונטערשרייבן אייער אויפרוף האָבן מיר אויף קיין פאַל נישט געקענט. עס געפעלט אונדז נישט די, זייט אונדז מוחל, אַמע־ריקאַנישע הקדמה. מען דאַרף טאַקע אַ קאָנפערענץ צו העלפן דער

אנטוויקלונג פון אידיש. מיר ווילן אונטערשרייבן אַ נאַטירליכן איי־ראָפּעאישן אויפרוף. כדי צו העלפן אַנטוויקלען די אידישע שפּראַך ווערט צוזאַמען גערופן אַ קאָנפערענץ.

ער האָט אויסגערעכנט די פראַגן וואָס דאַרפן דאָרט באַהאַנדלט ווערן און האָט פאַרענדיקט: אויב אַר באַשטייט אויף דער פאָרם, שרייבט אייך און אונדז אונטער.

אין דעם מוזיק־זאַל אין טשערנאָוויץ, האָט די קאָנפערענץ זיך געעפנט אין אַ זונטאָג פרי אין אויגוסט, 1908, ווען דאָס נייע אידישע נאַציאָנאַל־הויז, וואו די עפנונג האָט געזאָלט פאָרקומען, איז נאָך נישט געווען פאַרטיק. עס איז געווען אומפאַרמיידליך, אַז פרץ זאָל דאָרט זיין די צענטראַלע פיגור.

שטורעמדיקע זיצונגען האָבן אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז ער איז דער ברען־פונקט פון אידיש און איר ליטעראַטור. שוין ביי דער פאָר־קאָנפערענץ, ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט די פראַגע צי עס זאָל אָנגענומען ווערן אַ רעזאָלוציע וועגן דער באַציאונג צו העברעאיש, האָט ער מיט שטאָלץ זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרראַטן די העברע־אישע שפּראַך און האָט געמאַכט זיין באַרימטע קורץ־געפאַסטע דער־קלערונג: איך זאָג אויפריכטיק, אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז העברעאיש, אונדזער פאָלקס־שפּראַך אידיש.

ביי דער עפנונג זיצונג האָט ער אויפגעשטורעמט די צוהערער מיט זיין פּרעכטיק בילדליכער אויסטייטשונג פון אידיש. ער האָט גערעדט וועגן די באַפרייאונגס מאָמענטן, וואָס האָבן געשאַפן די באַוועגונג פאַר אידיש.

עס האָט אויפגעוואַכט דער אידישער עם האָרץ, וועלכער הויבט זיך אָן אַליין צו באַפרייען. ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרוי צום גרויסן למדן, ווייל דעם למדנ'ס תורה גיט אים נישט קיין גליק, און ער האָט פאַרלוירן דעם צוטרויען צום גרויסן גביר, ווייל דעם גרויסן גביר'ס צדקה מאַכט אים נישט זאַט. און עס איז אויפגעגאַנגען דער חסידיזם, די תורה פאַר אַלע.

ער האָט באַצויבערט די דעלעגאַטן מיט זיין שילדערונג פון די שבחי בעל שם ווי פאָלקס־דיכטונגען און ר' נחמן פון בראַצלאַוו ווי דעם ערשטן פאָלקס־דיכטער. ער האָט אָנגעוויזן ווי עס האָט אויך

דערוואַכט די אידישע פּרוי און ווי אידיש איז געוואָרן מאַמע־לשון. און ענדליך ווי אידיש איז ביים אידישן אַרבעטער געוואָרן זיין אינסטרומענט צום קאַמף פאַר זיין לעבן. עס באַווייזט זיך דאָס אידישע בוך.

קלאָר און הילכיק האָט אין דער אידישער וועלט אָפּגעקלונגען זיין אויסרוף:

איין פאָלק אידן! זיין שפּראַך איז אידיש!

און ער האָט גערופן צו אַרבעטן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אונדזערע קולטור־גיטער אויף דער פאָלקס־שפּראַך.

דער לעבעדיקער צענטער פון אינטערעס ביי דער קאָנפערענץ איז געוואָרן פּרץ. ביים ליטעראַרישן אָוונט האָט ער פאַרכאַפּט דעם עולם ווען ער האָט פאָרגעלייענט דעם צווייטן אַקט פון דער „גאָלדענע קייט".

אין דער דעבאַטע וועגן איבערזעצן דעם תנ"ך אויף אידיש, האָט ער נביא'יש פאָראויסגעזען: די שרייבער וואָס זענען אַרויס פון בית המדרש גייען אויס. עס שטייט אויף אַ דור פון שרייבער, וועלכע מוזן געפינען זייערע וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיר דאַרפן מאַכן דעם תנ"ך נישט נאָר הייליק נאָר אויך לעבעדיק, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אים פאַרשטיין.

דער געדאַנק האָט אָפּגעקלונגען אין אַמעריקע אין האַרצן פון דעם דיכטער יהואש, וואָס האָט מיט גרויס ליבשאַפט גענומען אויף זיך די שווערע מי.

נאָך אַ לאַנגן קאַמף האָט פּרץ אויסגעאַרבעט די רעזאָלוציע, וועלכע האָט דערהויבן די קאָנפערענץ צו איר העכסטער הויך: אידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק.

פינף אַ זייגער פאַרטאָג, אויפן פינפטן טאָג, ווען די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן, איז פּרץ אומבאַשטרייטבאַר פאַרבליבן די נשמה פון דער העכסטער דערגרייכונג פון אידיש.

אין זיין ערשטן שריט פון אַרבעט פאַר דער צענטראַל ביוראָ פון דער קאָנפערענץ, האָט ער זיך מיט די אינגערע דיכטער אַרויסגע־לאָזט אויף אַ טור איבער די גאַליצישע שטעטלעך. ער האָט דאָס

אנגערופן — ארומפארן אין דער מדינה מיט די יונגע לעזן. און מיט א ביסל זעלבסט־רחמנות האט ער די וואנדער־גרופע אנגערופן אמת'ע נע ונד'ניקעס.

דער צוזאמענקנופ פון די פיר נעמען, פרץ, אש, נאמבערג און רייזען, איז געפלויגן ווי א צויבער־טעפיך איבער די פארוואלקנטע הימלען פון די געדיכטע אידישע ישובים. אומעטום וואו די קליינע גרופע האט זיך באוויזן, האט זיך אויפגעהויבן דער גייסטיקער קאמף צווישן אידיש און העברעאיש, מיט דעם נישט־געוואוינטן שטאלץ און מיט א נייר דערהויבענער ליבשאפט צו אידיש. דארט וואו די געגנער האבן זיך נישט אויסבאהאלטן און געשוויגן, דארט האבן זיך געשאפן צוויי לאגערן. נאציאנאלע שפראך און פאלקס־שפראך זענען געווארן שארפע ווערטער אין א לײדנשאפטליכן קאמף און פרץ איז געווארן דער סימ־באל און די פעסטונג פון א נייעם גייסטיקן פאלקס־זיג.

דער פרץ־אש־נאמבערג־רייזען טריאומף־צוג, פאר וועלכן מען האט קיין טויערן פון זיג נישט אויסגעבויט און קיין בלומען־בויגנס נישט אויפגעשטעלט, האט זיך געצויגן איבער די באלאטיקע, פאראומערטע שטעטלעך און געבראכט אן אנזאג פון א נייער חשיבות. די גרויסע טרובאדורן פון אידישןווארט האבן אויפגעטראטן אויף די מיני־אטורע עסטראדעס פון קאלאמיי, בוטשאטש, סטרי, דראביטש, טאר־נאפאל, קימפאלונג, סוטשאווע, סטאניסלע, וואו א היציקער העברע־איסטישער פאנאטיקער האט פרצן אפגעווארט אויפן באנהויף ביים אפפארן פון שטאט, זעקס אין דער פרי, אויסצושרייען א פאנאטיש ווארט אויף וועלכן פרץ האט מיט מילדקייט געענטפערט: צו דעם, יונגערמאן, האט איר נישט באדארפט אזוי פרי אויפשטיין.

נישט אכטנדיק אויף א פאר פריקרע אינצידענטן, איז די דיכטער טורנע געווען דער האניק חודש פון דער קאנפערענץ. אומעטום האט מען די וואנדער־גרופע מיט פרצן בראש, אויפגענומען מיט גרוים פאראד, מיט געזאנג, סערענאדעס, קארעטן און אויך מיט הארץ.

פרץ איז אהיימגעקומען קיין ווארשע א גליקליך צופרידענער פון דעם סארט אנדערשדיקער רייזע. דארט האבן שוין געווארט אויף אים איינלאדונגען פון היימישע שטעט, און פאר אלעם האט ער ווידער אויפגעטראטן אין לאדזש.

קיין לאָדזש איז ער אַלעמאָל געפֿאָרן גערן. צוליב דער וואַרעמקייט פֿון די אידישע אַרבעטער־מאַסן, דעם ערשטן „הזמיר" און באַזונ־דערס צוליב דער דראַמאַטישער גרופּע, פֿון וועלכער ער האָט געהאָפֿט אַרויסצוקריגן אַן אויפֿפֿירונג פֿון זיינער אַ דראַמע. אַ האָפֿנונג וואָס ער האָט אייגנטליך געלעגט אויף אַלע דראַמאַטישע קרייזן.

אין זיינע רייפֿע יאָרן האָט פּרץ געזען דעם אויפֿבלי איבער דער וועלט פֿון דער מאָדערנער דראַמע און פֿון דער נייער רעאַליסטישער טעאַטער קונסט, וואָס האָט אים צוגעצויגן ווי אַ פֿלאַטער־פֿייגעלע צום ליכט. ער האָט זיך מער קיינמאָל פֿון דעם כּשוף פֿון טעאַטער נישט באַפֿרייט.

פֿאַר זיין צייט האָט אויפֿגעלויכטן דער שיינענדיקער שטערן פֿון הענריק איבסען. זיינע דראַמעס זענען ווי מעטעאָרן אַריבער אויף אַלע וועלט־בינעס. נאָראַ, די גייסטער, דער פֿאָלקס־פֿיינד, בוימייסטער סאָלנעס, פּער גינט, בראַנד, זענען געוואָרן סימבאָלן פֿון אַלעם וואָס איז טיף און באַדייטונגספֿול אין דער מאָדערנער ליטעראַרישער דראַמע. מיט איבסענען די סקאַנדינאַווישער אויגוסט סטרינדבערג און ביערנסטיערנע ביערנסאָן. הינטער זיי די דייטשן, פֿאַראויס מיט גערהאַרדט האופּטמאַן, הערמאַן זודערמאַן, פֿראַנק וועדעקינד, אַרטור שניצלער, הערמאַן באַהר, און נאָענט ביי דער האַנט די רוסן, דער פֿאַרליבטער אין געזונקענעם פֿאָלקס־לעבן מאַקסים גאָרקי, דער מיסטעריעזער אַנדרעיעוו, אַנטאָן טשעכאָוו מיט זיינע אויבערטענער, און נאָך נענטער די פּאָליאַקן ווישפּיאַנסקי, קזשיוואָשעווסקי, נאָוואַ־טשינסקי, קישעלעווסקי, און איבער אַלעמען דער סימבאָליקער מעטער־לינק. צו דער דראַמאַטישער פּלעיאַדע האָט עס אים געצויגן.

יעדן קינסטלער האָט געלאָקט דער נייער כּשוף פֿון סטאַניסלאַווסקי'ס רעאַליזם און עס האָט גערייצט דער קינסטלערישער פּאַרנעם פֿון מאַקס ריינהאַרדט. די דראַמע פֿון זיין צייט איז געווען טיף און קאָמ־פּליצירט און איז געווען די העכסטע ליטעראַרישע פֿאָרם.

אַנטקעגן דעם, ווי נישטיק און פּרימיטיוו האָט אים געמוזט אויסזען דאָס אידישע טעאַטער. גאָלפֿאַדען מיט זיינע שלעכטע נאָכאָמער, די אַמעריקאַנער שונד־ליפֿעראַנטן און דער אַלם ליטעראַריש ליכט גילטיקער יעקב גאָרדין.

ווי דער מייסטער פון נייעם אידישן ווארט, האט ער נישט געקענט שלום מאכן מיט דעם געדאנק אז דאס איז אידיש טעאטער. אלץ אין אים האט רעוואלטירט און טראץ זיין עלטער וואס איז געווען אריבער רעוואלט, האט ער געשטורעמט ווי א יונגער איבערקערער. ער האט געשאפן, געבויט און איבערגעבויט. ער האט אין דער דראמע אויספראבירט אלע טענער, פון רעאליזם פון גארקי שטייגער ביז דעם סימבאליזם פון מעטערלינק זשאנר.

כדי טיפער צו לערנען, האט ער אליין גענומען א האנט אין דראמאטורגיע, שוישפיל און רעזשי. עס מוז געבוירן ווערן א ריין קינסטלעריש אידיש טעאטער. דאס איז געווען א גרונט־מאטיוו פון זיין דראמאטישן שאפן. דאס שרייבן אליין אין דראמאטישער פארם איז פאר אים געווען נישט גענוג. ער האט פיל מי און צייט אוועקגעגעבן דער גרינדונג פון דער טעאטער געזעלשאפט, פאר וועלכער דער יונגער דראמאטורג א. ווייטער איז ארומגעפארן ווי א געלט־זאמלער. ווען עס האבן אנגעהויבן אנצוקומען פון רוסלאנד די ערשטע פאנדן פאר א געזעלשאפטליך טעאטער, איז פרץ געווען אויפן זיבעטן הימל. לאנגע שעה'ען האט ער אפטמאל אפגעגעבן צו מאכן פראבן מיט אמאטארן אויף זיינע איינאקטערס, וואס זענען דורך די גרופן פון צייט צו צייט אויפגעפירט געווארן. וועגן דראמע און רעזשי האט ער אפטמאל געהאט לאנגע שמועסן מיט טעאטער־קענער ווי דר. מוקדוני. מיט דער אייגענער נשמה־וואַרעמקייט האט ער אפטמאל לאנג גערעדט מיט אידישע מאלער און סקולפטארן וועגן קונסט. דאס האט אלץ באדארפט פירן צו אן אויסגע'חלומ'טן רענעסאנס פון א אידישער קולטור.

פון צייט צו צייט האט ער געהאט גליקליכע מאמענטן ווען א דראמע אדער א גרופע איינאקטערס זענען אויפגעפירט געווארן און האבן אריינגעבראכט א שבת־יום־טוב'דיקע שטימונג אין דעם וואכעדיקן אידישן טעאטער. ווען זיין ערשטע פולע דראמע „דער נסיון" איז אויפגעפירט געווארן אין זשארדען ד'יווער טעאטער, האבן נאך יענע ווענט קיינמאל פריער אזא עולם פון נישט־אסימילירטער בורזשואזיע און אינטעליגענץ נישט געזען.

אין יענע יאָרן פון זיין גרעסטן אויפשטייג אַלס גייסטיקער פירער און צוויבערליכע פּערזענליכקייט, איז ער געוואָרן דער גרויסער טריבון פון אַלעם וואָס האָט געלויכט מיט זונאויפגאַנג אין אידישן קולטור־רעלן לעבן. עס איז ביי דער יוגנט געווען אַ פרייד צו זען זיין די־נאַמישע געשטאַלט אויף די וואַרשעווער גאַסן, גייענדיק צו אָדער פון אַ לעקציע. זיינע אַטאַריטאַטיווע רייד האָבן אַנגעפילט דעם יונגן מענטשנס ווען מיט דעם באַגער צו זיין און צו טאָן.

מען האָט אים ווידער געקענט טרעפן ביי אַן אומלעגאַלער פאַר־זאַמלונג ערגיץ ביי אַן אַרבעטער אין אַ קעלער־שטוב, וואו עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען האַרעפּאַשניקעס, ליטעראַטן, סימפּאַטיקער און כלל־טוער, און וואו מען האָט אָפט גערעדט וועגן אויסטערלישע אויטאָפּיעס.

מיט זיין אויפברויז פון טעטיגקייט איז זעלטן ווען פאָרגעקומען אַ וויכטיקע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונג אָן אים אין צענטער. ביי אַ חנוכה, אַ פורים קאָנצערט, אַ ליטעראַרישן אָוונט, אַ מאַסקן באַל, פּרץ איז אומעטום געווען די נשמה. פאַר זיינע פרויען פריינט האָט ער אָפט צוגעטראַכט און אַליין צוגעשניטן די מאַסקן און קאָסטיומען. די דאָרף מיט זיך פאַרשטעלן אַ סימבאָלישע אידישע פיגור און יענע דאָרף טראָגן אַ קאָסטיום פון „שבת קודש" לויט אפרים ליליען.

מיט דעם אייגענעם פייער איז ער אָפט געוואָרן טעטיג אין פּאָליטישן לעבן. דאָס האָט געהאַט פאַר אים אַ טיפן זין, ווייל ער האָט געלעבט מיט דער דזשעפּערסאָנישער אויפפאַסונג, אַז דאָס פאָלק איז וויכטיקער פונם שטאַט. זיין קאַמף איז אַלעמאָל געווען נישט פאַר קיין פּרינציפּן פון הערשאַפט, נאָר פאַר מענטשן.

אַ באַזונדער גרוים אויפזען האָט אַרויסגערופן זיין שטעלונג אין די וואַלן צו דער פערטער רוסישער דומע, ווען דער קאַנדידאַט פון די פּריצים איז געווען אַ נאַראָדאָוויעץ. דער אויסגעשפּראָכענער אַנטי־סעמיט האָט אויך געהאַט די אונטערשטיצונג פון די אַסימילירטע אידישע באַנקירן. דאָס איז געווען גענוג, אַז פּרץ זאָל ווערן אויפ־געצאָרנט.

מיט זיין גאַנצער קראַפט האָט ער מיט וואָרט און שריפט באַקעמפט דעם אַנטיסעמיט. דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר אַ הייליקער פליכט

צו זיינע אידישע מיט־ברידער. ער איז געגאנגען א שריט ווייטער און האט געשטיצט דעם ראדיקאלן קאנדידאט יאגעלא.

די פוילישע פרעסע האט געפאדערט פון דער אידישער גמינע צו פארווערן די פאליטישע טעטיגקייט פון אירן אן אנגעשטעלטן. עס איז נישט געווען קיין פארבאט געגן דעם, אבער דאס האט נישט געשטערט די פוילישע אנטיסעמיטן צו פארלייגן זייערע אינסיניואציעס.

זיי איז געקומען צו הילף א מערקווירדיק נישטיקע פערזענליכקייט, א מאן וואס האט געטראגן זיין אייגענעם פאמיליען־נאמען, אדאלף פרץ, איז געווען זיינער א ווייטער קרוב און א חוצפה׳דיקער אסי־מילאטאר, וואס האט געקעמפט פאר דעם אידן־פיינטליכן קאנדידאט. דער פארדעטערישער קרוב האט זיך צוויי מאל געווענדט צו דער גמינע געגן פרצן און געפאדערט אז מען זאל אים דיסציפלינירן.

איידער נאך די פארוואלטונג האט צייט געהאט ארויסצוגעבן אן אנטשיידונג, האט פרץ אריינגעשיקט א פלאמיקע צושריפט, מערק־ווירדיק מיט איר מוטיקער קעמפערישקייט. ער האט פארדאמט די שטעלונג צו די וואלן אין דער פוילישער פרעסע און האט אפגעלאכט פון זיין חניפה׳דיקן קרוב, וועלכער האט בלויז געוואגט צו אינסיניר־אירן אז ער מיינט דעם דיכטער. צום סוף פון זיין שריפט האט פרץ געפאדערט דאס רעכט אויף זיינע איבערצייגונגען און האט אין פאר־אויס צוריק געשליידערט די מעגליכקייט, אז ער זאל זיך אונטער־ווארפן.

ער האט זיין קאמף געוואונען מיט שטאלץ. זיינע פאליטישע שונאים זענען פארשטומט געווארן.

העכער פון אלעם האט ער געשטעלט זיין אידעאל פון א נייער עטישער קולטור אויף אידיש. ער האט זיך מער נישט אויסגעשפאנט פון זיין זשורנאליסטישער און געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. מיט דעם אייגענעם ענטוזיאזם מיט וועלכן ער האט פריער געשריבן פארן „פריינד" און שפעטער פארן „וועג", האט ער צום סוף געזאגט זיין געהויבן ווארט אין אן אייגן ווינקעלע אין „היינט". ער האט געהאט אויף דעם אן אנדער בליק ווי די וואס האבן אראפגעקוקט אויף דער מאסן־צייטונג.

מיט דעם אייגענעם ערליכן ענטוזיאזם האָט ער גענומען אויף זיך די לאַסט פון פירערשאַפט אין „הזמיר״, די ליטעראַריש־מוזיקאַלישע געזעלשאַפט וואָס ער האָט די ערשטע צייט נישט געקאָנט פאַרטראָגן און וועלכע ער האָט שפּעטער באַשיינט און באַקרוינט און איר אָוועקגעגעבן זיינע בעסטע כוחות.

עס איז פאַר די גרינדער פון פאַראיין נישט געווען אינגאַנצן קלאָר מיט וואָס דער „הזמיר״ זאָל זיך פאַרנעמען. אין דער אָפּוועזנהייט פון אַ באַשטימטער ליניע, און פון די נויטיגסטע פינאַנסן, איז פּרץ אָפטמאָל געקומען מיט אוטאָפּישע אידעען, וואָס האָבן אויף קיין פאַל נישט געקענט דורכגעפירט ווערן, ווי צום ביישפּיל די גרינדונג פון אַ קינסטלעריש טעאַטער. זיין געפליגלטע פאַנטאַזיע האָט זיך דאָ אויסגעלעבט אין איר גאַנצער אומפּראַקטישקייט.

אַ דאַנק זיין הויכער קינסטלערישער מאָס און זיינע פאָדערונגען האָט דער „הזמיר״ זיך אַלץ מער אַנטוויקלט ביז ער האָט איינגעשלאָסן אַ גלענצענדן כאָר, אַ דראַמאַטישע סעקציע, אַ ביבליאָטעק, פאַרוויילונגס־צימערן, לעקציעס, דיסקוסיעס און צום סוף די מאַנטאַג׳דיקע פּאָפּולער־געוואָרענע קעסטל־אָוונטן, ווען ער האָט גערעדט אויף טעמעס, וואָס מענטשן האָבן באַרירט דורך אַריינוואַרפן אַ צעטעלע אין אַ קעסטל. ווען אַלץ און אַלעמען האָט מען דאָרט דיסקוטירט און פּרצעס שאַרפזין איז שטענדיק געווען דער הויך־פּונקט. זיינע פאַרלעזונגען האָבן שטענדיק צוגעצויגן אַ גרויסן עולם און האָבן אַריינגעבראַכט די נויטיקע פינאַנסן.

זיין גייסט, רייך אין אינהאַלט און הויך אין ציל, האָט ווי אַ ממשות׳דיק ליכט באַלויכטן די בלאָנדזשעניש אויף די וועגן פאַר דער ציללאָזער יוגנט אין אידישן פּוילן.

# לג

## די פרוי בײם ים

פון זײַן פריסטער יוגנט איז ער געװען אַ געפאַנגענער אין די נעצן פון פרויליכער שײנקײט. פון די ערשטע סודות'פולע קושן אויף די טונקעלע טרעפ מיט ליליתן, װאָס איז בלויז געװען אײנע פון דעם אַלטן ר' זלמנ'ס דרײ טעכטער, האָט זיך די ראָמאַנטישע ליבשאַפט געצויגן ביז דעם שפּעטן זומער פון זײַן לעבן, װען ער האָט אויסגעגאָסן דאָס געזאַנג פון זײַן אַלט האַרץ פאַר דער פרוי בײם ים.

יעדעס בלאַט פון זײַנע װערק זאָגט עדות, אַז ער האָט געהאַט אַ טיף אויג און אַן אָפן האַרץ פאַר דער פּאַטעטישער געשטאַלט פון דער אידישער פרוי, װי ער האָט זי געקענט. פון דער דרײ שװעסטער ליבע אין זײַנע אינגל־יאָרן ביז דער גליענדיקער קינסטלער־לײדנשאַפט צו פּעשען, האָט זיך װי אַ גאָלדענער פאָדים געצויגן זײַן ליבשאַפט צו דער פרוי, שטענדיק פול מיט רחמים.

זײַן צאַרטע, אײַנגעװאָרצלטע ליבשאַפט צו דער מאַמען, האָט קײן־מאָל אין לעבן נישט פאַרלוירן איר ליכטיק פײַער. אפילו שוין נאָענט בײַ די זעכציק, זאַט אין יאָרן און אין גרויסן אָנזען בײַ דער װעלט, איז ער מיט פערד און װאָגן אַהײמגעפאָרן קײן זאַמאָשטש צו זען די אַלטע מאַמע.

זײַן ערשטע אומגליקליכע חתונה מיט שרה'לען האָט פאַרװעבט אַזאַ טראַגישע נעץ אַרום זײַן יונג לעבן, אַז צו אַכצן יאָר האָט ער לײַכט געקענט פאַרבלײַבן מיט אַן אײביקן ריס אין דער נשמה. אָבער זײַן האַרץ האָט פאַרמאָגט אַן אײגענעם באַלזאַם פון ליבשאַפט, װאָס האָט די װאונד פאַרהײלט. דער נר תמיד פון ליבע האָט שטענדיק

געפינקלט אין אים און האט באלויכטן די נשמה פון יעדער פרוי, וואס איז אין פארלויף פון זיין לעבן געקומען מיט אים אין באריר.

זיין ליבע צו העלענען איז דורך די צענדליקער יארן פארבליבן טיף און עכט און זי האט זיך קלאר אפגעשפיגלט אין איר געלאסנקייט און איר סטאאישער רואיגקייט ווען זי איז געווען מיט אים. דער פעסטער פונדאמענט פון זייער ליבשאפט, ווי ער איז געלעגט געווארן אין אנהויב פון זייער צוזאמענלעבן, איז פארבליבן פעסט ביז צום סוף.

אין איינעם פון זיינע ערשטע בריוו צו דער כלה העלענע, האט ער זי אדרעסירט: פארגעטערטע העלענע! אמאל האט ער זיך אונטערגעשריבן: לעאן פרץ וואס האט דיך ליב ביזן טויט. אן אנדערשמאל — איך ליב דיך אויף אייביק, לעאן. און שפעטער מיט יארן, שרייבנדיק צו דער פרוי, האט ער זיך אונטערגעשריבן — דיין, דיין, דיין לעאן.

עפעס וו א ליכט וואס איז אויפגעגאנגען אין זיין הארץ אויפן לעבן לאנג, איז געווען דער אנהויב פון זייער ליבע. ביים סאמע אויפגאנג פון זייער לעבנס-פארבינדונג האט ער איר געשריבן:

„דאס הארץ איז מיר פול. אין קאפ טויזנטער גאלדענע שטראליקע חלומות. ס'האט שוין געשלאגן צוועלף. זאמאשטש שלאפט פארזונקען אין שוים פון דער שטילער אויסגעשטערנטער נאכט. איך נאר אליין קאן נישט שלאפן. פאר מיר דיין פאטאגראפיע, דאס איינציקע הייליקע בילד אין מיין הויז, דאס איינציקע אינם הארצן ביי מיר".

נאך דער טיפער ליבעס-וואונד וואס שרה האט אים געלאזט, האט ער געפילט:

„מיין הארץ איז געווען פארוועלקט, מיין לעבן א פיינליכער און שרעקליכער חלום. כ'בין פארוועלקט געווארן אין בליענדיקן עלטער, בין אפגעשטארבן. און איצט? אונטער דעם שטראל פון דיינע שטערן איז צעגאנגען דאס אייז פון מיין הארצן. איך לעב און דו ביזט מיין לעבן".

דאס אייז איז אויף אייביק צעגאנגען.

די איידעלע איבערגעבנקייט צו העלענען איז פארבליבן פונדאמענטאל אין זיין ליבעס-לעבן. די ראמאנטישע אפווייכונגען זענען

געווען אַז אויסוואוקס פון זיין פרייען קינסטלערישן גייסט און האָבן בלויז געהאַט די באַדייטונג פון אַ ליבשאַפט צו וועלט און מענטש, אַ ליבשאַפט וואָס נעמט אַלץ אַרום און טוליעט עס צום האַרצן כדי עס צו דערהויבן.

די ערשטע וואַרעמקייט פון זיין צוזאַמענלעבן מיט העלענען איז מער קיינמאָל נישט אָפּגעקילט געוואָרן. מיט די יאָרן איז דאָס ראָ־מאַנטישע באַקליידט געוואָרן מיטן מאַנטל פון געזעצטער היימישער באַלעבאַטישקייט. ער האָט איר געקענט העלפן אין שטוב אַרבעט, אַמאָל מיטן פּרעסן אָדער וואַשן, וואָס עס פלעגט געוועגליך טאָן די דינסט. איר אָנגייען אים אַ קנעפּל איז געווען האַרציקער שפּאַס. ער האָט ליב געהאַט מיט אַלע חושים די וואַרעמקייט אין הויז וואָס זי האָט פאַר אים געשאַפן.

ער האָט געהאַט זיינע מאכלים, אַמאָל אויסטערלישע, ווי סמעטענע מיט געלעכלעד פון אייער, וואָס ער האָט ליב געהאַט. פרייטאָג ביי־טאָג איז ער געווען צוגעוואוינט צו חלה מיט פיש. קיין אָפּגעהיטער אין כשרות וואָלט ביי אים אין שטוב נישט געגעסן.

זי האָט זיך אָפט געשפּיגלט אין אים, האָט באַזונדערס ליב געהאַט אים צו זען מיט דעם רויטן בלימל אין לאַץ, דעם קאַפּעלוש וואויל־יונגעריש פאַררוקט אויף אַ זייט אָדער אין זיין גרינעם טיראָלער יעגער־הוט, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן.

פאַר אים איז תמיד געווען אַ נחת צו זען וואָס פאַר אַ גרויסע ווירטין זי איז. איידער זי איז אַרויס פון שטוב האָט זי זיך אַלעמאָל לאַנג געפּאָרעט. זי פלעגט פאַרשליסן די שענק, גלייכשטעלן די שטולן, אָנזאָגן זאַכן דעם דינסטמיידל מאַניאַ. אַמאָל האָט זי געשעפּט נחת, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ העמערל און טשוועקלעך איבער די ווענט און האָט איבערגעהאָנגען בילדער.

קיין נאַאיווע פאַנטאַזיעס וועגן אַ שענער לעבן אין דער צוקונפט האָבן אויך נישט געפעלט. ווען אין דרויסן איז געווען אַ טריבער טאָג, האָט ער געקענט הויך פאַנטאַזירן פון אַ גרוים הויז אויפן ברעג פון דער ווייסל, אַז ווען ער וועט אַרויסקוקן פון פענצטער זאָל זיך אים דוכטן, אַז ער שטייט אין מיטן וואַסער. אין די פאַר צענדליק

יאָר אויף דער צעגלאָנע גאַס, איז עס געווען אַ אייביקער חלום פּטור צו ווערן אַמאָל פון דער רוויקער נאַפּט־לאָמפּ.

אַזוי ווי זיין לעבנס־באַגלייטערין, אַזוי איז זי כמעט שטענדיק געווען זיין רייזע־באַגלייטערין. אַלצאיינס קיין זאַקאָפּאַנע, קוזמיר אָדער נויהיים, זי האָט אומעטום געטיילט מיט אים זיין לעבן און זיינע איינדרוקן. זי האָט אים געגעבן דעם וואַרעמען אָנשפּאַר פון אַ גרונט־טאָן אין אַ דועט. זי האָט אים קיינמאָל קיין קינד נישט געבוירן און ער אַליין איז געווען דער געניסער פון אַלע אירע מוטערליכע געפילן און נייגונגען.

אין אַ שיינעם זומער־טאָג אין קוזמיר ביי דער ווייסל איז אים אין די שפּעטע יאָרן באַפאַלן די בענקשאַפט ווידעראַמאָל צו זען די מאַמען.

געווען איז ער צוגאַסט ביי אַש'ן אין זיין זומער־וואוינונג. געקומען אַהין אויף אַ פּאָר טעג זיך באָדן אין דער ווייסל, קוויקן זיך מיט די פלוימען בוימער און זיצן אויפן הויכן באַרג אין דער זון ביי דער פעסטונג .

קוזמיר איז נישט ווייט פון לובלין מיט דער באַן. פון דאָרט איז צוויי טעג מיט אַ קאַטש קיין זאַמאָשטש. ער האָט אַשן איבערגערעדט צו מאַכן מיט אים די רייזע.

ביי־טאָג איז די אידישע קאַטש געלאָפן דורך פרייע פעלדער און צווישן לינדנבוימער אויף די פוילישע וועגן. אין די אָוונטן איז מען פאַרפאָרן אין קליינע אידישע נאַכט־הייזער צוזאַמען מיט אידן סוחרים, מעקלערס און באַלעגאָלעס מ'האָט געגעסן געבראָטענע לעבערלעך, געגדזנס און האַרטע אייער.

מיט אַשן ווי אַ מיט־שמועסער איז פרץ אויף דער רייזע געווען אין אַ גוטער שטימונג און האָט גערעדט וועגן דעם ניי־אויפגעקומענעם פילאָזאָף בערגסאָן, האָט אים פאַרגליכן צו שפּינאָזען און צום בעל שם טוב.

נענטער צו דער געבורט־שטאָט, האָבן אים אָנגעהויבן אויפגיין זכרונות פון די יוגנט־יאָרן. דערפער נאָענט פון דער היים האָבן אויפגעוועקט בילדער און שטימונגען פון אַ ווייטער צייט. ער האָט

אַ גאַנצן וועג זיך געהיט, אַז מען זאָל נישט וויסן ווער עס פֿאָרט דאָ קיין זאַמאָשטש. אָבער ווען די קאַטש איז אָנגעקומען צום טויער פֿון דער שטאָט, זענען איר אַנטקעגנגעלאָפֿן פֿיל יונגעלייט און זענען מיט דער קאַטש געלאָפֿן אין שטאָט אַריין, וואו מ'האָט די פֿערד אויסגעשפּאַנט און די יונגעלייט האָבן די קאַטש געשלעפּט פֿאַרן דישל.

פּרץ האָט אָנגעכאַפּט זיין מיטפֿאָרער ביי דער האַנט און אים איינגערוימט:

— דאָס שלעפּט זאַמאָשטש דעם משוגענעם לייבוש צו זיין מאַמען.

אַ שטורעם פֿון איבערלעבונגען האָט אויפֿגעוועלט אין אים.

עס איז געווען פֿרייטאָג אַ מאַרק־טאָג, אומעטום פּויערשע וועגן מיט גויים און גוי'עס. אָבער מענטשן זענען אַרויס פֿון די געוועלבער און זענען נאָכגעלאָפֿן דער קאַטש. מיידלעך מיט בלומען־טעפּ האָבן געריסן קוויטשן און זיי אויף דער קאַטש געוואָרפֿן. פּויערים האָבן געזען שלעפּן אַ וואָגן, האָבן זיי די היטלען אַראָפּגענומען. דער גאָראָדאָוואָי האָט אָפּגעגעבן טשעסט. זאַמאָשטש האָט אויפֿגענומען איר משוגענעם לייבוש.

— וואוהין פֿאָרפֿאָרן? — האָבן די אידן געפֿרעגט.

— צו דער מאַמען אין געוועלבל, — האָט פּרץ געענטפֿערט.

די אַלטע פֿרוי איז געווען אַריבער אַכציק, האָט נישט געוואָלט וואוינען ביי קיין קינד און האָט זיך אַליין דערנערט פֿון אַ קליין געוועלבל מיט קנעפּלעך און בענדלעך פֿאַר פּויערימווארג.

מען האָט איר אָנגעזאָגט אַז איר גרויסער זון איז דאָ. אָבער זי איז נישט אַרויס אים באַגעגענען.

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט. איר פּנים איינגעראַמט אין אַ בונט זיידן טיכל, האָט זי געקושט זיין קאָפּ און גלייך ווידער פֿאַרהאַנדלט מיט די פּויערטעס.

— לייבוש, —האָט זי געזאָגט, — נעם מיר אַראָפּ די שאַכטל מיט דעם פֿראַנצויזישן ריפּס. איך קען נישט דערגרייכן.

ער האָט אַרויפֿגעקלעטערט און אַראָפּגענומען וואָס זי האָט פֿאַר־לאַנגט.

די טאָכטער, העסיע, האָט איר קוים איבערגערעדט צו פאַרמאַכן דאָס געוועלבל לכבוד דעם זון. זי האָט זיך געוועלט מיט דער טענה:

— אַז לייבוש איז געקומען, באַדאַרף מען קונים פון געוועלב טרייבן?

ווען עס איז פינצטער געוואָרן, האָט ער זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון אַלע דעפּוטאַציעס און האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק.

צומאָרגנס האָט ער צום לעצטן מאָל געקושט דאָס פּנים פון דער מאַמען.

עפּעס פון איר הייליקער ערליכקייט און אומאָפּהענגיקייט האָט שטענדיק געגליט אין אים. די גליענדיקע האַלאָוועשקעס פון איר האַלב־פאַרלאָשענער ליבשאַפט האָט ער אויך דאָס מאָל מיטגענומען אַהיים קיין וואַרשע.

שפּעט, אין האַרבסט פון זיין לעבן, איז פאַר אים אויפגעגאַנגען דער לעצטער ליבעס־פלאַם פון אַ פרוי, וועמען ער האָט דייטש־ראָמאַנטיש אָנגערופן — דאַמע אַם מעער, — די פרוי ביים ים.

די פרוי, רעגינאַ שאַפּיראָ, פון דער זלאָטע גאַס אין וואַרשע, האָט ער אונטער דאַמאַנטישע אומשטענדן באַגעגנט אויף אַ זומער־וואוינונג. אַ געהיימע קאָרעספּאָנדענץ האָט ער מיט איר געפירט, ווען זי האָט דעם זומער נאָך דעם פאַרבראַכט ביים באַלטישן ים, און אים האָבן די דאָקטוירים פאַרשיקט קיין סענט מאָריץ אין דעם אַלפּן־טאָל ענגאַדין אין דער שווייץ.

אירע בריוו און בילדער־קאַרטלעך פלעגט ער גיין אָפּנעמען אויף דער פּאָסט. אָפט האָט ער טרויעריק צוריק שפּאַצירט ווען עס איז קיין בריוו נישט געווען אָדער ווען דער פּאָסט־בעאַמטער האָט גע־מאַכט אַ פּאַרזען. און ווען ער האָט געהאַט די פרייד פון אַ גרוס פון איר, האָט ער איר געקענט אָנשרייבן אַ ליד אָדער טיילן מיט איר זיינע איינדרוקן און געדאַנקען אין אַ לאַנגן בריוו.

פון זיינע בריוו צו דער פרוי ביים ים לייכט אַרויס אַ בענקשאַפט נאָך וואַרעמקייט צווישן צוויי רייפע גייסטער מיט אַ שפּעט־זומערדיקן, פילאָזאָפישן בליק אויפן לעבן און מיט אַ נאָרמאַלן חוש פאַר הומאָר.

שטימונגען, שטעלונגען, באַציאונגען זענען אַלע געווען פון אַ כאַ־ראַקטער, וואָס האָט נישט געצילט צו דערוועקן מער קיין פאַרגאַנ־גענע לײדנשאַפטן. בלויז צו טײלן זיך אין נאָענטקייט מיט איבערגע־לעבטע שטימונגען און באַאָבאַכטונגען פון דער פּאַנאָראַמע פון לעבן. דער גרונט־מאָטיוו איז געווען דער דראַנג פון צוויי הערצער זיך בעסער צו קענען, צו פאַרטרייבן אַ טיפן אינערליכן אומעט.

אין זיין ערשטן בריוו האָט ער זיך געקלאָגט אויף דער קעלט וואָס האָט געווייעט פון איר ערשטן קאַרטל. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסן וועגן איר, ווי עס גייט איר, אירע שטימונגען, דאָס אַלץ איז געבליבן אין נעפּל. איין גוט וואָרט האָט ער געפונען, פאַר דער אונ־טערשריפט, ווייסט ער נישט צי עס איז געמיינט געווען מיט אַן אמת, און ער גלייבט אַז זי האָט שוין אוודאי דאָס וואָרט פאַרגעסן. ווייטער גיסט ער אויס זיין סאַרקאַזם אויף דעם האָטעל עדעלוויים.

ווען זי האָט אים געשריבן אויספירליכער וועגן אירע שטימונגען, האָט ער איר געדאַנקט פאַר דעם האַרצליכן בריוו און האָט פּראָ־טעסטירט געגן דעם וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים שטימונגען. אַ שטי־מונגס־לעבן איז אַ בוך געדרוקט אָן אַ קאָרעקטור. שטימונגען זענען מאָמענטן. און איז דאָס אייביקע נישט שענער פאַרן מאָמענט?

ווען ער האָט געפילט אַז זי טרייבט איבער וועגן דער שאָטנהאַפ־טיגקייט, וואָס האָט איינגעהילט איר לעבן איידער זי האָט זיך מיט אים באַקענט, זענען זיינע שטראָף־רייד צו איר געווען:

— האָט איר אין אייער פאַרגאַנגענהייט קיין איין שטראַל, קיין איין פונק? טרייבט נישט איבער.

און זאָל זי נישט שרעקן זיך און נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך, אויב דער איצט איז געקומען ווי אַ קעגנזאַץ צו דער פאַרגאַנגענהייט. לעבן איז דער פּראָצעס וואָס פירט אַרויס סינטעזן פון טעזן און אַנטי־טעזן. אויב עפּעס איז אמת און גוט, איז אויך דער קעגנזאַץ אמת און גוט.

נאָר נישט טרויערן.

מען האָט אַמאָל איינעם געפרעגט וויפל קלוגע עס זענען פאַראַן אין שטאָט, האָט ער געענטפערט:

— זייער לייכט צו וויסן. פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער נעמט אַראָפּ די צאָל פון די וואָס געניצן, דערנאָך די וואָס וויינען און דערנאָך די וואָס לאַכן. די רעשט, אויב זי וועט אייך בלייבן, וועט זיין די צאָל פון קלוגע. און אויב איר, פרוי ביים ים, ווילט נישט זיין קלוג, זייט וועניגסטנס פריילעך. זוכט, וועט איר געפינען מאָטיוון צו זיין פריילעך. אין זיך אַליין זוכט.

ער האָט איר פון אומעטום געשיקט אויסזיכטן, אפילו ווען זי האָט אים אַ צייט נישט געשריבן. ער האָט איר באַשריבן די שיינקייטן פונם טאָל אין די אַלפּן און דערביי איר איבערגעגעבן זיין געפיל, אַז אים אינטערעסירט מער דער מענטש איידער די טויטע נאַטור, ווי שיין זי זאָל נישט זיין. די נאַטור איז נישט זיין שאַפונגס־עלעמענט. די שיינע אויסזיכטן פאַרשאַפט אים בלויז פאַרגעניגן. ער באַשרייבט איר איטאַליענער וואָס האָבן אויס שטיינער פאַר קונסטווערק און פּאַלאַצן, און זייער הונגערן. ער זעט די אויסגעמאַטערטע איינוואוינער, מענער און פרויען, פון ענגאַדין. ער שילדערט פאַר איר די איינוואוינער אין האָטעל עדעלוויס, אין סאַן מאָריץ, וואו ער וואוינט. ער שילדערט סאַרקאַסטיש די אידישע טוריסטן.

אַן אַנדערשמאָל, ווען ער קריגט פון איר אַ טרויעריקן בריוו, קומט ער אין אַ לירישער שטימונג און שרייבט איר צערטליך:

„איר מאַכט אַן איינדרוק פון אַ קינד, וואָס האָט אין אַ צייט פון לענגערן רעגנוועטער פאַרגעסן ווי אַ שיינער זומערטאָג זעט אויס און קען זיך אויף קיין פאַל נישט דערמאַנען די זון. ווייזט אייך נישט דער ים ווי פאַרענדערליך די אייביגקייט איז? פאַרוואָס האַלט איר די שלעכטע שטונדע פאַר אייביק?

„עס וועט אייך נאָך זיין, ווי עס ווינטשט אייך אייער י. ל. פּ.”

אַמאָל האָט דער בריוו אָנגענומען די פאָרם פון אַ ליריש ליד אין ריימען אָדער נאַטור־שילדערונג אין וואונדערליך קלאָרער פּראָזע. ער באַשרייבט איר די אידישע געסט און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רייכן רומענישן איד וואָס טוט אים אַ טובה און רעדט אידיש. ווען עס באַפאַלט אים די אַמוזאַנטע לעכערליכקייט פון די אידישע טוריסטן, שרייבט ער:

„דער רבונו של עולם האָט אַ טעות געהאַט. קיין סאַן מאַריץ, איז דער ווילאַ עדעלוויים, צו די רייטשע רבנים, צו די שיר המעלות זינגערינס מיטן שטיקעכץ אין די הענט און צו דער וואַרשעווער און לאָדזשער יונגע דאַמען קאַלאַניע האָט ער געדאַרפט שיקן שלום עליכם׳ען. ער וואָלט רייך געוואָרן. אַ מענאַזשעריע!“

עס האָט געמוזט זיין אַ קרעפטיגונג פאַר דעם אָפּגעשוואַכטן האַרץ פון דעם אַלטן ליִיב, ווען ער האָט געקענט אַ טרייסל טאָן מיט דער גריווע און אין די מאָמענטן פון איינזאַמקייט אויסגיסן זיין טרויער פאַר דער פרוי ביים ים.

„היינט האָב איך דעם ערשטן שבת־טאָג פאַר די אויגן. עס רעגנט. אַלץ איז איינגעהילט אין נעפל, אַלץ פאַרוויינט, אַ שבת אַ טרויעריקער, אַ תשעה באָב׳ער“.

ער שילדערט איר אַ ווייסן שטראַלענדיקן גלעטשער, וואָס שטייט צווישן צוויי גראָע ווענט פון בערג. אַ זון נאָך אַן איינגעשפּאַרטן רעגן. די שאַטנזייט פון די בערג איז סאַמעטן, זאַפטיק־גרין, טיף, ערנסט. די זוניקע זייט שמייכלט זינגעריש. אָדער ער שילדערט איר סאַן מאַריץ ווי אַ טרויער־פאַרשלייערטע כלה.

דער טרויער פון איר בריוו גיסט זיך מיט אַלעם צוזאַמען.

פאַרוואָס איז זי אַזוי מוטלאָז? זי האָט נאָך פאַר זיך אַזוי פיל לעבן, עס וואַרט נאָך אויף איר אַזוי פיל פרייד. דאָס אַלץ וואָלט ער איר אַזוי גערן געזאָגט פון מויל צום אויער. דאָס אויפגעשריבענע וואָרט איז אַזוי קאַלט.

עס ווערט אים באַנג פון איר בריוו.

ע ר איז איינזאַם.

די מענטשן וואָס ער באַגעגנט זעען אים אוים ווי פאַרביקע ליאַל־קעס. אַלץ איז אים פרעמד. די מענטשן עסן נישט נאָר פרעסן, טרינקען נישט נאָר זויפן, שפּאַצירן נשט נאָר ווילן אויסטרינקען די לופט, ווילן איינזאַפּן די בערג. נישט אוים ליבשאַפט, נאָר עס קאָסט געלט.

„איך וואָלט זיך ערגיץ געוואָלט באַהאַלטן, נאָר איין מענטש זאָל ווייסן דעם אַדרעס“.

אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרט ער אהיים. ער קען איר קיין אַדרעס נישט אויפגעבן. ער וועט זיין נע ונד און אַ וואָרט פון איר. שרייבט נישט, אָבער פאַרגעסט נישט. אירע אויגן טרעטן פון אים נישט אָפּ. ער זעט ווי זיי קוקן אויף אים אַזוי גוטהאַרציק.

אין האַרבסט פון לעבן האָט אים געריסן די איינגעוואַקסענע בענק־שאַפט.

ווי אַ טיפער אַקאָרד פון אַ ליבשאַפט וואָס האָט אים באַהערשט ביז צום סוף פון זיינע טעג, פאַרענדיקן זיך די רייד פון האַרצן צו דער פרוי ביים ים:

אוים די אויגן, טיפער אין האַרץ.

# לד

# ירושלים׳ער אַלייע

דער שאָטן פון איינזאַמקייט און טראַגעדיע האָט אָנגעהויבן צו פאַרטונקלען זיין לעבן, ווען ער האָט פאַרלאָזט צעגלאַנע איינס און האָט צום ערשטן מאָל אין איבער צוואַנציק יאָר, זיך אַריבערגעצויגן אויף דער בולוואַר־אַרטיקער ירושלים׳ער אַלייע.

דאָרט האָט ער אַזוי ווי געמאַכט אַ פּרואוו אָנצוזאָגן דאָס לעבן, זיך אויסלעבן אין קליינעם לוקסוס, וואָס ער האָט אין דער אַלטער דירה נישט געקענט דערגרייכן. עלעקטרישע באַלייכטונג, אַ נייער באָדצימער. די וואוינונג איז געווען שיין און גרויס, האָט ער געלאָזט מאַכן נייע אַלשענע מעבל און האָט זיך פאַרוויילט מיט אַ גרויסער צאָל עלעקטרישע לאָמפּן. אין דער נייער ביכער־שאַנק זענען איצט געשטאַנען לוקסוס אויסגאַבעס, אויפן נייעם שרייב־טיש איז געשטאַנען אַ ביוסט פון אים אַליין, נייע אויל־בילדער האָט ער נאָכאַנאַנד איבערגעהאָנגען אויף די ווענט און האָט זיך שפּילעוודיק פאַרנומען מיט באַצירן די וואוינונג, באַזונדערס זיין אַרבעטס־קאַבינעט. אויף אַ טישעלע איז געשטאַנען אַ בראָנזענער ביוסט פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. דאָ און דאָרט האָט ער געהאַט אַנטיקן, וואָס עס האָבן אים געבראַכט אַנסקי אָדער דינעזאָן. די סאָפע אין זיין צימער איז געווען אַריבערגעוואָרפן מיט אַ פּליושענער דעק און בלומענטעפּ מיט גרויסע בלעטער זענען געווען צעשטעלט אויף דער ערד. די פּאָדלאָגעס זענען געווען באַדעקט מיט ווייכע טעפּיכער און די עפנונג צום שלאָפצימער איז געווען פאַרהאָנגען מיט פייער רויטע גאַרדינען.

אָבער דאָ האָט דער אומעט שווער געגאָגט. דאָ האָט ער גאַנץ אומדערוואַרט דערפילט דעם ביטערן טעם פון איינזאַמקייט. די עלטער

איז אים געפאַלן שווער. ער איז צוביסלעך געוואָרן אַפּגעלאָזן. די מענטשן וואָס פלעגן שטראָמען צו זיין טיר זענען אַהער נישט געקומען. עס איז זיי פרעמד געווען די גאַס. און ווען אַ שרייבער איז אַמאָל געקומען, איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט אַרויסצופאָרן מיטן ליפט אַנשטאָט אַרויפצוגיין די טרעפּ ווי אויף דער צעגלאַנע גאַס.

אַוונטן האָבן אָנגעהויבן ווערן אומעטיק און שווער. ער האָט אָפּט־מאָל געקענט לאַנג זיצן ביים טיש אַליין און לייענען צייטונגען. אַמאָל איז ער אין אָוונט אַראָפּ אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, אַריין אין אַ קינאָ־טעאַטער און פאַרבראַכט דעם אָוונט. אָפּטער ווי אַלץ האָט ער זיך פרי אין אָוונט געלעגט אין בעט אַריין און האָט זיך לאַנג גע־פייניקט איינצושלאָפן.

צוויי מאָל אין לעבן האָט ער געהאַט שווערע האַרץ־אַטאַקעס, וואָס העלענע האָט שטענדיק צוגעשריבן צו די עטליכע פיינליכע חדשים ווען ער איז געזעסן אין צענטן פּאַוויליאָן. איצט איז פאַר אים אויפ־געשטאַנען דאָס געשפּענסט פון אַ קראַנק האַרץ, וואָס איז אים גע־וואָרן אַלץ שווערער צו באַזיגן.

ער פלעגט נאָך אַלץ אָפּט גיין אויף לאַנגע שפּאַצירן, זומערדיק אין לייוועט אָדער אין קילן וועטער מיט דער פעלערינע אויף די אַקסלען, און אָפּזיצן אַ היפּשע צייט אין אַסטראָווסקי'ס קאַוויאַרניע. אָבער די האַנט פלעגט אים שוין ציטערן און לאַנג הויערן איבערן פּאַפּיר איידער די פּען האָט געקענט שרייבן. אין אַ טריבן טאָג האָט ער געקענט ווערן שוואַך און אומגעטיק און בלייבן זיצן איינ־געבויגן און צוזאַמען געבראָכן ווי אַן אַלטער מידער איד, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם צוויי טויזנט יעריקן גלות.

ער האָט געמאַכט לעצטע מידע פּאַרזוכן צו זיין טעטיק אין גע־זעלשאַפטליכן לעבן. דאָס מאָל האָט ער מער גערן אָנגענומען דעם פּאַרזיץ פון הזמיר, וועלכער האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין, און האָט אים אויפגעלעבט מיט באַנייטער ענערגיע. ער איז מילדער געוואָרן אין זיינע פאָדערונגען און האָט זיך באַנוגנט מיט דעם, אַז דער הזמיר זאָל עקזיסטירן. ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון טעטיגקייטן מיט די באַרימט־געוואָרענע לעבעדיקע קעסטל־אָוונטן, ווען די טעמעס פאַר דיסקוסיעס זענען גענומען געוואָרן פון צעטעלעך, וואָס אַנטייל־

געמער האָבן אַריינגעוואָרפן אין אַ קעסטל. ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער פיזישער איינאָרדנונג פון הזמיר.

כדי אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן לעבן, זענען אים די אָוונטן געווען נויטיקער ווי ווער עס איז פון זיינע פריינט האָט פאַרדעכטיקט. די אינטערעסאַנטע אָוונטן האָבן אויסגעפילט זיין לעדיקע צייט און האָבן אים געגעבן אַ לעבנס־אָנהאַלט.

פּלוצים, אַזוי ווי אַ דונער פון הימל, האָט דער משחית געבראַכט די ערשטע וועלט־מלחמה.

שנייען, פרעסט און בלוטיקע פּאַסירונגען האָבן איינגענומען וואַרשעס יענעם ווינטער. די געביידע פון דער קהילה אויף דער גזשיבאָווסקע גאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן דער לעבנס־צענטער פון גאַנצן פּוילישן אידנטום. הילפלאָזע וועגענער מיט גאַנצע שטעטלעך אידן האָבן זיך געצויגן צום האַרץ פון אידישן לעבן. בעטגעוואַנט, שטוב־זאַכן, קינדער, אַלטוואַרג און אַלטע לייט זענען געווען הויך אָנגעלאָדן אויף די וועגענער. אַנדערע האָבן זיך געצויגן איבער די וועגן לאַנגע מיילן צופוס. אַטלעסענע קאַפּאָטעס האָבן זיך געמישט מיט בורנעס, ראַדזעוואָולקעס און טוליפּלעך.

אין דער שטילער גמינע איז פּלוצים געוואָרן אַ קאָכענדיק יריד. דער הויף פון דער גמינע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַגער פון רחמנות. אָנגעזעענע דאָזאָרעס אין דער גמינע האָבן זיך געמישט צווישן די געליטענע און האָבן געלינדערט נויט און פּיין וואו נאָר זיי האָבן געקענט.

זיין גרויס האַרץ האָט זיך געבראָכן פון פּיין צו צוזען ווי זיין פאָלק איז דערנידעריקט פון גאָט און פון לייט. דאָס הויז אין וועלכן ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ האַלב לעבן צו רעדן מיט דערנידעריקטע און דערשלאָגענע, וואו דער טויט האָט געבראַכט טיפן צער אין זייער לעבן, דאָס הויז האָט איצט באַקומען פאַר אים אַ נייעם פינצטערן רייץ, פון וועלכן ער האָט זיך נאָרנישט געקענט באַפרייען. לאַנגע שעה׳ען פלעגט ער אָפּשטיין ביים פענצטער און ארויסקוקן אויפן הויף, ווי ער וואָלט געוואָלט איינזאַפּן אין זיינע גיריקע בליקן דעם צער און בראָד פון גאַנצן פּוילישן אידנטום. לינדערן פּיין האָט אים מיטאַמאָל אויסגעזען אַז איבערמענטשליכע אָנשטרענגונג. אָבער עס

איז גיך קלאר געווארן, אז צו פארלייכטערן די דרינגליכע נויט איז נאך דאס איינציקע וואס האט א זין. אלע זיינע טייערסטע זאכן, די גאלד און זילבער מתנות וואס ער האט באקומען צום יובילעי האט ער אוועקגעגעבן צו העלפן די היימלאזע.

א פרישער שטראם פון גאנץ־הארציקער איבערגעבנקייט צו זיין פאלק האט אויפגעכוואליעט אין אים און ער איז מיט א נייעם אויפ־שוואונג פון ענערגיע געווארן טעטיק.

ער האט מיט פירער אפגעהאלטן בעראטונגען וועגן פאנאנדערטיילן הילף צו אידישע שריפטשטעלער און צו דער ערשטוינליכער גרופע רבנים און גייסטיקע פירער, וואס זענען מיטגעקומען מיט דער אויס־געווארצלטער באפעלקערונג. ער האט גיך דורכגעטראכט צילן און נויטווענדיגקייטן פון הילף און האט געמאכט באשלוסן.

די קינדער קומט הילף פאר אלעמען. און די גייסטיקע פירער.

די דייטשן האבן געדריקט אויף ווארשע. עס איז קלאר געווארן, אז די רוסישע ארמעי וועט מוזן אנטלויפן. און ניקאלאי ניקאלאיע־וויטש האט געזוכט פארעטער צווישן אידן.

קינדער־קיכן זענען געווארן א ברען־פונקט פון טעטיגקייט. און פרץ האט זיך פאראינטערעסירט מיט א קינדער־קיך אויף דער אייזן גאס. ער האט איר אפגעגעבן א סך פון זיין פרייער צייט ביז די קיך איז פארוואנדלט געווארן אין דער ערשטער אידישער קינדער היים. ביי דער עפנונג האט ער אין דעם היים־בוך אריינגעשריבן דעם דער־הויבנדיקן שפרוך: מען זאגט נישט קיינעם — בלייב אזוי ווי דו ביזט; נאר אנטוויקל זיך פון דעם וואס דו ביזט.

אין הויז ביי אים זענען פארגעקומען בעראטונגען מיט לערער און כלל־טוער. עס איז באשלאסן געווארן צו גרינדן קינדער־שולן אויף אידיש פאר אידישע קינדער.

די נייע קינדער היים אויף גענשע גאס איז געווען די ערשטע, אין וועלכער די שפראך איז געווען אידיש. פאר דער שול און פאר די אידישע קינדער אין אלגעמיין האט ער אפגעגעבן די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

זיין ארבעטס־צימער איז ווידער געווארן באלעבט מיט טעטיגקייט. זיין שרייב־טיש איז שוין געווען אזוי ווי פארלאזן. אנסקי האט גע־

וואוינט ביי אים און פארנומען גאנצע נעכט דעם שרייב־טיש. דערביי האט ער הויך און שווער געאטעמט מיט דער אסטמע.

פרץ האט דאך שוין אויך אנגעהויבן זיך צו זעצן ביים שרייב־טיש. אין א ציטערדיקער האנט האט ער איצט ווידער געהאלטן די פען און זי האט אויסגעזונגען זיין לעצטע גלאררייכע שאפונג, די קינדער־לידער, — לידער פון ארבעט, מוטער לידער, שפיל לידער, רעטענישן, שפילן, לאד־לידלעד. ער האט זיך גאר נישט געקענט אנזעטיקן מיט שאפונגען פאר זיין נייער אדיענץ, דאס אידישע קינד.

ביים ווינער וואקזאל האט ער דערזען ווי א מחנה אידן קומען ארויס פון דער סטאנציע. דאס איז אן אנטלאפן שטעטל אנגעקומען.

ער איז דערשיטערט געווארן און האט א געשריי געטאן פון וויטאג. ער האט צוזאמענגעבראכן. א פריינט וואס איז געווען מיט אים האט אים אהיימגענומען. ער איז קוים געגאנגען. אין דער היים איז אים בעסער געווארן, אבער ער איז מער נישט געווען דער אייגענער ווי פריער.

דער קוואל פון שפרודלדיקער פרייד איז אין אים אויסגעטרוקנט געווארן. א פיינליכע ביטערקייט איז אין אים אויפגעגאנגען.

די שטאט האט געשווירבלט מיט פארוואונדעטע זעלנער און מענגעס היימלאזע, וואס זענען אנטלאפן פון פייער און שווערט.

אין דער וואוינונג אויף דער ירושלים׳ער אלייע איז געווארן אלץ שטילער און איינזאמער. אויסער דינעזאנען איז אריינגעקומען א מענטש בלויז פון צייט צו צייט. דר. עליאשעוו איז אין אן אוונט געקומען א דורכגעפרוירענער און געשמועסט מיט אים א האלבע נאכט איבער א גלאז טיי. אמאל איז אריין א יונגע דיכטערין און ער האט פאר איר מיט אפענער ביטערקייט גערעדט.

— די שרייבער ווילן נישט קומען אהער. אויף צעגלאנע בין איך געווען דער גערטנער. פון דארט איז אלץ גרויס. דא וואוין איך צו וויט, צו שיין. די שרייבער האבן זיך מיר צוגעגעסן. זיי האבן קיין כאראקטער נישט. ווארשע איז מיר אויך דערעסן. די שטאט האט אויך נישט קיין כאראקטער.

און אין א טיפערן אקארד פון באדויער:

— גאָט מיינער, די פּלענער וואָס איך האָב געהאַט. עס איז נאָך דאָ אַזויפיל אַרבעט! און די זון נויגט זיך שוין צו מערב זייט.

געזאַנג און שפּיל און געלעכטער, און אַפילו דיסקוסיעס, האָבן אויפגעהערט אין הזמיר. קינדער און היימלאָזע האָבן די פּאָר צימערן אויף דער לעש אַנגעפילט. די פרייד וואָס פּרץ האָט געבראַכט די קינדער, מיט לידל און שפּיל, איז דאָרט געווען די איינציקע פרייד.

ער האָט אָנגעהויבן לײַדן גרויסע ווייטאָגן אין די פיס, דערנאָך אין דער פּלייצע און האָט שמערצליך דערצויגן ביז פרילינג און פּסח.

די גאָלדענע צייט פון יאָר איז געווען אָרעמער ווי אַמאָל. וועניקער בלומען אויף די וואַרשעווער גאַסן, מער נויט און בלוטיקע וואונדן. שוידערליכע בילדער, מיט וועלכע ער האָט זיך בייטאָג אָנגעזען אויפן הויף פון דער גמינע, ווען ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער, האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. ער האָט געזען און מיט פּיין דורכגעלעבט די אויסגעוואָרצלטקייט פון זיין אידישער וועלט. די אויסזיכט אויף זייער צוקונפט איז געווען אַזוי פאַרפינצטערט. די אויגן האָבן אים געטרערט.

דינעזאָן איז געקומען יעדן שבת. אָבער אין די אָוונטן אין דער וואָך איז ער געווען אַליין.

דעם לעצטן אָוונט ביי זיין לעבנסלענגליכן פריינט דר. גרשון לעווין, האָט ער געעפנט זיין ביטער האַרץ. ער האָט לאַנג דערציילט וועגן די אידישע קינדער און די אַלטע לייט, וואָס וואַלגערן זיך אויפן הויף פון דער אידישער גמינע. אין איינעם פון זיינע זעלטענע אויסברוכן, האָט ער אויסגעשריען:

— אַ אידיש האַרץ קען דערפון פּלאַצן.

און אויף אַ טרייסט־וואָרט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ פרייע וועלט, האָט ער שטיל געענטפערט:

— מען זאָל עס נאָר דערלעבן.

שבת אין דער פרי, י״ט ניסן, תרע״ה, האָט אים אויפגעוועקט אַ שרעקליכער ווייטאָג אין דער פּלייצע. ער איז אַריין אין אַרבעטס־

צימער, האָט זיך געזעצט ביים שרייב־טיש און מיט אַ ציטערדיקער האַנט פאַר די קינדער אויפגעשריבן:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער...

דאָס ליד איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן. ער איז צוריק אַריין אין שלאָף־צימער זאָגן דער פרוי, אַז ער פילט זיך נישט גוט. ער איז אַריין אין קיך און געזאָגט דעם דינסטמיידל, אַז ער האָט ווייטאָגן אין דער פלייצע ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. אין פיין איז ער אַריין אין עסצימער און געעפנט די טיר פון באַלקאָן צו אָטעמען די פרילינג־לופט. ער האָט געמאַכט עטליכע טריט צום אַרבעטס־צימער און איז אַנידערגעפאַלן מיטן פנים צו דער ערד.

דער לעצטער באַזינגער פון פוילישן אידנטום איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיינע אבות.

# עפּילאָג

**די געשפּאנטע געפּילן** פון הונדערט טויזנט הערצער האָבן אים באַגלייט, ווען הענט און אַקסלען האָבן געטראָגן זיין ארון. אַ שטומער פחד האָט אַלעמען דורכגענומען. יתומים ברענגען נישט קיין בלומען.

**עס** איז געווען אַ צייט ווען האַס האָט געשטייגערט. אַ גליענדיקער יראת הכבוד האָט געשוועבט אַריבער דעם טרויער. מיטאַמאָל האָט די פרעכהייט זיך אַריינגעריסן מיט גרילץ און שטיינער צו באַליידיקן די אבלים. אין צער, אָן ווערטער, האָט די טונקעלע מאַסע געבראַכט איר פאַרהייליקטן אויפן בית עולם.

**די** שטראַלן פון אַ נידעריקער זון אין פלאַמען האָבן אויסגעבעט מיט ליכט די ווינקלען פון אָפענעם קבר. אין האַרבער פשטות האָט קיינער נישט געוויינט, נישט גערעדט, קיין תפילה נישט געמורמלט. מען האָט זיך בלויז געשטרעקט און געדרענגט.

**קיין** לעבעדיק מויל האָט זיך נישט געעפנט. בלויז דער טויט האָט געשראַקן מיט פינצטערן אָנזאָג. אין העלער זעאונג האָבן טייל באַגריפן דעם גורלדיקן אָנהויב פון אַן אונטערגאַנג.

**אַלץ** איז געווען פאַרביי. אונטער די געדיכטע וואָלקנס האָט מען זיך אין שטומער פּיין געדרענגט אַוועק פונם קבר.

**דער** גרויסער מאַן איז אַוועק אין דער אייביגקייט. די קרוין האָט זיך אָפּגעטאָן פון די, איבער וועמען ער האָט אויסגעשפּרייט זיין ליבשאַפט. שווערע הימלען זענען געבליבן הענגען ווי שטיקער נאַכט. אָבער זיין גרויסע ליכטיקייט איז פאַרבליבן. זי גליט און וויל נישט אונטערגיין. פאַרטרויערטע הערצער, צעשפּרייט איבער דער וועלט, שפּיגלען זיך נאָך היינט אין זיין ליכט.

א צענדליק יאָר האָט ער קיין מצבה נישט געהאַט, קיין מצבה נישט באַדאַרפט. די ליבשאַפט פון פאָלק האָט אויסגעטראָטן וועגן צו זיין קבר. די מענטשן פון וואָרט האָבן אים געקענט ווי דעם פאָטער.

נאָך פינף יאָר זענען פאַרגאַנגען. אין אַ שיינעם טאָג איז אין ליטעראַטן פאַריין אַריינגעקומען אַן אוראַלטע פרוי, איינגעבויגן אין גרויס אָרעמקייט, מיט אַ קאָפּ־טיכל און אַ שאַל. געגרעדט האָט זי פויליש. זי וויל אַ טובה. מען האָט זי געראָטן צו ווענדן זיך אַהער. זי איז נישט קיין פרעמדע צו דער אידישער ליטעראַטור. זי איז אַ טאָכטער פון אַ שרייבער.

די אַלטינקע ציטערט, זי וויל דעם נאָמען נישט אַרויסברענגען. דער יונגערמאַן וואָס האָט זי אויסגעהערט, וועט סיי ווי נישט וויסן. עס איז אַ נייע וועלט. און ווען דער יונגערמאַן שטייט צו, כדי איר צו העלפן, מוז ער וויסן, ברענגט זי אויף די ליפּן, אַז אַמאָל איז איר פאָטער געווען אַ שרייבער. ער איז שוין פערציק יאָר טויט. דער נאָמען? ליכטענפעלד האָט ער געהייסן.

האָט זי נאָך וואָס צו זאָגן? יאָ, זי האָט אפילו אַ נענטערע שיכות צו דער ליטעראַטור. זי איז אַמאָל געווען די פרוי פון אַ געוויסן פרץ.

איר פאַרלאַנג?

מען זאָל איר העלפן קריגן אַ פּלאַץ אין קהל'שן מושב זקנים. מיט אירע קינדער פון צווייטן מאַן קען זי נישט אויסקומען. זי קען צושטייער געבן בלויז איר אַלטע ניי־מאַשין.

מען האָט זי באַזאָרגט.

די אלמנה, מאַדאַם העלענע, האָט זיך שפּעטער דערוואוסט פון דעם פאַל. איר גוטמוטיקער אויסטייטש איז געווען: ס׳ע לאַ ווי! דאָס איז דאָס לעבן.

נאָך אַ צענדליק און מער יאָרן זענען פאַרגאַנגען און די וועמען ער איז טייער זוכן צו פאַראייביקן זיין נאָמען אין דער וועלט. די צעגלאַנע איז היינט פּרץ גאַס. אין האַרץ פון דער אַלטער איסט סייד, האָט ניו יאָרק אַ פּרץ סקווער. אַזוי איז זיין כבוד דערהויכט אין ישראל, אין אַרגענטינע, אומעטום וואו עס לעבן די רעשטלעך פון זיין וועלט.

די שטילע מענטשן וועמען ער האָט באַזונגען און דערהויבן לעבן אין זיין ווערק.

# ביבליאָגראַפיע


אלמי, א. — מאָמענטן פון אַ לעבן. בוענאָס איירעס, 1948.

אַש, שלום — זכרונות אין צוקונפט, 1915; י. ל. פרץ און זיין אַלטע מוטער. אונזער צייט, יולי, 1942.

באָריישאָ, מנחם — מיט דעם דור. אין „אַ דור", פאַרלאַג מתנות, ניו יאָרק, 1947.

בערקאָוויטש, י. ד. — אויף פרצעס ליטעראַרישע דאָנערשטיקן. גאָלדענע קייט, נומער 10, תל אביב, 1951.

גורשטיין, א. — דער איצטיקער צושטאַנד פון פרץ'עס ביאָגראַפיע. אין „צייטשריפט", בוך 1. אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור, מינסק, 1926.

גראַפשטיין, מלך — (ענגליש) זאַמל-העפט י. ל. פרץ. לאָנדאָן, קאַנאַדע, 1945.

וואָלף, יוסף — לייענענדיג פרצן. צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1948.

וויינרייך, מאַקס — אריינפיר צו אַלע כתבים פון דר. שלמה עטינגער. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925.

זאקוסקי, א. י. — י. ל. פרץ. בוענאָס איירעס, 1942.

זילבערצווייג, זלמן — י. ל. פרץ. אין טעאַטער העפטן, ניו יאָרק, 1946.
זשיטלאָווסקי, דר. חיים — יצחק לייבוש פרץ. איקוף פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1951.

זשיטניצקי, דר. ל. — י .ל. פרץ פילאָזאָפיש און סאָציאַל. ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין, בוענאָס איירעס, 1950.

טרונק, י, י, — פוילן. זכרונות און בילדער. פינפט בוך — פרץ. פאַרלאַג אונזער צייט, ניו יאָרק, 1949.

יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד. זאַמלבוך, ניו יאָרק, 1946.

ייוואָ בלעטער — אויגוסט-אָקטאָבער, 1937; האַרבסט, 1946; באַנד 36, 1952, אַנדערע בענדער.

י. ל. פרץ — אַ זאַמלבוך צו זיין אנדענקען. ליטעראַרישער פערלאַג, ניו יאָרק, 1915.

ליטוואַק, א. — ליטעראַטור און קאַמף. פאַרלאַג וועקער, ניו יאָרק, 1933.
דר. לעווין, גרשון — פּרץ. אַ ביסעל זכרונות. פערלאַג יהודיה, וואַרשע, 1919.
דר. מוקדוני, א. — יצחק לייבוש פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער. איקוף, ניו יאָרק, 1949.

מייזיל, נחמן — י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן. אָפּהאַנדלונגען און מאַ-טעריאַלן. איקוף פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1945.

מייזיל, נחמן — בריוו און רעדעס פון י"ל פּרץ. איקוף, ניו יאָרק 1944.

מייזיל, נחמן — יצחק לייבוש פּרץ און זיין דור שרייבער. איקוף, ניו יאָרק, 1952.

נאָמבערג, ה. ד. — י. ל. פּרץ. זכרונות אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען. אַרויס-געגעבן דורכן צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1946.

ניגער, ש. — י. ל. פּרץ, זיין לעבען, זיין פירנדיקע פערזענליכקייט, זיינע העברעאישע און יידישע שריפטן, זיין ווירקונג. אַרויסגעגעבן פון אַרגענ-טינער אָפּטייל פון אַלוועלטליכן יידישן קולטור-קאָנגרעס, בוענאָס איירעס, 1952.

סאָקאָלאָוו, נחום — פערזענליכקייטן. איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך משה שענדעריי. צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע אידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1948.

סעמועל, מאָריס — (ענגליש) פּרינץ פונם געטאָ. אַן אָפּהאַנדלונג וועגן פּרץ'עס אויפשטייג און זיין באַדייטונג, מיט אַ צאָל זיינע דערציילונגען. פאַרלאַג אלפרעד קנאָפּף, ניו יאָרק, 1948.

ספּעקטאָר, מרדכי — מיט י. ל. פּרץ אין פעסטונג, צוקונפט, סעפּטעמבער-אָקטאָבער, ניו יאָרק, 1922.

ענטין, יואל — די זיילען. אידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, ניו יאָרק, 1923.

עפּשטיין, שכנא — י. ל. פּרץ אַלס סאָציאַלער דיכטער. אידישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט. ניו יאָרק, 1916.

פינסקי, דוד — דריי יאָר מיט י. ל. פּרץ. די גאָלדענע קייט, 10, תל אביב, 1951.

פערלע, שרה — זכרונות, ליטעראַרישע בלעטער, 1925.

פּרץ, י. ל. — מיינע זכרונות.

פּרץ-לאַקס, ר. — אַרום פּרצן. זכרונות און באַטראַכטונגען. אַרויסגעגעבן דורך די ליטעראַרישע בלעטער. וואַרשע, 1935.

ציטראָן, ש. ל. — דריי ליטעראַרישע דורות. דריי בענדער, ווילנע, 1920-1922, פאַרלאַג ז. ש. שרעבערק.

קאגאנאָווסקי, אפרים — יידישע שרייבער אין דער היים. פאַרלאַג יידיש בוך, לאָדזש, 1949.

קאזדאן, ח. ש. — די געשיכטע פון יידישן שולוועזן אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. געזעלשאַפט קולטור און הילף, מעקסיקע, 1947.

קלויזנער, דר. יוסף — (העברעאיש) זכרונות אין „מיין וועג צו דער אויפ-לעבונג און אויסלייזונג", תל אביב, תש"ו.

ראָבאק, דר. א .א. — (ענגליש) י. ל. פּרץ, ליטעראַרישער פּסיכאָלאָג. סיי-אַרט פאַרלאַג, קעמברידזש, 1935.

ראָגאָף ה. — (ענגליש) פּרצ'עס געניאַלער טאַלענט. אין „ביין אידישע שרייבער", ניו יאָרק, 1915.

ראוויטש, מלך — מיין לעקסיקאָן, באַנד 1, אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל, קענעדע, 1945.

ראָזענצווייג, א. — דער ראַדיקאַלער פּעריאָד אין פּרצעס שאַפן. קיעוו, 1934.

ראָזשאַנסקי, שמואל — י. ל. פּרצעס באַציאונג צו אַרגענטינע. אַרגענטינער ייוואָ שריפטן, האַלביאָר-בוך, 1. בוענאָס איירעס, מערץ, 1941.

רייזען, אברהם — זכרונות, פאָרווערטס, ניו יאָרק.

רייזען, זלמן — פּרץ. אין לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. צווייטער באַנד, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.

שאצקי, דר. יעקב — געשיכטע פון יידן אין וואַרשע. באַנד דריי. ייוואָ, ניו יאָרק, 1953.

שלום עליכם — אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ. אין אידישע שרייבער, ניו יאָרק, 1937.

תמרי, משה — (העברעאיש) זמושץ', זאַמלבוך, אונטער זיין רעדאַקציע, פאַרלאַג ועד עולי זמושץ' בישראל, תל אביב, תשי"ג.

# אַנווייז

## א


אביגדורל מלמד'ס יתום, 38, 39
אברהם יהושע, ר', לעצטער מלמד, 36
אדאלבערג, שמואל, 186, 193, 222
אַדלער, יאַנקל, 251
אַדלער, יעקב, 262
אַדלער, דר. סיירוס, 261
אדעס, 253 —
אחד העם, 212, 254
איבסען, הענריק, 272
אייבעשיץ, ר' יהונתן, 7
אייזיקל וואַסערטרעגער, 13
אַייזענשטאַדט, דר. ראַבינער, 244
אייכענבוים, יעקב, 42, 243
אַיינהאָרן, דוד, 253
איסערלעס, ר' משה בן ישראל, 73
אַלטבערג, יוסף, 47, 59, 71-84, 90, 92, 120, 127, 147, 180
אַלטבערג, משה, 134, 147, 162, 172, 179, 180
אַלטבערג, פּאַולינע, 162, 180
אם אורקוועל, פּאָלקלאָר, 223
אנדרעיעוו, לעאָניד, 272
אַנסקי, ש., 290
אפּט, די שטאָט, 122
אַרבעטער באַוועגונג, 217 —
אַרבעטער רינג, 260
אַרבעטער ציימונג, 222
אַרגענטינע, 218 —
אָרנשטיין, יצחק לייב, 223
אַרעסטאַנט, 225 —
ארץ ישראל, 218 —
אַש, שלום, 229, 242, 244, 245, 258, 264, 271, 280
אשכנזי, שמואל, 138, 157


## ב


באהר, הערמאַן, 272
באָלעסלאוו, קעניג, 6
באָקל'ס געשיכטע, 51
באַראָן הירש קאָלאָניעס, 219
באָראָכאָוו, בער, (פּאָרוואָרט), 253
באַרדיטשעוו, 251
באַרדיטשעווער, ר' לוי יצחק, 252
בונד, 239
ביאַליק, ח. נ., 244, 254, 256
ביעלאָווצאָוו, 227
ביר ברויעריי, 124 —
ביערנסאָן, ביערנסטערנע, 272
בירנבוים, דר. נתן, 268
בית מדרש, דאָס אַלטע, 37
בלאָך, יאן גאָטליב, 191 —
בלומשטיין, ח. י., 240
בעללאה, גדליהו, 89
בעל מחשבות, 211, 236, 238, 264
בערגסאָן מיכאל, 235
בערגעלסאָן, דוד, 252 —
בערדיטשעווסקי, מ. י., 233, 245
בערישל, ערשטער גמרא מלמד, 29, 51
בערנע, 104, 110
בערנשטיין, איגנאַץ, 222
בערנשטיין, ישראל, 165 —
בערנשטיינ'ס נאַטורוויסנשאַפּט, 51
בערקאָוויטש, י. ד., 253
ברוזעל, דרייו שוועסטער, 225
ברוידעס, ראובן אשר, 132, 135, 139, 244
ברוצקוס, דר. יוליוס, 252
ברייגין, ראובן, 244, 248, 249
בריוו, א, פון באַרדיטשעוו, 179

ג

גאָטלאָבער, א. ב., 111, 135
גאָלדפאַדען, אברהם, 135, 167—169, 252, 272
גאָלדפלום׳ שול אויף נאַלעווקעס, 187
גאָרדאָן, י. ל., 84, 165, 249
גאָרדאָן, מרדכי לייב, 249
גאָרדאָן, ש. ל., 243
גאָרדין, יעקב, 268, 272
גאָרקי, מאַקסים, 272
גוי׳ע פון דאָרף, 45
גוסטאוו, קעניג פון שוועדן, 15
געטע, 117
געלט-מינצער, אידישע, 5
געליבטער, דר. יצחק, 48—, 132, 134, 147, 157, 246
געליבטער, ר׳ פייוול, 47, 53, 71
גראָסגליק, לעאָן, 205, 235, 248
גראָסגליק, שלמה, 210
גראָשן-ביבליאָטעק, 185
גרינבוים, דר. יצחק, 244

ד

דאָווידזאָן, לייבוש, 249, 250
דובנאָוו, ש., 208
דיומא, אַלעקסאַנדער, 51
דינעזאָן, יעקב, 182—; 208, 218—; 236—; 292
דיק, אייזיק מאיר, 89
דיקשטיין, פּראָפעסאָר, 206
דע הירש, באַראָן, 192
דעמיעווקער יוגנט, 252
דערהויבונג פון אידיש, 235
דראָבנע נשמות, 3
דריי שוועסטער, 43—; 277

ה

האָכמאַן, 110, 131
האַמבערג, נפתלי הערץ, 41
האַרטמאַן, קאַרל פאָן, 53
הוגאָ, וויקטאָר, 51, 104
הויפטמאַן, גערהארדט, 272
הויקערל, טאָכטער פון דייטשן איד, 46
הומבאָלדט, ווילהעלם, פאָן, 189
הזמיר, 288, 296
החץ, 209
היינע, היינריך, 110
הכהן, מרדכי בן הלל, 244
המליץ, 209
העוגב, 209
הענע, בערישל מלמד׳ס ווייב, 21
העקסעלמאַנ׳ס רעסטאָראַן, 165, 207
הערש, דער זייגערמאַכער, 64, 65
השותפות, 128
השחר, 128, 136
השכלה-באַנק, 108-131

ו

וואהל, ר׳ משה, 31, 36, 58, 81
וואַוועלבערג, באַנקיר, 205
וואָלף, אנדזשעי, 105
וואַרנהאַגען, רחל, 189
וואַרשעווער גאָסן, 132
וויגאָדסקי, לאזאר, 252
וויטער, א., 252, 273
וויינבערג, 110, 131
ווילנע, 251, 253
ווינטשעווסקי, מאָריס, 260 —
ווינער, לעאָ, 224
וויסלא, פאָלקלאָר-זשורנאַל, 223
וויספּיאַנסקי, 272
וויעלאָפּאָלסקי, כראביע, 100
וולאָדעק, ברוך טשאַרני, 260
וועדעקינד, פראַנק, 272

ז

זאַמאָיסקי, גראַף יאַן, 15, 46, 54, 67, 173
זאַמאָשטש, ר׳ ישראל בן משה, 41
זאַמאָשטשער פּאָזשאַנדעק, 45
זאַנגוויל, ישראל, 261
זודערמאַן, הערמאַן, 272
זילבער, פרצ׳עס שותף, 124, 127, 259
זילבערבוש, 249

זילבערמאַן, יעקב, 152
זלאַטאָפּאָלסקי, 244, 249
זלמן שענקער, ר', 33
זרח קנייפּ, ר', 27—29
זשיטלאָווסקי, דר. חיים, 258
זשעלינסקי, דאָמיניק, 105

ח

חיבת ציון, 213, 242
חיי משורר עברי, 140
חיים קעלבל, ערשטע ר מלמד, 13
חלוקת החכמות, 138
חנה, די דינסט, 16
חסידיזם, 55, 59, 158, 159, 269
חסידים-שטיבלעך, 38, 52, 63, 66, 133

ט

טאביקשטויסער, א, גמרא-מלמד, 24
טאגאָר, ראַבינדראנאַט, 287
טאַנצהייזער, אין וואַרשע, 223
טאראס בולבא, 194
טוגענדהאָלד ,יעקב, 99
טורעם מיטן זייגער, 15, 35
טיעק, 189
טשעכאָוו, א. פּ., 272
טשערנאָוויטש, נחמיה, 111
טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, 268 —

י

יאַגעלאָ, 275
יאַסינאָווסקי, ישראל, 242
יהואש, 212—; 259, 270
יודינא, ב., 240
יודל, ר', העבערער גמרא-מלמד, 26
יום טוב בלעטלעך, 221—, 258
יחזקאל, זעצט איבער, 62
יידיש-נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, 260
יידישע ביבליאָטעק, 204, 239
יידישע קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט, 220 —
יעבץ, 166
יענטע, די מומע, 77
ירושלים'ער אַלייע, 287

כ

כאַדאַק, מ., 65—68
כאָלערע קאָמיטעט, 207
כהן, י. ל., 223 —
כהן, ר' לייבוש, 6
כמיעלניצקי, באָגדאַן, 15
כסא שלמה, 209
כ"ץ, בן ציון, 253

ל

לאָדזש, 251
לאפּאי, שבת גוי'ע, 46, 54
ל"ג בעומר, 235, 240
לובאָמירסקי, גראַף, 7, 122
ליבערמאַן, חיים, 260
ליכטענפעלד, גבריאל יהודה, 69 —
ליכטענפעלד, שרה, 79 —, 277, 295
ליליען, אפרים, 274
ליליענטאל, רעגינא, 223
לינעצקי, יצחק יואל, 135
לעאָנטיעוו, 260
לעבענסבוים, דר., 189
לעוו, הענריק, 223
לעווין, דר. גרשון, 188, 203, 227, 244, 292
לעווין, ליפּמאַן, 243
לעווין, ריוועלע, 9
לעווין, שלמה הערש, 9, 11, 17
לעווין, שמואל לייב, 138
לעווערטאָוו, 6 —
לעשעק, קעניג פון פוילן, 5

מ

מאזעפּא, העטמאַן, 15
מאליניאַק'ס הויף, 103
מאַנאַסעין, יוסטיץ-מיניסטער, 178
מאַנטעפיאָרע, 165

מאַנטליאק, 213
מאַניש, 162, 180
מוקדוני, דר. א., 273
מורה נבוכים, 75
מושקאטבלאַט, 244
מטבעות, פוילישע, 6
מידת הרחמים, 183, 208
מיכל, דער געלער מלמד, 25, 33
מילך, יעקב, 260
מינסק, 252
מיניץ, דר. שלמה, 189, 201, 236, 248
מיצקעוויטש, 119
מישקאָווסקי'ס טרופּע, 148
מעטערלינק, מאָריס, 273
מענדעלסאָן, משה, 189
מענדעלע מוכר ספרים, 240, 244, 252
מרגוליות, בעריש, 171
מרגוליות, יהושע, 48, 63
מרגוליות, ישעיה, 132, 137, 201

## נ

נאָוואטשינסקי, נוויוערט, 272
נאַטאַנסאָן, לודוויק ,דר., 156
נאָמבערג, ה. ד., 229, 242, 244, 271
נאַפּאָלעאָן דער דריטער, 36
נאַפּאָלעאָנ'ס געזעצן, 51, 53
גנגיאל, 138 —
נוימאַן, פראַנץ יאָזעף, 41
נוסבוים, דר. העניריק, 205
נחמן בראַצלאַווער, ר', 269
נח'קע דער בונדיסט, 253
ניטשע, 194
נייטשע, די באָבע, 7
ניימאַן, 152
ניימאַנאָוויטש, הנ"ץ, 110, 187
ניקאָלאַי, דייטשער פילאָזאָף, 41
ניקאָלאַי, צאַר, 192

## ס

סאָבעל, זלמן און זון, 172
סאַלאָן אָוונטן, 189 —
סאָציאַליזם, 217
סאָקאָלאָוו, נחום, 109, 131, 163, 189
— 211 —, 227, 242, 245
סטאַניסלאַווסקי, קאָנסטאַנטין, 272
סטאַראָסטער, ר' לייבוש, 9, 10
סטרינדבערג, אויגוסט, 272
סיו, עזשען, 51
סירקין, דר. מ. נ., 244
סלאָנימסקי, חיים זעליג, 67, 106,
123, 136, 163
סמאָלענסקין, פרץ, 89, 111, 128, 130,
136, 139
ספּורים בשיר ושירים שונים, 143
ספּעקטאָר, מרדכי, 215, 226—, 243
ספרדישע אידן, 5
סקאָמאָראָווסקי, דר., 244
סקולער רבי'צין, 17
סקשינסקי, דר., 20, 54, 99

## ע

עוואלענקאָ, 268
עווגעניע, די קייסערטע, 36
עטינגער, דר. שלמה, 15—16, 20, 89,
243
עטינגער, דר. (אייניקל), 244
עליאשעוו, דר. איזידאָר, 291
עלקין, מענדל, 252
עמיגראַציע, 217 —
עפּעלבערג, העשל, 215
עפּשטיין, ר' משה, 6, 172, 176, 180

## פּ

פּאָגראָמען, 164
פּאָדלישעווסקי, אברהם, 205, 227, 236,
248
פּאַוויאַק, טורמע, 228
פּאָווסטאַניע פון 1863, 26
פּאָזיטיוויסטישע פילאָזאָפיע, 155
פּאָטאָצקי, גראַף, 122
פּאַטש, א, פון פּאָטער, 18, 47
פּאַפּירנאָ, אברהם יעקב, 162, 180, 244

פויליש אידנטום, 3
פינסקי, דוד, 206, 211 —, 226 — 262 —, 268
פינסקער, לעאָן, 212
פינעס, 253
פלאַטאָן, 64
פנחס'ל, ר', פון שעבערשין, 31—39
פני יהושע, 7, 8
פעווזנער, ה., 244
פעלטין, שמואל הערש, 111
פעקאַר'ס קאָמפּאָזיציע, 244
פרץ, אַדאָלף, 275
פרץ העלענע, 149 —, 247 —, 278, 296
פרץ, חיים יוסף, 12, 18, 151, 176
פרץ, יהודה (יודל), 9 —
פרץ, יונה יהושע, למדן און סוחר, 7, 8
פרץ, יונה יהושע, ברודער, 12
פרץ, יעקב, 124, 126
פרץ, יצחק לייבוש, זיין אָפּשטאַם און געבורט, 6—12; קינדער-יאָרן, 13—29; ווערט בר-מצוה, 30; משוגענער לייבוש, 32; 76, 281; פאַרט קיין שעבערשין, 33 — לערנט אין בית מדרש, 37 —; פידלער'ס ביבליאָטעק, 55 —; שרייבט שירים, 72; האָט חתונה מיט שרה'ן, 78—84; לערנט בוכהאַלטעריע, 96; בריוו צום שווער, 101; באַזוכט וואַרשע, 107; שרייבט פויליש, 116; זעצט איבער געטע, 118; צוזאַמענלעבן מיט שרה'ן, 121; נעמט זיך אָן פאַרן שווער אין אַ ליד, 123; זיין אָרעמקייט, 126; פאַרגעסט פאַרקויפן חמץ, 127; פאַרט קיין וואַרשע, 129; גרייט זיך צו אַדוואָקאַטור, 134; פירסום, 143; בעט ברויט ביים שווער, 144; האַלט אויס עקזאַמען, 145; אַדוואָקאַט לעאָן פרץ, 146; בריוו צו העלענען, 150, 151; פייערלעשער, 155; אָוונט-קורסן פאַר אַרבעטער, 157; שאַפט שול פאַר קינדער, 158; סוף פון ערשטער פרץ שול, 160—161; באַגעגעניש מיט גאָלדפאַדען, 166 —; די יאָרן אַלס אַדוואָקאַט, 170 —; קריגט אַ גרויסן נאָמען, 174; מסירות אויף אים, 175; פאַרלירט זיין רעכט צו פּראַקטיצירן, 175; בריוו צו שלום עליכמ'ען, 180 —; דינעזאָן גיט אַרויס זיין ערשט ביכל, 185; טעטיג אין שפה ברורה, 187; פאַרט אויף עקספּעדיציע, 193; קריגט שטעל אין דער גמינע, 202; וואווינונג אויף צעגלאַנע גאַס, 203; ווערט קראַנק, 210; אינטערעסירט אין פאָלקלאָר, 218 —; זיינע אַרעסטן, 225 —; שרייבט אין תפיסה, 232; זיי יובילעי געפייערט, 235 —; הארץ אַטאַקע, 246 —; זיינע רייזעס, 251; אַמעריקע 257 —; טשערנאָוויץ, 268 —; אין פּאָליטישן קאַמף, 275; לעצטע יאָרן, 287; ערשטע וועלט-מלחמה, 289; גרינדעט קינדער-היים, 290; לעצטער מאָרגן, 293; נאָכן טויט, 294.
פרץ, משה, 8, 9, 10
פרץ, ריוועלע, 10, 11, 22, 156, 281

## פ

פאַגט, קאַרל, 53
פאַלק, יעקב יהושע, 7
פאָלקסטימליכע געשיכטן, 267
פידלער, מיכל, קאַפּעלמייסטער, 22, 48—55, 63
פייגענבוים, בנימין, 216
פיינבערג, דוד, 220
פילאַדעלפיער פאַרלאַג, 261
פירשטענבערג, אַדוואָקאַט, 184, 186
פרוג, ש., 240, 244
פרומקין, זיגמונד, 248
פרידבערג, א. ש., 244
פרישמאַן, דוד, 199—215
פרעהליך, מרדכי'לע, 112
פרענקעל, דר., 189

צ


צוויזמער, 125
צוקונפט, 222
צוקערמאַן, אברהם, 111, 244
ציטראָן, ש. ל., 166, 253
צייטלין, 244
צירעלעס, ר' יוסף, 41
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער, 89
צענטער פּאַוויליאָן, 230 —


ק


קאַהאַן, אב., 216, 259
קאַזשימיעזש דער גערעכטער, 5
קאַטיק, 215
קאַטץ, משה, 260
קאַלבערג, אָסקאַר, 222
קאַליש, בערטאַ, 262
קאַנאַניק, בישאָפּ'ס פּאַרטרעטער, 91
קאָנט, אויגוסט, 155
קאַסאָוויטש, שוועסטער, 229
קאַצענעלסאָן, דר., 244
קאַראָלענקאָ, וולאַדימיר, 214
קאַרלאָוויטש, יאַן, 222
קאַרנגאָלד ,יאַנקל, 189, 201
קאַרנגאָלד, ליבער, 202
קאָזשעניאָווסקי, 44
קאַשטשושקאָ, 6
קויפמאַן, האָדל, 215
קורסקי, פראַנץ, 212
קזשיוואָשעווסקי, 272
קירשראָט-פּראַוויניצקי, יוזעף, 205, 236
קישעלעווסקי, 272
קלויזנער, דר. יוסף, 211, 234, 254
קלמנסאָן, 244
קלעצקין, ב., 252
קעסטל-אָוונטן, 276, 288
קראַמשטיק, יצחק, 99, 100
קראַמשטיק, סטאַניסלאַוו, 205
קרני, 253
קראָנענבערג, באַנקיר, 192
קראוס, פרידריך, פּאָלקלאָריסט, 223


ר


ראַגאָף, הלל, 260
ראַווניצקי, י. ח., 244
ראָזענבלאַט, איטשעלע, 186
ראָזענבלום, נח, 244
ראָזענטאַל ,יוסף, 186
ראָזענפעלד, מאָריס, 260
ראָזענפעלד, שמואל, 240
ראָטוואַנד, שמואל, 109
ראָקאָווסקא, פּועה, 223
רובינשטיין, יוסף, 148
רובינשטיין, מיכלזאָן, 228
רוסישע לערער, 42, 43
רוף, אביגדור ברכיה, 89
רייזע בילדער, 195
רייזען, אברהם, 212, 229, 242, 271
ריינהאַרדט, מאַקס, 272
רייפמאַן, יעקב, 48, 91
רינגעלהיים, העלענע, 148, 149
רמב"ם, 52, 58
רענעסאַנס, 273


ש


שאַפּיראָ, אליעזר יצחק, 111, 199
שאַפּיראָ, רעגינע, 282
שאַצקעס, משה אהרן, 111
שבת גוי, קאַנטאָניסט, 64
שוואַרצבערג, ש. ב., 209
שווייצער, א. ב., 123
שווייצער טאָל קאָנצערטן, 207
שול, די ערשטע פּריץ, 154 —
שולדבערג, דרוקער, 209
שולמאַן, 244
שולמאַן, דר. סעמועל, 261
שטייגער, אַ נייער אין אידישן לעבן, 217
שטיין, א. ש., 110
שטערן, דאָס הויקערל, 43, 67
שידלאָווצקים, די גראַפן, 122
שילער, פרידריך, 104, 110
שיפּמאַן, דוד, 91

שיפמאַן, שמחה, 172
שלום עליכם, 177, 180—204, 208,
240, 244
שלעגעל, 189
שמידעבערג, פרוי, 189
שניצלער, אַרטור, 272
שפאק, יוזעף, 189
שפאכנער, ל., 262
שפה ברורה, 110, 200
שפער, גדליה, 127
שפ"ר, 163 —
שריפטגיסער'ס דרוקעריי, 140

ת

תנ"ך, 155, 159, 166, 270

## פון דעם אייגענעם מחבר זענען ביז איצט דערשינען:

| | | |
|---|---|---|
| אַלע לידער און פּאָעמעס | | פֿאַרלאַג פּרץ, ניו יאָרק, 1951 |
| און איך רעד פּראָסט | סאָנעטן | פֿאַרלאַג ווערבע, ניו יאָרק, 1942 |
| ביזועל מאַכן טיי | לידער | פֿאַרלאַג וועסטענד באָסטאָן, 1927 |
| צו גאָט און צו לייט | לידער | פֿאַרלאַג ווערבע, ניו יאָרק, 1926 |
| דאָס פֿאָלק פֿונם ספר | פּאָעמע | אידישע וועלט, פֿילאַדעלפֿיע, 1924 |
| מיט פּרצן | זכרונות | פֿאַרלאַג ווערבע, ניו יאָרק, 1923 |
| בורשטינענע שיסלען | לידער | פֿאַרלאַג ווערבע, ניו יאָרק, 1921 |

## איבערזעצונגען:

פּ. מ. דאָסטאָיעווסקי, דערנידעריגטע און באַליידיגטע, 2 בענדער
יאנקאָוויטש, ניו יאָרק, 1922

ישראל זאנגוויל, טרוימערס פֿונם געטאָ, 2 בענדער
יאנקאָוויטש, ניו יאָרק, 1929

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאַו
436